STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06323

HUBELSHPENER

Ber Greenfield

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קובעלשפּענער

אויטאביאגראפישע סקיצען
און געקליבענע שריפטען

פון

בראנזווילער סטאָלער

ב. גרינפעלד

צווייטער באַנד

ארויסגעגעבן פון דער „בראָנזווילער סטאָלער שריפטען קאָמיטע“
ניו יאָרק - לאָס אנדזשעלעס
1946

די בראָנזווילער סטאָליאַר שריפטן קאָמיטע
פון לאָס אַנדזשעלעס

איך בין ספּעציעל דאַנקבאַר מיין לאַנגיאָריקן פריינט און חבר דייוויד איזאַקאָוויטש, פאַר זיין העלפן מיר צוגרייטן די זאַכן צום דרוק. און אויך מיין ליבן חבר, דעם פּאָעט און עסעאיסט, יחזקאל בראָנשטיין, פאַר זיין לייענען די פּרוּוֹוס.

פאָלגענדע חברים און פריינט מיינע, האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון מיין צווייטן באַנד „הובלשפּענער":

פון בּרענטש 413 אַר. רינג:

פעני און מאַקס ראַדין
הערי און ענִי באַראָן
יצחק און ענִי איזגור
נייטן און סערא קויפמאַן
אסתר און איזי הערמאַן
מאָריס און דינע מיצנער
ליאָוו און דאָרע קייזער
איזידאָר בוירנס
נחמן און ראָוז נאָרמאַן
יצחק און פעני אייזענשטיין
אברהם פּיללער
פעסי קאהן
באָריס און סאָפי סוראַסקי
חבר און חברה מ. באַראָן
טעסי און ענִי פיינשטיין
גאָסי שערמאַן
אַננאַ מאַטוסאָף
מירעל בערעז
לואיס און פעני עלשטיין
חבר און חברה סלעקטאר
דוד און גאָלדע דיימאָנד

פון גאָלדבלום לייען קרייז:

ראָוז נאָרמאַן
עלא בוירנס
מיני גרינהאָף
הייקע באַנק

פון אידישן קולטור קלוב

חבר און חברה אטעלסבערג
אליהו און עטעל טענענהאָלץ
טשאַרלס און מיני גרינהאָף

פון ניו יאָרק:

מאָני לייב
דאָקטאָר הערמאַן פראַנק
חברה ד. פראַנק
ד. אייזאַקאָוויטש
ש. לינדער
ליובע סעגאָל
וויליאַם און עטעל עלשטיין
אברהם גאָלדוואַטער
לינאַ ראָזען
ליובע שעפּקאָוויטש
אַלבערט און יעטא סמיטה

פון סאַן פראַנציסקאָ:

בערנאַרד און עטעל בלומבערג
דזשאַן און מערי נאַטהאַן

פון סאַן דיאַגאָ:

בען און איידע פיינבערג

אינהאלט

די בראָנזווילער סטאָליאַר שריפטן קאָמיטע — 3
פאָרוואָרט — 5
רבקה די פּאַסעסאָרקע — 10
דער פעטער דוד און די מומע חייקע — 31
מיר ברייינגען די מאַמע מיט די קינדער קיין אַמעריקע — 43
פּייסע טאָקער און זיין שוואַרצע חנה — 56
מיין ערשטער באַזוך אין אַלייענס, ניו דזשוירזי — 75
מיין צווייטער באַזוך אין אַלייענס, ניו דזשוירזי — 92
ניו דזשוירזער מאָסקיטעס (מיין דריטער באַזוך) — 100
ר׳ שלמה קרישטאָל — (אַ קאַפּיטל זכרונות) — 107
אַלייענס, ניו דזשוירזי (מיין פערטער באַזוך) — 119
מיין לעצטער באַזוך אין אַלייענס (אַ חתונה מיט קלעזמער) — 128
דער אָקשען סייל — 136
אַ נאַכט אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל — 143
די שוואַרצע אלמנה — 162
ווער דאַרף קריגן מיין ערשטן טשעק? — 170
דער שעהנער נעסט (דערציילונג) — 178
מיין האָנאָראַר (הומאָרעסקע) — 183
איצט ווייסט ער שוין (ביאָגראַפיע פון אַ געמבלער) — 188
ס׳איז משיח־צייטן (פעליעטאָן) — 192
באַנטשע־שוויייג האָט ס׳לשון באַקומען — 194
לכבוד 40 יאָר לופט־פליעריי (כמעט אַ פעליעטאָן) — 197
דער מענטש פון מאָרגן — 200
וואָס זאָגט די מאַשין וואָס גראָבט די ערד? — 202
פירט אונדז די מאַשין צו אַ טויבער וועלט? . . . — 205
דער משפט איבער וועלט פאַרברעכער — 208

די קאַליפאָרניער זון איז קראַנק — — — — — — — — — — — — — 211
אַ רחמנות אויף קאַליפאָרניע — — — — — — — — — — — — — — 213
אומזיסט געכאַפּט פּעטש (אַ טרויעריגער שפּאַס) — — — — — — — 216
איך גלויב אין אַ וועלט־געוויסן — — — — — — — — — — — — — 218
צום וויינען און צום לאַכן — — — — — — — — — — — — — — — 220
בלינד און צו פּעט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 223
מיין פאָרמולע פאַר אַריכות ימים — — — — — — — — — — — — — 224
היטלער מאַכט אָן אַ חורבן אין מיין אינטערנאַציאָנאַלער משפּחה 228
אַ „פליין" אידעעס בריוועל פון מיין טאָכטער — — — — — — — — 231
מיין גרויסער גאַסט (אַ חלום) — — — — — — — — — — — — — — 233
נאָכ'ן סטרייק — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 238
אונדזער סינטעטישער פּלעזשור — — — — — — — — — — — — — 245
באַ די רולעט־טישן — — — — — — — — — — — — — — — — — 247
אַ יום־טוב אין מאָהאַווי מדבר — — — — — — — — — — — — — 249
מיין אייניקל גייט העלפן בויען ארץ ישראל — — — — — — — — — 255
עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל לאַכן — — — — — — — — — — — 258
אַ פּאָר ווערטער וועגן הומאָר — — — — — — — — — — — — — 262
אַפאָריזמען אויפ'ן חשבון פון דער פרוי — — — — — — — — — — 283
קינדערשע חכמות — — — — — — — — — — — — — — — — — — 296
פאָלקסטימלעכע גלייכווערטלאַך — — — — — — — — — — — — — 305
מיין חשבון הנפש — — — — — — — — — — — — — — — — — — 332

פאָרוואָרט

צו מיינע ליבע פריינט און לעזער:

אין 1933 איז דורך דער איניציאַטיווע פון מיינער אַ גרופּע פּערזענלעכע פריינט, מיט דער מיטווירקונג פון מיין לאַנגיאָריקן חבר און פריינט, דייוויד איזאַקאָוויטש, דערשינען מיינער אַ בוך געקליבענע שריפטן און אויטאָביאָגראַפישע סקיצן, אונטער דעם נאָמען „הובלשפּענער". דעם דאָזיקן בוך מיינעם האָבן אונדזערע קריטיקער — צו מיין איבערראַשונג — זייער פריינטלעך אויפגענומען.

איך זאָג: צו מיין איבערראַשונג דערפאַר, ווייל איך האָב ניט קיין פּרעטענזיעס צו זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער (און איך האָב אַפילו ניט גע'חלומט אַז מיין אָרעם ביכל וועט באַמערקט ווערן). פון פּראָפעסיע בין איך אַ סטאָליאַר (און לייטן זאָגן, אַז איך בין אַ גוטער סטאָליאַר), און איך האָב מיין אַרבעט ליב. איך בין שוין אַן אַלטער איד, נאָענט צו די אַכציקער, און ביז היינטיקן טאָג, האָב איך גרויס הנאה פון נעמען אין האַנט אַ רוי און טויט שטיק האָלץ און מאַכן דערפון אַ לעבעדיקן, נוצלעכן חפץ. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס איך וויל זאָגן, איז — אַז די פּאָר פריינטלעכע ווערטער פון די ברייטהאַרציקע קריטיקער, וואָס האָבן באַמערקט מיין אָרעמען באַשיידענעם בוך, האָבן כמעט ווי צוגענומען באַ מיר ס'לשון . . . כ'האָב זייער שאַרף דערפילט מיין גייסטיקע אָרימקייט און איך האָב באַשלאָסן ניט מער צו שרייבן . . . נאָר אַ נעם טאָן זיך צום לערנען. צוויי „סאָבדזשעקטס" מוז איך לערנען סיסטעמאַטיש, אַפילו ווען איך זאָל וויסן, אַז די וועלט גייט אונטער . . . און דאָס איז: העברעאיש און געשיכטע. איז וואָס־זשע טוט גאָט? שיקט ער צו מיין זייער ליבער פרוי און מוטער פון מיינע פינף קינדער אַ געפערלעכע הויט־קראַנק־

הייט, און אָנשטאָט צו ווערן אויף דער עלטער אַ חדר־אינגל, און זיך לערנען — האָט מיך דער בייזער מזל געצוואונגען צו ווערן אַ נוירס, אַ וואַרטס־פרוי און באַדינען מיין אומגליקלעכע קראַנקע פרוי, וואָס האָט אָפּגעקרענקט **צוועלף יאָר צייט**.

אָבער דורך די טרויעריק־אומגליקלעכע צוועלף יאָר מיינע, איז מיר דאָך געלונגען עפּעס אָנצושרייבן.

אין מיין ערשטן באַנד געפינט זיך אַ פעליעטאָן אין גראַמען, וואָס הייסט: „און — ער וואַרט".

דאָס איז אַ מעשה, אין וועלכער איך האָב אַ געשפּרעך מיט'ן מלאך המות. דער דאָזיקער „דזשענטלמען" שטאָט מיר אַמאָל אָפּ אַ באַזוך אין אַ שטורמדיקער נאַכט, בעת איך שטיי באַם וואַרשטאַט, שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַרבעט, שניצענדיק אַ וויגל פאַר מיינס אַן אייניקל . . .

איך טענה זיך אויס מיט דעם דאָזיקן ניט געוואונטשטן גאַסט מיינעם, און איך פּועל באַ אים ער זאָל וואַרטן ביז איכ'ל פאַרענדיגן דאָס וויגעלע . . .

אַנטקעגן וואָס דערמאָן איך דאָס איצט? אַנטקעגן דעם, וואָס איך האָב אַ געפיל, אַז דער צווייטער באַנד „הובל־שפּענער" איז אויך מיין לעצטער. פּשוט דערפאַר, ווייל איך פיל אין די ביינער, אַז דער מלאך־המות האָט פאַרלוירן די געדולד און וויל מער ניט וואַרטן . . . איך בין שוין, קיין עין־הרע ניט, אַ איד אין די אַכציקער; נו, איז פּונקט ווי איך האָב אַנגעבויגן דעם קאָפּ צו מיין בייז מזל בעת דער טאַטע מיינער (מיינע רייד זאָלן אים ניט צו שווער זיין) האָט מיך געשלאָגן מכות־רצח ווען ער האָט מיך געלערנט די סטאָליאַרסקע מלאכה, און פּונקט ווי איך האָב אַנגעבויגן דעם קאָפּ בעת מיין פרוי איז קראַנק געוואָרן און איך בין צוועלף יאָר געווען איר קראַנקן־שוועסטער, פּונקט אַזוי בויג איך ווידער דעם קאָפּ צו דעם מלאך־המות, וואָס שטייט נעבעך און וואַרט אויף מיר . . . נאָך אַלעמען איז ער דאָך פאָרט ניט מער ווי אַ שליח — און אַ מענטש דאַרף קיין חזיר ניט זיין . . .

און איצט — אויב איך, מיינע פריינט און לעזער, זאָל איינפאַלן מיך אַ פרעג צו טאָן: — זאָג־זשע נאָר אַלטעטשקער, וואָס האָסטו מיט דיין לאַנגן לעבנס־וואַנדער אויפגעטאָן עפּעס ממשות'דיקעס? וואָס

האָסטו עפּעס געלערנט, וואָס דו קאָנסט אונדז איבערגעבן? דאַרויף ענטפער איך:

דאָס איינציקע ממשות׳דיקע, וואָס איך האָב אויפגעטאָן איז — כ׳האָב מיר געשאַפן עטלעכע גוטע פריינט.

איך בין איבערצייגט, אַז אמת׳ע פריינטשאַפט קאָן נאָר קולטיווירן דער מענטש, וועמעס לעבנסאידעאַל עס איז: צו ווידמען זיין לעבן דער נוצלעכקייט פון זיינע מיטמענטשן. און דאָס האָב איך פּרובירט טאָן אַלע מיינע יאָרן אויף אַזוי פיל ווי מעגלעך.

ווען איך קוק צוריק אויף דעם אָפּגעגאַנגענעם שווערן לעבנסוועג מיינעם, האָב איך דאָס געפיל, אַז איך גיי ביים ברעג ים — מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און אַ שטעקן אין האַנט, און צוזאַמען מיט מיר וואַנדערן מיליאָנען אַנדערע מענטשן. אַלע טראָגן טאָרבעס אויף די פּלייצעס. עפּעס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זיי זיינען געבוירן געוואָרן מיט די טאָרבעס . . .

און מיין גרעסטער פאַרגעניגען איז צו שטיין אָן אַ זייט אָנגע־שפּאַרט אויפ׳ן שטעקן און קוקן אויף די פאַרשוינען, באַטראַכטן זייע־רע פּנימער, זייערע העוית, זייער וויינען און לאַכן. אָבער מער פון אַלץ אינטערעסירט מיך זייער גוואַלדיקע צוגעבונדנקייט, זייער אומ־געהייערע ליבשאַפט פאַר דער טאָרבע . . .

פאַר מיר האָט די טאָרבע בלויז איין צוועק: צו האַלטן אָנגעגרייט אַביסל צידה לדרך . . . אָבער ניט מער; בעת מיינע מיט־רייזענדע לעבן צוליב דער טאָרבע . . . קיין אַנדער צוועק אין לעבן ווי נאָר די טאָרבע איז ביי זיי ניטאָ.

עס איז געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט צו וואַנדערן ביים ברעג ים און בעת מעשה זיך אונטערברומען עפּעס אַ ניגונדל. איך פלעג זיך נישט קאָנען אָפּוואונדערן פון די פאַרשוינען וואָס ווערן גאָר ניט מיד פון גראָבן אין זאַמד און זוכן קאָלירטע שטיינדלעך און ים־שיסעלעך, און אַלץ וואַרפן אין טאָרבע . . . אַ סך פון זיי טראָגן די טאָרבע אויפ׳ן בויך — זיי טרויען ניט די טאָרבעס אַוועק פון זייערע אויגן . . .

גרויסע טאָרבעס און קליינע טאָרבעס: וואָס קלענער דער פאַר־שוין, אַלץ גרעסער די טאָרבע . . . און וואָס, דיינקט איר, איז זייער

ליבסטע צייט־פּאָרטרייב? זייער ליבסטע צייט־פּאָרטרייב איז צו זיצן און שלייפן שאַרפע שפּיציקע שטיינער, מיט וועלכע זיי פלעטן זיך איינער דעם אַנדערן די מוחות . . .

פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס קלייבן מ ע ש י ם ט ו ב י ם. אָבער די דאָזיקע זיינען זייער ווייניק. איבערהויפּט אַזעלכע, וואָס וואַרפן זייערע מעשים טובים אויף די כוואַליעס פון ים . . . די דאָזיגע קאָנט איר איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט . . .

די מייסטע „מעשים טובים־זוכער״ פירן אַרום מיט זיך ט ר ־ ו ־ מ י ־ י ט ע ר ס, וואָס שאַלן אַרויס די נעמען פון די גרויסע לייט, וואָס האָבן עפּעס געטאָן לטובות הכלל . . . אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע. ערגער פון אַלץ אין דער וועלט איז, וואָס די דאָזיגע הייליגע ברואים, וואָס רופן זיך אידעאַליסטן און פּרעטענדירן זיך מוסר־נפש צו זיין אַראָפּצוברייגגען משיח׳ן — אַט זיי אַליין פּראַק־טיצירן ניט וואָס זיי פּריידיגן . . . זייער רעכטע האַנט ווייס ניט, וואָס די לינקע האַנט טוט . . . זיי ווייסן ניט, אָדער מאַכן זיך ניט וויסנדיק, אַז כל־זמן עס וועט זיין אַ סתירה צווישן זייערע רייד און זייערע מעשים, וועט משיח ניט קומען!

אַ גרויס רחמנות איז מיר אויף די ברואים, וואָס ראַיען זיך כסדר אין זאַמד און זיי האָבן ניט קיין אויג פאַר אַ זון־אויפגאַנג, אָדער אַ זון־אונטערגאַנג. זיי זיינען בלינד און זעען ניט ביינאַכט דעם קאָר־ניוואַל פון אַן אויסגעשטערנטן הימל, זיי זעען ניט דעם צויבער פון אַ ליכטיקער נאַכט, בעת די לבנה גיסט אויס איר זילבער אויף די דרעמ־לענדע ים־כוואַליעס. פרעגט זיי בחרם. פאַר זיי עקזיסטירט בלויז איין צוועק אין לעבן — בלויז איין אידעאַל — ד י ט אָ ר ב ע!

און ווען איר פרעגט מיך: וואָס האָב איך אָנגעקליבן אין מיין ט אָ ר ב ע אין פאַרלויף פון מיין לאַנגן וואַנדערן ביים ברעג ים? ענטפער איך: איך פאַרמאָג אין מיין טאָרבע אַביסל גוטע פריינט, און אַ הייליגן גלויבן אין אַ ליכטיגערן מאָרגן.

איך האַלט הייליג מיין גלויבן און מיין צוטרויען אין דעם מענטש־ליכן מין. איך קוק מיט אַ טיפן טרויער אין האַרצן אויף די אידישע פירער אונדזערע, וועמען דער היטלעריזם האָט אַזוי אַנטמוטיגט, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן און צוטרוי צו דער ניט־אידישער וועלט,

און זיי רופן אונדז גיין צוריק אין געטאָ, צוריק צום אַלטן דאָגמאַטישן רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישן גלויבן.

אמת, מיר אַלס אידן, האָבן אין דער איצטיקער וועלט־שחיטה געליטן מער ווי אַנדערע פעלקער; אָבער איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז דער לעצטער קאַמף צווישן גאָט און שטן, און פון היינט אָן וועט איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעשאַפט ווערן מלחמות, און ס׳וועט פראָקלאַמירט ווערן די הייליגקייט און חשיבות פון מענטשלעכן לעבן.

און — אויב אַפילו מיין אָפּטימיזם איז אַביסעלע איבערטריבן אין דעם ליכט פון די איצטיקע נאָך־מלחמה געשעענישן, טרייסט איך זיך מיט דעם פאַקט, וואָס ס׳איז סך־הכל ערשט אַ וועלכע צוועלף טויזנט יאָר זינט די מענטשלעכע חיה האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, און דערפאַר האָף איך אַז, בלי נדר, אין די נעקסטע צוועלף טויזנט יאָר וועלן מיר זען אמת׳ן פּראָגרעס . . .

רבקה די פּאַסעסאָרקע *)
(פון מיינע אויטאָביאָגראַפישע סקיצן)

1

צווישן זשמערינקע און סטאַניסלאַווטשיק (אין אוקראַינע) געפינט זיך דאָס גרויסע דאָרף וואָס הייסט קליין־זשמערינקע. אָט אין דעם דאָזיגן דאָרף האָט געוואוינט אַ זייער רייכער און באַרימטער פּאַסעסאָר מיט׳ן נאָמען קלמן מיראָנטשיק.

באַרימט איז געווען ניט אַזוי קלמן מיראָנטשיק, נאָר זיין ווייב רבקה מיראָנטשיק. איבער דער גאַנצער אידישער אומגעגענט האָט מען גערעדט פון רבקה די פּאַסעסאָרקע מיט גרויס דרך־ארץ. זי, רבקה, האָט גע׳שמ׳ט איבער דער גאַנצער אומגעגענט מיט איר חכמה, צדקה און מעשים טובים. איבערהויפּט איז די דאָזיקע אידישע טאָכטער געווען געליבט און געשעצט צווישן אָרעמעלייט איבער גאַנץ אוקראַינע!

ס׳איז, דאַכט זיך מיר, ניט געווען אין גאַנץ אוקראַינע אַן אָרעמאַן (איך מיין אָט די אָרעמעלייט וואָס גייען־אום איבער אידישע הייזער קלייבן נדבות), וואָס איז ניט געזעסן בא רבקהן אין קיך און געגעסן פון איר גאַסטיפריימנאַסט.

די משפחה מיראָנטשיק איז באַשטאַנען פון מאַן און ווייב און צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער.

די טאָכטער איז געווען די עלטסטע, אַ כלה מיידל פון אַ יאָר

---

*) אַ טייל פון דער דאָזיגער סקיצע איז געווען געדרוקט אין ערשטן באַנד „הובעלשפּענער“, אַרויסגעגעבן אין 1933.

אַכצן מיטן נאָמען חייקע. און ווען חייקע וואָלט ניט געהאַט קיין פּרישטשעס אויפן פּנים, וואָלט זי געווען אַ גאַנץ שיין מיידל. דער זון הערשל, איז געווען אַ יאָר צוועלף, אַ ווילדער, פאַרשייטער בחור, וואָס האָט ניט געהאַט קיין חשק צום לערנען... אָט מיט דער דאָזיגער רבקה די פּאַסעסאָרקע האָט מיין פאָטער אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט צו בויען פאַר איר אַ צוויי־שטאָקיג הויז אין דעם שטעטל סטאַניסלאַווטשיק, און מיר איז געווען באַשערט זיך צו באַקענען מיט אָט דער זעלטענער אידישער טאָכטער און אויך געניסן פון איר גוטסקייט.

רבקה די פּאַסעסאָרקע האָט — פון זינט דעם פּאָגראָם אין זשמערינקע (אין יאָר 1881) — געהאַט באַשלאָסן אַרויסצוציען זיך פון דאָרף, אי צוליב דעם וואָס זי האָט מורא געהאַט פאַר די דאָרפישע גויים, אי דערפאַר וואָס זי האָט געוואָלט געבן די קינדער אַ אידישע ערציאונג אין אַ אידישער סביבה. אַחוץ דעם האָט רבקה די פּאַסעסאָרקע זיך געקליבן טאָן אַ יחוס־שידוך מיט איר טאָכטער חייקע, און זי האָט אויסגעקליבן דאָס שטעטל סטאַניסלאַווטשיק אויף צו באַזעצן זיך, ווייל עס איז געווען נעהנטער צום דאָרף, פון וואַנען איר מאַן, קלמן דער פּאַסעסאָר, וועט קאָנען גרינגער קומען אַהיים אויף שבת.

אין דעם קאָנטראַקט, וואָס מיין טאַטע האָט אונטערגענומען ביי רבקה'ן, איז געווען אויסגעשריבן קלאָר און דייטלעך, אַז די צוויי־גאָרענדיקע דירה דאַרף זיין געבויט מיט צוויי פראַנצויזישע גאַנעק־לעך מיט קאָלירטן גלאָז, און די „פאַדלאָגעס" (די דילען) פון דער „סטאָלאָווע" (עס־צימער) דאַרפן זיין פון דעמבאָווען געקעסטלטן פּאַרקעט, לויט דעם פראַנצויזישן פאַסאָן. מיט איין וואָרט, דאָס דאָזיקע הויז דאַרף זיין דאָס שענסטע אין שטעטל סטאַניסלאַווטשיק.

און כאָטש זיי האָבן געקענט מיין טאַטן פאַר אַ גוטן בעל־מלאכה — ער האָט פריער געאַרבעט פאַר זיי — האָבן זיי אָבער קיין גרויס צוטרוי צו אים ניט געהאַט, און ער וואָלט דעם קאָנטראַקט ניט געקראָגן, ווען די מאַמע מיינע וואָלט ניט צוגעשטאַנען צו רבקה'ן און גע־ווירקט אויף איר גוט־האַרץ מיט אירע טרערן.

יעדעס מאָל וואָס איך מיט דער מאַמע'ן פלעגן אומוואַנדערן

צווישן די פויערים פון קליין־זשמערינקע גלייזן פענסטער, פלעגן מיר שוין פאַרבלייבן איבערנעכטיגן ביי די מיראָנטשיקס, וואו מיר פלעגן שלאָפן אין דער וואַרימער קיך אויפ׳ן אויוון. און אַוועקגיין פון דאָרט פלעגן מיר, מיט צוויי שווערע זעק, אָנגעלאָדן מיט כל־טוב — פאַר וואָס די מאַמע מיינע פלעגט איר אָפּצאָלן מיט אַ גאַנצן זאַק ברכות...

2

אויב דער זיווג צווישן אָט דעם פּאָר־פאָלק — רבקה און קלמן — איז דורכגעפירט געוואָרן אין הימל, דוכט זיך מיר, אַז זיי האָבן דאָרט קיין גוטע־פריינט ניט געהאַט; ווייל אַ גרעסערן קאָנטראַסט, שיינט מיר, איז שווער געווען צו געפינען. אין דער צייט וואָס ער, קלמן, איז געווען אַ הויכער, ברייט־ביינערדיגער איד, מיט לאַנגע קאַצאַפּסקע האָר און אַ צוגעשוירן בלאָנד בערדל, און מיט גרויסע בלויע אויגן, איז זי, רבקה, געווען אַ קליינצינקע, אַן איינגעדאַרטע, מיט אַ געל־בלאַסן פּנימ׳ל, מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן און אַן איינ־געפאַלענער ברוסט. לויט איר איידעלן פּנים האָט איר גיכער געפּאַסט צו זיין אַ רביצין איידער אַ פאָסעסאָרקע . . .

קלמן האָט ניט גערעדט, נאָר געברומט. פון זיין ברייטער, שטאַרקער ברוסט פלעגן זיך אַרויסרייסן שווערע, קורץ־אָפּגעהאַקטע ווערטער. ריידן פלעגט ער מייסטענס אויף גוי׳איש, אָדער בעסער געזאָגט, אוקראַיניש. און אַז ער פלעגט יאָ אַמאָל אַרויסריידן אַ אידיש וואָרט, האָט עס ראשית—ניט געפּאַסט צו זיין פּנים, און שנית —איז עס אַרויסגעקומען אַ גוי׳אישער אידיש.

און פונקט ווי קלמן איז געווען שווער אויפ׳ן וואָרט, אַזוי איז רבקה צייטנווייז דוקא געווען באַריידעוודיג. און גערעדט האָט זי מיט די אידישע סוחרים, וואָס פלעגן קומען אויפקויפן די תבואות, בהמות און אַנדערע פּראָדוקטן — נאָר אידיש.

רבקה פלעגט זיצן אין קאָנטאָר מיט עפּעס אַ שטריקעריי אין דער האַנט, דער פאַרוק אויפ׳ן קאָפּ גלאַט צוגעקעמט, אויפ׳ן דינעם האַלז אַ שנירעל פּערל. זי פלעגט אפילו ניט אַ קוק טאָן אויף די סוחרים אָדער מעקלערס, וועלכע פלעגן אָפּזיצן שטונדען לאַנג און

דינגען זיך, שווערן מיט טויטע שבועות, אויפהויבן זיך אַוועקצוגיין, און ניט־געבעטענערהייט צוריק זיך אַוועקזעצן . . .

אין דער צייט וואָס קלמן פלעגט ווערן אויפגערעגט און אָנהויבן שרייען, פלעגט רבקה בלייבן זיצן רואיג, געלאַסן, מיט די אויגן אַרונטערגעלאָזט אויף איר אַרבעט. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט רבקה אַוועקלייגן איר האַנט־אַרבעט, אויפהויבן די רויטע אויגן און אָנקוקן דעם סוחר אָדער מעקלער, פונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צי קאָן מען דעם מענטשן טרויען, און אַרויסזאָגן איר לעצט וואָרט אַזוי, אַז דער סוחר האָט דערפילט, אַז ווייטער דינגען זיך איז אומזיסט . . .

ווען קיין סוחרים אין קאָנטאָר זיינען ניט געווען, איז רבקה געווען אין קיך, וואו עס האָבן זיך געפונען פאַראַסינא, די דינסט, און טעמע, רבקה׳ס אַ פלימעניצע, וועלכע איז געווען אַ יתומה און זי, רבקה, האָט איר ערצויגן און שוין געהאָט פאַר איר דעם גרייטן נדן — זאָל נאָר קומען דער פּאַסענדיגער זיווג.

ווערט איר דאָך פרעגן: וואָס־זשע האָט רבקה געהאַט צו טאָן אין קיך, ווען זי האָט געהאַט צוויי אַרויסהעלפערקעס?

איז דער תירוץ: רבקה האָט זייער ליב געהאַט אָרימעלייט . . .
רבקה, קאָן מען זאָגן, איז פשוט געווען פאַרליבט אין אָרימעלייט . . .

געבן די אָרימעלייט עסן, און מיט אַ ברייטער האַנט, פלעגט ניט רבקה אַליין, נאָר אויך טעמע; נאָר רבקה פלעגט שוין זען, אַז די אָרימעלייט זאָלן ניט אַוועקגיין מיט ליידיקן. און טאַקע דערפאַר האָט זי אַזוי אָפּגעהיט די קיך . . . זי אַליין האָט געדאַרפט געבן די נדבות.

עס פלעגט ניט אַוועקגיין אַ טאָג, אַז רבקה זאָל ניט האָבן קיין אורחים אין קיך און זאָל ניט אויסטיילן קיין נדבות. מאַנכע טעג פלעגט זיין אַן אויסערגעוויינלעכע געדרענגעניש אויף אָרימעלייט, און אַלערליי קאַליקעס, וואָס פלעגן קומען צו צוויי און צו דריי מיטאַמאָל; אָבער רבקה האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון אומ־צופרידנקייט אָדער ווידערווילן. פאַרקערט, זי פלעגט אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן קריגן גענוג צו עסן, און קיינער זאָל ניט פאַרטיילט ווערן. איך פלעג זיך ניט קאָנען אָפּוואונדערן פון איר געדולד.

און אַז די אָרימעלייט האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעבענשט, און ביים אַוועקגיין באַשאָטן איר מיט ברכות און צוּאווינשונגען, פלעגט זי שטיין ביי דער טיר מיט אַן אָראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַריינשטופּן אין דער אויסגעשטעלטער האַנט אַ קופּערנע מטבע און קריגן צוריק אַנגעוואונשן אַל־דאָס־גוטס.

און ווען א־ר פּלימעניצע טעמע פלעגט איר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אַ סך אָרימעלייט קומען אַביסל צו־אָפט, פלעגט רבקה אויף איר אָנשרייען, אַז ס'איז פּע! מ'טאָר אַזוי ניט זינדיגן מיט די רייד. פאַר נחת גייט אַ איד ניט אַרום איבער די הייזער . . . און אַז דאָס עשירות, וואָס גאָט האָט איר געגעבן, איז נאָר כדי זי זאָל קאָנען טיילן צדקה און טאָן מעשים־טובים. זי דאַנקט גאָט וואָס זי קאָן געבן; זאָל דאָס נאָר איר ניט פאַרשטערט ווערן מיט זינדיגע רייד . . . נאָך אַמאָל זאָל זי די רייד פון מויל ניט אַרויסברייינגען.

3

געווען איז דאָס — אין מיטן ווינטער.

עס האָט געגומען היבשע עטלעכע וואָכן ביז דער טאַטע מיינער האָט צוגעגרייט דאָס נויטיקע געהילץ און די אַנדערע מאַטעריאַלן אויף צו בויען רבקה'ס הויז אין סטאַניסלאַוועטשיק. דערווייל איז צוגעטראָטן דער קאַלטער ווינטער מיט די שנייען און פרעסט, און דער טאַטע האָט אַוועקגעשטעלט אַ האַלבן טוץ קאַצאַפּישע סטאָליאַרעס צו מאַכן די טירן און פענסטער פאַר'ן הויז.

די „מאַסטערסקאַיאַ" (דער „שאַפּ" הייסט עס) — איז געווען אין דעם גרויסן „ראַטהויז", וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטעטל אויפ'ן סאַמע מאַרק. דאָס איז געווען אַן אַלטע, צעלעכערטע געביידע, וואָס האָט אַ סך יאָרן געדינט אַלס שטאַל פאַר די פערד און בהמות, וואָס די פּויערים פלעגן ברייינגען אויפ'ן מאַרק צום פאַרקויפן. אַרום דעם דאָזיגן ראַטהויז האָבן זיך געפונען אַלע קראָמען און געשטעלן. איצט איז אָט דער „ראַטהויז" געוואָרן אונזער „שאַפּ". דער ווינט האָט געבלאָזן פון אַלע זייטן. דאָרט האָט מען געגעסן און דאָרט איז מען געשלאָפן. איך בין כסדר אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־

פרוירענער, מיט אַ רויט נעזל . . . און גאַנץ געשמאַק אונטערגע־הוסט.

איין שיינעם טאָג איז רבקה געקומען אין שאַפּ געוואויר ווערן וואו עס האַלט מיט דער אַרבעט. רבקה׳ס שאַרף אויג האָט באַמערקט מיין צושטאַנד און זי האָט אָפּגערופן דעם טאַטן מיינעם אָן אַ זייט, איך זאָל ניט הערן זייער שמועס. אָבער איך האָב פאָרט געהערט ווי זי מוסר׳ט דעם טאַטן, למאי ער האַלט מיך דאָרט אין דער קעלט. פאַרוואָס שיקט ער מיך ניט בעסער אין חדר . . . ווי האָט עס אַ מענטש קיין רחמנות ניט אויף אַן אייגן קינד? צי זעט ער דען ניט ווי פאַר־קילט איך בין און קאָן נאָך ערנסט קראַנק ווערן? וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית צו מוטשען אַזאַ יונג קינד, און וואָס וועט דאָ ווערן פון מיר? איך וועל דאָך אומקומען אין אָט דעם קאַלטן ראָטהויז, וואו דער ווינט בלאָזט פון אַלע זייטן, און וואו איך דאַרף שלאָפן צוזאַמען מיט די קאַצאַפּעס! . . .

אינסטינקטיוו האָב איך געפילט, אַז פון רבקה׳ס איינשטעלן זיך פאַר מיר וועט מיר אַרויסקומען אַ טובה, און מיין האַרץ האָט גע־צאַפּלט פון פרייד.

דער טאַטע מיינער האָט זיך פאַרענטפערט מיט אַן אַראָפּגעבוי־גענעם קאָפּ: דער פאַגראַם האָט אים רואינירט. אַ פולע שטוב מיט קינדער. קיין שכר־לימוד צאָלן האָט ער ניט. אָט זאָל דער אינגל דערווייל לערנען די מלאכה.

אָבער רבקה נעמט אַ טאָן העכער און זאָגט כמעט באַפעלעריש: „איכ׳ל נעמען ס׳אינגל צו מיר אַהיים. זאָל ער ביי מיר זיין איבער׳ן ווינטער, ער וועט לערנען צוזאַמען מיט מיין הערשל׳ען. די מלאכה וועט ער נאָך צייט האָבן זיך אויסצולערנען שפּעטער. נישקשה, ער איז נאָך יונג און וועט נאָך צייט האָבן אויסגעריסן צו ווערן . . . ״

ביי איר אין הויז, זאָגט זי, וועל איך זיך אַביסל פאַפּראַווען, אַרויפנעמען אַביסל פלייש אויף די דאַרע ביינער . . . און אַז עס וועט ווערן וואַרימער וועט זי מיך צוריקשיקן . . .

עס פאַרשטייט זיך, אַז וואָס אַנבעלאַנגט מיך, איז מיר דער דאָזיגער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן . . . און אַז מיר זיינען אַהיימ־געפאָרן אויף שבת, האָב איך באַלד דער מאַמען דערציילט וועגן דעם

פאַרשלאַג, וואָס רבקה די פאָסעסאָרקע האָט געמאַכט דעם טאַטן. דער מאַמען איז דאָס אויך געפעלן געוואָרן; אָבער דער טאַטע האָט דעם פּלאַן אָפּגעלייגט „אויף שפּעטער“ . . .

ער האָט גע'טענה'ט, אַז ער דאַרף מיך האָבן צו דער אַרבעט. ער וויל, אַז איך זאָל אַכטונג געבן אויף די קאַצאַפּעס זיי זאָלן ניט אַוועק'גנב'ענען דאָס געצייג, זיי זאָלן ניט „צעטראָגן“ דאָס געהילץ און „צעשלעפּן“ די צוועקעס א.אז.וו.

זאָגט די מאַמע ער זאָל דינגען אַ „סטאָראָזש“ וועט ער אַכטונג געבן.

ענטפערט דער טאַטע: ערשטנס, טראָגן ניט די געשעפטן אויף צו דינגען אַ „סטאָראָזש“; ער האָט אָנגענומען דעם קאָנטראַקט פאַר אַזאַ ביליגן מקח, אַז גאָט ווייסט צי ער וועט ניט דאַרפן צולייגן קיין געלט . . . און צווייטנס איז ער זיכער, אַז ווען ער זאָל דינגען אַ „סטאָראָזש“, אַ וועכטער הייסט עס, וועט ער, דער „סטאָראָזש“, אויך גנב'ענען; טאָ ווער וועט היטן דעם „סטאָראָזש“? . . .

מיט איין וואָרט, עס איז אַזוי אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און איך וואַלגער זיך אַלץ ביי דער „פּאָסטראָיקע“; איך שלאָף אויף סטרוזשקעס צוזאַמען מיט די קאַצאַפּעס, ווער אויסגעריסן, ווי איך פּסוק שטייט. ביז גאָט אַליין האָט זיך אריינגעמישט און איך בין באַפרייט געוואָרן פון דער שקלאַפעריי . . . און געשען איז דאָס אַזוי:

4

איין שיינעם שבת־צו־נאַכט האָבן זיך די קאַצאַפּעס אָנגעשיכור'ט און מיר אָנגעבראָכן די ביינער (אַז מען שמועסט אַ מזל'דיקער האָז — איז דאָך ניט שייך).

פאַרוואָס האָבן זיי מיך געשלאָגן?

ווייל עס איז זיי אויסגעגאַנגען די „וואָדקאָ“ און זיי האָבן גע־וואָלט איך זאָל זיי ברענגען נאָך, און איך האָב זיי געשיקט צום טייוועל. האָבן צוויי פון די שכורים מיך אָנגעכאַפּט, אריינגעציילט עטלעכע קלעפּ, גערופן מיך „פּאַרכאַטי זשידאָק“ און אַנדערע שיינע

נעמען, בעת די איבעריגע זשלאָבעס האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, זעענדיק ווי איך רייס זיך מיט אַלע כחות פון מיינע פייניגער׳ס הענט, און הערענדיק ווי איך שריי מיט באַנומענע קולות.

וואו איז געווען דער טאַטע?

דער טאַטע איז ניט געווען אין שטעטל. ער איז געווען אַוועקגעפאָרן ערגעץ אין אַ וואַלד איינקויפן געהילץ, און דערפאַר טאַקע האָבן זיך די קאַצאַפּעס געלאָזט וואוילגיין און אָנגעשיכור׳ט.

ווען איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון די שכורים׳ס הענט, בין איך, ווי אַ געשלאָגן הינטל, פאַרקראָכן אין מיין ווינקל פון דער מאַסטערסקאַיאַ, זיך איינגעגראָבן אין די סטרוזשקעס, און שטיל געוויינט — באַוויינט מיין פינסטער מזל, וואָס ווער עס גלויבט אין גאָט, דער שלאָגט מיך . . .

נאָכדעם ווי איך האָב זיך אַביסל באַרואיגט האָט זיך אין מיין קינדיש הערצל אָנגעצונדן אַ פייער פון נקמה. אַ פלאַם־פייער האָט געברענט אין מיין האַרץ, וואָס וועט ניט אויסגעלאָשן ווערן, ביז איך וועל ניט נעמען קיין נקמה פון מיינע פייניגער.

וואָס־זשע—קאַרג האָב איך צו ליידן פון מיין אייגענעם טאַטענ׳ס קלעפּ, זאָל איך נאָך ליידן פון די שיכורים? איכ׳ל זיי ווייזן, אַז זיי וועלן פאַרזאָגן אַ צענטן אַרויפצולייגן אַ האַנט אויף אַ הילפלאָז קינד!

ליג איך אין מיין ווינקל און טראַכט וועגן אַ פּלאַן, ווי אַזוי מיין נקמה אויסצופירן. ענדלעך איז מיין פּלאַן פאַרטיג:

אַזוי גיך ווי די ווילדע ברואים וועלן זיך לייגן שלאָפן, וועל איך נעמען אַ האַק און זיי אָפּהאַקן די קעפּ . . . דאָס אַלץ, און זאָלן זיי וויסן פאַר אַ צווייטן מאָל . . .

אַ ווײלע שפּעטער דערטראַכט איך זיך, אַז דער פּלאַן הינקט אַביסל אונטער: בעת איך וועל האַקן דעם קאָפּ פון איין קאַצאַפּ וועט ער דאָך נעמען מאַכן געוואַלדן, וועלן זיך דאָך די איבעריגע קאַצאַפּעס אויפכאַפּן . . . און ערשט דאַן וועלן זיי דאָך מיך מאַכן פאַר אַ ניזוק . . . ניין, דאָס טויג ניט. איכ׳ל זיי בעסער פלעטן די מוחות מיט אַ שייט האָלץ . . . ס׳וועט זיך ניט גיסן קיין בלוט . . . און מיט אַ שייט האָלץ קאָן מען פריטשמעליען עטליכע מיטאַמאָל . . .

ליג איך און וואַרט, ביז די קאַצאַפּעס וועלן זיך לייגן שלאָפן.

מיין האַרץ איז שוין רואיג, נאָר מיינע אויגן ברענען, שיסן פייער, ווי ביי אַ צערייצטן טיגער . . .

ענדלעך האָבן זיי אויפגעהערט שפּילן אין קאָרטן. זיי האָבן גענומען צונויפשאַרן אַ קופּע סטרוזשקעס אין מיטן שאַפּ אויף דער ערד, און זיך אויסגעלייגט אין אַ צירקל, קאָפּ צו קאָפּ, און עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ קאָנצערט פון זייערע נעזער — און פון זייערע העלדזער.

דער אומגעהויער גרויסער שאַפּ איז געווען באַלויכטן פון אַ קאַניץ, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ וואַנט איבער אַ וואַרסטאַט. דער קאַניץ האָט זיך אַלע ווײַלע געלאָשן פון דעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזן דורך די צעלעכערטע ווענט פון דעם אַלטן „ראָטהויז״, וואָס איז געווען אונזער מאַסטערסקאַיאַ.

ווען די קאַצאַפּעס זײַנען שוין געשמאַק געשלאָפן, און די פּאַר־שיידענע קולות פון זייערע נעזער האָבן אָנגעפילט די שטילע נאַכט־לופט, בין איך ווי אַ קאַץ אַרויס פון מיין באַהעלטעניש און געגאַנגען זוכן עפּעס אַ פּאַסענדיגן שייט האָלץ, מיט וועלכן אויסצופירן מיין נקמה . . .

פּלוצלונג בין איך שטיין געבליבן און באַטראַכט אין דער האַלב־פינסטערניש די גרויסע קופּע האָר, וואָס ליגט אין סאַמע מיטן פון צירקל.

ווי שוין באַמערקט, טראָגן די קאַצאַפּעס לאַנגע האָר. און אַזוי ווי זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער קופּע סטרוזשקעס אין אַ צירקל, קאָפּ צו קאָפּ, האָט זיך אין סאַמע מיטן פאָרמירט אַ היבשע קופּע האָר. פאַלט מיר איין אַ שפּאָגל־נייער פּלאַן . . . אַ פּלאַן, וואָס איז מיר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז איך האָב זיך שיער ניט צעלאַכט אויף אַ קול. און ניט טראַכטנדיק לאַנג, לייג איך שטילערהייט אַוועק דאָס שייטל האָלץ און גיי און צינד־אָן די קעראָסינקע אונטער׳ן טאָפּ קליי . . . צום גליק איז נאָך דער קליי געווען וואַרעם.

אין עטלעכע מינוט אַרום שעפּ איך אָן אַ פולן לעפל קליי, גנב׳ע זיך שטילערהייט אריין צווישן די שלאָפנדיגע און כראָפּענדיקע שיכורים, און ליידיג אויס דעם לעפל קליי אויף זייערע האָר. ציטערנדיק מיט אַלע אברים פון דעם זיסן נקמה־געפיל פאַרקריך איך

צוריק אין מיין ווינקל און בלייב ליגן אַן אויסגעשעפּטער, און צו־פרידן מיט מיין אויפטו . . . זאָלן די פּיאַניצעס וויסן ווי צו שלאָגן אַ פרעמד קינד.

אָפּליגענדיק אַזוי אַ היבשע ווײַלע האָב איך ערשט גענומען באַטראַכטן וואָס איך האָב אָפּגעטאָן, און איך האָב איבעראַנייעס אָנ־געהויבן ציטערן. און איך זאָג צו זיך אַליין: עלי־בער, ערשט איצט וועסטו ארײַנכאַפּן די ריכטיגע קלעפּ . . . אויב ניט פון די קאַצאַפּעס, איז פון דיין טאַטן . . . און איך באַשליס: אַזוי גיך ווי עס וועט אָנהויבן טאָגן, נעם איך די פיס אויף די פּלייצעס און היידאַ, גלייך צו רבקה די פּאָסעסאָרקען. איך וועל איר דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט, און זי — בין איך זיכער — וועט מיך באַשיצן פון אַל־דאָס־בייז . . .

איך ליג, און בעט גאָט, אַז די פּיאַניצעס זאָלן זיך כאָטש ניט אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט. דערווייל אָבער ליג איך און ציטער. עס איז מיר קאַלט אין אַלע אברים, און עס טרייסלט מיך אַ צאָן אָן אַ צאָן. איך האָב מורא צו אָטעמען.

אָבער גאָט האָט געהאָלפן, עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. די שטעטלשע הענער האָבן זיך צעלאָזט מיט זייערע קוקורעקו! דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אַ גאַנצע נאַכט, איז אַביסל איינגע־שטילט געוואָרן. און ווען אַ ווייס־זילבערנער פּאַס ליכט האָט באַ־לויכטן די סצענע פון מיין פּאַרברעכן, זע איך ווי אַ קאַצאַפּ גיט זיך אַ ריר, ציט אויס די פיס און גיט אַ הויב דעם קאָפּ, און פאַלט באַלד צוריק. אין אַ פּאָר סעקונדען אַרום פּרובירט ער נאָכאַמאָל אַ צי טאָן דעם קאָפּ, און פאַלט ווידער צוריק. דאַן גיט ער אַ געשריי: „ניקיטאַ, אַ ניקיטאַ, פּוסטי, סוקין סין, פּוסטי!" (לאָז אָפּ, הינטישער זון, לאָז אָפּ!).

פון זיין געשריי כאַפּט זיך אויף אַ צווייטער קאַצאַפּ. ער גיט אויך אַ הויב זיין קאָפּ, און פאַלט צוריק. זיין פּנים פּאַרקרימט זיך, ער גיט אַ שפּיי אין דער לופט, דאָס שפּייעכץ פאַלט צוריק אויף זיין פּנים . . . אַ צערייצטער רעוועט ער אַרויס מיט אַ הייזעריגן קול: „טאַק טשטאָ טאַם זאַ טשאָרט דערזשיט?" (וואָס פאַר אַ שוואַרץ־יאָר

האַלט עס צו?), „טאַק פּוסטי, פּראָקליאַטיאי!״ (לאָז אָפּ, פאַרשאָלטענער!)

אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען שוין אַלע געווען וואַך, זיך געריסן פון זייער געלעגער און געשריען מיט באַנומענע קולות.

אָבער רירן זיך פון אָרט האָבן זיי ניט געקאָנט. דער פאַרטריקענטער קליי האָט זיי געהאַלטן ביי די לאַנגע האָר, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען . . . זיי זיינען געוואָרן ווילד, דערהויפּט ווען זיי האָבן מיט די הענט אָנגעטאַפּט דעם קליי און געוואָרן ביסלעכווייז באַגרייפן, אַז דאָס האָב איך זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל . . . זייערע קולות האָבן געשפּאָלטן דעם הימל, זייערע קללות און זלזולים זיינען געווען שרעקלעך . . . מיט זייערע קולאַקעס האָבן זיי מיך געסטראַשעט צו צערייסן אויף שטיקלעך . . . אָבער זייער רציחה האָט קיין ממשות ניט געהאַט; מיין קליי האָט זיי געהאַלטן ווי צעיושעטע הינט אויף אַ קייט.

פון זייערע קולות האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען לאַדענס, עס זיינען אויפגעפּראַלט געוואָרן טירן, דאָס שטעטל האָט זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט. האַלב־נאַקעטע אידן און ווייבער האָבן גענומען לויפן פון אַלע זייטן צום „ראַטהויז״, פון וואַנען די געשרייען פון די קאַצאַפּעס האָבן זיך געטראָגן. און אַזוי ווי זיי האָבן געמיינט אַן דאָרטן איז אַ פייער, האָבן זיי לויפנדיג געשריען: „געוואַלד, עס ברענט!״

דאַן האָב איך געטראַכט: ס׳איז צייט זיך אָפּצוטראָגן . . .

די טויערן צום „ראַטהויז״ זיינען געווען פון אינעווייניג פאַרשפּאַרט. און בעת די צעשראָקענע אידן האָבן געקלאַפּט און געשריען „עפנט! עפנט!״ — בין איך שטילערהייט אַרויסגעקראָכן דורך אַ זייטיק פענסטערל, זיך אַריבערגעכאַפּט, ווי אַ קאַץ, איבערן פּלויט, און זיך גענומען יאָגן איבער די גערטנער גלייך קיין קליין־זשמערינקע, צו רבקה דער פּאָסעסאָרקע׳ן.

די דריי וויאָרסט בין איך מער געלאָפן ווי געגאַנגען. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די קאַצאַפּעס לויפן מיר נאָך, מיט העק אין די הענט . . . און אַז ווען זיי וועלן מיך כאַפּן וועלן זיי מיך מאַכן פאַר אַ קדוש . . . (שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז ווען די צעשראָקענע אידן, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אויף די קאַצאַפּישע

געשרייען, האָבן דערזען די סצענע, האָבן זיי געמיינט אַז די קאַצאַ־פּעס זיינען משוגע געוואָרן, און זיי זיינען זיך צעלאָפן).

מילא בקיצור, איך בין צוגעלאָפן צו רבקה׳ס גרויסער שטוב אין קליין זשמערינקע. ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פרי, בעת אַלע זיינען נאָך געשלאָפן. איך בין אַריין אויפן הויף און האָב זיך באַהאַלטן אין דער שטאַל, וואו עס זיינען געשטאַנען עטלעכע קי און האָבן מעלה־גירה׳ט . . . איך האָב זיך איינגענורעט אין אַ ווינקל, אויף אַ בערגל היי, האָב זיך איבערגעדעקט מיט אַ זאַק און געוואַרט ביז פּאַראַ־סינאַ, די דינסט, וועט אַרויס אויפ׳ן הויף נאָך האָלץ פאַר׳ן אויוועז, דאַן וועל איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש און אַריינגיין אין שטוב.

אָבער ווען פּאַראַסינאַ איז אַריין אין שטאַל, האָט זי מיך דאָרטן געפונען ליגנדיק אונטערן זאַק, וואו איך בין איינגע־שלאָפן ווי אַ געה׳רג׳עטער. זי האָט מיך גענומען אויף די הענט און אַריינגעטראָגן אין קיך, וואו טעמע, רבקה׳ס פּלימעניצע, האָט מיך אויפגעמונטערט, געגעבן עפּעס אָפּצועסן, מיך אָרומגעוואַשן און אויסגעפּוצט ווי אַ חתן־בחור אין הערשל׳ס אַלטע מלבושים, וועלכע זיינען געווען צו־גרויס אויף מיר.

ווען רבקה איז שפּעטער אַריינגעקומען אין קיך, בין איך שוין געזעסן מיט הערשלען ביים טיש און אים דערציילט די געשיכטע פון מיין שפּיצל, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן די קאַצאַפּעס, דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס, פון וואָס הערשל מיט טעמען האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער . . .

שפּעטער האָב איך די דאָזיגע געשיכטע געדאַרפט איבערדער־ציילן פאַר קלמנ׳ען אַליין; און אויך ער איז געזעסן און זיך גע־טרייסלט מיט די ברייטע פּלייצעס פון געלעכטער, וואָס האָט אַזש אַרויסגערופן טרערן פון זיינע אויגן.

איין רבקה בלויז האָט ניט געלאַכט . . . איר האָב איך קיינמאָל ניט געזען לאַכן; זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ צעווייטיגט האַרץ; זי פּלעגט העכסטנס אַ שמייכל טאָן. און נאָכדעם ווי אַלע האָבן זיך שוין גוט אָנגעלאַכט האָט זי, רבקה, מיר ערשט אויסגע־רעדט, למאי איך האָב אָפּגעטאָן די קאַצאַפּעס אַזאַ אַקט, וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר אַ אידיש קינד . . . אָבער ס׳איז שוין פאַרפאַלן, און

זי וועט זען אַז דער טאַטע מײַנער זאָל מיך ניט באַשטראָפֿן פֿאַר דעם. איך וועל בלײַבן דאָ בײַ איר אין הויז און לערנען צוזאַמען מיט הערשל'ען בײַ דעם „ליטוואַק" — אַ לאַנגער, דאַרער בחור, וואָס פֿלעגט שטאַרק אונטערשטאַמלען, און הערשל פֿלעגט אים אין די אויגן, נאָכקרימען . . .

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך שוין געווען צוריק לעבעדיק און פֿריילעך, און פֿלעג אונטערהאַלטן די שטוביגע מיט זינגען אליקום צונזער'ס — און אויך גוי'אישע לידער.

בײַ דעם ליטוואַק, דעם לערער, האָב איך זיך זייער פֿלײַסיג געלערנט, און רבקה'ס האָפֿענונג, אַז צוליב מיר וועט הערשל אויך מער חשק קריגן צום לערנען איז ניט מקוים געוואָרן . . . הערשל איז שוין געווען צופֿיל פֿאַרליבט אין די פֿערד, און ער האָט זיי ניט געקאָנט אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ. רײַטן אויף פֿערד איז געווען זײַן לעבן . . .

מיך האָט הערשל דווקא ליב געהאַט. די ערשטע צײַט פֿלעגן מיר אַפֿילו שלאָפֿן צוזאַמען און איך פֿלעג אים דערציילן מעשיות; אָבער דער בחור איז געווען שטאַרק צעלאָזן, האָב איך געבעטן רבקה'ן, אַז זי זאָל מיך לאָזן שלאָפֿן אין קיך אויפֿ'ן אויוון, ווײַל דער חברה־מאַן איז געווען צו ווילד פֿאַר מיר . . .

5

אַ שבת־צו־נאַכטס. קיין סוחרים זײַנען ניטאָ.

אין קאָנטאָר זיצן בײַם גרויסן דעמבענעם טיש קלמן דער פּאָסע־סאָר און זײַן עלטסטע טאָכטער חייקע און קוקן אַרײַן אין די ביכער. בײַ אַ באַזונדער טישל זיצט דער לערער מישאַ, מיט זײַנע שיינע בלאָנ־דע האָר פֿאַרקעמט אַ־לאַ־פּאָמפּאַדור, און חשבונ'ט אויף דער „כינעזי־שער טאַבליצע", וויפֿיל מען דאַרף אויסצאָלן די שקצים און די שיק־סעס שכירות, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט אַרבעטנדיק אויף די פֿעלדער און אין די שייערן די גאַנצע וואָך.

די שקצים און די שיקסעס וואַרטן שוין אויף זייער געלט. אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין דעם טונקעלן קאָרידאָר, וואו

זיי האָבן געקאָנט אומגעשטערט אַ שטיף טאָן . . . אַ טייל זיינען געשטאַנען אין דרויסן אַרום די ווענט, אַנדערע זיינען געזעסן אויף דער פריזבע און באַלאַקעט שטילערהייט צווישן זיך.

ענדלעך איז דער לערער פאַרטיג געוואָרן מיט די חשבונות, און קלמן נעמט אַרויס פון טישקעסטל צוויי זעקלעך מיט געלט: אין איין זעקל זילבערנע מטבעות, אין צווייטן קופּערנע.

און בעת ער, קלמן, נעמט ער דאָס געלט דורך איין אָפענעם פענסטער, גיסט דער לערער אַן גלעזלעך מיט „וואָדקאַ“, וועלכע איך מיט הערשלען טראָגן צו און דערלאַנגען זיי דורכ׳ן צווייטן פענסטער.

איידער זיי קריגן זייער געלט, שטייען די פּויערים און פּויערטעס אויסגעשטעלט שטילערהייט ביי דער וואַנט מיט אָנגעכמורעטע פּנימ־ער. אַ יונגער שייגעץ שטייט מיט אַ „גאַרמאָשקע“ אונטער׳ן אָרעם. ער איז אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, די שטיוול אויסגע־שמירט מיט זשעגעכץ, וואָס שמעקט פאַר אַ מייל.

אָבער אַזוי גיך ווי זיי קריגן דאָס געלט מיט׳ן ביסל בראָנפן, ווערט מיטאַמאָל אַ טומל, אַ ליאַרעם. מען הויבט אָן זינגען, און מיט דער גאַרמאָשקע פאַראויס לאָזט מען זיך גיין אין דאָרף אריין, וואו מען וועט ערשט רעכט אַ הוליע טאָן אין קרעטשמע . . .

זייער געזאַנג און געלעכטער הערט זיך פון וויטן, באַגלייט פון דעם האַווקען פון הינט. די קולות ווערן שוואַכער און שוואַכער, ביז זיי ווערן פאַרשלונגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

ר׳ קלמן זעצט זיך דאַן אַוועק מיט׳ן לערער שפּילן אַ שאַך, און רבקה מיט טעמע׳ן זיצן און שמועסן שטילערהייט וועגן הויזווירט־שאַפט. איך מיט הערשלען פלעגן אין די דאָזיגע שבת־צו־נאַכטען זיצן אין קיך ביים גרויסן טיש און שפּילן אַ „זעקס־און־זעכציג“, אָדער זיך דערציילן מעשיות און גלאָט אַזוי אַרומשטיפן.

מיר איז געווען גוט ווי די וועלט. איך האָב זיך גאָר גיך פאַר־פראַוועט, האָב באַקומען קאָליר אין פּנים און זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. כ׳האָב אפילו ניט אָנגעהויבן בייַנקען אַהיים . . . רבקה האָט מיך באַהאַנדלט מיט דערזעלבער צערטליכקייט, ווי זי פלעגט באַהאַנדלען איר אייגן קינד, און אפשר נאָך מער,

ווייל הערשל איז געווען אַ סך שטאַרקער פון מיר, פלעגט ער הנאה האָבן פון אַרויסווייזן מיר זיין גבורה . . . ער פלעגט מיך אַ כאַפּ טאָן פאַר אַ האַנט און אויסדרייען אויף הינטן, אָדער מיט איין האַנט מיך אַ הויב־טאָן אין דער לופטן און אַ וואָרף טאָן אויף דער סאָפקע. ווען רבקה פלעגט דאָס באַמערקן, פלעגט זי זיך זייער ערגערן און זוכן מיך צו פאַרגיטיגן פאַר איר זונ׳ס אכזריות מיט אַ סך צערטלעכקייט.

די צייט איז זיך דערווייל געלאָפן, און עס איז ווידער אָנגעקומען אַ שבת־צו־נאַכטס. געווען איז דאָס שוין נאָענט צו פּורים. רבקה איז געזעסן אין קאַנטאָר איינגעוויקלט אין אַ ווייסער געשטריקטער שאַל. זי האָט דעם גאַנצן ווינטער אונטערגעקרענקט. אַחוץ דעם איז איר בת־יחידה׳ס פּנים דעם ווינטער געוואָרן אַ סך ערגער; פון די קליינע פּרישטשיקלעך אויף די באַקן איז געוואָרן איין רויטע וואונד, און רבקה האָט דערפון מורא׳דיק געליטן.

און געזעסן איז רבקה ניט אַליין. מיט איר איז געזעסן טעמע, און זיי האָבן ביידע געשמועסט וועגן „די געסט", וואָס דאַרפן קומען. דאָס זיינען געווען ניט די געוויינליכע „געסט", — די „אורחים" און „קרובים" און „פריינד", וואָס פלעגן קומען „צו גאַסט", בלייבן עטלעכע טעג און אַוועקגיין באַלאָדן מיט אַלעם־גוטן, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ רייכן הויף, וואָס רבקה האָט ניט געזשאַלעוועט און געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט יעדן וואָס האָט אַ האַנט אויסגעשטרעקט — נאָר עפּעס גאָר אַנדערע „געסט", וועגן וועמען רבקה מיט טעמען האָבן געשמועסט שטילערהייד און מיט גרויס דרך ארץ.

6.

דורכ׳ן ווינטער זיינען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ שידוך צווישן דעם בראַילאָווער רבינ׳ס זון, נחומ׳צע, מיט די מיראַנטשיק׳ס טאָכטער חייקע — וועלכע וואָלט געווען גאָר ניט קיין מיאוס׳ע, ווען ניט, ווי שוין געזאָגט, די פּרישטשעס אויפ׳ן פּנים.

צוויי אידן, מיט שטריימלעך און לאַנגע בערד און פּאות׳ן, זיינען געקומען, געזעסן שטונדן אין קאַנטאָר מיט רבקה׳ן און קלמן׳ען און

זיך געדונגען וועגן דעם נדן. ענדלעך האָט מען זיך ווי עס איז אויסגעגליכן, די צוויי אידן זייַנען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער ווידער געקומען און אָפּגעזעסן אין קאָנטאָר כמעט דעם גאַנצן טאָג.

און אַז די צוויי אידן זייַנען אַרויס זיגרייך פון דער „קאָנפערענץ״, דאָס איז געווען צו זען פון זייערע פּנימ׳ער, וועלכע האָבן ביי זיי געפלאַמט. מיט רירעוודיקע טריט האָבן זיי אַרומגעשפּאַצירט איבער׳ן קאָרידאָר, די הענט פאַרשטעקט אין די גאַרטלען פון די לאַנגע, אָפּ־געטראָגענע קאַפּאָטעס, און זיך געהאַלטן אין איין סוד׳ען און שושקע־נען אין די אויערן, און צופרידן געגלעט די בערד . . . רבקה אָבער איז אַרויס פון קאָנטאָר אַן אומעטיגע. איר בלאַסער, קרענקלעכער פּנים איז געווען נאָך בלאַסער ווי שטענדיג.

דער בראַילעווער רב אַליין, מיט אַ גאַנצער סוויטע מחותנים, האָט דאָס געדאַרפט קומען אָנקוקן די כלה, און זי, רבקה, איז געווען זייער באַזאָרגט. זי האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז ווען דער רב וועט אַ קוק־טאָן אויף דער כלה׳ס פּנים, וועלן די צען טויזנט רובל נדן אויך ניט העלפן, און דער שידוך וועט צעקראָכן ווערן . . .

זי האָט אויך מורא געהאַט, אַז דעם רב זאָל ניט געפעלן דער צוקינפטיגער מחותן, קלמן מיראַנטשיק. זי ווייס, אַז איר קלמן איז אַ פּראָסטער מענטש, אַן עם־הארץ. ער זעט־אויס ווי אַ גוי, רעדט ווי אַ גוי, און אַפילו זיין געלעכטער איז ניט קיין אידישער . . . אַז ער גיט אַ לאַך, ציטערן די ווענט . . . גאָט ווייסט, צי דער בראַילאָווער רב וועט מסכים זיין צום שידוך . . .

מילא בקיצור, רבקה האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן די בייזע מחשבות. זי האָט פאַרבעטן די צוויי שדכנים אין עס־צימער, וואו טעמע האָט זיי טראַקטירט מיט קנישעס פון קעז, וואָס זי אַליין האָט געמאַכט און געבאַקן.

נאָכ׳ן צובייסן האָבן די צוויי אידן אַריינגעכאַפּט אַ שיין קערבל אין קעשענע, און זיי זייַנען אַוועקגעפאָרן מיט׳ן פעסטן צוזאָג צו ברענגען דעם בראַילאָווער רב אין צוויי וואָכן אַרום, און דאַן וועט מען, מיט גאָט׳ס הילף און אין אַ מזל׳דיגער שעה, ברעכן טעלער . . .

אַזוי גיך ווי די שדכנים זייַנען אַוועקגעפאָרן האָט עס געגומען זשומען אין הויף ווי אין אַ בינשטאָק. קלמן האָט גלייך אויף מאָרגן

אין דער פרי איינגעשפּאַנט זיינע צוויי באַליבטע פערד אין דער בריטשקע, און איז אַוועקגעפאָרן אין סטאַניסלאַווטשיק איינקויפן אַלערליי פּראָוויזיעס. פאַרנאַכט איז ער צוריקגעקומען אָנגעלאָדן מיט כל־טוב, און פון דער בריטשקע האָט מען אַרונטערגעהויבן „יוכבד די קורנאָסע״, די באַוואוסטע סאַרווערקע, וואָס האָט געוואויגן אפשר עטלעכע פוד . . . קלמן האָט געלאַכט מיט זיין ריזיגן געלעכ־טער, וואָס האָט געקלונגען ווי דאָס הירזשען פון אַ פערד, זאָגנדיג, אַז אויב די בריטשקע איז ניט צעבראָכן געוואָרן אונטער יוכבד׳ס משא, איז דאָס אַ נס מן השמים . . . ווי פאַרגינט זיך דאָס אַ אידינע צו זיין אַזוי דיק און פעט? . . .

יוכבד די קורנאָסע האָט באַלד פאַרקאַשערט די אַרבל און זיך אַ נעם געטאָן באַקען אַלערליי צוקער־געבעקס, און די לופט איז פול געוואָרן מיט דעם זיסן ריח פון צימערינג און אַלערליי זיסע קריי־טעכער.

7.

דער הויף איז געווען באַגאָסן מיט דעם בלענדעדיגן שיין פון דער וואַרימער פרילינגס־זון. עס האָבן זיך געטראָגן די פריילעכע געשרייען פון עופות, גענז און קאַטשקעס, אויסגעמישט מיט דעם מעקען פון קעלבלעך, וואָס זיינען אומגעלאָפן איבערן הויף אין דער בלאָטע און געדריגעט מיט די פיסלעך, ווי זיי וואָלטן פול געווען מיט דער גרויסער שמחה, וואָס הייקע וועט באַלד אַ כלה ווערן, מיט מזל . . . און דערצו נאָך פאַר נחומ׳צע דעם רב׳ס . . .

פויערים האָבן געשניטן האָלץ, די זעגן האָבן געגרילצט אין די אויערן, עס איז געווען אַ טומל, אַ הור־האַ, און די קיך־טיר האָט זיך ניט צוגעמאַכט אויף אַ מינוט, דער אַריין, יענער אַרויס.

שטיל און רואיג זיינען נאָר געשטאַנען די כאַטקעס אויפ׳ן הויף, מיט די נידעריקע שטרויענע דעכער, וואו עס האָבן געוווינטערט די עופות און די בהמות. פון די שטרויענע דעכער זיינען נאָך אַראָפּ־געהאַנגען די לעצטע צעפּלעך אייז, ווי סטרינאָווע ליכטלעך, פון וועלכע עס האָבן ריטמיש אַראָפּגעקאַפּעט גרויסע טראָפּענס וואַסער

און האָבן זיך איינגעגראָבן אין דעם שמוציקן לעצטן שניי, וואָס איז נאָך געבליבן ליגן ביי די ווענט פון די כאַטקעס.

דער גאַנצער הויף איז געגאַנגען כאַדאָראָם. עפּעס אַ קלייני־קייט — חייקע ווערט מיט מזל אַ כלה! רבקה איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך; זי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט׳ן אימפּעט און דער פריילעכקייט פון הויף. דער געדאַנק, אַז זי טוט אַ שידוך מיט׳ן בראַילאָווער רב — אַזאַ יחוס־שידוך! , דאָס האָט איר אריינגעגעבן נייע כחות. און גראָד דעם טאָג איז געווען אַ גרויס גערעטעניש אויף אורחים, און צוליב דעם יום טוב, האָט רבקה זיי אַליין געגבן עסן און געטיילט נדבות מיט דער ברייטער האַנט. אמת, דער דאָזיגער שידוך וועט אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן, אַן אוצר מיט געלט, אָבער דערפאַר קריגט זי דאָך נחומ׳צע דעם רב׳ס פאַר אַן איידעם . . . איין קלייני־קייט!

אָבער עס איז באַשערט געווען, אַז דעם טאָג זאָל רבקה האָבן גרויס עגמת נפש און שרעקלעכן פאַרדראָס. אוי, וואָס פאַר אַ פאַר־דראָס דאָס איז געווען!

ווי איך האָב שוין באַמערקט, פלעגן זיין טעג, ווען דאָס גערע־טעניש אויף אורחים איז געווען זייער גרויס. אין אַזעלכע טעג פלעגן די דינסטן שטילערהייט אונטערבורטשען. נאָך מער, איינמאָל אין אַזאַ גערעטענעם טאָג האָב איך געזען ווי ער אַליין, ר׳ קלמן דער פּאָסעסאָר, איז געשטאַנען ביים פענסטער פון קאָנטאָר און צו־געקוקט ווי איין אָרימאַן נאָכן צווייטן ציען זיך אין הויף אריין, איז ער צוגעקומען צו זיין רבקה׳ן, וועלכע איז געזעסן און האָט אריינ־געקוקט אין אַ ספר, האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען און אַ זאָג געטאָן: „ס׳אַר אַ גערעטעניש היינט, קיין עין־הרע, אויף דיינע אורחים! . . .“

דערויף האָט רבקה אים צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק און מיט האָרץ אַ זאָג געטאָן: „שעמסט זיך גאָר ניט? שווייג שוין, שווייג, דו עם־הארץ איינער! דו דערלייגסט דער באָבע׳ס ירושה, דער־לייגסטו!“

נו, איז גראָד דעם טאָג, ווען יוכבד די קורנאָסע איז געקומען אין זיך פאַרנומען באַקן די צוקער־געבעקס, אין קיך געווען אַן אי־בערקערעניש, און רבקה האָט געהאַט גרויס עגמת נפש דערפון, וואָס

איינער פון די באַליבטע אורחים אירע איז ניט באַהאַנדלט געוואָרן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

און ווער, מיינט איר, איז שולדיק געווען אין דעם? שולדיק איז געווען רבקה׳ס פלימעניצע טעמע, און די גראָבע יוכבד די קור־נאָסע אפשר נאָך מער פון טעמע׳ן. און געווען איז די געשיכטע אַזוי:

יוכבד האָט נאָך פון גאַנץ פרי אָן פאַרנומען דעם גרויסן קיך־טיש מיט אירע פורעמס געבעקס. און יעדעס מאָל ווען עס איז אריינגעקומען אַן אורח, און זי האָט געדאַרפט אָפּטרעטן אַ שטיקל טיש, האָט זי געבורטשעט און זיך געמאָרדעוועט, ווייל דאָס האָט איר געשטערט אין דער אַרבעט.

און אַזוי ווי דאָס האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן טאָג, איז יוכבד געווען נערוועז און די אַרבעט איז איר ניט געגאַנגען. ס׳איז איר געפאַלן פון די הענט און זי האָט געהאַלטן אין איין בורטשען: „רבונו של עולם, וואו נעמען זיך אַזויפיל שלעפּערס און בעטלערס אויף דער וועלט? . . . ס׳איז דאָך גאָר ניט אויסצוהאַלטן פון זיי! די טיר מאַכט זיך ניט צו אַ מינוט” . . . (יוכבד איז ניט געווען קלאָסן־באַוואוסטזיניק . . . פאַרשטייט איר מיך.)

און ווי איר ווייסט, איז נערוועזקייט אַן אנשטעקענדיגע זאַך. ווארים די זאָנסט רואיקע און גוטמוטיקע טעמע, וועלכע איז שוין געווען געוואוינט צו רבקה׳ס „אורחים”, איז קוקנדיק אויף יוכבד׳ן, אויך נערוועז געוואָרן, און דאָס האָט געפירט צו רבקה׳ס גרויסן עגמת נפש — אוי, וואָס פאַר אַן עגמת נפש זי האָט נעבעך געהאַט!

טעמע איז געגאַנגען אויפ׳ן הויף ברענגען האָלץ, און צוריקגיי־ענדיק, באַלאָדן מיט׳ן האָלץ אויףביידע הענט, האָט איר אַן אורח, אַ קאַליקע, פאַרשטעלט דעם וועג.

דער אורח, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי קוליעס, האָט זיך מיט שווער־קייט געהויבן אויף די צוויי טרעפּלעך וואָס פירן אין קיך אריין; נאָר אַז ער איז שוין געווען האַלב אינווייניק האָט זיך גראָד זיין טאָרבע פאַרטשעפּעט אָן דער קליאַמקע און ער איז געבליבן שטעקן — ניט אַריין, ניט אַרויס.

טעמע, מיט איר שווערער משא אויף ביידע הענט, האָט פּרובירט

זיך דורכשטופּן פֿאַרביי דעם קאַליקע, און דאָס האַלץ האָט זיך אַרויס־געגליטשט פֿון אירע הענט און מיט אַ טומל זיך צעפֿאַלן אויף די טרעפּלעך פֿון קיך פֿון אַלע זייטן . . .

דער אורח איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער, קוקנדיק מיט זיינע רויטע, האַלב־בלינדע אויגן אויף טעמע׳ן; און טעמע איז געווען בייז און אויפגערעגט און האָט אויסגעשריען: „גאָטעניו, ווי ווערט מען פּטור פֿון דעם געזינטל שלעפּערס! . . . “

דער אורח האָט אַ ציטער געטאָן, אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אַרויס צוריק אויפ׳ן הויף.

רבקה איז גראָד דעמאָלט געשטאַנען אין קיך און געשמועסט מיט יוכבד׳ן, בעת יענע האָט פֿלינק געפּרעסט דעם פּלאָדען. זי איז געשטאַנען מיט׳ן רוקן צו דער טיר און ניט געזען די גאַנצע סצענע, ביז דאָס אַרויסגעפֿאַלענע האַלץ פֿון טעמע׳ס הענט האָט אָנגעמאַכט דעם טומל און ליאַרם.

רבקה האָט זיך שנעל אומגעדרייט, און דערהערענדיק אַזעלכע רייד פֿון טעמע׳ס מויל, איז זי צוגעלאָפֿן צו איר מיט פֿאַרבראָכענע הענט, פֿון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן אומבאַשרייבלעכער צער אויס־געמישט מיט פּחד. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן טעמע׳ן פֿאַר די הענט און מיט אַ וויינענדיקן קול, שטיל און איינגעהאַלטן, געשריען: „דו ווילדע, צעלאָזענע מויד! דו ביזט מבייש געווען אַן עלענדע נשמה! האָסט פֿאַרצאַפּט דאָס בלוט אַן אָרימען קאַליקע נעבעך . . . גיי שוין, די מינוט, און רוף אים צוריק אַריין אין שטוב, און בעט ביי אים מחילה . . . דו הערסט, דו ווילדע מויד?!“ — און רבקה האָט גענומען שטופּן טעמע׳ן צו דער טיר. — „אַזאַ גראָביאַנסטווע! פֿאַרצאַפּן אַ מענטשן בלוט אומזיסט און אומנישט, חצופה וואָס דו ביזט!“ . . .

טעמע איז אַרויסגעגאַנגען זוכן דעם אָרימאַן און רבקה, אַן ער־שעפּטע, איז אַוועקגעפֿאַלן אויף אַ בענקל, און מיט ביידע הענט זיך פֿאַרשטעלט דעם פּנים.

טעמע איז צוריקגעקומען אָן דעם אורח — ער איז אַזוי ווי אין דר׳ערד אַריין — זי האָט אים ניט געקאָנט געפֿינען. די פֿאַרצווייפֿלטע רבקה האָט זיך שטיל אויפגעהויבן און איז אַרויס פֿון קיך מיט אַ

געבויגענעם קאָפּ. זי איז אַליין אַרויס אין דרויסן זוכן דעם גע־קריוודעטן אורח, אָבער אומזיסט, ער איז ווי אין וואַסער אַריין.

רבקה איז געווען אַזוי אויסער זיך פון עגמת נפש, אַז זי איז אַריין אין שלאָף־צימער, זיך אַריינגעלייגט אין בעט, און זיך מער אין קיך ניט געוויזן דעם גאַנצן טאָג . . .

דער פעטער דוד און די מומע חייקע.

(פון מיינע קינדער יאָרן)

דעם פעטער דוד, מיין פאָטער׳ס אינגערן ברודער, האָב איך זייער שטאַרק ליב געהאַט. ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן אין די דרייסיגער יאָרן, אַ לוסטיגער, אַ פריילאַכער, מיט אַ קינדערשער נשמה, פאַרמאָגט האָט ער אַן אויסערגעוויינטלאך שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. איך פלעג ליב האָבן און קיינמאָל ניט מיד ווערן צו קוקן אויף זיין איידעלן, ליכטיג, אָפענעם נאָר בלאַסן פנים און גרויסע קינדערשע בלויע אויגן, און זיך איינהערן צו זיינע וויצן און גלייכ־ווערטלעך.

איבערהויפט איז מיר שטאַרק געווען געפעלן זיין בלאָנדע, שיינע זיידענע באָרד. אַז דער פעטער דוד פלעגט אַ שמייכל טאָן, פלעגט זיך דער שמייכל צעלייגן מער אויף דער באָרד ווי אויף׳ן פנים . . .

די צרה מיט׳ן פעטער דוד איז נאָר געווען וואָס ער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ, און פלעגט אָפט אַוועקפאַלן און דאַרפן אָפליגן אין בעט אַ פּאָר וואָכן, און בסך־הכל איז ער געווען אַ גלעזער און די אָרימקייט איז מעווען אין לשער.

דערפאַר האָט אים גאָט צוגעשיקט אַ מומע חייקע, איז זי געווען אַן „אוצר״ און דער דלות האָט אין פעטער דוד׳ס שטיבל קיין שליטה ניט געהאַט.

די מומע חייקע: אַ קליין, דאַר, שוואַרץ־חנ׳עוודיג ווייבעלע, מיט צוויי סאַמעט ווייכע שוואַרצע אויגן, האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר גאָלדענע הענט; און אַז דער פעטער דוד פלעגט אַוועקפאַלן אַ חולה, פלעגט די מומע חייקע נייען פריצישע קליידער און געזען אַז איר דוד׳לען זאָל גאָר נישט פעלן.

געוואוינט האָט דאָס גליקליכע פּאָר פאָלק מיט צוויי קליינע

קינדער,ביידע מיידלאַך, אין איין צימער מיט אַ קיך. אמת, דאָס איין צימער איז געווען גרויס, מיט דריי פענסטער צו דער גאַס, אָבער דערפאַר איז די קיך געווען גאָר אַ קליינע, אַזוי אַז אפילו די פאַס וואַסער מיט׳ן עמער האָבן געמוזט שטיין אין גרויסן צימער, זיי זיינען אָבער געווען פאַרהאַנגען מיט אַ חנ׳עוודיקן, געפּאַלדעוועטן פאָרהענגל, אַזוי, אַז איר וואָלט גאָר ניט פאַרדעכטיגט אַז דאָרט, הינטער דעם פאָרהענגל, שטייט אַ פּראָסט און פשוט פעסל וואַסער מיט׳ן צעבער . . .

די צוויי בעטן האָט מען אויך ניט געקענט אַרויסזען — אַלץ צוליב דער מומע חייקע׳ס קינסטלערשע פאָרהענגלעך . . . אפילו דער אַלטער קופערט, אָן זאַוויעסעס, מיט דעם האַלב־רונדן צודעק, איז געשטאַנען אַ צוגעדעקטער און אויסגעזען ווי אַ רעכט שטיקל מעבל, וואָס האָט צוגעגעבן חן דער ציכטיגער שטוב.

די מומע חייקע איז געווען אַ ברונעטקע און אויסערגעוויינטלאַך חנ׳עוודיג. איר שטים איז געווען טיף און רייך, אָן אמת׳ע קאָנטראַל־טאָ שטים, וואָס אַז איר האָט זי נאָר איינמאָל געהערט, וועט איר זי שוין ניט פאַרגעסן. זי פלעגט ריידן לאַנגזאַם, ציילן די ווערטער, און צוליב דעם שאַרפן „ריש" וואָס פלעגט אַרויסקומען פון איר מויל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאָרטן ביי איר אין מויל עטלאַכע מאָל איבערגעקוליעט, איידער ער איז פון איר מיילכל אַרויס. צוליב אָט דעם שאַרפן „ריש" פלעגן די ווערטער אַרויסקומען ווי געטאָקט, רונד און קיילעכדיק, און האָבן געהאַט דעם קלאַנג פון גאָלד און זילבער, אַז עס איז געווען אַ נחת צו הערן דער מומע חייקע׳ן ריידן.

און ווען איר זאָלט ניט געווען אַריינקומען אין שטוב, האָט דאָרט געשמעקט מיט ריחות וואָס האָבן גערייצט אייער אַפּעטיט, אָדער פון פריש געבאַקענעם ראַזעווען ברויט, אָדער געבראָטנס, פיש אָדער געגנ־זענע גריוון; און ווער שמועסט פון דער מומע חייקע׳ס געזויערטע קאָוועגעס איינגעלייגט אין זויערקרויט — זיי זיינען געווען טעם גן־עדן און האָבן פאַרשמעקט די שטוב.

אָבער דאָס שענסטע פון אַלץ איז געווען, וואָס די מומע חייקע איז קיינמאָל ניט געווען פאַרשמייעט, איז כסדר געגאַנגען ריין און ציכטיג אָנגעטאָן און שטענדיג געהאַט צייט . . .

2

מיך האָט די מומע חייקע אויך ליב געהאַט, און גאַנץ אָפֿט, ווען איך פֿלעג קריגן אָנגעבראָכן די ביינער פֿון טאַטן, פֿלעג איך אַנטלויפֿן צו דער מומע חייקע׳ן, וועלכע פֿלעגט מיר מקרב זיין, וואַרימען מיינע פֿאַרפֿראָרענע הענט, מיך אַרומוואַשן, צונייען אַ קנעפּל וואו מען דאַרף, מיר געבן פֿאַרזוכן אַ מאָן־קיכל, אָדער באַשמירן אַ שטיק ברויט מיט פֿאָווידלע. און זי, די מומע חייקע, פֿלעגט זיך אויסריידן דאָס ביטער האַרץ פֿאַר מיר — איר צוועלף יעריקן פֿלימעניק . . .

„דער פֿעטער דוד איז אַ קראַנקער מענטש״, פֿלעגט זי זאָגן מיט אונטערדריקטע טרערן אין איר ציטערדיק קול, „אַזאַ מענטש האָט ניט געטאָרט חתונה האָבן און נעמען אַן עול אויפֿ׳ן קאָפּ״. זי רעדט לאַנגזאַם און ציט די ווערטער: „צו די צרות איז ער נאָך אַ שעמעוו־דיגער, ווי אַ קינד, און אַז ער גייט אַרויס אין גאַס מיט זיין קאַסטן גלאָז, מישטיינס געזאָגט, זעט אים קיינער ניט און קיינער הערט אים ניט . . . און אַז ער קומט אַהיים מיט אַ ביסל קליינגעלט אין קעשענע, פֿרייט ער זיך ווי אַ קינד. איך דערקען דאָס גלייך אָן זיין באָרד; זיין באָרד שמייכלט . . . און אַז ער קומט אַהיים אָן אַ קאָ־פּיקע פֿאַרדינסט, דערקען איך דאָס אויך אָן זיין באָרד . . . ער קומט אריין מיט אַ פֿינסטער פּנים און פֿאַרשלאָסענע ליפּן, זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל און שווייגט . . .

„אין אַזעלכע מאָמענטן, הערסטו עלי־בער, וואָלט איך געלאָפֿן וואו די אויגן וואָלטן מיך געטראָגן; זיין שווייגן שניידט מיך דאָס האַרץ ווי מיט מעסערס. איך פֿיל אַז איך ווער אָנגעשטעקט מיט זיין מרה שחורה, כאַטש נעם און לייג זיך אַוועק מיט אים צוזאַמען און שטאַרב . . . אוי מיין וויסט פֿינסטער מזל, ווי איך בין דאָס אַריינגעפֿאַלן מיט מיינע יונגע יאָרן . . . ״

זי האַלט איין די טרערן מיט אַלע כחות און איך זיץ און קוק אויף מיין אָרימער מומע חייקע׳ן. די מאָן־קיכל, וואָס זי האָט מיר געגעבן, בלייבט מיר שטעקן אין האַלז און איך האַלט אויך קוים איין מיינע טרערן . . .

די מומע חייקע ווישט נאָכאַמאָל אויס די אויגן און מיט אַ

טרויערדיגן שמייכל זאָגט זי: „הערסט עלי־בער, וואָס איך האָב פאַרטראַכט, איך האָב פאַרטראַכט אַ פּלאַן„ אַז דו מיט׳ן פּעטער דוד זאָלט ווערן שותּפים און גיין צוזאַמען גלאָזן פענסטער, און וואָס גאָט וועט געבן וועט איר זיך צעטיילן גלייך אויף גלייך. עס וועט זיין בעסער פאַר׳ן פּעטער — ער וועט ניט זיין אַליין; און פאַר דיר וועט דאָס אויך זיין אַ טובה — דו ביזט דאָך נאָך פאָרט אַ קינד, און די שקצים פון דאָרף וועלן דיך ניט באַפאַלן, ווען דו וועסט גיין מיט׳ן פּעטער צוזאַמען. הא, וואָס זאָגסטו צו דעם, עלי־בער?״ — און זי טראָגט מיר אונטער נאָך אַ קיכל.

מיר איז דער פּלאַן זייער געפעלן. איך האָב ליב דעם פּעטער דוד און נאָך מער דער מומע חייקע׳ן . . . אָבער וואָס וועט די מאַמע זאָגן? . . . נאָר שאַ, וואָס איז דאָס? די מומע חייקע גיט אַ ציטער, בלייבט זיצן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, איר פּנים ווערט ווייס ווי קאַלך. איך שפּיץ אויך אָן מיינע אויערן, עס דערהערן זיך שווערע טריט ביי דער טיר אין פאָרהויז . . . די טיר טוט זיך אָן עפן און צוויי אידן פירן אַריין דעם פּעטער דוד, האַלטנדיק אים אונטער די הענט — זיין פּנים איז געל ווי וואַקס.

דעם פּעטער׳ס היטל איז פאַררוקט אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, זיינע בלויע אויגן זיינען ברייט צעעפנט און קוקן אַריבער אונזערע קעפּ ערגעץ ווייט־ווייט; זיין בלאָנדע זיידענע באָרד איז צעשויבערט און ער שמייכלט צעשראָקן און ציטערט, און דער הויכער שטערן גלאַנצט פון קאַלטן שווייס.

די מומע חייקע שפּרינגט־אויף פון איר אָרט, גייט שנעל צום פאָרהאַנג איבערן בעט, פאַרציט אים האַסטיג, נעמט אַראָפּ דעם ווייסן געשפּיצטן צודעק פון הויכן בעט. איך לויף צו, העלף איר אויסטאָן דעם פּעטער׳ס שאָפּן־פּעלצל, אַראָפּציען די פאַרבלאָטיגטע שטיוול און מיר לייגן אים פאַרזיכטיג אַריין אין בעט.

די צוויי אידן, וואָס האָבן אים געבראַכט, זיינען געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, געקוקט אויפ׳ן פּעטער׳ס טויט־געלן פּנים. און אַז די מומע חייקע האָט צו זיי אַ וואונק געטאָן, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט, אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַרויס פון שטוב.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן שטום, אָן אַ וואָרט אַרויסצורריידן;

און אַזוי שנעל ווי די אידן זיינען אַרויס פון שטוב האָט זי זיך אַריבערגעבויגן איבער'ן חולה און מיט אַ ליבן שמייכל געקוקט אויף אים, צערטלאך געווישט דעם קאַלטן שווייס פון זיין שטערן און אויסגעגלייכט מיט די פינגער זיין צעשויבערטע באָרד.

די אויגן דעם פעטער'ס, וואָס האָבן פריער געקוקט צו דער סטעליע, האָבן איצט געקוקט אויף דער מומע חייקע'ן מיט אַזאַ ליב־שאַפט, מיט אַזאַ רחמנות אין זיי, אַז די אויגן זיינען באַלד פאַרלאָפן מיט טרערן.

„טו דאָס ניט, דוד", בעט זיך שטיל די מומע חייקע — „טו דאָס ניט, טאָרסט זיך ניט אויפרעגן, טאָרסט ניט וויינען . . . וועסט זיך אויסרוען אַביסל, וועסטו מיט גאָט'ס הילף, ווידער געזונט ווערן. מיר האָבן אַ גוטן גאָט, ער וועט העלפן, ער וועט אונז ניט פאַרלאָזן . . . דו ליג נאָר רואיג און רעג זיך ניט אויף".

דערנאָך ווענדעט זי זיך צו מיר און רוימט מיר איין אין אויער: „לויף שנעל, עלי־בער, נאָך הערשל דעם רופא, שנעל!"

אויף די שפּיץ פינגער כאַפּ איך זיך אַרויס פון שטוב און לויף צום רופא, קוים באַרירענדיג מיט די פיס די ערד.

ווען איך בין מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער צוריקגעקומען פון רופא, איז שוין דער פעטער געלעגן אונטער דער רויטער קאָלדרע, מיט אַ ווייסן איבערדעק. זיין שיינע באָרד האָט אַרויסגעשמייכעלט פון איבער'ן ווייסן ליילעך, און מיט זיינע צוגעמאַכטע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ הייליגער, ווי אַ געמעל פון די הייליגע בילדער פון דער קאַטוילישער קירך . . .

די מומע חייקע איז געזעסן ביים טיש, מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע הענט, און זיך געשטיקט מיט אירע טרערן.

שטילערהייט בין איך צוריק אַרויס אין דרויסן, וואו עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל. דער הימל איז געווען שוואַרץ. באַלאָדן מיט שווער אָנגעזאָפּטע וואָלקענס . . . אָט־אָט וועט אַ קראַך טאָן אַ דונער, און אַ בליץ וועט צעשפּאַלטן דעם הימל. איך גיי לאַנגזאַם אַהיים, מיט אַ טיפן שניידענדיגן ווייטאָג אין האַרצן — און אַז איך בין שוין געווען אין דרויסן האָב איך אויסגעשאָסן אין אַ געוויין . . .

3

דער מאַמען מיינער איז דער מומע חייקע׳ס פּלאַן דוקא ניט געווען געפעלן . . . ערשטנס, איז דער פעטער דוד אַ קראַנקער מענש. ביז ער וועט זיך אַ ריר טאָן, קען איך אויסלויפן צען גאַסן. צווייטנס, פּלאַנעוועט גאָר די מאַמע אַליין בלי נדר נאָך יום־טובים, זיך אַרויס־צולאָזן מיט מיר איבער די דערפער. מען דאַרף אַזוי פיל האָבן . . . מען מוז זען אָפּשפּאָרן אויף חתונה־קליידער פאַר דער עלטסטער שוועסטער איטקע, און עס פעלט נאָך הונדערט רובל צום נדן, און דער מחותן האָט געסטראַשעט, אַז אויב מ׳וועט ניט צושיקן די הונדערט רובל מזומן, וועט ער אָפּלאָזן דעם שידוך . . . מיט איין וואָרט, מ׳דאַרף און מ׳דאַרף.

זי, די מאַמע מיינע, זאָגט, אַז זי וועט אַליין זיך דורכריידן מיט דער מומע חייקע׳ן, און זי וועט איר שוין ערקלערן פאַרוואָס עס איז ניט מעגלאַך, אַז איך מיט׳ן פעטער דוד זאָלן ווערן שותפים . . .

מיר האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר דעם פעטער דוד מיט דער מומע חייקע׳ן — עס האָט מיר געצויגן צו זיי און זייער ציכטיג און ליכטיג שטיבל ווי אַ מאַגנעט . . . איך האָב דאָרט ביי זיי זיך געפילט אַזוי גוט און אַזוי אַנגענעם. דער פעטער, ווען ער איז נאָר ניט געווען קראַנק און איז געווען גוט אויפגעלייגט, פלעגט זיך שפּילן מיט מיר אַזוי ווי ער וואָלט אַליין געווען אין מיינע יאָרן . . . ער האָט געהאַט אַ טאַלאַנט צו אימיטירן, נאָכצוקרימען אַלערליי טיפּן מענשן: זייער ריידן, זייער מימיק און זייער הילוך — און איך פלעג לאַכן, צעזעצט ווערן פון געלעכטער, לאַכן ביז טרערן. די מומע חייקע פלעגט אויך לאַכן, אָבער ניט אַזוי שטאַרק ווי איך.

נאָכ׳ן געלעכטער פלעגט זי אים אַלעמאָל אַ שטראָף טאָן און זאָגן: „נו, הער שוין אויף, געראָטענער מיינער, מאַכסט זיך נאַריש ווי אַ קינד — אַ קינד מיט אַ באָרד — שעמען מעגסטו זיך . . . ״ פלעגט דער פעטער אָנבלאָזן די באַקן, אַ וואונק טאָן צו מיר, און נעמען נאָכקרימען טאַקע דער מומע חייקע׳ס רייד. אימיטירן איר קאָנטראַלטאָ שטים און נאָכמאַכן אירע שאַרפע „ריש׳ן״ . . . די מומע חייקע פלעגט לאַכן און כלומר׳שט מיט כעס אָנשרייען אויף אים:

„דו וועסט שוין אויפהערן אַמאָל זיך מאַכן נאַריש, געראָטענער מײנער? . . .“

איז ווי געזאָגט, האָט עס מיך געצויגן צו די דאָזיקע מיר ליבע מענטשן, און איך האָב דווקא געוואָלט גײן אין שותפות מיט׳ן פעטער דוד. אָבער די מאַמע האָט געזאָגט נײן, איז נײן . . . נאָר פונדעסט־וועגן, ווען אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די מומע חײקע געקומען צו דער מאַמע׳ן און זי געבעטן, אַז זי זאָל מיך לאָזן גײן אַרויסהעלפן דעם פעטער דוד׳ן, ווײל ער ליגט קראַנק און אַ שטיקל אַרבעט מוז אָפּגע־טאָן ווערן, האָט די מאַמע מײנע איר ניט געקענט אָפּזאָגן און מיך געלאָזט גײן מיט דער מומע חײקע׳ן.

ווען איך בין אַרײַן צו זײ אין שטוב, איז נאָך דער פעטער דוד אַלץ געלעגן אין בעט, אָבער זײַנע אויגן האָבן שוין צוריק באַקומען אַביסל פון זײער גלאַנץ, און די באַקן האָבן זיך שוין ווידער גערױטלט. ער האָט מיר געוואָלט זאָגן, וואָס אײגנטלאַך ער וויל אַז איך זאָל טאָן פאַר אים, אָבער די מומע חײקע האָט אים מיט דער האַנט פאַר־שטעלט דאָס מויל און ניט געלאָזן ריידן. „וואָס ווײניגער ער וועט ריידן, אַלץ געזינטער פאַר אים“. — און זי האָט מיר דערצײלט, אַז דער „נאַטשאַלניק סטאַנציע“, דאָס הײסט דער הויפּט בעאַמטער פון וואָקזאַל, האָט אים געשיקט רופן, דאָס הײסט דעם פעטער דוד׳ן, ער זאָל גײן דורכקוקן די „פּאַדוואָינע“ פענסטער — די טאָפּל פענסטער, וואָס מען שטעלט אַרײַן פאַר׳ן ווינטער — און זען צי מען דאַרף אַרײַנשטעלן נײַע שויבן. עס קען זײַן, אַז איך וועל געפינען עטליכע צעבראָכענע שײבלאַך, זאָל איך זײ אָנגלאָזן, און מען קען פאַר־דינען אַ קערבל אָדער צוויי, און וויפיל פאַרדינסט עס וועט בלײַבן וועט עס גײן העלפן אויף העלפט.

איך בין געווען מער ווי צופרידן צו גײן אויספירן די דאָזיקע שליחות. איך האָב זיך געפילט געהויבן בײַ זיך, וואָס מען פאַרלאָזט זיך אויף מיר מיט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלאַכער „שטיק אַרבעט“ . . . נעם איך און פּאַק אײַן זײַן קאַסטן מיט גלאָז, מיט קיט, מיט די שטיפטלאַך, אַלץ וואָס מען דאַרף, און די מומע חײקע אַלײן גײט מיט מיר צום נאַטשאַלניק און דערצײלט אים, אַז אַזוי ווי איר מאַן ליגט קראַנק אין בעט און קען ניט טאָן די אַרבעט, האָט זי מיך גע־

בראַכט אויף איר מאַנ׳ס אָרט, און זי גאַראַנטירט פאַר מיר, אַז איך וועל טאָן די אַרבעט פּונקט אַזוי גוט ווי איר מאַן אַליין.

דער נאַטשאַלניק, אַ גוטמוטיגער עלטערער גוי, מיט אַ רויטן פּנים, שטייט אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ, אויפ׳ן קאָפּ טראָגט ער אַ ווייסן קאַשקעט מיט אַ רויטן דעק. ער באַטראַכט מיך פון אַלע זייטן און שיסט אויס אין אַ געלעכטער: „טאַק אָן זשע מאַלטשיק! וואָט טעביע מאַסטער סטיקאָלטשיק!״ (ער איז דאָך אַ אינגל! אָט האָסטו דיר אַ מייסטער אַ גלעזער!)

אָבער די מומע חייקע, וועלכע האָט געקענט גוט רוסיש, פּאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ און זי פאַרזיכערט אים, אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבן, און ער מעג זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

„נו, כאַראָשאָ!״ — ענטפערט דער נאַטשאַלניק און ער הייסט מיר אַרויפקריכן אויפ׳ן בוידעם פון דעם הויכן דריי־גאָרענדיגן וואָקזאַל און איבערקוקן די פּאָדוואַינע פענסטער, וואָס ליגן דאָרטן, און אויב איך וועל געפינען צעבראָכענע שייבלאַך זאָל איך אַריינשטעלן נייע.

די מומע חייקע האָט מיר געהאָלפן אַרויפשטעלן דעם קאַסטן מיט גלאָז אויף די הויכע, שמאָלע טרעפּ צום בוידעם, און זי האָט מיר אויך געהאָלפן איבערקוקן די גרויסע צאָל פענסטער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, באַדעקט מיט שטויב. און אַזוי ווי מער ווי פינף קליינע צעבראָכענע שייבלאַך האָבן מיר ניט געפונען, און אַזוי ווי דער פעטער דוד האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט אַ באַשטימטן פּרייז — פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס אַ שייבל — האָט עס געהייסן, אַז מער ווי אַ רובל מיט אַ פערטל וועט קיין פאַר־דינסט ניט זיין . . . נאָר מילא, בעסער ווי גאָרנישט.

די מומע חייקע איז געשטאַנען אַ ווײַלע, געקוקט ווי איך שטיי און אַרבעט, ווי פלינק איך שאָב אויס דעם אַלטן קיט, און איז אַוועק אַהיים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך געווען פאַרטיג מיט דער אַרבעט, מיט דעם אַריינשטעלן די פינף שייבלאַך.

פאַרטיג געוואָרן, שטיי איך און טראַכט: אַ שאָד וואָס אַזוי ווייניג . . . ביי אַזאַ קונד, ווי די אייזענבאַן געזעלשאַפט, וואָלט

מען באַדאַרפֿט פֿאַרדינען אַ קערבל . . . און עס פֿאַלט מיר איין אַ געדאַנק. פֿון אָנהויב האָב איך זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר דעם דאָזיגן געדאַנק מיינעם: אַן איינפֿאַל פֿון אַ יונגאַטש . . . ניט אומזיסט זאָגט מיין טאַטע אַז איך בין אַ ווילדע בריאה, אַן אויסוואורף, אַז פֿון מיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין . . .

אָבער דער געדאַנק טרעט ניט אָפּ פֿון מיר, און ער זאָגט מיר אונטער: זיי ניט קיין שוטה. די אייזנבאַן געזעלשאַפֿט וועט דער רוח ניט נעמען . . . ס׳מעגן איר קאָסטן עטליכע קערבלאַך די „פּאַדוואַינע" פֿענסטער אַמאָל אין אַ יובל . . . זי וועט דערפֿון ניט בדלות ווערן . . .

מילא בקיצור, איך גיי צו צו די טרעפּ און הער זיך איין, צי אימיצער גייט ניט. דאַן נעם איך אַ גאַנצן פֿענסטער, לייג אים אַוועק אויפֿ׳ן דיל און שטעל אַרויף אַ פֿוס אויף אַ שייבעל, צו זען אויב עס איז שטאַרק גענוג . . . דאָס שייבעל פּלאַצט אין טויזענט שטיקלאַך . . .

אינגאַנצן האָב איך געוואויגן אפֿשר זעכציק פֿונט. און אויב אַ שייבעל קען ניט אויסהאַלטן קיין זעכציק פֿונט, טויג עס אויף כּפּרות, דאַרף מען אריינשטעלן נייעם גלאָז . . .

אויף דעם זעלבן אופֿן האָב איך „אויסגעפּרובירט" אַ צוואַנציק שייבלאַך, און קיין איינע האָט ניט אויסגעהאַלטן מיין וואָג . . . אָבער מיין געוויסן האָט מער ניט ערלויבט צו „פּרובירן" ווייטער . . .

אין אַ פּאָר שטונדן אַרום בין איך פֿאַרטיק געוואָרן מיט מיין אַרבעט. דאָס צעבראָכענע גלאָז האָב איך צוזאַמענגענומען און פֿאַרשטעקט הינטער אַ באַלקען, און מיט מיין ליידיגן גלאָז־קאַסטן בין איך אַרונטער פֿון בוידעם און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר פֿון דעם נאַטשאַלניק׳ס קאַנטאָר, וואו ער, דער נאַטשאַלניק, איז געזעסן און געריכערט אַ גראָבן, שוואַרצן ציגאַר און אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פֿענסטער. איך שטיי מיט׳ן היטעל אין האַנט, און אַ ציטער אין האַרצן . . .

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, אַז ער האָט מיך דערזען שטיין אין דער אָפֿענער טיר, האָט ער זיך אַ הויב געטאָן, אריינגעשטעקט ביידע הענט אין די קעשענעס פֿון זיינע שוואַרצע, גאָלד־געשטרייפֿטע הויזן

און אַ זאָג געטאָן מיט אַ חוזק־שמייכעלע: „אַ טשטאָ, פּאַני סטיקאַל־שטשיק, גאַטאָוו?" (נו וואָס, הער גלעזער, שוין פאַרטיג?)

איך קוק אים גלייך אין די אויגן אריין און ענטפער: „גאַטאָוו, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק!" (פאַרטיג, הער נאַטשאַלניק!)

„נו, און וויפיל נייע שייבלעך האָסטו אריינגעשטעלט?"

„ניט מער", זאָג איך, „ווי פינף־און־צוואַנציג".

דער נאַטשאַלניק בלייבט שטיין, באַטראַכט מיך אַ ווײַלע נאָך אַלץ מיט אַ חוזק־שמייכל, און איך שטרענג אָן אַלע מיינע כחות צו קוקן אים גלייך אין די אויגן און פיל, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערס, אָט־אָט שפּרינגט עס אַרויס . . .

„טשטאָ?", שרייט ער אויס מיט איבעראַשונג, „דוואַדצאַט פּיאַט סטעקלאָ?" (וואָס, פינף־און־צוואַנציג שויבן?)

„טאַק טאָטשנאָ, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק!" (אַזוי איז דאָס, הער נאַטשאַלניק) זאָג איך, און פיל ווי די פיס בויגן זיך אונטער מיר . . .

נעמט ער מיך אָן אונטער דער מאָרדע, און מיט אַ הילכיגן געלעכטער זאָגט ער: „אַ טי טשאַסאַם ניע ברעשיש?" (זאָגסט אַמאָל ניט קיין ליגן?)

„ניע קאַק ניעט, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק." (באין אופן ניט, הער נאַטשאַלניק), קום און צייל אַליין איבער, אַז דו ווילסט", זאָג איך שוין מיט אַ באַליידיגטער מינע.

דער נאַטשאַלניק סטאַנציאַ פּוילט זיך ניט, קריכט אַרויף די טרעפּ. איך קריך אים נאָך און אין האַרצן שילט איך זיך מיט טויטע קללות . . . ווי טוט דאָס אַ מענש אַפּ אַזאַ זאַך? טאָמער ווייסט ער, אַז מער ווי פינף צעבראָכענע שייבלעך זיינען ניט געווען? ער קען דאָך מיך פאַר אַזאַ זאַך אַוועקשיקן אויף קאַטאָרגע . . . און ער וואָלט געווען גערעכט אויך . . . וועלכער שוואַרץ יאָר האָט מיך געטראָגן צו טאָן אַזאַ זאַך? . . . אַי, עלי־בער, ביזט ווערט מען זאָל דיך צעפּאַסעווען . . .

אָבער איך בין אָפּגעקומען נאָר מיט מיין קינדערשן שרעק. דער נאַטשאַלניק האָט איבערגעציילט די נייע שייבלעך, באַטראַכט מיין אַרבעט, וואָס איז אים דוקא געפעלן, און מיר נאָך געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און געזאָגט: „מאָלאָדיעץ, ביזט אַ גוטער סטעקאָלטשיק. . ."

אַרונטערגעקומען צוריק אין קאַנטאָר האָט ער מיר באַצאָלט זעקס רובל מיט פופציג קאָפּיקעס.

„דאָ האָסטו,“ זאָגט ער, „פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס אויף אַ טרונק, דו ביזט עס ווערט“, און אַ וואונק טאָענדיג מיט אַן אויגל זאָגט ער: „ביזט אַ כיטרער יונג“ . . .

און ביז היינטיגן טאָג ווייס איך ניט, צי האָט מיר דער נאַטשאַל־ניק סטאַנציאַ גלאַט אַזוי געמאַכט אַ „קאָמפּלימענט“, אָדער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַן מיין „שפּיצל“, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן, און דאָס איז אים דוקא געווען געפעלן . . .

4

אָבער ווי די מעשה זאָל ניט געווען זיין, ווען איך בין אַרויס פון קאַנטאָר אויף דער פרייער גאַס, האָב איך לייכטער אָפּגעאָטעמט. דאָס געלט האָב איך באַהאַלטן אין אַ ספּעציעלער בוזים־קעשענע, וואָס די מאַמע האָט מיר איינגענייט אין מיין קאַפּאָטקעלע. איך בין גע־גאַנגען מיט שנעלע טריט, טראָגענדיג מיין ליידיגן גלאָז־קאַסטן, און האָב געפילט, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ מיאוס׳ע זאַך . . . און האָב זיך געגעבן אַ שבועה מער אַזאַ זאַך ניט צו טאָן . . . איך קלער נאָר, צי זאָל איך דערציילן דעם פעטער דוד און די מומע חייקע׳ן דעם אמת, אָדער זאָל איך אויסטראַכטן עפּעס אַ ליגן? . . .

און איך באַשליס, איך וועל דערציילן דעם אמת. ס׳קען זיין, אַז זיי וועלן מיין אויפטו גאָר ניט באַטראַכטן פאַר אַזאַ „פאַרברעכן“. וואָס־זשע, די אייזענבאַן געזעלשאַפט איז קנאַפּ רייך? זי וועט בדלות ווערן פון די זעקס קאַרבאָוואַנצעס? . . .

און אַזוי איז טאַקע געווען. ווען איך בין אריינגעקומען אין שטוב איז די מומע חייקע געזעסן לעבן פעטער דוד און געלייענט אין דער הויך שאָמער׳ס אַ ראָמאַן. דערהערענדיג מיין אריינקומען האָבן זיי מיך אָנגעקוקט און באַלד באַמערקט, אַז דער גלאָז־קאַסטן איז אַ ליידיגער, פון וואָס זיי האָבן זיך דערשראָקן, געמיינט אַז עפּעס אַן אומגליק האָט מיט מיר פּאַסירט. אפשר בין איך אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ אין וואָקזאַל און דאָס גלאָז צעבראָכן . . . „זע נאָר, עלי־

בער״, שרייט אויס די מומע חייקע, „וואו איז דאָס גלאָז אַהינגעקומען?״

ענטפער איך ניט, נאָר איך שטיי אַנטקעגן זיי מיט אַ פּילבאַדייטענדיגן שמייכל און שלעפּ לאַנגזאַם אַרויס פון בוזים־קעשענע דאָס געלט און גיב עס איבער דער מומע חייקע׳ן — זעקס זילבערנע רובלס מיט פינף גריווינקעס.ביידע בלייבן מיט אָפענע מיילער און אויפגעריסענע אויגן.

„וואָס־זשע, עלי־בער, האָסט באַ׳גנב׳עט ראָטשילד׳ן,״ — פרעגט מיך דער פעטער דוד — „וואו האָסטו גענומען אַזוי פיל געלט?״

דערצייל איך זיי מיין אויפטו, דערצייל מיט אַלע איינצעלהייטן. דער פעטער לאַכט, פרייט זיך ווי אַ קינד. עס איז אים דוקא געווען געפעלן מיין איינפאַל. אָבער די מומע חייקע איז געזעסן מיט אַ שטרענג ערנסטער מינע און אויסגעהערט מיינע „אויספירן״. און ווען איך האָב געענדיגט האָט זי מיר אויף אַ גאַנץ איידעלן אופן געגעבן אַ לעקציע, אַז דאָס איז ניט שיין און זייער געפערליך. מ׳טאָר אַזאַ זאַך ניט טאָן, גאָט וועט שטראָפן דערפאַר.

דערנאָך האָט זי מיר צוריקגעגעבן אָנדערהאַלבן רובל, אַלס מיין חלק פון פאַרדינסט, און איך בין געגאַנגען אַהיים אַ פרייליכער, אַ גליקליכער, אָפגעגעבן דער מאַמע׳ן מיינע פאַרדינסטן.

מיר ברענגען די מאַמע מיט די קינדער קיין אַמעריקע.

(אַ בילד פון מיינע גרינע יאָרן — דאָס איז געווען אין יאָר 1888)

נאָך דעם ווי מיר, דאָס הייסט מיין פאָטער, איך און מיין שוועס־טער עלקע, זיינען געווען צוויי יאָר אין אַמעריקע, אין פילאַדעלפיע הייסט עס, און געהאָרעוועט, געשקלאָפּט 11 שטונדן אַ טאָג, האָבן מיר אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר. און מיר האָבן געקויפט 6 שיפסקאַרטן אויף אויסצאָלן און געשיקט נאָך דער מאַמען און די אי־בעריקע 5 קינדער, דריי מיידלעך און צוויי איינגלעך.

ווען איך האָב דערזען דער מאַמע מיינער, ווען זי איז אַרונטער פון שיף, האָט זיך מיר עפּעס ווי אָפּגעריסן אין האַרצן — כ'האָב זי קוים דערקענט. זי, די מאַמע מיינע, איז אין די צוויי יאָר געוואָרן גרוי און אַלט. איר קערפּער איז עפּעס איינגעשרומפּן ביז אַ העלפט. פון איר אַמאָליגן חנ'עוודיקן רונדן פנים האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט צוויי הויכע באַקן־ביינער און אירע ווייכע, שוואַרצע אויגן זיינען גע־וואָרן ביסטרע און ווי אריינגעזונקען טיף אין קאָפּ.

אין מויל האָט זי שוין ניט געהאַט קיין איינציגן צאָן — און אירע פינגער פון די הענט זיינען געווען געשוואָלן און צעדרייט פון רומאַטיזם. די מאַמע מיינע האָט זייער אָפּט געוויינט און איז געווען שטאַרק פאַרביטערט; פאַרביטערט אַנטקעגן אַלץ און אַלעמען — און מער פון אַלץ אַנטקעגן איר אייגענעם לעבן, איר אייגענעם שיקזאַל. איר פאַרביטערטקייט פלעגט זיך אויסדריקן אין קללות. זי האָט גע־האַלטן אין איין דערציילן וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין פון דער רוסישער פּאָליציי, וועלכע האָט זיך אָנגעזעצט אויף איר נאָך אונדזער

אָוועקפּאָרן. ווי דער גאָט׳ס גנב יקותיאל מלמד, וועלכער האָט זי גע׳מסר׳ט, אַז זי האָט ניט קיין פּאַס. זי איז געבליבן אַליין צווישן אַ סטאַדע וועלף. די פּאָליציי האָט איר אַרעסטירט, די מאַמע מיינע, און מען שיקט זי אָפּ אין איר געבורטשטעטל, קיין מעזשיבעזש, מיט׳ן עטאַפּ. ס׳איז פּאָלג מיך אַ גאַנג, זיך שלעפּן צופוס, מיט צוויי שכורע דעסאַטניקעס, הונדערט וויאָרסט. און וואָס איז מיט די קינדער? ווי קען זי לאָזן די קינדער ווי אויפ׳ן וואַסער? — האָט זי געטאָן אַ קלייניקייט: באַלד ווי זיי זיינען צוגעקומען צו דער ערשטער קרעטש־מע, האָט זי די דעסאַטניקעס אָנגעשיכורט און איז אַנטלאָפן . . . האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ ווײַלע און מען האָט זי ווידער געכאַפּט און ווידער געשלעפּט אין פּאָליציי . . . עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ שרעקלעכער פאַרברעכער. אָבער זי איז אַלע מאָל אַנטלאָפן פון אונטער זייערע הענט. און אַז זיי זיינען מיד געוואָרן איר נאָכצולויפן, פלעגט זי זיי געבן אַ רובל כּאַבאַר אַלע חודש און מען האָט איר גע־לאָזט צורו . . .

די געשיכטע פון אירע ליידן האָט די מוטער דערציילט און איי־בערדערציילט, ווער ווייסט וויפיל מאָל. און יעדעס מאָל פלעגט זי פאַרענדיקן מיט טרערן און אַ קללה אויף איר ביטער מזל, וואָס זי איז גאָר געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט צו דאַרפן אַזוי אויסגעריסן ווערן; אַז זי איז שטאַרקער פון אייזן, אַז זי האָט געקענט אַזויפיל אַריבערטראָגן.

פלעג איך זי, דער מאַמען מיינער, אַרומנעמען און זי טרייסטן: „וויין ניט, מאַמע, וואָס געווען איז געווען! איצט ביזטו אין אַמעריקע, אַ פריי לאַנד, קענסט גיין וואו דו ווילסט און קיינער וועט דיך ניט טשעפּען. דאָ זיינען אַלע מענטשן גלייך — אידן, קריסטן, ווייסע, שוואַרצע — אַלע זיינען גלייכע יחתנים — מיר וועלן אַלע אַרבעטן און דיר ברענגען דאָס געלט און דו וועסט זיך לעבן ווי אַ פּריצטע. ניט געזאָרגט, מאַמע!

די מאַמע פלעגט קוקן אויף מיר, אָנהויבן שמייכלען דורך די טרערן און אויפהויבן די דאַרע הענט צום הימל און שעפּטשען: „אוי, גאָטעניו, הלוואי פון דיין מויל אין גאָט׳ס אויערן . . . אוי, זון מיי־נער, איידער איך האָב דיך דערלעבט צו זען״ — און זי נעמט מיין

פנים אין אירעביידע הענט און קושט מיך. און — עס פאַרענדיקט זיך ווידער מיט טרערן . . .

2

די דירה, וואָס דער פאָטער האָט „דערווייל" צוגעגרייט פאַר די „גרינע", איז געווען ערגער ווי שלעכט. דאָס איז געווען אַ כאַטקע פון 3 צימערלעך איינער איבער׳ן אַנדערן. די כאַטקע איז געשטאַנען אין אַ שרעקלעך שמוציק געסל, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט שוואַרצע איינוואוינער, נעגערס.

קיין וואַסער איז אין הויז ניט געווען, נאָר אין דעם געסל איז געשטאַנען אַ קראַן פון וועלכן אַלע שכנים פון געסל האָבן געצאַפּט וואַסער — אויף אַ קאָמוניסטישן שטייגער . . .

דער פאָטער האָט ערגעץ איינגעהאַנדלט אַלטע געניצטע בעטן מיט מאַטראַצן, וואָס זיינען געווען נאָך געדיכטער „באַפּעלקערט" . . . ווי דאָס געסל, וואו מיר האָבן געוואוינט . . . אפילו דער גרויסער טיש און די עטלעכע רויט־געפאַרבטע בענקלעך זיינען געווען אַלטע, אָפּגעניצטע און צעפאָרענע, קוים וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן אויף די פיס . . .

אָט אין דער אימשטיינסגעזאָגט „נייער דירה" אין דעם נייעם לאַנד, האָבן מיר זיך באַזעצט, אַ משפחה זאַלבע 9! און אַז די ערשטע פאַר טעג, „יום טוב׳דיגע טעג" זיינען געווען פאַריבער, האָב איך זיך גענומען פילן אין דער דאָזיגער כאַטקע זייער־זייער ניט־יום־טוב׳דיג . . . ווייל אין דעם יאָר צייט, וואָס איך בין געווען ביי די אויגענבליקס אין שיקאַגאָ, האָב איך זיך איינגעוואוינט צו אַ זויבערן, ליכטיגן צימערל פאַר זיך אַליין, און צו באַסע׳ס געקעכץ, וואָס איז געווען אויסגעצייכנט גוט און נאַרהאַפט. אין מיין צימערל פלעג איך יעדן אָוונט זיצן און לעזן אָדער שרייבן. און דאָ בין איך אריינגעפאַלן צוריק אין אַן ענגשאַפט, אומצוכט און טומל. אָבער איך האָב זיך געטרייסט, אַזוי שנעל איך וועל קריגן אַרבעט, און די גרינע שוועסטער מיינע וועלן קריגן אַרבעט, וועלן מיר זיך אַרויסציען פון דעם גיהנום, מיר׳ן דינגען אַ שיינע הויז אין אַ ברייטער גאַס; מיר׳ן נעמען

שיינע מעבל אויף אויסצאָלן. איך וועל מיר האָבן אַן אייגן צימערל. איך וועל אַליין מאַכן אַ שיינעם בוך־אַלמער און — איך וועל זיך אַ נעם טאָן צום לערנען נאָך מיט מער חשק ווי אין שיקאַגאָ.

דער פאָטער, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק און גע־קראָגן 10 דאָלאַר אַ וואָך, האָט מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז אויב איך וויל, קען איך גיין אַרבעטן טאַקע אין זיין שאַפּ און אויך קריגן די זעלבע סומע געלט. אָבער איך האָב קיין שטאַרקן חשק ניט גע־האַט צו גיין אַרבעטן אין זעלבן שאַפּ מיט׳ן פאָטער . . . כ׳האָב גע־וואָלט מיר זאָלן בלייבן גוטע פריינט פון דערווייטן . . . אָבער די מוטער האָט מיך צוגערעדט איך זאָל יאָ גיין. עס וועט זיין בעסער, אַז מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען — האָט זי גע׳טענה׳ט — עס וועט מיר ניט שאַטן אַז איך זאָל זיך נאָך אַביסל צולערנען די מלאכה פון דעם אַלטן טאַטן . . .

האָב איך זיך געלאָזט איבעררייידן און בין אַוועק אַרבעטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז די הוצאה איז געווען גרויס און מען האָט געאַדרפט אַ סך געלט. די גרינע זיינען געקומען נאַקעט און באָרוועס — איז איצט ניט די צייט אומצוגיין ליידיג און זוכן „גוטע דזשאַבס״ — אַזוי האָט די מאַמע גע׳טענה׳ט. אָבער איך האָב באַלד חרטה געהאַט אויף מיין שריט. דער „באָס״ איז געווען אַ דייטשוק, אַ שקלאַפּן־טרייבער, וואָס האָט געריסן די אַרבעט פון אונטער די הענט. ס׳איז געווען אַ רעגעלער „סוועט־שאַפּ״ און איך האָב געוואָלט גאָר גיין זוכן אַ „יוניאָן שאַפּ״, וואו מען אַרבעט ניט אַזעלכע לאַנגע שטונדן . . . און דאָך — אויפגעבן דעם דזשאַב האָב איך ניט געוואָלט אָנטאָן דער מוטער קיין יסורים. בין איך געשטאַנען און געאַרבעט, געליטן פון דעם דייטשן בלוטזויגער און געשוויגן. אָבער געפילט האָב איך זיך גאָרניט פויגעלדיג און איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך שיקאַגאָ . . .

עס איז געקומען דער זומער מיט די גרויסע היצן. געשלאָפן בין איך מיט מיינע צוויי ברידערלעך אין איין בעט. די לופט איז געווען ווי אין אַ טערקישער באָד. די וואַנצן האָבן געריסן שטיקער און ניט געלאָזט מיט אַן אויג צומאַכן. פלעג איך, אַרום האַלבע נאַכט, אַרויסקריכן פון בעט, אַרויסגיין אין דרויסן, אין דעם עיפּוש־דיגן געסל, זיך אַוועקזעצן אויף דעם איינציקן טרעפּל און זיצן, באַ־

טראַכטן דאָס לעבן פון די נעגערס, וועלכע האָבן כמעט די גאַנצע נאַכט געקאָמאַנדעוועט, געקערט וועלטן. האַלב נאַקעט האָבן זיי זיך אומגעוואַלגערט, זיך געפּליושקעטביים קאָמונאַלן קראַן וואַסער, גע־שפּריצט וואַסער איינער אויפ׳ן צווייטן. אָט האָט מען געזונגען, און אָט האָט מען זיך געקריגט און געשלאָגן . . . געזאַנג און געשלעג און געשרייען מישן זיך אויס אין איין קנויל. מעסער שטעך צווישן אייפערזיכטיגע מענער — פייעפריי פון דער פּאָליציי און — אָט קומט דער פּאַטראָל־וואָגן, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן טוץ נעגערס, מע־נער און פרויען, און ערשט אַרום 4 אַזייגער פאַרטאָג ווערט אַביסל שטילער און אויך די לופט ווערט אַביסל קילער. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז האַלב נאָך פינף דאַרף מען שוין אויפשטיין און גיין צו דער אַרבעט? . . . מען דאַרף הענגען מיט איין פוס אויף דעם אָנגע־פּיקעוועטן פערד־טראַמוויי (סטריט־קאַר) אַ שטונדע צייט ביז צו דער פאַבריק און 7 אַזייגער זיך שטעלן ביים וואַרשטאַט. די מאַשינען רוישן אין קאָפּ, אַז מען קען טויב ווערן, און דער באַלעבאָס דער דייטש, אַ מפלה אויף אים . . . נעמט פון דיר די אויגן ניט אַראָפּ דעם גאַנצן טאָג, דו זאָלסט ביי אים ח״ו אַ מינוטקעלע ניט אַראָפּ־גנב׳ענען פאַר אָפּדוך — דאָס איז געווען אַ חיה, ניט קיין מענטש.

און אַזוי טאָג איין, טאָג אויס, אַ גאַנצע וואָך ביז זונטאָג. און אַז עס פלעגט קומען דער הייליגער זונטאָג, פלעגט זיך ערשט אָנהויבן אַ סדרה וואַשן וועש . . . ס׳איז דאָך פאַר אַ משפחה פון 9 מענטשן וועש וואַשן! איך פלעג שלעפּן די עמערס וואַסער פון קראַן אין שטוב אַריין אָנגיסן אין די קעסלען וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן גרויסן אויוון. דער אויוון האָט געברענט ווי אין אַ גיהנום! פון די קעסלען האָט געזעצט אַ פּאַרע ווי אין אַ באָד . . . מען האָט באַדאַרפט הויבן די קעסלען אַרויף און אַראָפּ פון אויוון. און אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן, מען האָט שוין צעוואַשן די וועש, איז ערשט געווען אַן עסק צו הענגען די וועש. מען האָט זיך געדאַרפט דינגען און אונ־טערקויפן די נעגערס צו קריגן כאָטש אַ טייל פון די שטריק אויף צו הענגען די וועש. און ערשט דאַן פלעגט מען דאַרפן שטיין און היטן — מיט טויזנט אויגן — זיי, די נעגערס, זאָלן די וועש ניט צוגנב׳ענען פון אונטער די הענט . . .

גאַנץ אָפּט פּלעגט מיך אַרומכאַפּן אַ געפיל פון חרטה — הלמאי האָב איך ניט געפאָלגט די אויגענבליקס און פאַרבליבן אין שיקאַגאָ? . . . כ׳האָב געבענקט נאָך די פריילעכע, גליקלעכע טעג און נעכט, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט. און איך האָב געטראַכט: ווי אַזוי רייסט מען זיך אַרויס פון אַט דעם גיהנום . . . און קומען צוריק אין יענעם גן עדן אריין? . . .

אָבער כ׳האָב געפילט, אַז דאָס זיינען זינדיגע געדאַנקען. איך טאָר איצט ניט טראַכטן פון זיך. איך מוז העלפן דער משפחה זיך איינאָרדענען. איך מוז גרינגער מאַכן דער מאַמע׳ס לעבן. עס איז מיין פליכט! מיין הייליגע פליכט דאָס צו טאָן

3

האָב איך אָנגעבויגן דעם קאָפּ, געשוויגן און געליטן, געהאָרעוועט שווער און געהאָלפן שלעפּן דעם וואָגן. פון די 10 דאָלאר אַ וואָך, וואָס איך האָב פאַרדינט, האָב איך דער מאַמע׳ן געגעבן 7. און אַז עס איז געקומען ענדע וואָך פלעג איך דאַרפן צולייגן נאָך אַ דאָלער, ווייל עס האָט אויסגעפעלט אויף דער הוצאה, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן געאַרבעט זאַלבעפינפט: איך, דער פאָטער און 3 שוועסטער. (די עלטסטע שוועסטער, עלקע, האָט שוין אָנגעהויבן פאַרדינען גאַנצע 6 דאָלאר אַ וואָך, אָבער אַזוי ווי זי האָט שוין געהאַט אַ „קאַנדידאַט" פאַר אַ חתן, פלעגט זי ספּענדן כמעט איר גאַנצע געלט אויף קליי־דער). די אינגערע צוויי שוועסטער — מישקע און דבורה (וועלכע זיינען געווען אַ צווילינג, 16 יאָר אַלט), האָבן געאַרבעט ביי אַ אידישן בלוטזויגער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַבריק פון געפאַרבטע פעדערן פאַר ווייבערשע העטס. און צוליב די כעמישע פאַרבן, וואָס זיינען געווען זייער שעדלעך פאַר די לונגען, פלעגן די אָרעמע צוויי קינדער אַהיים קומען פון דער אַרבעט מער טויט ווי לעבעדיג. דערפאַר אָבער פלעגן זיי יעדן שבת פאַרנאַכט אַהיים ברענגען צו גאַנצע 3 דאָלאר אַ וואָך „ווייִדזשעס" . . . און זייערע אויסגעמאַטערטע פּנימער זיינען געווען געל ווי וואַקס. אַט אַזוי איז באַלד אַוועק דער זומער און מיר האָבן נאָך אַלץ געלעבט אין דעם שמוציגן געסל אָן אירגענד וועלכער האָ־

פענונג זיך פון דאָרט אַרויסצוראַטעווען. אַלע אונדזערע פאַרדינסטן האָבן קוים געקלעקט אויף אויסצוקומען . . .

און — דאָס האָט מיך געמאַכט זייער אומגליקלעך. איך ווער דערשטיקט אין דער דאָזיגער כאַטקע. איך קען ניט פאַרטראָגן דעם שמוץ. יעדן אָוונט, באַלד נאָכ'ן עסן, לויף איך אַרויס אין גאַס און וואַנדער אום שטונדנלאַנג, זוכנדיק ערגעץ אַ בוימל, אַ גרעזל. פון זינט איך בין געקומען אין אָט דעם גאָלדענעם לאַנד, פיל איך, ווי איך בין איינגעקלאַמערט צווישן הייסע, אָנגעברענטע רויטע ציגל. וואו איך גיב זיך אַ קער, שטויס איך זיך אָן אָן רויטע ציגל. ס'איז הימל, ערד און רויטע ציגל. דער טראָטואַר, די פאַבריק, די כאַטקעס — אַלץ איז פון רויטע ציגל. זיי האָבן זיך מיר אַזוי דערעסן, אַז איך וואָלט אַנטלויפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט . . .

איך אַנטלויף פון די רויטע ציגל און פאַל אַריין אין אַ זומפּ . . . עס איז געווען אין אַ הייסן שטיקענדיגן שבת אָוונט. איך בין אַרויס פון דעם פינצטערן נעגערשן געסל, האָבן מיך מיינע פיס פאַרטראָגן קיין ביימברידזש סטריט. דאָס איז די גאַס, וואָס האָט זיך געפונען אין דער אידישער געגנט אין פילאַדעלפיע, און וואו עס איז געטריבן געוואָרן די שענדליכסטע פּראָסטיטוציע פראַנק און פריי, מיט דער הילף פון דער פּאָליציי . . . און די רעספּעקטאַבעלע, פרומע שטאָט־באַלעבאַטים. עס איז היינטיגע צייטן שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזאַ העסלעכקייט איז דערלאָזט געוואָרן פראַנק און פריי . . .

מער ווי אַ צענדליק בלאָקס זיינען געווען פון זיי פאַרנומען. די הילצערנע כאַטקעס פון ביידע זייטן גאַס, זיינען געווען באַזעצט מיט פּראָסטיטוטקעס, וואָס שעמען זיך ניט צו זיצן האַלב נאַקעט ביי די נידעריגע אָפענע פענסטער און רופן קונים פאַר זייער קערפּער. ווען איך האָב דאָס דאָזיגע חנ־עוודיגע בילד דאָס ערשטע מאָל דער־זען, האָט עס אויף מיר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. איך האָב געלאַכט . . . נאַריש, קינדיש געלאַכט. נאָך אַלעמען בין איך שוין אַ בחורל פון 19 יאָר און — מיין האַנט האָט נאָך קיין פרויען קערפּער ניט געהאַט אָנגערירט; און אַז איך האָב צום ערשטן מאָל דאָ דערזען אָט דעם גרויסן „מאַרק" פון „פרויען פלייש" האָט עס ביי מיר אַרויס־גערופן אַ געלעכטער (איך בין געווען צו נאַאיוו — כדי צו פילן אַן

עקעל אָדער אַ פֿאַרדרוס). פֿלעג איך שטיין באַהאַלטן הינטער אַ לאַמטערנע שטונדענלאַנג און קוקן וואָס עס קומט פֿאָר אין דער דאָזיגער גאַס . . .

איך שפּאַציר איבער ביינברידזש סטריט און מיין געדאַנק איז פֿאַרנומען מיט מיין אומגליקלאכער ליבע צו אסתר'ן — די מיידל, וואָס האָט געפּאַנגען מיין האַרץ, פֿאַרנדיג אויף דער שיף קיין אַמעריקע . . . איך טראַכט ווי אַזוי מיין געליבטער'ס מוטער האָט מיך פֿאַרטריבן פֿון הויז, דערפֿאַר וואָס איך בין געגאַנגען אַרבעטן שבת.... ווי איך בין צוליב אָט דער אומגליקלאכער ליבע אַוועק געפֿאָרן אין שיקאַגאָ — האָפֿנדיג אַז איך וועל די מיידל מיינע פֿאַרגעסן . . . אָבער ס'איז געווען פּונקט פֿאַרקערט . . . איך האָב נאָך מער געבענקט נאָך איר, און, פֿון זינט איך בין צוריקגעקומען פֿון שיקאַגאָ, האָב איך זי בלויז איין מאָל געזען. האָב זי צופֿעליג אָנגעטראָפֿן אין גאַס. זי איז געגאַנגען געאַרעמט מיט איר חתן, זיסקע, וועלכער האָט געשטשירעט אויף מיר מיט זיינע מיאוסע שיטערע ציין.

דעם ערשטן מאָמענט, אַז איך האָב אסתר'ן דערזען, האָט מיר אַ ריס געטאָן אין האַרצן און איך בין געבליבן שטיין אַנטקעגן איר אָן לשון . . . אסתר, האָב איך באַמערקט, איז אויך געוואָרן בלאַס און באַלד ווידער רויט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן . . . אָבער אַז איך האָב ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר חתן, האָב איך צוריק באַקומען מיין גלייכגעוויכט. איך האָב זיי גראַטולירט, צוגעוואונשן אַ סך גליק און אַנטשולדיגט זיך, אַז איך אייל זיך ערגעץ. געזאָגט „גוד באַי" און אַוועק מיט שנעלע טריט.

— קום אַהער, וואָס אַנטלויפֿסטו, — האָט אסתר געשריען, — קום מיט אונדז אין פּאַרק אַביסל, וואָס האָסטו קיין צייט ניט?

אָבער איך האָב זיך אפֿילו ניט אומגעקוקט. בין אַוועק. מער האָב איך זי ניט געזען גאַנצע 15 יאָר צייט. אין 15 יאָר אַרום האָב איך זי ווידער צופֿעליג באַגעגנט, אין וויליאַמסבורג, ברוקלין. זי איז שוין דאַן געווען אַ מאַמע פֿון 4 קינדער און זי איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פֿון — 3 פּעסער מיט זויערע אוגערקעס, וואָס זי האָט פֿאַרקויפֿט אין גאַס . . . און ערשט דאַן האָב איך געבענטשט דער

מאַמע אירע דערפֿאַר, וואָס זי האָט ניט געוואָלט האָבן קיין „שבת גוי״ פֿאַר אַן אײדעם . . .

אָבער דאָס איז ניט שייך צום ענין . . .

איך וויל דערציילן, ווי איך שפּאַציר הין און צוריק איבער דער דאַזיגער אויסגעלאָסענער גאַס, ביימברידזש סטריט, אַרום 8 אַזייגער אין אָוונט, און אַז איך קום צו צו דעם בלאָק הייזער, וואו עס זיצן ביי די פֿענסטער אַלע שוואַרצע פֿרויען — קער איך זיך אום צוריק צו די ווייסע . . .

פֿון די נידעריקע הילצערנע הייזלעך מיט די אַראָפּגעלאָזענע גאַר־דינען טראָגן זיך וואולגאַרע, גריילצענדע פּיאַנאָ־טענער אויסגעמישט מיט שיכור׳ע געלעכטערס און הייזעריקן געזאַנג. די לופֿט איז פֿאַר־פּעסטעט מיט ביליקן פּערפֿיום, אונטערגעשלאָגן מיט אַלקאָהאָל . . . און צווישן די שיכור׳ע מאַטראָזן און אַנדערע פֿאַרשווינען דרייען זיך אויך אַרום עטלעכע פּאָליסלייט. זיי דרייען אין די הענט אַ שווערן קלאָב, און קוקן שמייכלענדיק אין די פֿענסטער. די גאַס איז העל באַלויכטן און עס הויבט מיך אָן באַפֿאַלן אַ מאָדנע אומרו . . .

פּלוצלונג דערזע איך זיצן — אַ שיין, יונג מיידעלע אין אַ רויט זיידענע קימאָנאָ. עס זעען זיך אַרויס אירע מאַרמאָר־ווייסע צוויי קליינע רונדע בריסטלעך. און נאָך איידער איך האָב צייט זי רעכט צו באַטראַכטן, איז דאָס „מיידעלע״, פֿלינק ווי אַ קאַץ, אַרויסגע־שפּרונגען פֿון פֿענסטער, מיך אַ כאַפּ געטאָן אונטער׳ן אָרעם — און אַריינגעשלעפּט אינעווייניק, און פֿאַרהאַקט די טיר.

מיין האַרץ האָט גענומען זעצן ווי מיט האַמערס! דער מוח האָט געברענט און די פֿיס האָבן ביי מיר אַזוי געציטערט, אַז ווען איך לאָז זיך ניט אַראָפּ אויף אַ שטול, וואָלט איך געוווען אומגעפֿאַלן . . .

דאָס „מיידעלע״ פֿוילט זיך ניט, זעצט זיך חוצפּה׳דיק אַרויף אויף מיין שויס און, כאָטש איך בין אַזוי צעטומלט און דערשראָקן, אַז עס פֿאָלט מיר שיר ניט דאָס האַרץ אַרויס און עס זשומעט מיר אין די אויערן, אַז איך הער קוים וואָס זי רעדט צו מיר, זע איך פֿונ־דעסטוועגן, אַז זי, דאָס „מיידעלע״, איז גאָר ניט אַזוי יונג ווי זי האָט אויסגעזען פֿון ווייטן . . . און — ווען זי וואָלט אָפּגעוואַשן די פֿאַרב פֿון פּנים, וואָלט איך געזען אַ מיטליעריקע פֿרוי . . . און עס כאַפּט

מיך אַרום אַן עקל פון דעם ריח וואָס טראָגט זיך פון איר . . . עס האָט גענומען אַ פּאָר מינוטן ביז איך בין אַביסל צו זיך געקומען. האָב איך זיך צוריק אויף די פיס אַ שטעל געטאָן און פּרובירט גיין צו דער טיר . . . אָבער זי פאַרלויפט מיר דעם וועג און מיט אַ זעל־טענער פלינקייט האָט זי אַרויסגעשלעפּט דעם איינציגן זילבערנעם דאָלאַר וואָס איז געלעגן אין מיין קעשענע . . . און פּונקט אַזוי שנעל האָט זי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן איר רויטע זיידענע קימאָנאָ — און איז געבליבן שטיין — אָט ווי די אומגליקלאַכע מאַמע אירע האָט זי (אין אַ בייזער שעה) געהאַט . . .

מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ אומבאַשרייבלעכער עקעל, אַז ווי אַ ווילדע חיה האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צום אָפענעם פענסטער און בין אַרויסגעשפּרונגען ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג, גענומען לויפן גלייך אַריבער דער גאַס. אויפ׳ן ראָג האָב איך דערזען שטיין אַ פּאָליסמאַן, און כ׳האָב אויפגעהערט לויפן . . . דער פּאָליסמאַן האָט געזען מיך אַרויסשפּרינגען פון פענסטער . . . און אַז איך בין צוגע־קומען צו אים און געמאַכט זיך ווי איך זע אים ניט און געוואָלט אים פאַרבייגיין, שטעלט ער מיך אָפּ, און זאָגט מיט אַ שמייכעלע: „וואָס איז דער מער, יונגערמאַן? ס׳איז דאָרט געווען צו הייס פאַר דיר, האַ? . . . איך האָב נאַריש געשמייכלט און אים גאָרניט געענטפערט. נאָר אַלע מיינע אברים האָבן געציטערט, אין די אויערן האָט מיר גע־קלונגען דער מיידעלע׳ס הייזעריקער, פאַרשיכור׳טער געלעכטער און איר נאָכשרייען: „כאַ, כאַ, גאָד דעם פול — יו מאַמאַ׳ס בייבי . . . כאַ, כאַ, כאַ . . . ״

5

אין דרויסן, אויף דער פרישער לופט, האָב איך זיך אַביסל באַ־רואיגט און זיך מיט שנעלע טריט געלאָזט אַרויס פון אָט דעם פאַר־שאָלטענעם אָרט און זיך פאַרשוואוירן מער זאָל מיין פוס דעם אָרט ניט באַטרעטן . . . אָבער איך האָב דערזען אַ סצענע, אַז אינסטינקטיוו האָב איך זיך פאַררוקט הינטער אַ סלופּ פון אַ לאַמטערנע און געבליבן שטיין מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

אַ יונגע פרוי, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט אַ דיקן שוואַרצן שלייער איבער איר פּנים, איז געשטאַנען אַנטקעגן איינעם פון די נידעריגע אָפענע פענסטער, וואו עס איז געזעסן אַ פּראָסטיטוטקע אין אַ רויטער קימאָנאָ און פון די מיילער פון אָט די צוויי פרויען (צוויי שוועסטער), האָט זיך געהערט אַ „געשפּרעך“, אַ שמועס — דאַכט זיך דווקא שטיל רואיג. אָבער וויפיל גיפט און גאַל האָט אַרויסגעשפּריצט פון זייערע מיילער! גערעדט האָט די פרוי אין שוואַרצן, וואָס איז געשטאַנען אין גאַס. גערעדט האָט זי מיט אַ שטאַרק־איירישן אַקצענט. און געזאָגט האָט זי: „דו ממזר׳טע, דו בעסטיע אין מענטשן געשטאַלט, דו אויסוואורף! פלאָגט דיך גאָר ניט דער געוויסן, דיין שמוציגער געוויסן, וואָס צוליב דיין שענדלעכער אויפפירונג האָט אונדזער פאָטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד? . . . אַרט דיך גאָר ניט, דו ווילדע בעסטיע, וואָס דו האָסט מיין חתן פאַראומגליקט און אים פאַרטריבן פון מיר? . . . דו שאַנדלאָזע באַשעפעניש!“ . . .

און די פּראָסטיטוטקע שיסט אויס אַ שיכור׳ק, הייזעריגן געלעכטער און זי זאָגט: „ווער זאָגט עס, אַז איך האָב דיין חתן פאַרטריבן? ער איז דאָ, דו קענסט אים האָבן אַז דו ווילסט. נעם דיר צוריק די מציאה דיינע . . . “

די פרוי אין שוואַרצן גיט זיך אַ לאָז צום פענסטער, מיט צונויפגעביילטע קולאַקעס און שיפעט אַרויס:

„נידעריגע, אומפאַרשעמטע, דו רייצסט זיך נאָך מיט מיר? ווערסט דאָך באַלד אָנהויבן פוילן פון סיפיליס! שעמסטו זיך גאָר ניט, וואָס דו האָסט קראַנק געמאַכט דיין אייגענער שוועסטער׳ס חתן? — גאָט, ווי געמיין, ווי נידעריג דו ביזט געזונקען! . . . “

און די אויסגעלאַסענע ענטפערט איר, נאָך אַלץ רואיג און געלאַסן, צוזאַמענגעמענדיג די זיידענע קימאָנאָ מיט די ברייטע אַרבל, און זי זאָגט, מיט אַ איראָניש שמייכלע: „ס׳איז טאַקע אַ גאָט׳ס רחמנות אויף דיר, שוועסטערל מיינס, ווען דו וואָלסט נאָר אַ ביסעלע שענער געווען און אינגער, וואָלסטו אויך דאָ געזעסן און זיך געלאָזט וואוילגיין . . . צוגלייך מיט מיר . . . נישקשה, ביזט גאָר ניט אַזאַ הייליגע, אַזאַ צדקות, ווי דו ווילסט מיר איינרעדן . . . וואָס אָנבעלאַנגט מיין סיפיליס — זאָל דיר דער נאַרישער קאָפּ דיינער ניט

דאַרן פֿאַר מיר. דו וועסט אַ סך שנעלער קריגן קאָנסאָמפּשאָן אַר־בעטנדיק 14 שעה אַ טאָג אין דער לאַנדרי, איידער איך וועל קריגן סיפיליס! און עס איז ניט דיין הייליגע „טוגענט“ וואָס האַלט דיך ביים ביגעל־אייזען, עס איז דיין מיאוסקייט . . . כאַ־כאַ־כאַ!“ די צוויי שוועסטער קוקן זיך אָן — שטעכן זיך דורך מיט די אויגן — און שווייגן אַ לאַנגע צייט.

ענדלעך רופֿט זיך אָפּ די פֿרוי אין שוואַרצן מיט טרערן אין איר קול:

„זאָג מיר נאָר דעם ריינעם אמת: ווען איז מיין „טהאָמאַס“ גע־ווען באַ דיר? . . . “

די אויסגעלאַסענע באַטראַכט איר שוועסטער פּונקט ווי זי וואָלט זי ערשט דערזען. זי בויגט זיך אַרויס פֿון פֿענסטער, קוקט זיך גוט איין אין איר און — שיסט אַרויס אַ געלעכטער — אַ פּרעכן, הייזע־ריקן געלעכטער: „הער נאָר דו, לאַנגער לאָקש! דו אידיאָט! דו קומסט מיר פּרעדיקן מאָראַל? דו קומסט מיר זאָגן מוסר? דו שטיק פֿלייש מיט אויגן, טהאָמאַס האָט דיך שוין געפֿיקסט, האָ? ער האָט דיך אָנגעשטעקט? . . . ביזט נעבעך אריינגעפֿאַלן. ווייל דו ביזט אַ בהמה“ — און ווידער לאַכט זי חוצפּה׳דיג. די אָרעמע פֿרוי אין שוואַרצן האָט פֿאַרשטעלט איר פּנים מיטביידע הענט אונטערן וואָאַל. אַ שאַרפֿער, אָפּגעהאַקטער שלוכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון איר איינ־געפֿאַלענער ברוסט. אירע שפּיציגע אַקסלען האָבן אָנגעהויבן ציטערן. זי האָט טיף איינגעבויגן דעם קאָפּ, זיך ראַפּטאָם אַ דריי געטאָן — און זיך געלאָזט גיין מיט שנעלע טריט. די אויסגעלאַסענע שוועסטער שרייט איר נאָך:

„זיי ניט קיין דעם פֿול! קום צו מיר מאָרגן! אין דער צייט, דאָ וועט זיין אַ דאָקטאָר . . . איכ׳ל פֿאַר דיר באַצאָלן . . . ביזט געווען אַ פֿערד און וועסט בלייבן אַן אייזעל!“

די פֿרוי אין שוואַרצן האָט, שיינט מיר, ניט געהערט איר שוועס־טער׳ס רייד — איר האָט איינגעשלונגען די פֿינסטערע נאַכט.

איך בין אַרויס פֿון מיין באַהעלטעניש און זיך ווי אַ שיכור גע־לאָזט גיין אַהיים. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פֿון מיינע קליידער פֿילט זיך אַ מיאוס׳ער עקעלהאַפֿטער ריח. און איך האָב זיך אַליין

געשאָלטן מיט טויטע קללות — און געפּילט אַן עקעל צו זיך אַליין — און זיך פאַרשוואוירן: מער זאָל מיין פוס די העסלעכע גאַס ניט באַטרעטן!

פייסע טאָקער און זיין שוואַרצע חנה.

(אַ בילד פון מיינע גרינע טעג אין אַמעריקע)

צו מיין פאָטער אין הויז פלעגט אַריינקומען אַ איד אַ סטאָליאַר מיט'ן נאָמען פייסע טאָקער.

אויסגעזען האָט ער דוקא ניט ווי קיין איד; איר וואָלט אים אויפ'ן אויסזען גיכער אָנגענומען פאַר אַ פּאָליאַק איידער אַ איד.

דאָס איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציגער, אומגעלומפּערטער רויער מענש, מיט אַ ברייטן, געשטופּלטן פנים, מיט קליינע מייזילשע אויגעלעך, און ער האָט מער געברומט ווי גערעדט.

אָט דער דאָזיגער פייסע איז געווען אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זיך ערגעץ דאָרט אין אוקראַינע באַקענט מיט אַ נקבה אין אַ פריילעך הייזל. די דאָזיגע נקבה האָט פאַרמאָגט עטלעכע הונדערט רובל, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון איר „פרנסה". און דאָס דאָזיקע געלט האָט זיי ביידן געבראַכט קיין אַמעריקע, וואו זיי זיינען געוואָרן אַנ־שטענדיגע מאַן און ווייב, ווי גאָט האָט געבאָטן . . .

באַזעצט האָט זיך דאָס דאָזיקע פּאָר פאָלק אין ווילמינגטאָן, דע־לעווער. דאָרט אַרבעט פייסע אין דעם פּולמאַן קאַר שאַפּ, און זיין „שוואַרצע חנה" (ווי ער, פייסע אַליין, רופט זי), האַלט באָרדערס און עס איז זייער אַמעריקע! מען לעבט אַ גוטן טאָג און מען שפּאָרט אַ פעטן דאָלאַר — אַזוי זאָגט פייסי. איך בין דאַן געווען אַ בחורל פון 19 יאָר און איך האָב נאָר וואָס געהאַט זיך געשטעלט אַרבעטן אין אַ מעבל פאַבריק. אָבער אַזוי ווי איך האָב איין מאָל פאַרגעסן צו פאַרשליסן מיין קאַסטן געצייג, האָבן די אַרבעטער פון שאַפּ צע'גנב'עט מיין געצייג און איך בין פון עגמת נפש קראַנק געוואָרן און בין געלעגן אַ וואָך צו בעט. און ווען איך בין געזונט געוואָרן

האָב איך באַשלאָסן זיך אַרויסציען פון פּאָטער׳ס הויז און פאָרן אין ווילמינגטאָן, דעלעווער, פּרובירן קריגן אַרבעט אין פּולמאַנ׳ס קאַר שאָפּ, וואו עס אַרבעט פּייסע טאָקער.

אין איין שיינעם טאָג, געווען איז דאָס אַרום צוויי אַזייגער ביי־טאָג, בין איך געשטאַנען אויף די ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ פון פּייסע טאָקער׳ס גרויסע צוויי־שטאָקיגע הויז און געקלונגען אין טיר. עס געדויערט אַ פּאָר מינוט, ענדלעך גיט זיך די טיר אָן עפן ראַפּטאָם, מיט כעס, און עס באַווייזט זיך אַ הויכע, פעסט געבויטע יונגע פרוי פון אַ יאָר דרייסיג, מיט בייזע, ברענעדיגע שוואַרצע אויגן און צע־שויבערטע שוואַרצע האָר. זי גיט מיך אַ סמאַליע אָפּ מיט אירע ביסטרע אויגן פון קאָפּ ביז די פיס און מיט אַ האַרטער מעטאַלענער שטימע גיט זי אַ געשריי אויף „ענגליש״: — „וואַטשע וואָנט?״ (וואָס ווילסטו?). איך פאַרשטיי, אַז איך האָב איר געשטערט פון איר שלאָף. אַנטשולדיג איך זיך אַזוי העפלעך ווי איך קאָן, און פרעג זי: „זייט איר מאַדאַם חנה? . . . ״ און איך פאַרכאַפּ זיך — „איך מיין מאַדאַם טאָקער?״

דערהערענדיג איר נאָמען, ווערט דער אויסדרוק אויף איר פּנים אַביסל ווייכער און זי זאָגט: „יאָ, איך בין חנה. ווער זייט איר, און וואָס ווילט איר?״

אין עטלעכע ווערטער זאָג איך איר ווער איך בין און צוליב וואָס איך בין געקומען אין ווילמינגטאָן. זי באַטראַכט מיך נאָכאַמאָל צוזאַמען מיט מיין ליידיגן קאָסטן, און איך פאַרשטיי, אַז איך בין איר געפעלן אין שלייער . . . זי עפנט ברייט די טיר און בעט מיך אַריין.

זי וויל מיר העלפן אַריינטראָגן מיין קאָסטן געצייג, אָבער איך לאָז ניט. זי ווייזט מיר אָן וואו איך זאָל דעם קאָסטן אַוועקשטעלן, דאַן פירט זי מיך אין קיך אריין, אַנשטאָט אין „פּאַרלאָר״, ווייל זי דאַרף צושטעלן קאָכן וועטשערע פאַר איר מאַן און פינף „באָרדערס״. זי בעט מיך זיצן ביים קיך־טיש און פאַרשווינדט ערגעץ אין די אַנ־דערע צימערן. באַלד קומט זי צוריק מיט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און אַ פלאַש בראָנפן מיט צובייסן, וואָס זי טראָגט אויף אַ גלעזערנער טאַץ.

זי זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן מיר, פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל, דרייט אויס דעם קאָפּ אויף אַ זייט, קוקט אויף מיר מיט קריטישע, שעלמישע אויגן און זאָגט: „איז, הייסט עס, דו ביזט געקומען זוכן אַרבעט באַ אונז אין ווילמינגטאָן?״ — זי כאַפּט זיך, אַז זי האָט מיר ניט געאָפּערט אַ פּאַפּיראָס און אַנטשולדיקט זיך. די אויגן אירע בלישטשען ווי ביי אַ קאַץ, ווען זי דערזעט אַ מויז . . . איך נעם פון איר האַנט אַ פּאַפּיראָס, זי גיט מיר פייער און זי זאָגט: „אַרבעט וועסטו שוין קריגן. די פראַגע איז נאָר: צי ביזטו אַ גוטער בעל מלאכה? דו זעסט אויס ווי אַ „חסיד׳ל״, אַ ז י י ד ן י ו נ ג ע ר מ אַ נ ט ש י ק ל . . . אַן איידעמל אויף קעסט. ווען ניט דיינע מייזעשע וואָנצעלעך, וואָלסטו גאָר אויסגעזען ווי אַ שנעקעל, אַ חדר־אינגל.״

„וואָס רעדט איר?״ וויל איך איר איבערשלאָגן די רייד, אָבער זי לאָזט ניט, זי גיט אַ מאַך מיט איר נאַקעטער האַנט און פייערט ווייטער:

„דאָ אין פולמאַן קאַר שאָפּ, דאַרף מען יונגען מיט ביינער!״ זי גיט אַ לאַך מיט איר ברייט מויל און ווייזט מיר צוויי שורות ווייסע ציין. — „אָט אַזעלכע „בורלאַקעס״ ווי מיין פייסע דאַרפן זיי האָבן, ניט קיין אויסגעצוואָגענע ח ס י ד ׳ ל ע ך ״, און זי שיסט אויס אַ גרילצנדן, פרעכן געלעכטער . . .

וויל איך איר ווייזן, אַז איך בין ניט אַ ז אַ נעבעכל ווי זי דענקט . . . און איך ענטפער איר אויך מיט אַ געלעכטער: „מאַליענ־קי, אַלע וואַזשנענקי . . . ״ (קליין, אָבער וואַזשנע).

געפעלט דאָס איר און זי גיסט אָן אַ גלעזל בראָנפן. שוין דאָס צווייטע גלעזל לאָז איך איר ניט אָנגיסן. זי קוקט מיך אָן: אַ גלעזל בראָנפן קאָנסטו ניט אויסטרינקען? . . . און אַזוינס וויל גיין אַרבעטן אין פולמאַן קאַר שאָפּ? . . . כאַ! כאַ! כאַ!

זי האָט אַ קער געטון דאָס גלעזל אין מויל אַריין ווי אַן אַלטער ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט און זאָגט:

„הער זיך איין, בחורל. דו גיי שוין די מינוט אַריבער אין פול־מאַן׳ס שאָפּ און פרעג זיך נאָך אויף אַ מיסטער סמיטה. זאָג אים, אַז איך האָב דיך געשיקט און האַלט זיך ניט ווי אַ „כניאָקעלע״, נאָר גלייך אויס

דיינע פּלייצעס און זאָג אים, אַז דו האָסט געאַרבעט צוויי יאָר אין דעם „אַרלינגטאָן קאַר שאַפּ״. האָסטו דאָך קיין מורא ניט פאַר שמיץ אויף יענער וועלט פאַר זאָגן אַ ליגן, האַ? און אַז ער וועט דיר קיין אַרבעט ניט געבן, וועסטו קריגן ערגעץ אַנדערש. ניטשעוואָ! ס'איז דאָ גענוג אַרבעט אין די קאַר שעפּער אין ווילמינגטאָן. דו זיי גאָר ניט געפאַלן ביי זיך. האָסטו גענוג געלט מיט זיך, מיין חן־עוודיקער יונגערמאַנטשיקל? . . .״ און זי גיסט אָן נאָכאַמאָל די גלעזלעך און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און זי נעמט מיך דורך, זי עסט מיך אויף מיט די אויגן . . . זי זעט ווי איך זיך אַנטקעגן איר; דער קאָפּ דרייט זיך מיר פון דעם גלעזל בראָנפן, וואָס איך האָב געמוזט אויסטרינקען . . . און אויף דער פראַגע, צי האָב איך געלט, בין איך גאָר געבליבן אָן לשון און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. פאַרשטייט זי, אַז איך האָב קיין געלט ניט . . . שיסט זי ווידער אויס אַ געלעכטער און זאָגט: „וואָס דען, עפּעס אַ „רעכטס״ וועט קומען צו מיר? ווי זאָגט דער גוי: דאָ נאַשעוואָ בערעגאַ ליודסקע ביע פּרי־פלינע (צו אונדזער ברעג וועט קיין לייטעשעס ניט צושווימען).״

דערווייל קום איך אַביסל צו זיך. נעם איך אַרויס די צוויי זילבערנע דאָלאַר וואָס מיר איז פאַרבליבן און איך ווייז איר: „אָט דאָס איז מיין גאַנצער פאַרמעגן; אָבער דאָס איז, זאָג איך, ניט דאָס ערגסטע״, און איך פיל, ווי עס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן און איך קען ניט ריידן . . .

חנה שפּרינגט אויף פון בענקל, כאַפּט מיך אַרום און גיט מיך אַ דריק צו צו איר בוזעם — אַז עס פאַרכאַפּט מיר אַזש דער אָטעם און מיינע ביינער קנאַקן . . .

„וואָס קוועטשט דיר דאָרט אויף דיין הערצעלע?״ זאָגט חנה: „דערצייל מיר, איך וועל דיר העלפן.״

איך דערצייל איר די געשיכטע, ווי מיינע „ברידער אַרבעטער״ האָבן ביי מיר צוגע'גנב'עט מיין געצייג און איך האָב קיין געצייג ניט.

שיסט חנה אויס אַ געלעכטער: — דאָס איז אַלץ? כ'האָב גע־מיינט גאָט ווייסט וואָס! פּוסטיאַקי! ניט געזאָרגט! מיין „איב־געלע״; פּייסע איז ניט קראַנק דיר צו לייען זיין געצייג. ער האָט

געגוג געצייג, מער וויפיל ער דאַרף . . . איך׳ל שוין זען ער זאָל דיר געבן געצייג; און פּאַר געלט זאָלסטו אויך ניט זאָרגן. נשקשה, וועסט מיר אָפּגעבן מיט פּראָצענט . . . אַ צימער האָב איך פּאַר דיר, און דו וועסט דאָ לעבן ווי גאָט אין פראַנקרייך. דו זיי נאָר אַ מענטש, ניט קיין כּניאָקעלע. גיי שוין אַריבער אין פּולמאַן קאַר שאַפּ און פרעג סמיטה׳ן אויף אַ דזשאַב. וועסט אים דערקענען — ער איז אַ שײנער דזשענטעלמאַן מיט בלויע אויגן. זאָג אים, איך האָב דיך געשיקט. ער וועט דיר ניט אָפּזאָגן — פּאָנימאַיעש? נו, גיי! די צייט שטייט ניט. וועסט אים איצט געפינען אין שאַפּ. גיי מיט׳ן רעכטן פוס! . . . .״

זי באַגלייט מיך אַרויס ביז דער טיר — גיט מיך אַ נעם אָן באַ דער מאָרדע און פּרעסט אָפּ אויף מיינע ליפּן אַ ברענענדיקן קוש. גיט אָן עפן די טיר און אַ קלאַפּ טוענדיק מיר אין פּלייצע זאָגט זי: „זאָל זיין מיט גליק״, און פאַרהאַקט די טיר. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין איין **כהרף עין.**

2

איך בין געבליבן שטיין אינדרויסן און האָב געפילט ווי איך וואָלט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן חלום . . . מיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט און אַ קאַלטער שווייס איז מיר אַרויסגע־טראָטן אויפן שטערן . . . איך לאָז זיך גיין צום פּולמאַן קאַר שאַפּ, לויט חנה האָט מיך דירעקטירט וואו צו גיין. אָבער מיין האַרץ איז געוועזן אַזוי שווער, ווי איך וואָלט דאָרט געטראָגן אַ פּוד שטיינער . . . די שלייפן האַקן מיר אין קאָפּ ווי מיט האַמערס, און איך קאָן צו זיך ניט קומען. איך שטרענג אָן אַלע כוחות זיך צו האַלטן אויף די פיס. אָבער די פרישע לופט איז מיר בייגעשטאַנען. כ׳האָב אָנגעהויבן זיך באַרואיגן, פילן אַביסל שטאַרקער אויף די פיס. איך פּרוביר זיך פאַנאַנדערקלייבן וואָס מיט מיר איז געשען, און עס באַפאַלט מיך אַ שרעק . . . אי איך האָב מורא צו גיין פרעגן אויף אַ דזשאַב: ווי קום איך, טאַקע, אַזאַ קליין מאָגער נפשל, גיין אין אַזאַ שאַפּ? . . . מיין „קענטעניש״ אין דער אַרבעט, אין סטאָליערײ, קאָן אַ פליג

אַוועקטראָגן אויף איינעם פון אירע פליגל . . . אי איך ציטער צו גיין צוריק צו דער „חנ׳עוודיקער" חנה׳ן . . . דאָס איז דאָך עפּעס גאָר ניט קיין מענטש . . . ס׳איז דאָך גאָר אַ פייער־שפּייענדיגער וואולקאַן . . . איך דערמאָן זיך אין איר אומאַרמונג און איך טראַכט: גאָט מיינער, ווען זי גיט מיך נאָכאַמאָל אַזאַ דריק צום האַרצן, איז דאָך אַ שעה נאָך מיר . . . וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט מיך געטראָגן קיין ווילמינגטאָן? . . . וואָס טו איך? וואָס איז מיט מיר געשען? און וואָס וועט פון מיר זיין? מיין מוטער וועט זיך דאָס לעבן נעמען. די גאַנצע משפחה מיינע איז אָפּהענגיק פון מיינע פאַרדינסטן, און איך האַנדל ווי אַ בראָדיאַגע, ווי אַ מיאוס׳ער אויסוואורף . . . אָבער אָט איז דער פולמאַן קאַר שאַפ; אַ גרויסער טויער, ריזיקע גאָלדענע בוכשטאַבן בלישטשען מיר פאַר די אויגן. עס רייסט זיך איבער דער פאָדעם פון מיינע פינסטערע געדאַנקען און איך בלייב שטיין אין טויט־שרעק . . . ניטאָ קיין קוראַזש אַריינצוגיין . . . אפשר אַ האַלבע שעה בין איך געשטאַנען און געקעמפט מיט מיין שוואַכקייט. האָב שוין אפילו געהאַט געטראַכט פון גיין צוריק צו דער שיף, וואָס פירט קיין פילאַדעלפיע, איבערלאָזן מיין ליידיקן קאָסטן ביי חנה׳ן און אָן אַ זיי־געזונט צוריקפאָרן אין פילאַדעלפיע . . . די דאָזיקע חנה האָט מיך איבערגעשראָקן אויף טויט . . .

אָבער איך בין דאָך בייגעקומען דעם פייגלינג אין מיר, און בין אַריין. איך האָב זיך געדרייט צווישן די אומענדלעכע רעלסן, אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען די פולמאַן וואַגאָנען. ווי לאַנגע, ריזיקע שלאַנגען האָבן זיי געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון און געוועקט אין מיר דעם פחד. ענדלעך בין איך צוגעקומען צו אַ צוויי־שטאָקיגע גיגאַנטישע געביידע, זיך אויפגעהויבן אויף די ברייטע אייזערנע טרעפּ און דערזען פאַר זיך — ווי ווייט נאָר דאָס אויג האָט געקאָנט דערגרייכן — וואַרשטאַטן מיט אַרבייטענדיגע מענטשן. ווי זאַמד און ערד! דער טומל פון די מאַשינען און דאָס קלאַפּן פון ריזיגע האַמערס אויף אייזן איז צום טויב ווערן . . . כ׳האָב זיך דערפרעגט צו מיסטער סמיטה׳ס אָפיס, און ווי אַן אַויטאָמאַט אַריין אינעווייניג. מיסטער סמיטה האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיינע שטרענגע בלויע אויגן, מיר געשטעלט אייניגע פראַגן און מיר געהייסן מאָרגן

קומען צו דער אַרבעט, נאָך דעם ווי איך האָב אים געזאָגט ווער עס האָט מיך געשיקט צו אים . . .

3

אַרויסגייענדיק פון טויער האָב איך זיך געפילט ווי איך וואָלט געווען אַ גענעראַל און איינגענומען די גרעסטע פעסטונג . . .

אָבער צוריקגיין צו חנה'ן האָב איך דאָך מורא געהאַט . . . און איך באַשליס זיך אַרומשלעפן אין גאַס ביז פייסע מיט די באָרדערס (פּאָליאַקן וואָס אַרבעטן אין דעם זעלבן שאַפּ) וועלן קומען אַהיים. אמת, מיין פרייד איז געווען געמישט מיט שרעק: צי וועל איך קאָנען טאָן די אַרבעט? . . . אָבער איך טרייסט זיך מיט דעם ממה־נפשך: אויב אַזאַ „בורילע" ווי פייסע קאָן דאָרט אַרבעטן, פאַרוואָס זאָל איך ניט קאָנען? . . . איז גיי איך מיר לאַנגזאַם, ניט געאיילט, מיט די רעלסן צוריק אין שטעטל אַריין. איך שפּאַן ריטמיש אויף די קלעצער אונטער די רעלסן און עס זינגט ביי מיר אין האַרצן אַ ניגעלע צום טאַקט פון די פיס . . . פּלוצלינג זע איך עס קומט מיר אַנטקעגן אַ הויכע דאַמע, אַ פריצטע, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג. זי טראָגט אַ הויכן שוואַרצן הוט מיט אַ ווייסן פעדער, און איך טראַכט: ווי קומט אַהער, אויף די רעלסן, אַ ז אַ פאַרנעמע, רייכע „ליידי"? און די דאַמע שפּאַנט מיט ברייטע טריט. זי שפּרינגט אונטער כדי אַריבערצוהיפּן אַ קלאָץ אונטער די רעלסן, און דאָס זעט אויס אַזוי קאָמיש פאַר אַן אויסגעפּוצטער ליידי . . . איך שטרענג אָן די אויגן און דערקען זי! דאָס איז — חנה! זי גיט אַ מאַך צו מיר מיט דער האַנט און איך בלייב שטיין מיט אַ קלאַפּענדיגן האַרצן . . .

זי קומט צו צו מיר, שטרעקט אויס אירע ביידע הענט אין שוואַר־צע האַנדשו און צעלאַכט זיך הילכיג, באַווייזענדיג אירע ברייטע, גע־זונטע ציין . . .

„האָסט מיך ניט דערקענט, האַ? דו חסיד'ל מיינס! — נו, האָסט געקראָגן אַרבעט, איך זע שוין אָן דיין פּנים. דאַרפסט עס מיר ניט זאָגן . . . אַז חנה זאָגט, אַז דו וועסט קריגן אַרבעט, ווייס זי וואָס זי זאָגט" — און זי גיט שעלמיש אַ וואונק מיט אַן אויג. דאַן עפנט

זי איר געשטריקטן געלט־בײַטל, נעמט אַרויס פון דאָרט אַ גאָלדן זײגערל און זאָגט: „אָ ווײ, ס׳איז שוין שפּעט. קום שנעל מיט מיר". זי גיט אַ כאַפּ מײַן האַנט אונטער איר אָרעם און איך טאַנץ איר נאָך אויף די הילצערנע שפּאַלן ווי אַ חדר אינגל . . .

איך פרעג זי: וואוהין זי יאָגט זיך?

זי שווײַגט אַ ווײַלע, קוקט אויף די רעלסן צי עס קומט ניט אָן אַ צוג אונז אַנטקעגן, און זי זאָגט: „חסיד׳ל מײַנס, מיט וואָס וועסטו זיך שטעלן מאָרגן אַרבעטן? האָסט דאָך קײן געצײַג ניט?"

איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און שווײַג. איך פאַרשטײ וואָס זי מײנט. — זי גײט דאָס איצט צו פּײסען אין שאַפּ אים הײסן נאָך הײנט, גײענדיק אַהײם פון דער אַרבעט מיטנעמען אַביסל געצײַג אַהײם, אַזוי, אַז איך זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו שטעלן אַרבעטן מאָרגן.

איך דריק איר די האַנט און דאַנק איר פאַר דעם מוטערלעכן אינ־טערעס, וואָס זי נעמט אין מײַן איצטיגער קריטישער לאַגע, און איך דריק אויס די האָפענונג איר אָפּצודינען מיט דאַנקבאַרקײט פאַר איר גוט האַרץ.

חנה שפּאַנט, הערט זיך אײַן צו מײַנע רײד, און אַז איך ענדיק, גיט זי אַ לאַך: „יאָ, איך קען אײַערע מאַנסבילישע „דאַנקבאַרקײט". דו זײ נאָר ניט קײן יאָלד און לאָז אָפּ דער מאַמע׳ס פאַרטוך, וועסטו באַ אונדז ווערן אַ שטיקל מענטש. שטײ דאָ „באַרנעט" (זי האָט מיר שוין אַ נײעם נאָמען געגעבן. אַלײ־בער געפעלט איר ניט . . . „באַרנעט" איז שענער . . .) — שטײ דאָ אַ פּאָר מינוט בײַם טויער און וואַרט ביז איך וועל צוריקקומען". זי גיט אַ שאָקל מיט׳ן קאָפּ צום וועכטער, וואָס זיצט בײַם טויער, און זי שפּאַנט אַוועק מיט ברײטע מענערשע טריט. (מיט אַלעמען איז חנה אַ גוטער ברודער...)

מער ווי 5 מינוט האָט חנה טאַקע זיך ניט געזאַמט. זי איז צוריק־געקומען מיט אַ שטרענגן, צעפלאַמטן פּנים און ביסטרע אויגן. די דינע ליפּן פון איר ברײט מויל זײַנען געוועזן פאַרביסן. כ׳האָב זיך דערשראָקן פאַר איר. מיר זײַנען צוריק אַרויף די רעלסן. איך בין געגאַנגען שטום באַ איר זײַט, האָב מורא געהאַט דאָס מויל צו עפע־

נען. איך האָב געפּילט, אַז אין איר ברענט אַ כעס, אַ רציחה . . . און ס׳איז בעסער איך זאָל שווייגן . . .

ענדלעך האָט זיך חנה אַ טרייסל געטאָן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פון עפּעס אָפּגעשאָקעלט. זי האָט וואויל־יונגעריש אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם, און מיט אַ שטימע וואָס האָט נאָך אַלץ געציטערט פון כעס, אַ זאָג געטאָן: „אַזאַ איבערגע־וואָקסענער פערד! זאָל ער פּרובירן קומען אַהיים אָן געצייג! דעם קאָפּ וועל איך אים צעשפּאַלטן! דעם זשלאָב, דעם בורילע!״ „וואָס זשע״, קוק איך אויף איר נאָך אַלץ מיט פּחד, „איר האָט אים דער־ציילט פאַר ווּעמען דאָס איז און ער האָט ניט קיין חשק מיר צו לייען אַביסל געצייג?״

„האָב נאָר קיין יסורים ניט, בחור׳ל! ער וועט שוין ברענגען״ — ענטפערט חנה, שוין רואיקער. „שולדיק איז דיין אייגענער „באַטקאַ״ (פאָטער)״ — זאָגט חנה.

— „מיין פאָטער?״ — קוק איך זי אָן ערשטוינט, — „וואָס האָט מיין פאָטער צו טאָן מיט . . . ״

לאָזט זי מיך ניט ריידן. „דיין פאָטער האָט אים, פייסען, גע־זאָגט, אַז דו האָסט „ליימענע הענט״ און דו ביזט ניט קיין בעל מלאכה. נו, איז דאָס זיין טאַטנ׳ס עסק! וועסטו ניט קאָנען טאָן די אַרבעט, וועט מען דיך אָוועקשיקן! וואָס איז דאָ דער אומגליק? אַזאַ פערד אַ מאַן, ווי איך האָב, דאַרף מען אויספּאָרן אַ וועלט צו גע־פינען . . .״ — און זי צעלאַכט זיך פון איר חכמה און שטעקט מיך אָן מיט איר געלעכטער . . .

4

מיר זיינען אַריין אין הויז. חנה האָט זיך אַ נעם געטאָן צו־גרייטן די וועטשערע פאַר איר מאַן מיט די באָרדערס. אין קיך אויפן אויוון זיינען געשטאַנען עטלעכע גרויסע טעפּ צוגעדעקט. עס האָט געשמעקט מיט געבראָטן פלייש, קנאָבל און קרויט, וואָס האָט אַזש געשטיקט אין האַלדז . . . אַזוי ווי אין אַ פּויערשע כאַטקע. מיך האָט זי, ווי אַ קאָמאַנדיר, געהייסן אויסטאָן מיין ראָק און אַרומשטעלן די

בענקלעך אַרום דעם רונדן טיש. זי האָט מיר אָנגעטאָן אַ פאַרטוך, דערלאַנגט מיר בעת־מעשה אַ קניפ אין באַק, אַזש טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן . . . זי האָט מיר אָנגעוויזן וואו עס ליגן די גאָפל־מעסער און געהייסן אויסלעגן אויפן טיש; און זיצן זאָל איך לעבן איר רעכטער האַנט ביים טיש . . . און איך זאָל זיך ניט שרעקן פאַר פייסען: „קיין שלעכטער מענטש איז ער ניט. ער איז נאָר אַן אָנגעבלאָזענער פערד . . . וואָס האָט ניט קיין שכל פאַר אַ קאַץ. ווען ניט זי, וואָלט ער אין דעם שאַפ ניט געאַרבעט און וואָלט געפּעכניעט אויפן פיסק! פאַר אַ שטיקל ברויט, אָט דער פערד . . .“

חנה רעדט צו מיר און דערציילט מיר, ווי אַזוי זי האָט איר פייסען געשטעלט אויף די פיס. איר קול גריילצט אַזוי ווי אַ זעג, וואָס שנייט אייזן . . . און בעת מעשה אַרבעט זי, אַז עס ברענט אונטער אירע הענט!

ווען איך האָב געדעקט דעם טיש און אויסגעלייגט די גאָפל־מעסער, האָט זי מיר געהייסן אָנגיסן קעראָסין אין די לאָמפן, אויסווישן די גלעזער, און ווען איך האָב אַלץ געטאָן ווי זי האָט מיר געהייסן, און די לאָמפן אָנגעצונדן, האָבן זיך דערהערט טריט, ווי פון אַן אַרמיי סאָלדאַטן. דאָס איז געווען פייסע מיט די באָרדערס. זיי זיינען אַריינגעקומען דורך דער הינטער־טיר. פייסע האָט געטראָגן אין אַ זאַק אַביסל געצייג. ער איז געווען אויסגעשמירט און שוואַרץ ווי אַ קאָטשעגאַר, אַז איך האָב זיך דערשראָקן פאַר אים. ער האָט מיך באַגריסט מיט אַ שאָקל מיט'ן קאָפ און עפּעס אַרויסגעברומט, ווי אַ שטומע חיה. אין דער זעלבער צייט האָט חנה אַ וואונק געטאָן צו מיר ווי זי וואָלט געזאָגט: „מען האָט אים אין באָד. . .“

און ווען פייסי איז אַוועק זיך אַרומוואַשן, איז אים חנה נאָכגעגאַנגען, און פון באָד־צימער האָב איך געהערט ווי זי טענה'ט איין מיט איר פייסען ער זאָל ניט זיין קיין חזיר . . . ביים טיש האָט פייסי אַריינגעגאָסן צוויי גלעזלעך שנאַפּס, איינע נאָך דער צווייטער, און זיין ברייטער, געשטופּלטער פנים, איז געוואָרן צונטער רויט . . .

די באָרדערס — די פּאָליאַקן, — האָבן צווישן זיך געשמועסט אין פּויליש. מען האָט געכליאָפּטשעט דעם באָרשטש פון גרויסע שיסלען, ווי חזירים, און געקוקט אויף מיר מיט אַ חוזק־שמייכעלע . . .

איך בין געזעסןביים טיש און קוים זיך צוגערירט צום עסן. חנה האָט מיך אונטערגעטריבן: „פאַר וואָס עסטו ניט? פולמאַנ׳ס אַז אַרבעטער דאַרף קאָנען עסן!" דאָ האָט פייסי אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט די פעטע מאָרדע און אַרויסגעברומט: „ער׳ט אַזוי אַרבעטן אין פולמאַנ׳ס, ווי דו וועסט זיין אַ רעביצין . . . "

חנה ווערט אָן אַנגעצונדענע און פּלאַצט אַרויס:

— „אויב אַזאַ פערד ווי דו (קיין אַנדער נאָמען האָט זי פאַר אים ניט געהאַט . . .) קאָן אַרבעטן אין פולמאַנ׳ס, וועט ער אויך קאָנען אַרבעטן."

פייסי געפינט זיך ניט באַליידיגט, פאַרקערט . . . ער ווערט אַביסל וויכער . . . און ער הויבט מיך אָן אויספרעגן: וואו איך האָב געאַרבעט? וואָס איך האָב געטאָן? איך דערצייל אים אַ טייל פון מיינע צרות. ער זיצט אָן אָנגעבלאָזענער, אָטעמט שווער, קוקט אויף מיר מיט זיינע קליינע פאַרגאָסענע אייגעלעך. ענדלעך הויבט ער זיך אויף, גיט אַ קוועטש מיט די פּלייצעס און בורטשעט אַרויס: „נו. מילא, מיר׳ן שוין זען; עס וועט זיך וואו מע וועט דיך אָוועקשטעלן אַרבעטן, זאָל דיר גאָט העלפן." אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין פייסי געלעגן אין זיין בעט און געכראָפּעט . . . אויב ניט ווי אַ פערד, איז ווי אַ גוי . . .

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ס׳איז נאָך געווען טונקל אין דרויסן, נאָך פרישטיק, נעמט פייסי מיין קאַסטן, אין וועלכן עס איז געלעגן זיין געצייג, לייגט אים אַרויף אויף זיינע ברייטע פּלייצעס און מיר גייען צו דער אַרבעט. (איך פאַרשטיי, אַז דאָס האָט אים חנה געהייסן טאָן . . .) אויפ׳ן וועג צום קאַר שאָפּ גיט ער מיר אינפאָרמאַציע וועגן די רולס און רעגולאַציעס פון שאָפּ, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט טאָן. איך גיי ביי זיין זייט, קאָן קוים נאָכהאַלטן זיין ברייטן שפּאַן און איך פיל ווי איך וואָלט געגאַנגען צו דער שחיטה . . .

ביים טויער האָט פייסי דעם קאַסטן איבערגעלייגט אויף מיינע פּלייצעס און ער איז אַוועק אין פאָרויס. איך האָב דעם קאַסטן אַרויפגעטראָגן אויף די טרעפּ, צוגעגאַנגען צום פאָרמאַנ׳ס אָפיס און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר. איך שטיי און באַטראַכט דעם ריזיגן שאָפּ. הונדערטער מענטשן זיצן אויף די וואַרשטאַטן און, ווי

די סאָלדאַטן אויף אַ באַפעל, אַזוי וואַרטן זיי פּאַר׳ן פּייפער, 7 אַזייגער, ווען מען שטעלט זיך אַרבעטן.

אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט צו מיר. אַלע קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ בייז וואונדער . . .

פון ווייטן זע איך, ווי דער פאָרמאַן, מר. סמיטה, מאַכט צו מיר מיט אַ פינגער — איך זאָל אים נאָכגיין. ער פירט מיך צו צו אַ לאַנגן וואַרשטאַט, צוויי אַרבעטער טראָגן צו אויף זייערע פּלייצעס אַ לאַנגן שטיק האַלב־רונדן ווענער. זיי לייגן אים אַוועק אויף מיין וואַרשטאַט און פאַרשווינדן. דער פאָרמאַן זאָגט מיר מיט אַ געמאַכטער העפליכקייט, איך זאָל די שטיק ווענער אָפּהובלען און דאַן מיט זאַמד־פּאַפּיר אָפּפּוצן. עס מוז זיין גלאַט ווי אַ שפּיגל און ער גייט זיך אַוועק מיט אַן איראָנישן שמייכעלע אויף די ליפּן . . .

איך קוק זיך אַרום און זע ווי אַנדערע בעלי מלאכות טוען די־זעלבע אַרבעט, און עס ווערט מיר קיל אונטער׳ן האַרצן . . . גראָד דעם הובעל, וואָס איך דאַרף צו אָט דער אַרבעט, האָט מיר פּייסי ניט געגעבן! אָבער איך נעם דערווייל אַרויס מיין געצייג און שטעל זיך אַוועק שאַרפן, כדי צו געווינען צייט און באַטראַכטן וואָס צו טאָן. און יעדעס מאָל וואָס איך הויב אויף די אויגן — באַגעגן איך אַלעמענס בליקן. אַלע קוקן אויף מיר. איך זע פון ווייטן גייט פּייסי. ער שפּאַנט גלייך צו מיר, רוקט מיר אונטער, קיינער זאָל ניט זען, דעם נויטיגן הובעל, גיט אַ בורטשע: „היט זיך וואָס דו טוסט. ווערסט טאָן איין איבעריקן שאָב מיט׳ן הובעל — איז קאַפּוט דער ווענער! היט זיך, דו הערסט?“ און ער שוועבט אַוועק, ווי אויף פליגלען.

עס פאַלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. איין מאָל האָב איך די נויטיקע געצייג, דאַן הער איך זיי אַלעמען ווי אין טראָק, זאָלן זיי קוקן אויף מיר און לאַכן וויפיל זיי ווילן . . . איך וועל זיי ווייזן, וואָס איך קאָן . . .

איך האָב זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און ביז מיטאָג בין איך מיט דעם שטיק ווענער פאַרטיג געוואָרן. דער פאָרמאַן האָט מיין אַרבעט עקזאַמינירט. ער האָט געזוכט, גענישטערט אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שטיק גאָלד, ניט קיין האָלץ . . . אָבער ער האָט קיין מום ניט געפונען און איך פיל זיך דערהויבן, איך בין גליקלאַך! מיטאָג־

שטונדע זיך איך אויף מיין ווארשטאַט און עס די פּאָר שטיקלעך שוואַרצע ברויט, באַשמירט מיט צעהאַקטע לעבער מיט ציבעלע, וואָס מיין „מלאך הגואל", חנה, האָט מיר ארייגעשטעקט אין קעשענע פון מיין ראָק. איך זע, מיין פּייסי גייט צו מיר מיט אַ שטאָלצן, ברייטן שמייכל . . . ער קומט צו, און ברומט אַרויס: „נו, גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען, אַבי דיין טאַטע האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף דיר, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט זיין קיין בעל מלאכה." ער רייבט זיך אַזש די הענט פאַר שמחה, וואָס איך האָב אים ניט פאַרשוואַרצט זיין פּנים . . . איבערהויפּט האָט ער זיך געפרייט וואָס טראָץ דעם וואָס דאָס איז געווען דאָס ערשטע שטיק וועניער — האָב איך דאָך דאָס געמאַכט אַזוי גוט און אַזוי שנעל, ווי אַלע אַנדערע. פּייסי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן דערפון . . .

וואָס אָנבעלאַנגט חנה'ן, זי איז געווען ווילד פון שמחה! ווען מיר זיינען פאַרנאַכט אַהיים געקומען, איז זי געשטאַנען מיט די הענט פּאָד־באָקאָם און איר פּנים האָט געשיינט. זי האָט אויסגעשאָסן אויף איר מאַן: „נו, דו אומגעלומפּערטער פערד איינער, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? ער, אָט דער אויסגעצוואָגענער חסיד'ל, האָט מער שכל אין דער פּיאַטע, ווי דו אין דיין גאַנצן קאָפּ." און זי גיט מיך אַ כאַפּ אונטער די הענט און אַ הויב אויף אין דער לופט, ווי איך וואָלט געווען אַ קינד . . . און זי דריקט מיך, אַז מיינע ביינער קנאַקן . . .

פּייסי גיט אַ ברום ווי אַ לייב: — „וואָס ביסטו אַזוי ווילד, וואָס!? און האַלט דיין חזיר'שן פּיסק, האַלט!" — און איך שטיי און טראַכט: רבונו של עולם, וואו בין איך דאָ אַריינגעפאַלן צו אַלדי שוואַרצע יאָר . . .

5

אויפן צווייטן טאָג האָט מיר שוין דער פאַרמאַן צוגעטראָגן אַ בלעכל מיט אַ נומער, פאַרשריבן מיין נאָמען און איך בין אין זיבעטן הימל . . . נאָר איין זאַך בויערט מיר אין מוח: ווי אַזוי וועל איך קאָנען לעבן מיט דער דאָזיגער חנה'ן? זי וועט מיר אַרויסקוועטשן מיין נשמה פאַר גרויס ליבשאַפט . . . כ'האָב נאָך אַזאַ ווילדע באַשעפעניש ניט

געזען. אָבער זי האָט דאָך מיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג — מוז איךליידן און שווייגן ביז אַ צייט.

וואָלט איך געהאַט געגוג געלט אויסצוקומען ביז איך וועל קריגן מיין ערשטן טשעק, דאַן וואָלט איך פון איר אַנטלאָפן וואו דער שוואַר־צער פעפער וואַקסט. אָבער ס׳איז ניטאָ קיין געלט — מוז מען ליידן און שווייגן. אַ ברירה האָב איך? ווען איך בין אויפ׳ן דריטן טאָג געקומען צו דער אַרבעט, איז מיר איינגעפאַלן אַ גליקלאַכער געדאַנק.

דער „הובעל״, מיט וועלכן מען שאָבט דעם וועניער, איז אַן איי־זערנער און ער איז צו שווער. מען דאַרף האָבן פייסי׳ס כוח אים צו שטופּן . . . פאַרוואָס זאָל מען ניט קאָנען מאַכן קיין הילצערנעם הובעל, וואָס וואָלט געווען אי בעסער אי גרינגער?

מיטאָג־שטונדע נעם איך אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער און צייכן אויס אַ פּלאַן פאַר אַ הילצערנעם הובעל; און ווען דער פאָרמאַן איז פאַרבייגעגאַנגען מיין וואַרשטאַט, שטעל איך אים אָפּ און ווייז אים דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט מיין צייכנונג. ער באַטראַכט עס אַ ווײַלע, גיט אַ קוק אויף מיר, און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, גייט ער אַוועק מיט מיין צייכענונג אין האַנט. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט ער צוריק, נאָר ניט אַליין — מיט אים קומט אויך אַן עלטערער מענטש מיט אַ שוואַרץ בערדל, הפּנים דער סופּעראינטענדענט פון שאַפּ. און ער פרעגט מיך מיין נאָמען. ער שטעלט מיר אייניגע פראַגן מכּוח דער צייכנונג. איך ענטפער אים און ער הייסט מיר גלייך זיך אַריבערקלייבן אין מאָדעל צימער, אַ באַזונדערער אָפּטיי־לונג פאַר עקספּערימענטן און מאָדעלן. די אָפּטיילונג איז אָפּגע־צאַמט מיט גלעזערנע ווענט און דאָרט איז שטילער, ניט אַזוי טומל־דיג ווי דאָ און ווייניגער שטויב. ער הייסט מיר מאַכן אַ סעמפּל, אַ מאָדעל פון דער צייכנונג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך ניט געלאָזט בעטן . . . און האָב גלייך גענומען פּאַקן דאָס געצייג אין קאַסטן אַריין. גראָד דע־מאָלט קומט צו פייסי צו מיין וואַרשטאַט און זעט ווי איך פּאַק זיך, מיינט ער, אַז מען האָט מיר שוין געגעבן דעם וועג . . . איז ער גע־בליבן שטיין אַ טויטער . . . ער האָט גענומען סאָפּען ווי אַ גאַנדז: „וואָס איז געשען? האָסט פאַרפּושט אַ שטיק וועניער, האַ? כ׳האָב

דיר געזאָגט זאָלסט זיך היטן, האַ? דו גולם, דו! דיין טאַטע איז געווען גערעכט! ביזט אַ וויסטע קאַליקע! כ׳האָב דיר געזאָגט זאָלסט זיך ניט שטופּן אין פּולמאַנ׳ס קאַר שאַפּ . . .״ ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט געווען אַזוי געפּייערט, ווען עס מישט זיך ניט אַריין דער ווהיסטל (דער פייפער), וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך צוריקשטעלן אַרבעטן. די מיטאָג שטונדע איז פאַראיבער.

די נייעס, אַז אָט דער קליינינקער, אויסגעדאַרטער, מאָדנער בחורל, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַרבעטן, איז שוין אַריבערגע־פירט געוואָרן אין דער אָפּטיילונג פון עקספּערימענטן און מאָדעלן, אָט די נייעס, איז ווי אַ בליץ פאַרשפּרייט געוואָרן איבער׳ן שאָפּ און עס איז געוואָרן אַ שושקעריי צווישן די אַרבעטער. אימיצער האָט פּייסי׳ן אָנגעזאָגט די בשורה און איך האָב אים געזען עטלעכע מאָל פאַרביי גיין די אָפּטיילונג און ער קוקט דורך די פאַרשטויבטע פענסטער מיט אַן אָפן מויל און אויסגעשטאַרטשעטע אויגן . . .

זעקס אַזייגער, ווען איך בין צוזאַמען מיט די טויזנטער אַרבעטער צוגעקומען צום טויער, זע איך ווי פּייסי שטייט מיט זיין בלעכענעם מיטאָג קעסטל אין האַנט און ער וואַרט אויף מיר, זוכט מיך צווישן די געדיכטע מאַסן אַרבעטער, וואָס שיטן זיך אַרויס פון טויער. און אַז ער האָט מיך דערזען, איז ער צוגעלאָפן צו מיר. אויף זיין פּנים איז געלעגן דער אויסדרוק פון אַ אידיאָטישער חניפה און ער בורטשעט אַרויס: „האָסט מיך אָפּגענאַרט, האַ! דו זשוליק איינער! דערצייל מיר, וואָס האָט פּאַסירט? ווי קומסטו אין דער מאָדעל אָפּטיילונג?״

איך דערצייל אים וואָס עס האָט פּאַסירט, און ער קוקט אויף מיר מיט אַן אָפן מויל ווי אַ קאַלב און גלויבט ניט זיינע אייגענע אויערן . . . איך פיל ווי עס צינדט זיך אין אים אָן אַ ברענעדיגע קנאה . . . און ער הויבט מיר אָן מאַכן פאַרוואורפן הלמאי האָב איך אים פריער ניט געוויזן די צייכענונג . . . און ניט אַזוי אים, ווי זיין חנה׳ן . . . חנה וואָלט זיך געוועז געזען מיט׳ן פאַרמאַן . . . און איך וואָלט אפשר געווען געקענט קריגן עטלעכע הונדערט דאָלאַר פאַר מיין צייכענונג . . . און ער דערציילט מיר, וואָס עס האָט פּאַסירט אין שאָפּ אָט דאָ ערשט ניט לאַנג צוריק. דאָרט האָט געאַרבעט אַ אידישער סטאָליאַר מיט׳ן נאָמען שאַפּיראָ. האָט ער אויך געמאַכט

אַ צייכענונג פון אַזאַ „לעמפּל“, וואָס מען ברענט אַראָפּ די פאַרב פון די וואַגאָנען. ווען ער, דער שאַפּיראָ, זאָל געוועזן שכל האָבן און פריער אַרויסנעמען אַ „פּעטן“ (פּאַטענט), וואָלט ער געוואָרן אַ „מיליאָנשטשיק“, אפשר פון הונדערט טויזנט דאָלאר . . . אָבער ער האָט געטאָן פּונקט אַזוי ווי איך: געכאַפּט און געוויזן די צייכענונג דעם פּאַרמאַן. האָט מען אים אויך, פּונקט ווי מיך, אריינגעשטעלט אין „מאָדעל רום“ און ער האָט געמאַכט אַ סעמפּל. נו, נו, עס האָט זיך דאָן געטאָן מעשים אין שאַפּ! דאָס דאָזיקע לעמפּל האָט אַרויסגעוואָרפן הונדערטער אַרבעטער פון דער אַרבעט. די פּולמאַן קאָמפּאַני האָט זיך צעבראָכן דאָס האַרץ און שאַפּיראָ׳ן געגעבן גאַנצע צוויי הונדערט דאָלאר . . . שאַפּיראָ איז פון עגמת־נפש קראַנק געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פאַר פאַרדרוס הלמאי ער איז געווען אַזאַ דוראַק . . .

ווען מ׳יר זיינען אַריין אין הויז, האָט חנה אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן און פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט . . .

„וואָס איז? וואָס ביסטו אַזוי „צעיאַכמערט“, מיין חנ׳עוודיקער מאַן? וואָס איז געשען?“ — האָט חנה געשריען מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי אַ רויבפויגל. „נו, עפן שוין דיין פּה קדוש, לאָמיר הערן. וואָס שווייגסטו, ווי אַ טשוטשעלע? . . .“

„זאָל ע ר דיר זאָגן“ — ברומט פּייסי אַרויס אַן אַנגעבלאָזענער און גייט אין באָדצימער זיך אַרומוואַשן.

חנה באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. זי זעט אַז מיינע הענט זיינען ריין — איך בין שוין אַן אַרומגעוואַשענער. (אין מאָדעלצימער איז דאָ אַ פּלאַץ צום וואַשן זיך). מיינט זי, אַז מען האָט מיר שוין געגעבן „דאָס וועגעלע“ . . . אָבער דער רואיגער, זעלבסטצופרידענער שמייכל אויף מיין פּנים האַלט איר אָפּ פון אויסצושרייען. נעמט זי מיך אָן פאַר די אַקסלען און טרייסלט מיך ווי אַ לולב:

„זאָג שוין, פּאַניטשעל מיינס, וואָס האָט פּאַסירט? ביזט שוין אויס קאַפּעליוש מאַכער, וואָס? . . . מען האָט דיר שוין געגעבן דאָס וועגעלע, האַ? . . .“

דערצייל איך איר די געשיכטע, און חנה שלינגט יעדעס וואָרט

. . . איר פּנים שמעלצט זיך ווי אַ טייגל אין האָניג: „אַיי, גוט,״ — שרייט זי אויס, — „אוי גוט!״ און אַז איך האָב איר דערציילט, ווי פּייסי האָט מיך אָפּגעזידלט פון קאָפּ ביז די פיס, ווען ער האָט געזען ווי איך פּאַק זיין געצייג אויף אַריבערצוטראָגן אין דעם מאָדעל־צימער, האָט זי שיר ניט קראַפּירט לאַכנדיק. די ווענט האָבן געציטערט פון איר געלעכטער . . .

פּייסי איז אַרויסגעקומען פון באָד צימער אַ רויטער, אַן אָנגעבלאָזענער, און אפילו איין מאָל ניט אַ קוק געטאָן אויף מיר . . . און חנה האָט אים געהאַלטן אין איין קיבעצן און איין רייסן פון אים שטיקער: „האָסט מורא געהאַט ער וועט ניט קאָנען אַרבעטן אין פולמאַנ׳ס, האַ! דו לאַנגער לאָקש איינער דו! וואָס האָב איך דיר געזאָגט?״ און זי מאַכט חנ׳דלעך צו מיר, וואַרפט אויגן, פון וועלכע מיר ווערט ניט גוט צום חלשן . . .

פּייסי קומט נאָכאַמאָל אַרויס מיט די טענות וועגן אַ „פּעטן״, אָבער איך ווייז אים אויף, אַז איך האָב ניט וואָס צו „פּאַטענטירן״. איך מאַך נאָר אַ הילצערנעם הובעל, אַנשטאָט אַן אייזערנעם, וועלכער פּאַסט זיך בעסער פאַר דער ספּעציפישער אַרבעט. און דער פאָרמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז אויב מיין הובעל וועט זיך מיר איינגעבן און ער וועט אַרבעטן בעסער ווי דער אייזערנער הובעל, וועל איך דאַרפן מאַכן אַ פּאָר הונדערט פון זיי, און מסתמא וועל איך עפּעס קריגן אַ „מתנה״ דערפאַר. דאָס איז אַלץ.

דער אומגעלומפּערטער פּייסי איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענער, גע־פינטלט מיט די אויגן, געסאָפּעט ווי אַ גאַנז און געשוויגן. איך האָב זיך דאַן אַנטשולדיגט און בין אריין אין מיין צימער און זיך געזעצט שרייבן בריוו.

מיר איז געווען גוט און פריילעך אויפ׳ן האַרצן.

צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן האָב איך דערפילט, אַז איך שטיי זיכער אויף מיינע אייגענע פיס, אַז איך בין אַ שטיקל מענטש. קען שוין אַליין מיין שטעטל באַשטיין און די צוקונפט געהערט צו מיר און איך בין ביי זיך אַליין אין די אויגן היפשלעך אויסגעוואַקסן...

מיין ערשטן בריוו האָב איך געשריבן אַהיים. און דעם צווייטן צו מיינע נייע פריינט אין דער אידישער קאָלאָניע אַלייענס, ביז

דזשוירזי. ווען איך בין פאַרטיג געוואָרן מיט מיין שרייבן, איז שוין געוואָרן שפּעט. אַלע אין שטוב זיינען שוין געשלאָפן און עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, בעת פון מיין האַרצן האָט זיך געריסן אַ געזאַנג וואָס איך האָב געמוזט איינהאַלטן און ניט אַרויסזינגען אויף אַ קול . . . מיר האָט זיך געגלוסט טאַנצן, זינגען, אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט שלאָפן. איך בין צו־גליקלעך צו קאָנען איינשלאָפן.

דריי איך זיך אַרום אין מיין צימער, מיט די הענט אין די קעשענעס, און מיין געדאַנק וואַנדערט־אום, שפּרינגט אום פון איין פּאַסירונג צו דער צווייטער, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט אין די לעצטע עטלעכע חדשים. איבערהויפּט האָט זיך טיף איינגעגראָבן אין מיין האַרצן די פּאַסירונג מיט מיין געצייג. דער געדאַנק, אַז איין אַרבעטער זאָל ביים צווייטן צו׳גנב׳ענען זיין געצייג, האָט זיך טיף איינגעשניטן אין מיין האַרץ און איך האָב דאָס ניט געקאָנט פאַרגעסן . . . ענדלעך האָב איך באַשלאָסן זיך אויסטאָן און גיין שלאָפן. מיין אויג איז געפאַלן אויף אַ בילד, וואָס איז געהאַנגען איבער מיין בעט. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן דאָס בילד. פּלוצלונג האָב איך דערפילט חנה׳ס צוויי מעכטיגע אָרעמס מיך אַרומכאַפּן . . . און ווען זי לייגט ניט אַרויף אַ האַנט אויף מיין מויל — וואָלט איך זיכער געוועזן אויסגעשריען פאַר שרעק . . .

7

דער אמת איז, אַז איך האָב דאָס דערוואַרט . . .

כ׳האָב געהאַט אַ „פאַרגעפיל", אַז חנה וועט אַריינקומען אין מיין צימער . . .אָבער איך האָב געמיינט אַז זי וועט עס טאָן שפּעטער אַביסל, ניט אַזוי שנעל . . .

חנה איז געוועזן אַ דורכגעטריבענע נקבה און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין נאָך אַ גאַנץ אומשולדיק נאַאיוו בחורל, וואָס האָט נאָך קיין מאָל קיין פרויען־קערפּער ניט געזען און ניט אָנגערירט, און דאָס האָט איר געהייצט . . .

אָבער טראָץ דעם וואָס איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז די פרוי וועט אַריינקומען אין מיין צימער, האָב איך דאָך ניט געגלויבט,

אַז זי וועט האָבן די חוצפּה דאָס צו טאָן . . . וויסנדיק אַז איר מאַן שלאָפט אין צווייטן צימער און אַז ער קאָן זיך צו יעדער מינוט אויפ־כאַפּן און איר ניט געפינען לעבן זיך אין בעט . . . אָבער משמעות חנה האָט געקענט איר פּייסי׳ן . . . און געוואוסט, אַז ווען פּייסי שלאָפט, קאָן מען טאַנצן אויף זיין קאָפּ וועט ער כראָפּען ווי אַ געה־הרג׳עטער . . . מסתמא האָט זי שוין געהאַט גענוג „ערפאַרונג" אין אירע גענג. דערפאַר אָבער בין איך געווען אַ גרויסער „פריץ" אין די זאַכן . . . און אַז איך האָב דערזען חנה׳ן אין איר וויס נאַכט־העמד, מיט צעלאָזענע האָר און צוויי שוואַרצע אָנגעצונדענע אויגן ווי ביי אַ וואָלף . . . האָב איך זיך אַזוי דערשראָקן, אַז מיין גאַנצער קערפּער איז ווי פּאַראַליזירט געוואָרן און דאָס האַרץ האָט גענומען שפּרינגען אין מיין ברוסט, אַז איך האָב געמיינט אָט־אָט שפּרינגט עס אַרויס . . . און ווען זי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם, האָב איך פון שרעק ניט געקאָנט מאַכן קיין ווידערשטאַנד, און זי האָט מיך ווי אַ קינד אויפגעהויבן און צוגערטאָגן צום בעט, מיך אַוועקגעלייגט און זיך צוגעדריקט צו מיר מיט איר גרויסן ריזיגן קערפּער, וועלכער האָט געברענט ווי אַ העליש פייער, ווי אַ קאַך־קעסל . . . מיינע אייז־ציי־טערנדיגע הענט האָט זי צוגעדריקט צו אירע בריסט און אירע מעכ־טיגע הענט האָבן מיך געהאַלטן ווי איך וואָלט געווען אַ קליין קינד . . .

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן אין חנה׳ס אָרעמס. איך בין געווען צופּיל צעטומלט און דערשראָקן, אַז איך זאָל זיך קענען אָפּגעבן אַ חשבון. איך געדענק נאָר, אַז זי האָט מיך געהאַלטן אין איין קושן און גלעטן און שטיל געשעפּטשעט „מיין קליין חסיד׳ל, מיין זיידן יונגערמאַנטשיקל, ביזט דאָך נאָך גאָר אַ פּיסקליאַטיקל..." פּלוצלונג איז איר פּנים געוואָרן ערנסט, אירע שוואַרצע אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן ווי ביי אַ צערייצטן טיגער, זי האָט מיך מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג געטאָן אַ וואָרף־אָפּ פון זיך . . . און איז ווי אַ וויכער אַרויס פון מיין צימער! . . .

מיין ערשטער באַזוך אין אַלייענס, ניו דזשוירזי

(פון מיינע גרינע יאָרן אין אַמעריקע)

1

איך בין שוין 3 יאָר אין אַמעריקע — אין פילאַדעלפיע, הייסט עס. כ׳בין שוין אַ בחור פון צוואַנציג יאָר. איך אַרבעט מיט מיין טאַטע׳ן אין אַ מעבל־פאַבריק עלף שטונדן אַ טאָג און פאַרדין אַכט דאָלאַר אַ וואָך.

דאָס געלט גיב איך דער מאַמע׳ן און זי גיט מיר צוריק אַ דאָלאַר אויף דער וואָך הוצאות.

איך פיל זיך שטאַרק דערשלאָגן, טראָץ דעם, וואָס פון נאַטור בין איך דוקא אַ פריילעכער, אַ זאָרגלאָזער בחור . . . איך פיל, אַז איך ווער דערשטיקט דאָ, זייענדיק איינגעפּרעסט צווישן די רויטע, אָנגעברענטע ציגל אי אין דער פאַבריק, אי אין דעם שמאָלן, ענגן געסל פון דער היים צווישן די ניגערס, וואָס זיינען שמוציג און ווילד.

איך בענק אַהיים . . . איך בענק נאָכ׳ן היימישן דאָרף — נאָכ׳ן טייכל און וועלדל און נאָך דעם קלאָרן אויסגעשטערנטן הימל . . .

גיי איך אַרום אַ צעדרומשקעטער, אַן אָנגעכמורעטער און טראַכט פון — זעלבסטמאָרד . . .

ניטאָ מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן. ניטאָ ווער עס זאָל ווייזן אַ וועג — ווי אַזוי זיך אויסצוגרינען און ווערן אַ שטיקל מענטש.

פּלוצלינג פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אפשר וואָלט איך גאָר גע־גאַנגען אין דער אָוונט־שול זיך לערנען ענגליש?

איך האָב זיך אין דעם געדאַנק אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט, ווי מען זאָגט, און — דער געדאַנק אַליין איז שוין געווען גענוג מיך אויפצומונטערן, אַזוי, אַז מיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און מיר

גענומען מאָלן בילדער פון אַ ליכטיגערער צוקונפט. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט דער חשק צו לערנען, וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך בין געגאַנגען אין חדר. אָבער די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן האָבן מיך, נאָך אַלס קינד פון 9 יאָר, פון חדר אַרויסגעריסן און מען האָט מיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט — מיט קלעפּ אַלס צוגאָב . . .

מילא, בקיצור, אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב אָנגעהויבן גיין אין אָוונט־שול און זיך אַ נעם געטאָן מיט חשק לערנען ענגליש. העלפט מיר גאָט און איך באַקען זיך מיט אַ אידישן יונגן מאַן מיט'ן נאָמען אברהם קאָלקער, וועלכער האָט זיך געלערנט ביים זעלבן לע־רער און איז געזעסן לעבן מיר ביים זעלבן לאַנגן טיש.

דער בחור איז געווען היבשע עטלעכע יאָר עלטער פון מיר, אָבער דאָס האָט אונדז ניט געשטערט צו ווערן חברים. עס זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן און אברהם קאָלקער האָט אויפגעהערט קומען אין שול. פרעגט מיך איין אָוונט דער לערער, וועלכער איז געווען אַ זייער לי־בער, האַרציקער מענטש, דוקא אַ דייטש, וואָס האָט גענומען אַ טיפן אינטערעס אין די אימיגראַנטן, וואָס האָבן געוואָלט לערנען. פרעגט ער מיך די אורזאַכע פון מיין חבר'ס פאַרשווינדן? ענטפער איך אים, אַז איך ווייס ניט, אַז איך אַליין וואָלט אויך אַ בעלן געווען דערגיין די סיבה. גיט מיר דער לערער קאָלקער'ס אַדרעס, און אַ זונטיק פרי גיי איך זוכן מיין פאַרלוירענעם חבר, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ הינטער־געסל צווישן שוואַרצע, אין אַ כאַטקע וואָס האָט מיר דערמאָנט אָן אונדזער ערשטע כאַטקע אין אַמעריקע. דאָרט האָט ער געוואוינט מיט זיין אַלטער קראַנקער מוטער.

ווען איך בין אַריין צו קאָלקער'ן אין שטוב, איז ער געשטאַנען און געפּאַקט די הויז־זאַכן אין גרויסע קאַסטענס. זיינע דיקע, קורצ־זיכטיגע אויגן־גלעזער זיינען געווען פאַרשטויבט און זיינע דינע וואָנ־צעלעך, מיט וועלכע ער פלעגט קומען אין שול פאַרדרייט אַרויף, אַלאַ ווילהעלם . . . זיינען איצט אַראָפּגעהאַנגען ווי צוויי מייזעלשע עקלעך . . .

ער האָט מיר זייער פריינדלעך געדריקט די האַנט, און אַז איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט קומען אין שול,

האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער ציט זיך אַרויס פון שטאָט אין אַ אי־ד׳שן דאָרף, וואו ער האָט געקראָגן אַרבעט.

— ווי, — זאָג איך, — קומט אין אַמעריקע אַ אידיש דאָרף? . . .

דערציילט ער מיר, אַז ער האָט צופעליג אָנגעטראָפן אַ הויזן־מאַנופעקטשורער, וואָס האָט זיין פעקטאָרי אין אַ אידישער קאָלאָניע, וואָס הייסט „אַלייענס, ניו דזשוירזי״. און אַזוי ווי ער, קאַלקער, איז אַן אָפּערייטאָר ביי הויזן, און די מוטער זיינע נויטיגט זיך אין פריי־שער לופט, איז ער אַהין געפאָרן און אָפּגעאַרבעט צוויי וואָכן צייט. די פאַרדינסטן זיינען אַפילו ניט אַזוי גוט ווי אין שטאָט, דערפאַר אָבער זיינען דאָרט די לעבנס־באַד׳נגונגען אַזעלכע, אַז די שטאָט, מיט אירע „גרויסע״ וואונדער, מעג איינגעזונקען ווערן . . . ס׳איז אַ אידיש דאָרף — אַזוי ווי „אין דער היים״. ס׳איז אַ מחיה צו אָטעמען דאָרט די פרישע לופט. היינט די בלומען! בוימער! גראָז! דו הערסט — דאָס מרוקען פון אַ קו, דאָס צוויטשעייען פון אַ פויגעלע! דער קו־קעריקו פון אַ האָן וועקט דיך אויף צו דער אַרבעט, אַנשטאָט די פאַר־שאָלטענע פייפעריי פון דער פאַבריק. אין אָוונט קומט מען זיך צו־זאַמען ביי אַ אידישן פאַרמער אין אַ שטוב. מען עסט „קנישעס מיט קעז״ . . . און מען טרינקט וויין און מען זינגט היימישע ניגונימלעך. איז פאַקט ער זיך איצט אויף אַריבערצוציען זיך מיט זיין קראַנקער מו־טער, טאַקע אין דער דאָזיגער אידישער קאָלאָניע. זי, זיין מוטער, וועט דאָרט גאָר אָפּלעבן. זי נויטיגט זיך זייער אין פרישע לופט.

איך בין געשטאַנען מיטברייט צעעפנטע אויגן און אַן אָפען מויל און ניט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן . . . הער אַ געשיכטע! דאָ, אין דעם לאַנד פון „רויט־ציגל׳דיקע״ הייזער און פאַבריקן, איז דאָ אַ „אידיש דאָרף״? אַ אידישע קאָלאָניע מיט אידישע פאַרמער? בוימער, בלומען, גראָז? עס קלינגט אין מיינע אויערן ווי די שענסטע, די טייערסטע מוזיק! איך פיל אַ זיסן ציטער איבער מיין לייב . . .

— ווי ווייט, — פרעג איך — איז די דאָזיגע קאָלאָניע פון פילאַדעלפיע?

— אינגאַנצן 40 מייל! — שרייט ער אויס. — עס נעמט צוויי שטונדן רייזע מיט דער באַן און עס קאָסט אַ דאָלאר מיט פופציג סענט הין און צוריק — דאטס אָל!

— אויב אַזוי, — זאָג איך — בין איך ביי אייך צוגאַסט נעקסטן זונטיק!

— אַך, מיט׳ן גרעסטן כבוד! קומט צופאָרן, וועט איר אַליין זען מ׳ט אייערע אייגענע אויגן, און מיר וועלן אַ לעב טאָן, ווי אין פסוק שט׳יט — מיר׳ן שיכור׳ן ווי גאָט האָט געבאָטן!

2

די קומענדע וואָך ביי דער אַרבעט אין שאַפּ, האָט זיך די צייט געצויגן ווי פון פּעך. איך האָב פון קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט טראַכטן, ווי נאָר פון דער „קאָלאָניע״. כ׳האָב קוים מיט צרות דער־לעבט דעם שבת, ווען איך האָב געוואָרפן די אַרבעט מיטאָג צייט, און בין גלייך פון שאַפּ אַוועק צו דער באַן און בין אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע 3 אַזייגער נאָכמיטאָג.

קאָלקער האָט מיך אָפּגעוואָרט ביי דאָס קליין הילצערן בודקעלע, וואָס האָט געדינט אַלס „וואָקזאַל״, וואו אויפ׳ן דעכל פון דאָס בוד־קעלע, איז אויף אַ שוואַרצער טאַבליצע געווען אויפגעשריבן מיט גרוי־סע ווייסע בוכשטאַבן: „אַלייענס, ניו דזשוירזי״.

קאָלקער איז געזעסן אויף אַ היימיש „פערד־און־וועגעלע״ און געוואָרט אויף מיר. מיט איין שפּרונג בין איך שוין געזעסן לעבן קאָלקער׳ן, און דערזעענדיג דאָס היימיש פערד־און־וועגעלע, האָב איך זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אויסצושרייען פון פרייד און גליקזעלי־קייט! אַ זיסער חיות האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע מיינע גלידער. גאָט מיינער, איז דאָס אַ חלום, אָדער איז דאָס וואָר? . . . איך פיל, אַז איך בין צוריק „אין דערהיים״, צוריק אין זשמערינקע? . . . און בעת קאָלקער טרייבט דאָס פערדל קוק איך זיך ארום אין אַלע זייטן. — פעלדער, גערטנער, קליינע הילצערנע, ווייס געפאַרבטע הייזקעלעך וואו עס דרייען זיך אַרום הינער. אָט אי אַ קו, און אַ קליין קעלבעלע, זויגט איר מוטער׳ס אייטער, און קלאַפּט אין אים מיט׳ן פּ׳סקל — ער זאָל געבן מער מילך . . . און די קו גיט אַ הויב דעם הינטערשטן פוס, דרייט אויס דעם קאָפּ צום קעלבל און גיט אַ מרוקע, ווי זי וואָלט געזאָגט: קלאַפּ ניט אַזוי שטאַרק, עס טוט וויי . . . און

בעת מעשה לעקט זי איר קינד מיט דער לאַנגער צונג, אַזוי צערטלעך ווי אַ מאַמע . . . און כאָטש די לופט איז קאַלט, פּראָסטיג און שאַרף — גיסט זיך אַ זיסע וואַרימקייט אין אַלע מיינע אברים — איך פיל, אַז איך בין צוריק אינדערהיים, אויף דער פּאַסעסיע פון קלמן מיראָנ־טשיק . . . אַט באַלד פאָרן מיר צו צום הויף און איך וועל ווידער זען די טייערע געשטאַלט פון „רבקה די פּאַסעסאָרקע" — זי וועט מיך באַגעגענען מיט איר זיסן, באַצויבערנדיקן שמייכל און וועט זאָגן:

— „אָ, עלי־בער, מוזט אַוודאי זיין הונגעריק! טעמע! גיס אָן אַ שיסעלע באָרשטש און אַ שאָל סמעטענע און גיב דעם אינגל . . .

די פאַרפּעסטעטע מעבל־פאַבריק, די שטאָט אין אַלגעמיין — מיט די רויט־ציגעלנע פאַבריקן, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער — איז אין כהרף עין אָפּגעווישט געוואָרן פון מיין באוואוסטזיין, אַזוי ווי דורך אַ כשוף, איך בין ווי ניי־געבוירן, איך בין אַ נייער מענטש . . .

קאָלקער טרייבט דאָס פערד אַריין אין אַ הויף און פירט מיך אַריין אין אַ אידישער, וואַרעמער שטוב. אַ גרויסע שטוב, וואו מיט אַ שוואַרצן טוך שטייען איבערגעדעקט נייע מאַשינען מיט לאַנגע טישן, אויף וועלכע עס ליגן בערג גאַנצע מיט שניטוואַרג און געוואַנט. אַ רעגעלער שאַפּ. פון דאָרט פירט ער מיך אַריין אין אַ גרויסער קיך און שטעלט מיך פאַר פאַר זיינע באַלעבאַטים — אַ מיטל יעריג פּאָר־פאָלק מיט'ן נאָמען פליישמאַן. ביידע הויכע און געזונטע מענטשן מיט פריינטלעכע, צוגעלאָזטע פּנימער. מיר באַגריסן זיך, און באַלד ווערן מיר היימיש. זיי לאַכן אַלע פון מיין קינדערשער באַגייסטע־רונג, ווי איך ווער אַנטציקט פון יעדע זאַך, וואָס איך זע . . . כ'האָב אין שטוב ניט געקאָנט איינזיצן, בין איך ווידער אַרויס אינדרויסן און גיריג אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע לופט און די ריחות פון דאָרף. איך האָב געוואַנדערט אין גאָרטן, אַרום דער שטאַל, אַלץ באַטראַכט, און כאָטש עס איז שוין געווען אין הערבסט און די יונגע בוימלעך, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן אַליין געפלאַנצט, זיינען געשטאַנען שוין נאַקעט און געלע בלעטער האָבן געשאָרשקעט אונטער מיינע פיס, בין איך דאָך געווען פול מיט אַנטציקונג פון אַלץ, וואָס איך האָב געזען... און ניט געקאָנט אָנזעטיגן די אויגן . . .

3

און אַז עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל אין דרויסן, און אַ קאַל־טער ווינט האָט גענומען בלאָזן, בין איך אַ פרישער, אַ לעבעדיגער, אַריין צוריק אין שטוב, וואו אין דער גרויסער קיך האָבן שוין גע־ברענט צוויי בליך־לאָמפּן און דער גרויסער רונדער טיש אין מיטן שטוב איז שוין געווען געדעקט מיט אַ רויטן טישטוך פאַר וועטשערע. אויפ׳ן טיש זיינען שוין געלעגן צעשניטענע הערינג מיט ציבעלעס, אַ שיסל געקאָכטע קאַרטאָפּעל האָט געשלאָגן פון זיך אַ ריח, וואָס האָט גערייצט מיין מורא׳דיגן אַפּעטיט . . .

מילא, בקיצור, מען האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש עסן וועט־שערע, און די פליישמאַנס האָבן מיך אויסגעפרעגט ווער איך בין, פון וואַנען איך קום „פון דערהיים״? עס צייגט זיך אַרויס, אַז מיר זיינען שטיקלעך לאַנדסלייט . . . זיי קומען פון וויניצע — ווי ווייט איז וויניצע פון זשמערינקע? אַ קלייניקייט, אַ תחום שבת — דער מר. פליישמאַן שטעלט אַוועק אויפ׳ן טיש אַ קרוג ווייַן — היימיש גע־מאַכטן זויערן ווייַן, און איך טרינק אויס אַ פּאָר גלעזער און — איך פיל, אַז איכ׳ל זיך ניט איינהאַלטן — איך מוז זינגען . . . און זינגען — אַזש די ערד זאָל אַ ציטער טאָן! . . .

אַלע מיינע צרות און ווייטאָגן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אויף מיין האַרצן פאַר די לעצטע דריי יאָר, מיין ערשטע אומגליקלעכע „ליבע״ — אַלץ מוז איך היינט אַרויסזינגען, אַראָפּזינגען פון דער ברוסט אין זיך פילן — פריי און גליקלעך! . . .

אָבער, ווי נעמט עס אַ מענטש, אין אַ פרעמדער שטוב, אין מיטן דערינען, און שיסט אַרויס אַ געזאַנג? . . . צום גליק האָט די באַלע־באָסטע אַליין — בעת זי האָט אָנגעהויבן אָפּראַמען פון טיש — אונ־טערגעברומט אַ מאַלאַרוסיש ניגענדל. מער האָב איך ניט געדאַרפט . . . איך האָב אונטערגעכאַפּט דאָס לידל און דאָס אָנגעצונדן — עס האָט אויפגעפלאַקערט און איך האָב געזונגען — צווערשט איינגעהאַלטן און באַלד פון דער פולער ברוסט, אַזוי אַז אַלע אין שטוב זיינען גע־בליבן שטיין אַנטציקט מיט אָפענע מיילער . . .

דער באַלעבאָס, מר. פליישמאַן, איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון מיין זינגען, אַז ער האָט אַרויפגעבראַכט פון קעלער נאָך אַ קרוג ווייַן, און מיין געזאַנג האָט זיך געטראָגן — העט ווייט איבער די פעלדער פון דער אידישער קאָלאָניע אַלייענס, ניו דזשוירזי.

מיין געזאַנג איז דערהערט געוואָרן פון אַ שכן אַ קאָלאָניסט, וואו עס האָבן זיך געפונען צוויי דערוואַקסענע בחורימלעך, וועלכע זיינען געווען בעלנים צו גיין זען: ווער זינגט עס דאָרט ביי די פליישמאַנס? . . . האָבן זיי גענומען ביכער אונטערן אָרעם . . . און זיינען אַריינגע־קומען און געבליבן שטיין פאַרשעמטע ביי דער טיר מיט די ביכער אונטער די אָרעמס . . . איז צוגעקומען מיין חבר קאָלקער און זיי מיר פאָרגעשטעלט: איצעק און אהרן סטראַזשניק, שכנים אונדזערע. דער פאָטער זייערער איז אַ פאַרמער און דער קצב פון דער קאָלאָניע; צוויי מאָל אַ וואָך שטעלט ער צו פלייש פאַר די קאָלאָניסטן, און פרוי פליישמאַן רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער, אַז דאָס איז זייער אַ פיינע משפחה: די מוטער זייערע,ביילע, האָט אַ גאָלדענע נשמה; און אַ 15־יעריגע טאָכטער האָט זי, מיטן נאָמען מירעל. האָסט נאָך, זאָגט זי, אַזאַ פאַרשוין פון אַ מיידל ניט געזען! זי איז די שענסטע מיידל אין דער קאָלאָניע, אַן אמת׳ע „מאַדאָנע״!

איך באַקען זיך מיט די צוויי ברידערלעך — געזונטע, לעבנס־לוסטיגע חברה. מיר ווערן באַלד גוטע ברידער, און נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעהוליעט דעם אָוונט, האָבן זיי מיך איינגעלאַדן אויפמאָרגן צו קומען צו זיי צו גאַסט. זיי האָבן זייער אַ גוטן יונגן פערד. וועט מען אים איינשפאַנען און מען וועט מיט מיר אַרויספאָרן מיר ווייזן — ניט נאָר די קאָלאָניע אַלייענס. נאָר אויך די אַנדערע צוויי קאָלאָניעס: כרמל און ראָזענהיים. וועלכע געפינען זיך אַ פאָר מייל ווייט איינע פון די אַנדערע.

דער איינגערער פון די צוויי ברידער, אייזיק, אַ בחורל פון אַ יאָר 18, מיט שוואַרצע געגרייזעלטע האָר — און אַ שטענדיגן אַביסל לעקישעוואַטן שמייכל אויף די ליפּן — האָט חשק איך זאָל נאָך היינט אָוונט גיין צו זיי און ביי זיי נעכטיגן. אָבער פרוי פליישמאַן פּראָ־טעסטירט. זי וויל איך זאָל די נאַכט שלאָפן ביי זיי. מאָרגן, אום ירצה השם, נאָך פרישטיק, קאָנען זיי קומען נאָך מיר. סיי ווי סיי וועלן

זיי, די פליישמאַנס, מאָרגן, זונטיק, זיין פאַרנומען מיט דער אַרבעט ביי די הויזן (ווייל שבת אַרבעטן זיי ניט). און אַזוי ווי מאָרגן פאַר־נאַכט דאַרף איך צוריקפאָרן אין שטאָט, וועל איך דעם טאָג פאַרברענ־גען מיט די סטראַזשניקס און זיי וועלן מיר ווייזן די נייע אידישע ישובים. אַזוי בלייבט עס. די בחורים זיינען אַוועק. מיר האָט פרוי פליישמאַן אויסגעבעט אַ געלעגער אויף איינעם פון די האַרטע שניי־דער־טישן, וואו איך בין געשלאָפן אַ סך געשמאַקער ווי דער רוסישער קיסר אין זיין גאָלדענער בעט . . .

4

אויפמאָרגן, גאַנץ פרי, זיינען די צוויי חברה־לייט געקומען מיט אַן „אוקאַז" פון דער מוטער, אַז זיי זאָלן מיך ברענגען צו זיי אַהיים. צו פרישטיק. ניט אַנדערש! האָב איך זיך ניט געלאָזט בעטן און בין געגאַנגען, נאָך מיטן שלאָף אויף די אויגן . . .

אַריינקומענדיק אין דער דאָזיגער אָרעמער כאַטקע, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי צימערלעך: — צוויי אונטן, און אַ דאַך שטיבל, אויבן — האָב איך געפונען די מוטער,ביילע סטראַזשניק, אַ זייער סימפּאַטישע, דיקלעכע פרוי, עטוואָס אַריבער די מיטעלע יאָרן, מיט קורצזיכטיגע, גרויע אויגן. זי איז געשטאַנען און געבאַקן פלעצלאַך פאַר פרישטיק.

די 15־יאָריגע מירעל, היפשלעך אַנטוויקלט פאַר אירע יאָרן, אָנגעטאָן אין אַן אַלט, צעריסן קליידל, מיט אַ פּאָר מענערשע שיך אויף די פיס, איז געשטאַנען אויף די קני — און מיט אַ גרויסער באַרשט אין האַנט געהאַלטן אין פאַרענדיקן שקראַבען די פּאָדלאָגע. ווען זי האָט דערהערט אונדז אָנקומען, האָט זי זיך שנעל אַ הויב גע־טאָן און איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר — איבערלאָזנדיג איר קלאַפּערצייג מיט אַלץ מיט אַנאַנדער . . . ווען איך בין אַריין אין שטוב האָב איך געזען בלויז, ווי עס איז איר נאָכגעלאָפן איר בלאָנדער, געדיכט פאַרפלאָכטענער צאָפּ, פאַרבונדן מיט אַ רויט סטענגעל ביים ברעג. לעבן אויוון איז געזעסן דער פאָטער, דער אַלטער משה סטראַזשניק, אַ פעסט־געבויטער אידל מיט אַ גרויער באָרד, אַן אָפּען

פּנים און רויטע באַקן. ער איז גיכער ענלעך געווען צו אַ קאַ־צאַפּ ווי צו אַ אידן . . .

די אַלטע לייט האָבן מיך אויפגענומען מיט אַן אויסערגעוויינלע־כער פריינדשאַפט און מיך געבעטן איך זאָל זיך פילן ביי זיי אַט אַזוי ווי ביי זיך אינדערהיים. זיי האָבן זיך אַנטשולדיגט פאַר דער אָרעמ־קייט פון דער אויסשטאַטונג פון זייער שטיבל. און דער אַלטער האָט געלאַכט און זיך געריבן די הענט: — מען דאַרף גיין אין קעלער אַרויפברענגען אַ ביסל וויין . . . — וואו איז זי ערגעץ, די נאַרישע מויד? וואָס איז זי אַנטלאָפן? האָט זיך פאַרשעמט פאַר׳ן גאַסט... אַ נאַריש קעלבעל . . . שעמט זיך פאַר מענטשן . .

פון אויבן, פון דאַך־שטיבל, האָב איך געהערט אַ פרישן, קלינ־גענדן געלעכטער פון עטלעכע קינדער. און זעענדיג אַז איך שטער די ניט־פאַרענדיגטע אַרבעט אין שטוב, זאָג איך צו די בחורים: קומט, חברה, ווייזט מיר אייער „מאַיאַנטעק״, אייער פאַרם.

זיי לאָזן זיך ניט בעטן, גיבן אַ שפרונג צו דער טיר, און מיר גייען אַרויס צוריק אין דרויסן.

ניט ווייט פון דעם שטיבל איז געשטאַנען אַ גרויסע שפּאָגל־נייע געפּאַרבטע שטאַל, האָט מען מיך געפירט קודם כל אָנקוקן דאָס „פערד״, מיט וועלכן חברה האָבן אַזוי שטאָלצירט, אַז ער קאָן אַריבער־יאָגן די באַן . . . דערזעענדיג אַ לייטער צום בוידעם פון שטאַל, דאַרף מאַן אַרויפקריכן און זען, וואָס דאָרט טוט זיך. עס שמעקט היי — פרישער היי, פונקט ווי אין קלמן מיראָנטשיק׳ס פּאָסעסיע . . . און עס ווילט זיך מיר אַ וואָרף טאָן אין היי אַריין, פונקט ווי איך פלעג דאָס טאָן אויף דער פּאָסעסיע מיט מיין חבר הערשלען . . .

באַטראַכט אַלץ וואָס איז געווען אין שטאַל, דאַרף מען גיין צו דעם „וואָסער פּאָמפּ״, וואָס איז געווען הינטערן שטוב, און אַרום וועל־כער עס האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע הינער. די הילצערנע פּלאַט־פאָרם אַרום דעם פּאָמפּ איז שוין געווען ערטערווייז צעפוילט און צע־בראָכן. זאָג איך צו די צוויי ברידערלעך, אַז אָנשטאָט צו פאָרן שפּאַ־צירן זאָלן מיר בעסער פאַרריכטן די פּלאַטפאָרמע. צעלאַכן זיך די חברה און זאָגן: — „אויב איר ווילט אַרבעט, איז דאָ נאָך!״ — און מען ווייזט מיר אַ צעבראָכענע קעלער־טיר.

— אויב אַזוי, — זאָג איך, — טאָ לאָמיר זיך טאַקע שוין נעמען צו דער אַרבעט . . .

רופט זיך אָפּ אהרן, וועלכער איז געווען דער עלטסטער זון, און וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט געיאָגט נאָך אַרבעט (דערויף האָבן עדות געזאָגט זיינע ווייכע, פּוכקע הענטלעך): — ניין, ניט פֿאַר פרישטיק. וואָס איז דאָס געאייל? „מען וועט" עס שוין פֿאַרריכטן.

אָבער איך שלעפּ די בחורים אין שטאַל. איך וויל זען דאָס געצייג זייערע. כ'האָב אַ נעם געטאָן די שטומפּיגע האַק און געמאַכט די חברה דרייען דעם רונדן שאַרף־שטיין, און אַרויפגיסנדיק אַ ביסל וואַסער אויפ'ן שטיין, בעת זיי האָבן שנעל געדרייט דעם שטיין, האָב איך זיי אָפּגעשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס מיט וואַסער . . . און זיי זיינען זיך צעלאָפן מיט אַ קוויטשעריי . . .

„ אויף דער טיר האָט זיך באַוויזן דער פאָטער און מיט אַ געלעכטער אונדז גערופן אין שטוב פֿאַר פרישטיק. „ניין", זאָג איך, „מיר גייען ניט ביז די האַק איז אָנגעשאַרפט; איך מוז פריער פֿאַרדינען מיין פרישטיק, איך בין ניט קיין דאַרמאָיעדניק . . .

אָנגעשאַרפט די האַק, טראָגט איר אייזיק אין שטוב אַריין, וויזן מיין אַרבעט דער מוטער, און ער לויפט פריער פֿאַר אונדז, — ווי אַ לאָשעקל . . .

אין שטוב איז אויפגעראַמט, ליכטיק און וואַרעם. עס שמעקן די פרישע פּלעצלעך, וואָס ליגן אויפ'ן ווייסן, געגרייטן טיש; עס ליגן די געקאָכטע אייער, די סמעטענע, די קעז, אַט פונקט ווי ביי רבקה דער פּאָסעסאָרקע . . . פון צווייטן צימער רוקט זיך אַרויס מיט ניט קיין זיכערע טריט מירעל. איר געטאָקטער פּנים איז רויט, פֿאַרפלאַמט . . . זי איז אָנגעטאָן אין אַ היימיש געמאַכט קורץ בלוי קליידל, מיט ווייסע שפּיצן אַרום האַלדז. אַרום טיש זיצן דריי קלענערע שוועסטערלעך — חייקע. סימע און גאָלדע. זיי זיצן סטאַטעטשנע . . . וואַרפן אויגן אויף מיר און אויף מירלען און שטיקן זיך מיט געלעכטער . . . אויסגעשאָסן האָבן זיי ערשט נאָך דעם, ווי אהרן האָט מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר מירלען, וועלכע האָט ניט געקאָנט קוקן אויף די קינדער כדי ניט אָנגעשטעקט צו ווערן פון זייער געלעכטער.. וואָס האָט זיך גענומען פון איר אַנטלויפן פון שטוב, בעת זי האָט מיך דערזען קומען, און איז

שיר ניט געפאַלן איבער די גרויסע מענערשע שיך, וואָס זי האָט גע־טראָגן ביים וואַשן די פּאָדלאָגע . . . חברה האָט, קענטיג, ניט געקאָנט פאַרגעסן די סצענע און האָט געלאַכט, זיך געקאָטשעט פון געלעכטער.

מיר זעצן זיך צום טיש — מירעל זעצט זיך אַנטקעגן מיר. זי שעמט זיך, רויטלט זיך, קאָן ניט אויסהאַלטן מיין בליק, און לאָזט אַראָפּ די גרויסע בלויע אויגן, ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט די הענט. מירעל איז אַנטציקנד שיין — כ'האָב נאָך באמת אַזאַ זיס ווען ניט געזען, און איך עס זי מיט די אויגן.

נאָך פרישטיק איז דער אַלטער אַוועק צו זיינע געשעפטן, מיט־נעמענדיק די צוויי בחורים. מירעל מיט איר אינגערער שוועסטערל חייקע ראַמען־צו פון טיש, און די מוטער ביילע זיצט מיט מיר ביים טיש און מיר שמועסן. זי דערציילט מיר די געשיכטע פון דער קאָ־לאָניע; ווי אַזוי זי האָט זיך געגרינדעט; ווי אַזוי זיי זיינען נאָך די פּאָגראָמען, אין די אַכציקער יאָרן, צוזאַמען מיט 49 אַנדערע פאַמיליעס געקומען אין אַמעריקע, און די דייטשע „יהודים" האָבן זיי געהאָלפן זיך באַזעצן דאָ, אין אַלייענס, וואָס איז געווען אַן אמת'ע וויסטעניש. מען האָט געהאָרעוועט איבער די כוחות. די געפּערלעכע מאָסקיטעס האָבן געריסן שטיקער, און מען האָט נאָך איצט אויך פון זיי געברענ־טע ליידן . . . און טאָמער זיינען די מאָסקיטעס ווייניג, זיינען דאָ „זאַמד פליי" אַלס אַ פאַרבייסן . . . די ערד איז פול מיט שטיינער און איז ניט פּאַסיג פאַר אַגריקולטור. די ערשטע פּאָר יאָר אין דער קאָ־לאָניע זיינען געווען שווידערלעכע. אַ טייל קאָלאָניסטן זיינען אַנט־לאָפן אין די גרויסע שטעט זוכן אַרבעט. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַר־טראָגן די קאַטאָרזשנע אַרבעט דאָ אויף דער פאַרם. איצט איז שוין גאָלד, אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי עס איז געווען די ערשטע פּאָר יאָר.

קיין הייזער זיינען ניט געווען. איז מען געלעגן אין אַ קאַזאַרמע, אין ענגשאַפט, אין שמוץ. נו, איז מען טאַקע פאַרבליבן צעקריפּעלטע, מענטשן זיינען אַלט געוואָרן פאַר דער צייט. מען ליידט פון רומאַ־טיזם און אַנדערע קרענק. זי, ביילע, בלייבט אַ ווײַלע שטיל, זיפצט שווער אָפּ, און רעדט ווייטער: „אַ שטיקל גליק איז געווען, וואָס די אַרומיגע שכנים, די אַמעריקאַנער פאַרמער, האָבן אויף אונדז רחמנות געהאַט און פלעגן קומען אונדז לערנען ווי אַנצוגיין מיט דער אַרבעט.

זיי זיינען געווען זייער גוט און פריינדלעך צו אונדז. ווען ניט זיי — וואָלטן מיר דאָ ניט געקענט אויסהאַלטן. און אַזוי לעבט מען און מען מאַטערט זיך. קיין לעבן פון דער פאַרם, אומשטיינס געזאָגט, — פּיפּצען אַקער שטיינערן לאַנד, אויך מיר אַ פאַרם! — קאָן מען קיין לעבן ניט מאַכן. זוכט מען זיך זייטיגע פרנסות. כמעט יעדע הויז האָט עפּעס אַ שאַפּקע — אַ געשפטל. מען פעדלט־אונטער צוביסלעך, מען האַלט באָרדערס און מען לעבט! אַלץ הייסט געלעבט . . . ״ איר מאַן איז קליימפּערשט אַ בוטשער, צעטיילט ער ס׳פלייש אָן געלט. קומט ער אין האָלסייל הויז נאָך אַ זייט פלייש, וויל מען אים אָן געלט ניט געבן . . . טוט זיך מעשים. די אַרבעט פאַלט אויף אירע פּלייצעס, קיין עין־הרע, אַ גרויסע פאַמיליע. הילף פון די קינדער האָט זי קנאַפּ וואָס, די עלטערע גייען אין סקול.

די האָפנהאַרציקייט און פאַרטרווילעכקייט, מיט וועלכע די אָרע־מע, אויסגעהאַרעוועטע פרוי דערציילט מיר פון איר שווער לעבן, רופט אַרויס ביי מיר די טיפסטע סימפּאַטיע. איך בין גערירט ביז טרערן. זי האָט זיך אַנטשולדיגט הלמאי זי האָט מיר אַזויפיל אַנדער־ציילט; זי גייט ניט אין ערגעץ, זעט קיין מענטשן ניט פאַר די אויגן, און עס ווילט זיך אַמאָל אַראָפּריידן פון האַרצן. און ניט פאַר יעדן קאָן מען ריידן . . . און אויפהויבנדיק זיך פון טיש, זאָגט זי צו איר טאָכטער: „מירעל, טו זיך אָן און גיי ווייזן אונדזער גאַסט די נייע שול און אַלע אַנדערע „חדושים״, וואָס איז דאָ צו זען אין אונדזער קאָלאָ־ניע. גיי, מיין קינד . . . ״

מירעל האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. אַ כאַפּ געטאָן איר מוטער׳ס שאַל, און מיר זיינען אַרויס אין דרויסן.

די פאַרם איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, אַזוי, אַז מען האָט גע־קענט זען פאַר מיילן אַרום און אַרום. פעלדער און וועלדער, די ליכ־טיגע זון האָט אַלץ באַגאָסן מיט גאָלד, און עס איז געווען אַזוי גוט, אַזוי גרינג אויפ׳ן האַרצן . . . און פון מיין האַלדז האָט זיך געריסן אַ ניגעלע. מירעל גיט אַ קוק אויף מיר פון דער זייט און זאָגט: „די ברי־דער מיינע האָבן מיר טאָקע דערציילט, אַז איר קאָנט שיין זינגען . . . זיי זיינען געלעגן כמעט די גאַנצע נאַכט און גערעדט פון אייך — און ניט געלאָזט איינשלאָפן . . .״

מיר לאָזן זיך גיין מיט׳ן וועג אַראָפּ באַרג. איך נעם מירל׳ען אונטער׳ן אָרעם און פרעג זי: „נו, און דו קאָנסט זינגען, מירעל? אַזאַ שיין מיידל ווי דו ביזט, קאָן מסתמא שיין זינגען אויך . . . ״

זי לאָזט מיך האַלטן איר האַנט און גיט אַ לאַך: „זינגען? פון וואַנען זאָל איך קאָנען זינגען? — סיידן איך זאָל זיך אויסלערנען זינגען פון די מאָסקיטעס . . . זיי זינגען אַזוי שיין, אַז פון זייער געזאַנג האָבן מיר זיך צו קראַצן . . .״

מיטאַמאָל באַווייזט זיך אויפ׳ן וועג אונדז אַנטקעגן אַ פערד־און־וואָגן. מירל באַפרייט לאַנגזאַם איר אָרעם פון מיין האַנט און זאָגט: „אָ, דער טאַטע איז שוין פאַרטיג מיט זיינע געשעפטן . . . ער פאָרט שוין אַהיים.״

מיר גייען ווייטער באַרגאַראָפּ, און אַז דער פאָטער מירעל׳ס דערזעט אונדז, שטעלט ער אָפּ דאָס פערד און מיט אַביסל אַ פריילעכן געלעכטער שרייט ער אויס הויך אויפ׳ן קול: „האַלאָ! איר גייט אַביסל שפּאַצירן? זייער גוט!״ זיין פּנים איז פאַרפלאַמט — ער גייט אָנגעטאָן אין אַ פאַרבלוטיגטן פאַרטוך און לאַכט (נאָר ער לאַכט). — „גיי, מירעל, ווייז אונדזער גאַסט די נייע שול, די באָד, דעם בית־עולם . . . נאָר זאַמט זיך ניט צו לאַנג, וועלן מיר גיין עסן אָנבייסן, דערנאָך וועט איר איינשפּאַנען „דיק׳ן״ (אַזוי האָט געהייסן דאָס פערד), און פאָרן זען די אַנדערע קאָלאָניעס.״ ער גיט אַ טרייב דאָס פערד און פאָרט אַרויף באַרג.

— דער פאָטער דיינער, — זאָג איך צו מירלע׳ן, — זעט אויס אַזאַ גוטער, אַ פריילעכער מענטש.

מירעל שווייגט אַ ווײַלע. זי הויבט אויף די שאַל ביז איבער דער מאָרדעטשקע און מורמלט אַרויס: — יאָ, צייטנווייז איז ער שוין אַביסל צו־פריילעך . . .

מיר געפעלט זייער מירעל׳ס איינפאַכקייט און קינדערשע נאַאיוויטעט און איך גיב זי אַ פרעג: — ביזטו שוין געווען אַמאָל אין פילאַדעלפיע, מירעל?

— איך שעם זיך אויסצוזאָגן, — מאַכט מירעל, נאָך אַלץ האַלטענדיג די שאַל אַרום איר מויל, עפּעס ווי זי וואָלט מורא געהאַט זיך אַרויסצוכאַפּן מיט ניט קיין פּאַסנדיגן וואָרט, — איך האָב נאָך קיין

גרויסע שטאָט ניט געזען פאַר די אויגן. איך זע זיי אין מײַנע חלומות . . .

איך גיי ביי איר זייט און שווייג. איך פאַרשטיי, די אָרעמקייט אין איר היים איז גרויס, — און מירעל האָט נאָך קיין רעכטן מלבוש אויף איר לייב ניט געטראָגן, — טרייסט איך איר און זאָג: „מירעל, דו ביזט נאָך יונג; וועסט נאָך צייט האָבן צו זען די „טייערע מציאה“, די גרויסע שטאָט מיט אירע מיליאָנען „לוין שקלאַפן“ . . . מיט די פאַרפעסטעטע לעכער, וואו די שקלאַפן וואוינען. אַ טייערע מציאה, די גרויסע שטאָט! האָסט גאָרניט אָנגעוואָרן . . .“

— דאָס איז דען אַלץ, וואָס מען קען זען אין דער גרויסער שטאָט? — קוקט מירעל אויף מיר מיט אירע גרויסע, נאַאיווע אויגן. — און וואו זיינען די פאַלאַצן, מיט די טעאַטערס, מיט די שיינע מוזע־אומס, די פאַרקן, די ביבליאָטעקן? . . .

— יאָ, — זאָג איך, — מירל, די אַלע שיינע זאַכן זיינען דאָ אין דער גרויסער שטאָט, אָבער זיי זיינען ניט פאַר אונדז, נאָר פאַר די רייכע ליידיגייער.

מירעל קוקט מיך אָן און איך רעד ווייטער:—איך האָס די גרויסע שטאָט ווי דעם טויט! איין בוימעלע דאָ אין דאָרף וועל איך ניט אויסבייטן פאַר דער גאַנצער שטאָט מיט אירע פאַלאַצן און מוזעאומס.

מירעל לאַכט און זאָגט: — „און איך האָס אָט דאָס פאַרשאָלטע־נע אָרט און וואָלט פון דאַנען אַנטלאָפן ווי פון אַ פעסט, וואוהין די אויגן וואָלטן מיך געטראָגן . . . “

מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט ווי מען רופט אונדז. מיר קערן זיך אום און זעען ווי איציק לויפט אונדז נאָך און רופט אונדז צוריק אַהיים און מאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט געטריבן מאָסקיטאָס פון זיך . . . ער דעריאָגט אונדז און, סאָפּענדיג ווי אַ גאַנדז, זאָגט ער: „קומט צוריק אַהיים, וועלן מיר עסן מיטאָג און דאַן וועלן מיר פאָרן אייך ווייזן די קאָלאָניעס.“

מיר גייען צוריק אַרויף באַרג, איציק האַלט מיך אונטערן אָרעם און ער פאַנגט מיר ווידער אָן אויסרעכענען די גרויסע מעלות פון זיין „דיק׳ן“, דאָס פערד . . . ס׳אַ טייער פערד . . .

נאָך מיטאָג זאָג איך צו די צוויי בחורים: „חברה, איצט גייען מיר פאַרריכטן די צעבראָכענע פּלאַטפאָרמע פון דעם וואַסער־פּאָמפּ. עס גייט צום ווינטער און דאָס דאַרף געטאָן ווערן איידער עס קומט אַ גרויסער שניי. און אויך די קעלער טיר ווען מיר היינט פאַרריכטן.״ עס האָט ניט געהאָלפן דער פּראָטעסט פון ביילע׳ן, וועלכע האָט גע־טענה׳ט, אַז איך בין אַ „גאַסט״ און עס איז נאָך דאָ צייט, ווען איך וועל קומען אַ צווייטן מאָל — אָבער איך האָב מיינ׳ס אויסגעפירט. מען האָט מיר געגעבן אַ פּאָר אָווערגאָלס און איך האָב זיך אַ נעם גע־טאָן צו דער אַרבעט, און בעת מעשה געזונגען אויף אַ קול, וואָס מען האָט געקאָנט הערן איבער אַלע דריי קאָלאָניעס . . .

אין אַ פּאָר שטונדן אַרום בין איך געווען פאַרטיג מיט דער אַר־בעט. איך בין אַריין אין הויז זיך אַרומגעוואַשן, און איצט האָב איך זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים . . . ס׳איז עפּעס גאָר ניט געווען צו גלויבן, אַז איך האָב זיך אָט ערשט מיט די מענטשן באַקענט . . . און אַז איך וועל באַלד גאָר דאַרפן פאָרן צוריק אַהיים, צוריק אין דער גרויסער שטאָט אַרבעטן און קריכן אויפ׳ן לייטער צו מיין דאַך שטיבל שלאָפן מיט ר׳ שלמה׳ן — און מיט די וואַנצן . . .

מיין באַן גייט אָפּ זיבן אַזייגער און עס איז שוין 4. האָב איך ניט מער ווי דריי שטונדן צייט דאָ צו פאַרברענגען; אָבער מירעל דער־מאָנט זיך, אַז פון ווינלאַנד גייט אָפּ נאָך אַ באַן 9 אַזייגער, ווערט אַ שמחה, אַ גדולה אין שטוב. אפילו דאָס קליינוואַרג טאַנצן־אונטער און פּאַטשן מיט די הענטלעך: אַיי, גוט! עס קומען זיך צוזאַמען עט־לעכע בחורים און מיידלעך פון דאָרף, קינדער פון קאָלאָניסטן. מען שטעלט מיך פאָר פאַר זיי. זיי רעדן אַלע ענגליש און איך ענטפער אויף אידיש. מיין ענגליש איז נאָך רוי און איך האָב מורא אַרויסצו־רעדן אַ וואָרט מען זאָל ניט לאַכן פון מיר . . . און טאַקי צוליב דעם האָב איך זיך געפילט זייער מינדערווערטיג. אָבער נאָר ביז מען האָט מיך גענומען בעטן איך זאָל עפּעס זינגען . . . דערנאָך בין איך געווען דער צענטער פון „באַוואונדערונג״ . . . און ביז 8 אַזייגער אין אָוונט

האָב איך אויסגעזונגען אַלע מיינע לידער און דעקלאַמאַציעס, אַז עס האָט מיר גענומען טריקענען אין האַלדז . . .

אַכט אַזייגער האָב איך זיך מיט אַלעמען צעזעגנט. די מוטער האָט זיך צעקושט מיט מיר און מיך האַרציג געבעטן איך זאָל קומען נאָכאַמאָל, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, אפילו אין אַ וואָך אַרום . . .

צו דער באַן זיינען געפאָרן מיט מיר, פאַרשטייט זיך, מירעל מיט איר עלטערן ברודער אהרן. און אויפ׳ן וועג האָב איך ווידער געזונגען און מירעל מיט אהרנ׳ען האָבן מיר שטילערהייט אַרויסגעהאָלפן. און אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין ווײַנלאַנד, וואָס איז געווען אינגאַנצן 4 מייל פון אַלייענס, איז די באַן נאָר וואָס אָפּגעגאַנגען פון וואָקזאַל... מיט איין מינוט געקומען צו שפּעט . . .

שטאַרק צום האַרצן האָב איך זיך דערפון ניט גענומען . . . נו, מילא, וועל איך פאַרלירן אַ טאָג אַרבעט. די מאַמע וועט שרייען און שילטן? — בין איך שוין געוואוינט דערצו . . . די פראַגע איז נאָר, צי וועל איך האָבן פּלאַץ צום שלאָפן ביי די סטראַזשניקס אין הויז?

אַודאי איז דאָס געווען אַ נאַרישע פראַגע, ווייל כ׳האָב זיך דער־מאָנט אָן דעם בוידעם מיט׳ן פרישן שמעקעדיקן היי — וואָס קען זיין בעסער? . . .

ווען מיר זיינען צוריק אַהיים געקומען, זיינען שוין די שטוביגע געשלאָפן. מירעל האָט אונטערגעשאָטן קוילן אין אויוון, און מיר ביידע זיינען געזעסן ביים אויוון ביז די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען . . . כ׳האָב איר אַלץ דערציילט, נאָר ניט פון מיין ליבע צו אסתר׳קען.

אויפמאָרגן זיינען מיר געפאָרן באַזוכן די אַנדערע צוויי קאָלאָ־ניעס, כרמל און ראָזענהיים. ביי די סטראַזשניקס אַ פריינט אין כרמל האָבן מיר געגעסן מיטאָג און געטרונקען אַ היפּש ביסל וויין, און איך האָב זיי דאָרט אָנגעזונגען אַ פולן קאָפּ . . .

דערנאָך זיינען מיר געפאָרן אין ראָזענהיים. דאָרט אויך באַ־זוכט אַ פריינט זייערן, און ווידער געטרונקען וויין . . . אַזוי איז אַוועק דער מאָנטיקדיגער טאָג און איך האָב שיר־שיר ניט פאַרשפּעטיגט די באַן צום צווייטן מאָל . . .

און אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך נאָר אַוועקגעזעצט אין באַן, בין איך איינגעשלאָפן און דער קאָנדוקטאָר האָט מיך געדאַרפט אויפוועקן

אין פילאַדעלפיע. און ווען איך בין אַרויס פון וואַגאָן, האָב איך גאָר קיין חשק ניט געהאַט אַהיים צו גיין . . . אויפ׳ן האַרצן איז מיר געווען אַזוי יום־טוב׳דיג. מירעל׳ס ליכטיגע געשטאַלט האָט כסדר געשוועבט פאַר מיינע אויגן און מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט צעשטערן אָט דעם טייערן „יום־טוב“, וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון מיין האַרצן . . . די אידישע קאָלאָניע „אַלייענס, ניו דזשוירזי“ איז פאַר מיר געווען אַ געפונענער אוצר, וואָס איך וואָלט ניט אַוועקגעגעבן פאַר ראָטשילד׳ס פאַרמעגן . . .

מיין צווייטער באַזוך אין דער אידישער קאָלאָניע, אלייענס, ניו דזשוירזי

פון מיין ערשטן באַזוך אין דער קאָלאָניע און מיין באַפריינדן זיך מיט דער משפחה סטראַזשניק בין איך צוריקגעקומען מיט אַ געפיל, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געוואונען דאָס גרויסע געווינס . . . איך בין געוועזן איבער די אויערן פאַרליבט אין דער 15־יעריגער מירעל. און עפּעס האָב איך גענומען פילן, אַז איך ווער שטאַרקער און זיכערער אויף די פיס, ווי ווען עס איז פריער. מיין קאָפּ אַרבעט קלאָרער, רו־איגער. איך האָב געפונען עפּעס, וואָס איך האָב לאַנג געזוכט . . . און איצט האָב איך פאַר קיינעם קיין מורא נ׳ט. די וועלט איז מיינע . . .

איך אַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק, פאַרדין ניט שלעכט; איך גיי אין אָוונט־שול און לערן זיך ענגליש, און אַז ס׳איז געקומען וואַשינג־טאָנ׳ס געבורטס־טאָג, פאָר איך ווידער אויף אַ פּאָר טעג אין אַלייענס צו מיין געליבטער.

זונטאָג, גאַנץ פרי, זיץ איך שוין אין דער באַן, וואָס גייט קיין ווײַנלאַנד.

די גאַנצע נאַכט איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי און אויסגע־שפּרייט אַ בלענדנד־ווייסן ליילעך אויף די פעלדער, די וועלדער און די דעכער פון די הייזער. די באַן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, גייט ניט אויף קיין רעדער, נאָר גליטשט זיך אויפ׳ן שניי . . . איך האָב געהאָפט, אַז אין ווײַנלאַנד וועל איך אָנטרעפן אַ קאָלאָניסט פון אַליי־ענס, מיט וועמען איך וועל אונטערפאָרן די 4 מייל. אָבער אַז איך בין אַרונטער אויפ׳ן ווײַנלענדער וואָקזאַל, בין איך געוועזן דער איינציי־גער לעבעדיגער נפש. דער שניי, וואָס איז געלעגן אויף דער פּלאַט־פאָרם פון וואָקזאַל, איז ניט געוועזן באַרירט פון קיין מענטשלעכן פוס. ס׳איז זונטיק אינדערפרי. די שטילקייט ווערט איבערגעריסן פון אַ

קירכן־גלאָק. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן — ניט צו זען קיין מענטשן! נעם איך דאָס גרויסע פעקל מיינס מיט דעליקאַטעסן, לאָז זיך גיין צופוס קיין אַלייענס.

דער ברייטער שליאַך, וואָס פירט צו דער קאָלאָניע, איז פון ביידע זייטן באַפלאַנצט מיט געדיכטע בוימער, וואָס שטייען ווייסע, איינגע־הילט אין פרישן שניי. דער שניי סקריפּעט אונטער מיינע פיס און דערמאָנט מיך ווידער אָן דער היים . . .

איך שפּאַן מיט ברייטע טריט אין דעם פרישן שניי, פריילעך אונטערפּייפנדיג אַ ניגעלע, און בעת מעשה טראַכט איך און שטעל מיר פאָר די פרייד און איבעראַשונג ביי די סטראַזשניקס אין שטוב בעת איך וועל פּלוצלינג אומדערוואַרט אַריינקומען אין שטוב אַריין . . .

די לופט איז פריש און דערקוויקענד. די שטילקייט אַרום איז אַזוי מחיה׳דיג, אַז מיר גלוסט זיך אונטערטאַנצן. מיטאַמאָל דער־טראָגט זיך צו מיין אויער אָן אויסגעשריי: „וויאָ! געט אָפּ דהער״! ידו אַלטע שקאָפּע, ריר זיך!) און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער דאָס סקריפּען פון רעדער הינטער מיר.

איך דריי זיך אום און זע פון ווייטן אָנקומען אַ פערד־און־וועגע־לע. אָן אַלט, אָפּגעקראָכן ווייס פערדל העצקעט זיך אונטער אין דעם שניי און איך זע אָן אַלט פּאָר־פּאַלק זיצן אין וועגעלע אויף אַ הינער־שטייג. זיי זיינען היפּש אָנגעפּעלצט און איינגעוויקלט אין שאַלן, אַז מער ווי די בלויע נעזער זעען זיך ניט אַרויס . . .

און אַז דאָס פערד־און־וועגעלע איז צוגעקומען נאָענט צו מיר, טרעט איך אָפּ אָן אַ זייט און שריי אויס: „איר פאָרט אפשר אין אַלייענס?!״

אָן אַלטער איד מיט אַ שפּיציק בערדל, אין אַ שמויסען פויערשן קוטשמעלע אויפ׳ן קאָפּ, שטעלט אָפּ דאָס פערדל. ער רוקט אַרויף דאָס היטל, כדי אַרויסצובאַקומען דעם רעכטן אויער . . . צו וועלכן ער לעגט צו די האַנט און מיט אַ טויב קול שרייט ער אויס: „האָ? וואָס זאָגט איר? כ׳הער ניט! . . .״ גיי איך צו נאָענט און שריי אים אין אויער אַריין: „איר פאָרט אין דער קאָלאָניע אַלייענס?!״

רוקט ער אַראָפּ צוריק דאָס היטל און זאָגט מיט אַ טויב קול: „קריכט אַריין אין וואָגן, זייט מוחל . . .״

וואַרף איך צוערשט אַריין מײַן פּעקל אין דעם מיט שטרוי אויס־געבעטן וואָגן, און שפּרינג אַרויף און שטעל זיך אויף די קני הינטער דעם פּאַר־פּאָלק׳ס פּלײצעס.

דער איד שרײַט צו מיר: „נו, איר זיצט שוין?"

— יאָ, איך זיץ שוין! — שרײַ איך אים גלײַך אין אויער אַרײַן. ער נעמט ווידער טרײַבן דאָס פערדל, אָבער עס רירט זיך ניט פון אָרט. נעמט דער איד די בײַטש, הויבט זי אויף אין דער הויך, גיט איר אַ דרײ איבער מײַן קאָפּ. די בײַטש כאַפּט אַרום מײַן שפּאָגל נײַעם האַרטן קאַפּעליוש און וואַרפט אים אַרונטער צווישן די רעדער פון וואָגן. דערווײַל האָט דאָס פערד אַ צי געטאָן דעם וואָגן און די הינ־טערשטע ראָד שנײַט־איבער מײַן נײַעם קאַפּעליוש פּונקט אין דער מיטן . . . איך בין נאָכגעשפּרונגען דעם קאַפּעליוש מײַנעם פּונקט אײן סעק׳נדע צו שפּעט . . . נו, מילא, האָב איך שוין צוויי קאַפּעליושן . . . און מיר פאָרן ווײַטער!

אין עטלעכע מינוטן אַרום, ווען דאָס פערדל האָט ווידער גענומען זיך אונטערהעצקען אַזוי געמיטלעך, שרײַט דאָס אידל מיט׳ן טויבן קול: „צו וועמען פאָרט איר? און ווער זײַנט איר? . . ."

— צו די סטראַזשניקס! — שרײַ איך, און מײַן ווידערקול קלינגט אָפּ אין דער פרימאָרגן לופט.

די אידענע דרייט אויס צו מיר דעם קאָפּ, פון צווישן די שמאַטעס שטעקט זי אַרויס אַ שפּיציג מאָרדעטשקע. זי קוקט אויף מיר מיט אירע רויטע, פאַרטרערטע אויגן און קוויטשעט אַרויס: „צו משה בוטשער פאָרט איר?" — און זי ווײַזט מיר אירע רויטע יאסלעס — ניט אײן צאָן אפילו אויף אַ רפואה . . .

— ניין! ניט צו משה בוטשער — שרײַ איך — נאָר צו די סטראַזשניקס!

— שרײַט ניט אַזוי! — ענטפערט די אַלטע, — מײַן מאַן איז טויב, ניט איך . . . איר רופט אים „סטראַזשניק", און מיר רופן אים משה בוטשער. ס׳איז דיזעלבע יענטע . . . אַ סימן האָט איר: זײַן ווײַב הייסט בײַלע, אַ יאָ? . . . און זיי האָבן אַ שײן מײדל מיט׳ן נאָ־מען מירעל, אַ יאָ? . . .

— יאָ, — זאָג איך, — איר האָט געטראָפן!

— ווער־זשע זענט איר? — לאָזט די אַלטעטשקע מיך ניט אָפּ.
— איר זייט אפשר דער יונגערמאַן, וואָס מען זאָגט, אַז איר׳ט זיין מירעל׳ס חתן, האַ? . . .
— ווער, — זאָג איך, — קאָן דאָס וויסן? אפשר בין איך דאָס דער יונגערמאַן, און אפשר ניט . . .
— מען זאָגט, אַז איר זענט אַ זינגער, אַ טענצער. ס׳איז אמת?
— יאָ, — זאָג איך, — איך בין אַ זינגער און אַ טענצער! און איך שיס אויס אַ געלעכטער, וואָס קלינגט־אָפּ אין דער לופט. דער אַלטער טויבער איד האָט דערהערט מיין געלעכטער, קוקט ער אויף מיר מיט טרערנ־פאַרלאָפענע אַלטע אויגן און שרייט מיט אַ טויב קול: „וואָס־זשע איז אייער טועכץ?״ שווייג איך אַ ווײלע און טראַכט וואָס איך זאָל אים ענטפערן . . . מיינט ער, אַז איך האָב אים שוין געענטפערט, נאָר ער האָט ניט דערהערט . . . שטורכעט ער די אַלטע זיינע אין זייט און פרעגט איר: „וואָס זאָגט ער, איז ער? . . .״
שריי איך אים אין אויער אַריין: — „איך בין אַן אַרטיסט!״
— אַ ־ אַ, וואָס זיינט איר?
— אַן אַרטיסט! אַ קינסטלער! — שריי איך אים אין אויער אַריין — אַ קינסטלער!!
— האַ! האַ! אַ „קינצלער״ זענט איר? דאָס הייסט: אַזוינער וואָס קוליעט זיך איבער? . . . האַ? — ענטפערט דער אַלטער און שמייסט דאָס פערדל און איך דאַרף אַלע ווײלע אַנבויגן דעם קאָפּ, ער זאָל מיר ניט דערלאַנגען מיט דער בייטש אין קאָפּ.
— איז מאַכט איר כאָטש אַ „פיין״ לעבן פון אייער קינצלעריי? — פרעגט די אַלטע.
— אַלץ הייסט אַ פיין לעבן, — זאָג איך: — הלואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן . . .
— און וואָס איז אייער טועכץ? — פרעג איך דער אַלטער . . .
ענטפערט זי מיט אַ זיפץ: — אָ, מען טוט, מען פאַרמערט, מען פירט אייער אין ווײנלאַנד צו פאַרקויפן. מען האַלט באָרדערס, דער אַלטער קנעלט־אונטער צו־ביסלעך. ס׳איז אַ קלאָג צו קאַלאָמבוס׳ן מיט אַזאַ טועכץ . . . מען מוטשעט זיך אויף דער עלטער. וואָס קאָן מען טאָן?

דאָס פערדל האָט ענדלעך אַריינגעהעצקעט זיך אין דער קאָלאָניע. אָט זע איך שוין פון ווייטן דאָס בערגל, וואו עס שטייט די סטראַזשניק׳ס כאַטקע צוגעדעקט מיט קלאָר ווייסן שניי. איך באַדאַנק די אַלטע לייט פאַר׳ן אונטערפירן מיך. זיי ווילן מיך צופירן ביז צו דער שטוב, אָבער איך האָב ניט קיין געדולד . . . כאַפּ מיין פּעקל און שפּרינג אַראָפּ פון וואָגן און לאָז זיך גיין אַרויף באַרג מיט אַ ציטערדיק האַרץ. די ערשטע, וואָס האָט מיך דורכ׳ן פענסטער דערזען אָנקומען, איז געווען דווקא מירעל, וואָס האָט אַ געשריי געטאָן: — אָט גייט „ער״ . . . ! און איז אַרויסגעלאָפן אין דאַך־שטיבל זיך איבערטאָן. איך האַלט די אויגן אויפ׳ן שטיבל און זע ווי די טיר גיט זיך אַן עפן־אויף און די צוויי ברידער — אהרן און אייזיק, — לויפן מיר אַנטקעגן מיט די הוילע קעפּ, אָן רעקלעך. מען לויפט און מען שרייט: „האַלאָ, האַלאָ!״

זיי צעקושן זיך מיט מיר און אייזיק כאַפּט אַרויס דאָס פּעקל פון מיינע הענט, טוט אָן אויף זיין קאָפּ מיין צעבראָכענעם קאַפּעליוש . . . און לויפט אַוועק פאָראויס אָנזאָגן די בשורה.

אין שטוב שטייען אַלע מיט ליכטיגע, שיינענדיגע פּנימער און נעמען מיך אויף מיט אָפענע אָרעמס. דאָס קליינוואַרג רינגלט מיך אַרום פון אַלע זייטן . . . און הענגען זיך אויף מיין האַלדז. דער אַלטער משה שטייט ביים אויוון, רייבט זיך די גרויסע פעטע הענט און לאַכט: — „ז י האָט אָבער געזאָגט, אַז דו וועסט היינט קומען. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז ביי די נאַראָנים איז די נבואה — כאַ, כאַ, כאַ, — שמעלצט ער זיך לאַכנדיג.

— ווער, — פרעג איך, — האָט דאָס נביאות געזאָגט, מירעל?...

— אודאי מירעל, ווער דען? — טרייסלט זיך דער אַלטער פון געלעכטער . . .

פון צווייטן צימער קומט אַריין די מוטער ביילע. איר פּנים איז געל ווי וואַקס, די אויגן פאַרוויינטע, מיט גרויסע טרערן־קישעלעך אונטער זיי. זי נעמט מיך אַרום, קושט מיך האַרציג און זאָגט: — האָסט זייער גוט געטאָן, עלי־בער, וואָס דו ביזט געקומען. מיר האָבן אַלע געבענקט נאָך דיר. לאַנג לעבן זאָלסטו, וואָס דו ביזט געקומען. ביזט ביי אונדז אַן אָנגעלעגטער גאַסט, אַ טייערער גאַסט.

עס מישט זיך אַריין אהרן: — עס וואַרט אויף דיר, — זאָגט ער — אַ דזשאָב, דער ווינט האָט אָפּגעריסן אַ טיר פון שטאַל . . .

די שטוב הילכט פון געלעכטער . . . דער פאָטער עפנט די היג־טער־טיר און שרייט: — מירעלע! וואו ביזטו פאַרפאַלן געוואָרן? מען דאַרף גרייטן צום טיש. אייזיק, גיי אַראָפּ אין קעלער, צאַפּ אָן אַביסל ווייַן פון קליינעם פעסל.

איך לייג אַוועק דאָס פעקל אויפ׳ן טיש. צעבינד עס און שלעפּ אַרויס אַ פלעשל קאָניאַק. — „דאָס איז פאַר אייך, ר׳ משה; און אָט איז אַ שאַכטל שאָקאָלאַדע פאַר די קינדער, און אָט איז דאַרע קישקע און פאַסטראַמי, און נאָך שאַר־ירקות . . .״

עס ווערט אַ גדולה אין שטוב. איך דריי זיך אויס — אָט איז מירעלע! זי שטייט אַ שיינענדיגע, אַ פרישע, קוקט אויף מיר און רויטלט זיך. מיר דריקן זיך די הענט — און די קליינע גאָלדע שטופּט מירלע׳ן צו מיר און שרייט: — „קיס הים! קיס הים!״ . . . די אַנדערע צוויי קינדער לויפן אויך צו און שטופן מירלע׳ן אַריין אין מיי־נע אָרעמס און שרייען: — „קיס הים! ווהיי דאָנ׳ט יו קיס הים? מיר אַלע האָבן אים געקושט, קוש אים דו אויך!״ עס ווערט אַ געלעכטער און אַ צוויטשעריי. מירעל רייסט זיך פון זייערע הענט. איך כאַפּ זי אַרום און מיר צעקושן זיך. עס ווערט אַ הורראַ ביי דאָס קליינוואַרג. די ברידער קיבעצן איר, און זי, מירעל, לויפט זיי שלאָגן. און די שטוב קלינגט מיט געלעכטער . . .

מירעל גרייט צום טיש און איך שלעפּ נאָך אַלץ פון פעקל פרוכט און ניס, צעטייל עס צווישן דאָס קליינוואַרג און זאָג זיי צו, אַז באַלד נאָך מיטאָג מאַך איך פאַר זיי אַ שליטעלע — וועלן זיי קאָנען זיך שליטלען אַראָפּ באַרג. עס ווערט ווידער אַ שמחה צווישן קליינוואַרג. ביים טיש נעמען מיר צו קאָפּעטשקעס פון מיין פלעשל קאָניאַק. דער אַלטער פאָסמאַקעוועט זיך מיט דעם ביסל בראָנפן, און איך דערצייל פון מיינע אויספעכן. איך דערצייל ווי מיין ערשטער באַזוך ביי זיי מיט אַ פאַר חדשים צוריק האָט מיר געקאָסט מיין דזשאָב. דער פאַר־מאַן פון שאַפּ האָט מיך באַשטראָפט, ווייל איך האָב פאַרלוירן אַ טאָג אַרבעט, און דערפאַר האָב איך איצט אַ בעסערן דזשאָב און איך האָב געקראָגן הונדערט דאָלאַר אַ מתנה פאַר מיינער אַן „ערפינדונג״, אַ

הובעל אַזאַ, וואָס איך האָב געמאַכט. איך דערצייל זיי אויך, אַז מיין צווייטער באַזוך קאָסט מיר אַ נייע העט . . . און קלער בעת־מעשה:

„און ווער ווייס, וואָס דער דריטער באַזוך קאָן מיר קאָסטן? . . ."

און אַזוי ווי פון זינט מיין לעצטן באַזוך האָב איך די גאַנצע צייט ניט געזונגען, האָב איך באַלד נאָכ'ן עסן זיך צעזונגען אויף אַלע כלים . . . מירעל האָט מיר שטילערהייט אונטערגעהאָלפן. די מוטער איז געזעסן אַנטקעגן מיר, געשמייכלט, געקוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט, און איך האָב געפילט, אַז עפּעס טראָגט זי באַהאַלטן אַ טיפן צער. איר געלער פּנים האָט אויסגעזאָגט דעם סוד . . . דאָס האָט ביסלעכווייז אָפּגעקילט מיין געזאַנג און איך האָב גענומען דאָס קליינוואַרג און אַוועק אין שטאַל מאַכן פאַר זיי אַ שליטעלע.

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָבן די קינדער זיך שוין געשליטעלט אַראָפּ באַרג און דער קינדערשער געלעכטער האָט אָפּגעהילכט איבער די פאַרשנייטע פעלדער פון דער קאָלאָניע.

דעם גאַנצן אָוונט האָט די מוטער זיך אויסבאַהאַלטן פון מיר; אזן יעדעס מאָל וואָס איך האָב זי געזען, האָט זי רק געווישט די אויגן. און אַז איך האָב געפרעגט מירלע'ן: וואָס אייגנטלעך איז מיט איר מוטער? האָט מירעל אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך פאַררויטלט און ניט גערן געענטפערט: „די מאַמע פילט ניט גוט. זי האָט אַ קאָלד . . ."

6

די צוויי טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי די סטראַזשניקס זיינען אַוועק נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט. איך בין ווידער כמעט אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן מיט מירלע'ן ביים אויוון, זיך געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. איך האָב שטילערהייט איר אויסדערציילט מיין גאַנצע לעבענסגעשיכטע, אַנגעפּלאַפּלט אַ וועלט מיט נאַרישקייט, אָט ווי אַ יונג, פאַרליבט בחור'ל קאָן פּלאַפּלען . . .

און ווען די הענער האָבן זיך צעקרייט, האָב איך מירלע'ן אַרומגענומען און זי צודרינגלעך געבעטן זי זאָל מיר זאָגן: — וואָס פאַרט איז מיט איר מוטער? אפשר קאָן איך איר העלפן? אויב עס האַנדלט זיך וועגן געלט, וועל איך קריגן וויפיל געלט ס'איז נויטיג. איך זע

ווי די מוטערליידעט, און מיר טוט שטאַרק ווײ דאָס האַרץ פֿאַר איר.

אָבער מירעל שטייט לעבן מיר; איך האַלט איר אין מיינע אָרעמס, און זי פֿאַרשטעלט איר פֿאַררויטעלטן פּנים מיט ביידע הענט און שווייגט. זי באַפרייט זיך לאַנגזאַם פֿון מיינע הענט און לאָזט זיך גיין אויף די שפּיץ פֿינגער צו דער הינטער־טיר, וואו עס געפֿינען זיך די שמאָלע טרעפּלעך צום דאַך־שטיבל.

אָבער איך לאָז מירלע׳ן ניט אָפּ אין דעם פֿינסטערן קאַמערל. איך כאַפּ זי אָרום און האַלט זי פֿעסט אין מיינע אָרעמס און מורמל שטיל:

— מירל, דו מוזט מיר זאָגן, וואָס איז מיט דער מאַמען. איכ׳ל דיך ניט אָפּלאָזן ביז דו וועסט מיר אויסזאָגן דעם סוד.

אָבער אָנשטאָט מירעל זאָל פּרובירן זיך אַרויסרייסן פֿון מיינע אָרעמס, דריקט זי זיך צו צו מיר, אַז איך פֿיל איר האַרץ קלאַפּן, און זי שעפּטשעט מיר אין אויער אַריין:

— ס׳איז אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד . . . די מאַמע איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן . . . און זי דאַרף עס האָבן ווי אַ פֿינפֿטע ראָד צום וואָגן . . .

— נו, איצט ווייסט איר שוין, לאָזט מיך אָפּ, ווייל עס וועט באַלד אָנהויבן טאָגן . . .

— ניין, איך לאָז ניט אָפּ אָן אַ קוש . . .—

און עס איז געווען איינער פֿון יענע "קושן", פֿאַר וועלכע מען באַצאָלט אַ טייערן פּרייז . . .

ניו דזשוירזי׳ס מאָסקיטעס

(מיין דריטער באַזוך)

נאָך מיין צווייטן באַזוך אין דער קאָלאָניע אַלייענס, ניו דזשוירזי, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז, מירעל איז מיין אמת׳ער „זיווג״ . . . און איך האָב אָנגעהויבן שרייבן מיילן־לאַנגע „ליבעס בריוו״ צו מירלע׳ן . . .

גאַנצע נעכט פלעג איך אָפּזיצן אין מיין צימער און אויסגיסן מיין „געפילעכץ״ צו מיין געליבטער, וועלכע פלעגט אויף מיינע הויך־קלינ־גענדיגע פראַזן — ענטפערן מיט אַ קורץ, טרוקן, קינדיש בריוול . . . אין וועלכן זי פלעגט זיך באַקלאָגן, וואָס די מוטער אירע איז תמיד קראַנק און זי, מירעל, מוז נעבעך שווער אַרבעטן: צוויי מאָל אַ וואָך באַקן ברויט, וואַשן וועש און ראַמען די שטוב . . .

איך באַשליס, אַז אַזוי ווי עס קומט דער „יום טוב״ פערטער דזשו־ליי און איך וועל האָבן גאַנצע דריי טעג יום טוב, וועל איך פאָרן צו מיין געליבטער און זוכן אַ געלעגנהייט זיך איר צו „דערקלערן אין ליבע״ לויט אַלע רעגעלן פון שמר׳ס אַ העלד אין זיינע ראָמאַנען . . .

אויסגעפּוצט האָב איך זיך עכט זומערדיג מיט אַ שפּאָגל נייעם ווייסן אָנצוג, ווייסע שיך, אַ שטרויענעם הוט און אויך אַ פיינעם שפּאַציר־שטעקן. מיט איין וואָרט, אַ גאַנצער פראַנט! כ׳האָב אפילו ניט פאַרגעסן אָנצוקויפן אַ פּאַק מתנות פאַר די קינדער. און אַזוי בין איך, אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער, געפאָרן צו מיין געליבטער. אויף מיין מזל האָט אויך די זון דעם טאָג באַוויזן איר ליכטיג פנים, נאָך דעם, ווי עס האָט דריי טעג נאָכאַנאַנד גערעגנט אָן אויפהער.

אין דעם פּעקל נאַשערייען פאַר די קינדער האָט זיך אויך געפונען אַ פּעקל „ליטעראַטור״, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע „העפטן״

פון טענענבוימ׳ס די „געהיימניסע פון רוסישן קייזערליכן הויף״, וועל־
כע איך פלעג לייענען און שלינגען מיט אַן אַפּעטיט פון אַ הונגעריקן
וואָלף . . . מיין אַבזיכט איז געווען צו פאַרקלייבן זיך מיט מיין געליב־
טער ערגעץ אונטער אַ בוים, אָדער אין טיפן גראָז לעבן דעם טייכל,
וואו מיר פלעגן גיין זיך באָדן, אָדער גאָר אין דער נייער שטאַל אויפ׳ן
בוידעם אין דעם פרישן היי, און איכ׳ל פאַר מיין געליבטער לייענען די
וואונדערבאַרע געשיכטע, ווי אַזוי מיכאַאיל באַקונין פלעגט זיך פאַר־
שטעלן פאַר אַ גלח אָדער פאַר אַ באַנע און אָפּנאַרן די רוסישע פּאָלי־
ציי . . . וועלכע האָט אים פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט כאַפּן . . .

אָבער, ווי זאָגט דאָס ווערטל: „דער מענטש טראַכט און
גאָט לאַכט״. גיי ריכט זיך, אַז די דריי טעג רעגן וועלן ברענ־
גען אַזאַ גערעטעניש אויף „מאָסקיטאָס״, אַז זיי וועלן מיר צעשטערן
מיין יום טוב און מיך אַוועקשיקן אַהיים אַ חולה מסוכן! . . .

דער אמת איז, אַז נאָך איידער דער צוג איז אָנגעקומען אין אַליי־
ענס, זיינען פון די געדיכטע וועלדלעך און זומפּן, צווישן וועלכע דער
צוג איז געלאָפן, אַרויס אַן אַרמעי פון די דאָזיגע מזיקים, און דורך די
אָפענע פענסטער זיינען זיי אַריין אין וואַגאָן און מיך אַטאַקירט מיט
זייערע שאַרפע שפּיזן גאָר אָן רחמנות . . . ווי אמת׳ע היטלערס . . .

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ניט געשוויגן . . . און אַז מיר
איז געלונגען אַ פּאַטש טאָן מיין אייגענעם האַלדז מיט גרויס רציחה,
האָב איך די מאָסקיטאָ צעקוועטשט און עס זיינען געבליבן בלוט־
פלעקן אויפ׳ן האַלדז און אויף די פינגער; און ווען איך בין אַרויס פון
וואַגאָן, איז שוין מיין האַלדז געווען נישקשה׳דיג צעביסן און פול מיט
געשוואָלענע בערגלעך . . . אויף אַ ז אַ ברוך־הבא האָב איך זיך ניט
גערעכט . . .

ביים וואָקזאַל אין אַלייענס האָט מיך אָפּגעוואַרט מיין געליבטע
מיט׳ן שיינעם פערד־און־וועגעלע. דאָס וועגעלע אויף צוויי רעדלעך,
וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט, ווייל עס איז געווען פונקט גרויס גע־
נוג פאַר אונדזביידן, אין וועלכן מיר פלעגן אַרומפאָרן אין די לבנה
נעכט אויף די שטילע וועגן איינגעהילט אין הויכע, שאָטנדיקע
ביימער . . .

מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט, און אַז איך בין אַרויפגעשפּרונ־

גען אויפ׳ן וועגעלע און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מירלען, איז אַ שרעק־לעכע מחנה מאָסקיטאָס מיך באַפאַלן און געריסן שטיקער פון מיין פנים, פון מיין האַלדז און פון מיינע הענט. די לופט איז געווען אַזוי געדיכט מיט מאָסקיטאָס, אַזוי ווי פון הימל וואָלט גערעגנט מיט זיי... מיט צוויי נאַזטיכלעך אין ביידע הענט האָב איך געפאָכעט און זיי גע־טריבן פון זיך, אָבער עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

— דריי טעג האָט געגאָסן אַ שלאַק־רעגן, — זאָגט מירעל — און דאָס האָט געבראַכט די מאָסקיטאָס, וואָס לאָזן ניט לעבן. — אָבער איך זע פונדעסטוועגן, אַז זי, מירעל, זיצט גאַנץ רואיג און די מאָסקיטאָס אַטאַקירן איר ניט מיט אַזאַ ווילדקייט ווי מיך; און איר פנים און האַלדז ווייזן גאָר ניט קיין סימן פון קאַמף מיט די מאָסקיטאָס . . . פרעג איך זי: „היתכן, ווי קומט עס?״ — ענטפערט מיר מירעל, אַז די מזיקים זיינען געפערלעך פאַר אַ שטאָטישן מענטשן, בעת די אייגענע, די דאָרפ׳ס־מענטשן, האָבן אַ געוויסע „אימוניטעט״ קעגן זייער שטאָך, כאָטש זיי דערגייען גענוג די יאָרן די דאָרפס־מענטשן אויך.

מילא בקיצור, כ׳האָב קוים דערלעבט זיך אַריינכאַפּן אין שטוב אַריין און זיך אויסבאַהאַלטן פון מיינע שונאים, כאָטש די שטוב איז אויך ניט געווען אינגאַנצן פריי פון די מזיקים. מיין האַלדז און מיין פנים זיינען געווען אַזוי צעביסן, אַז ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז פון די בערגלעך אויפ׳ן האַלדז און אויפ׳ן פנים געוואָרן איין רויטע געשווילעכץ, וועלכע מען טאָר ניט קראַצן . . .

מירל׳ס מוטער, די גוטע ביילע, וועלכע האָט שוין דערוואַרט גאָר אין גיכן דעם אונגעוואונשענעם „גאַסט״, דאָס זיבעטע קינד, (ד. ה. אויב זי וועט ניט האָבן אַ צווילינג . . .) האָט גלייך גענומען מיר צו־לייגן נאַסע האַנטיכער מיט עסיג, אָבער ס׳האָט ניט פיל געהאָלפן, און איך האָב געליטן מורא׳דיגע יסורים. דערצו נאָך האָט אַזוי פּאַ־סירט (אַלץ אויף מיין מזל . . . , אַז גאָר אומגעריכט איז געקומען צו־פאָרן פון רוסלאַנד ביילע׳ס אַן עלטערע שוועסטער, אַן אלמנה מיט׳ן נאָמען פייגע. די דאָזיגע שוועסטער האָט מיטגעבראַכט איר גאַנצע משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון 5 קינדער — די עלטערע דריי, שוין דערוואַקסענע בחורים, און די צוויי קלענערע, מיידלעך. און אַלע זיי־נען דאָ געווען פאַרזאַמלט אין דעם קליינעם, פאַרמערשן שטיבל, און

עס איז געווען אַ טומל, אַ הו־האַ, אַז מען האָט געקאָנט משוגע ווערן, און די מאָסקיטאָס זיינען דערגאַנגען אַלעמען די יאָרן . . .

די דאָזיגע שוועסטער ביילע׳ס, כאָטש זי איז געווען מיט עטליכע יאָר עלטער פון ביילע׳ן, האָט אין דער אמת׳ן אויסגעזען אַ סך אינגער. איר רונדער פּנים איז געווען לויטער, בלוט און מילך, און אירע ווייסע הענט זיינען געווען גלאַט ווי זייד. קענטיג, אַז זי האָט געלעבט בע־סער און רייכער פון דער אָרעמער ביילע׳ן . . .

מירעל האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז איר מומע׳ס מאַן איז געווען אַ גרויסער „פּאָדריאַדטשיק״ אין קיעוו, און אַז ער איז דער־הרג׳עט געוואָרן פון פּאָגראָמשטשיקעס, און אַז זיי האָבן געלעבט זיי־ער רייך, מיט דינסטן א. ז. וו.. און זי, מירעל, דענקט, אַז די מומע פייגע האָט מסתמא מיטגעבראַכט אַ היפּשע אפּותיקע מיט זיך פון רוסלאַנד, ווייל אַלע זיינען זיי פיין אויסגעקליידעט, גאָר ניט ווי קיין „גרינע״ . . . און די מומע פייגע טראָגט אַ סך צירונג און אַ שנירל פּערל אויפ׳ן לויטערן האַלדז . . .

אָבער דאָס אַלץ איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז עס איז גע־ווען אַ פּולע שטוב מיט מענטשן.

מיך האָט מען פאַר די „גרינע״ אָפּגעלויבט ביז אין הימל אַריין... מען האָט זיי דערציילט, אַז איך בין „אַזוינס און אַזעלכעס״. און דאָ האָב איך געפילט, ווי אַרויסצושפּרינגען פון מיין אייגענער הויט . . . איך האָב געפילט פון מינוט צו מינוט ערגער. ניט נאָר האָט זיך אַ העליש פייער אָנגעצונדן אויפ׳ן האַלדז און אויפ׳ן פּנים, נאָר מיין גאַנצער קערפּער איז געוואָרן אָנגעצונדן. און עס האָט מיך געוואָרפן ווי איך וואָלט געהאַט ס׳קדחת.

אין דרויסן האָבן די בחורים צעלייגט אַ פייער, כדי צו פאַרטרייבן די מאָסקיטאָס, און דער רויך האָט מיר געשטיקט אין האַלדז און איך האָב געפילט, אַז איך בין אַ חולה, איך בין ערנסט קראַנק, און ביילע מיט מיין געליבטער האָבן געפּאַדעט אַרום מיר און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן צו לינדערן מיינע שמערצן. איך האָב געפילט ווי זיך צעוויי־נען אויפ׳ן קול . . .

די שרעקלעכע פּעסט האָט די גרינע געסט אויך ניט געשאָנעוועט. זיי האָבן געהאַלטן אין איין „פּאַטשן זיך״, און ביי יעדן ביס פון אַ

מאָסקיטאָ האָבן זיי געטאָן אַ געשריי, ווי מען וואָלט באמת זיי געגעבן אַ שטאָך מיט אַ שפּיז . . . אָבער קיינער האָט ניט געפילט אַזוי שלעכט ווי איך. און די שטוביקע האָבן פאַרדעכטיגט, אַז איך קריג די מאַ־לאַריע פיבער, און מען האָט מיך אַרויפגעפירט אויבן אין דאַך־שטיבל און אַריינגעלעגט אין בעט, אין די קינדער׳ס בעט. און כאָטש עס האָט דאָרט געשמעקט אַ פייכטע היץ, דערפאַר אָבער איז דאָס דאַך־שטיבל געווען פריי פון מאָסקיטאָס.

די אָרימעביילע איז געזעסן לעבן מיין בעט, געלייגט נאַסע האַנטטיכער צו מיין קאָפּ, און בעת מעשה זיך אויסגערעדט פאַר מיר איר ביטער האַרץ.

די לאַגע אין הויז איז אַ ביטערע. מען האָט געהאָפט, עס וועט עפּעס אַריינפאַלן געלט פון די סטראָבעריס און בלעקבעריס, אָבער די „קאָמישאָן־הייזער" אין שטאָט, צו וועמען מען שיקט די בעריס, זיינען אמת׳ע גזלנים! און רויבער. זיי נעמען צו ביי די פאַרמערס זייער שווערע האָרעוואַניע. זיי נעמען אַראָפּ פאַר זיך די גאַנצע סמעטענע און פאַר די פאַרמערס בלייבט גאָרנישט. אָבער טאַקע גאָרנישט! טאָמער האָט זי, ביילע, געהאַט ווייניג צרות, זיינען געקומען די „געסט" — איר עלטערע שוועסטער מיט 5 קינדער. מען ווערט דער־שטיקט פון איינגשאָפּט. די שוועסטער איז איר „קלאָמפּערשט גע־טריי", און וויל בלייבן ביי איר, ביי ביילע׳ן, ביז זי וועט געלעגן ווערן; אָבער זי וואָלט איר מוחל געווען די טובה . . . ווייל די שוועסטער פּיי־גע איז אַן „אָפּגעהיטע פּריצטע" און האָט מורא אַריינצוטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער און וואַרט מען זאָל איר באַדינען. זי, ביילע, קען גאָר ניט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענטש? אָט די דאָזיגע שוועסטער פייגע. זי זעט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, ווי דאָ שטיקט מען זיך מיט אַ ז אַ אָרעמקייט, מיט אַ ז אַ דלות; זי זעט ווי איך מאַטער זיך מיט אַלע כוחות און איך שלעפּ זיך קוים אַרום אויף מיינע געשוואָלענע פיס; און זי — עס זאָל עס איר אָנהויבן צו אַרן . . . זי שטייט אויף צען אַזייגער, פּוצט זיך אויס אין אירע זיידענע מלבו־שים, באַהאַנגען מיט צירונג, און זעצט זיך צום טיש, ווי אַ קעניגין, מען זאָל איר אַלץ אונטערטראָגן . . . נאָך אַ שטיקל גליק וואָס פייגע האָט שכל געהאַט זיך אָפּצודינגען אַ צימער ביי די פליישמאַנס, וואו

זיי גייען שלאָפן. די ערשטע עטלעכע טעג פון זייער אָנקומען האָט מען זיך געוואַלגערט אַלע אינאיינעם אין די פּאָר צימערלעך. „קאָנסט זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן — כ׳האָב געמיינט איכ׳ל אומקומען“.

ביילע ווערט אַנטשוויגן און פון איר אָנגעווייטאָגט האַרץ רייסט זיך אַרויס אַ שווערער זיפץ. זי גיט אַ קוק אויף מיר, נעמט אָן מיין האַנט און פילט מיין פולס.

— דו ביזט קראַנק, אלי־בער, — מאַכט ביילע מיט אַ טרערן־אָנ־געזאַפּטער שטים, — און איך, נאַר, זיץ דאָ לעבן דיר און דורע דיר אַ קאָפּ מיט מיין פעקל צרות. ווייסט וואָס, אלי־בער, איכ׳ל גאָר הייסן אהרנ׳ען איינשפּאַנען דאָס פערד און לויפן קיין וויינלאַנד נאָכ׳ן דאָק־טאָר. מיר געפעלן ניט דיינע אויגן, כ׳האָב מורא דו האָסט אַ שטאַרקן פיבער.

ביילע הויבט זיך אויף און גייט אַראָפּ די טרעפּ. איך בין גע־לעגן און שווער געאָטעמט, און מיין קערפּער האָט געציטערט און גע־ברענט ווי אַ פייער.

באַלד ווי ביילע איז אַראָפּ די טרעפּ פון דאַך־שטיבל איז אַרויפ־געקומען מירעל מיט אַ גרויסן שטרויענעם פעכער אין האַנט. אין צי־מערל איז שוין געווען גוט פינסטער. קיין ליכט האָט מען ניט געטאָרט אָנצינדן צוליב די פאַרשאָלטענע מאָסקיטאָס, אַ פּאָהיבעל האָט גע־מעגט קומען אויף זיי . . . מירעל האָט זיך איבערגעבויגן איבער מיר און שטיל מיט אַ סך ליבשאַפט געפּליסטערט: „נו, מיין גרויסער העלד, ווי פילסטו? . . .“

מיט דעם כח פון אַ ווילדן האָב איך איר אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט, צוגעדריקט צו זיך און גענומען קושן . . . — און וואָס ווייטער איז געווען, געדענק איך ניט . . . איך געדענק נאָר, ווי עפּעס דורך אַ חלום, אַז מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אַרום מיר. מען האָט מיך געשמירט און געריבן און אַרומגעלעגט מיט קאַלטע קאָמפּרעסן.

אין עטלעכע טעג אַרום, בעת מירעל האָט מיך געפירט צום וואָק־זאַל, האָט זי מיר געמאַכט פאָרוואורפן, הלמאי, בעת איך בין געלעגן אין בעט און גערעדט פון היץ, און די מוטער אירע האָט מיר געלייגט

קאַלטע קאָמפּרעסן, האָב איך איר אַרומגעכאַפּט קושן און האַלדזן, און האָב מיין איינגעשטודירטע — „ליבעס דערקלערונג״, אָפּגעגעבן איר מאַמע׳ן . . . בעת איר, מירלע׳ן, האָב איך אַפילו אַ וואָרט ניט גע־זאָגט . . .

ר׳ שלמה קרישטאל אין אַמעריקע

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

דאָס איז געווען אין יאָר 1888. מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט אַרי־בערגעבראַכט דער מאַמע׳ן מיט די קינדער פון רוסלאַנד, און מיר האָבן זיך באַזעצט צווישן נעגערס אין אַ שמאָל, שמוציג געסל אין דער אי־דישער פילאַדעלפיער דאַונטאַון.

איין שיינעם אָוונט קום איך אַריין אין שטוב פון דער אַרבעט, צוויי שעה שפּעטער ווי אַלע מאָל (האָב געמוזט אַרבעטן אָווערטיים אָן באַצאָלט). ערשט איך זע עפּעס אַ פרעמדער איד זיצט ביים געדעקטן טיש. טאַטע־מאַמע זיינען אויסגעפּוצט אין די שבת׳דיגע בגדים און זייערע פּנימער זיינען עפּעס פאַרפלאַמט, פאַרשמייעט. שטיי איך און קוק אויף דעם גאַסט — עפּעס קומט ער מיר פאָר באַקאַנט — אַט דער עלטערער איד מיט דער רויטלעכער באָרד. אָבער דאָ מישט זיך אַריין די מאַמע און זאָגט:

— זע נאָר, עלי־בער, וואָס פאַר אַ גרויסן גאַסט מיר האָבן! דו דערקאָנסט גאָרניט ר׳ שלמה קרישטאל פון זשמערינקע?

ערשט איצט האָב איך אים דערקאַנט, און ערשט איצט בין איך גע־בליבן שטיין אַ געפּלעפטער.

— וואָס?! ר׳ שלמה קרישטאל, דער גרעסטער גביר פון זשמע־רינקע, ביי אונדז אין הויז? . . . ביי אונדזער טיש, אָט דאָ, אין דער כאַטקע צווישן נעגערס, זיצט ר׳ שלמה קרישטאל? . . . ווי קומט אַי־בערהויפּט ר׳ שלמה קרישטאל גאָר אין אַמעריקאַ? . . . הער אַ געשיכ־טע! אין דער היים איז דאָך ר׳ שלמה׳ן ניט אָנגעשטאַנען אַפילו זיך צו באַגעגענען מיט ישראל דעם סטאָליאַר . . . איין קליינינקייט, ר׳ שלמה קרישטאל! אין דעם נאָמען האָט געשטעקט יחוס, תורה, חכמה

און עשירות. מען האָט דאָך אים געהאַלטן פאַר אַ מיליאָנשטשיק, אפשר פון הונדערט טויזנט קערבלעך . . . (ווי די מאַמע ע״ה פלעגט זאָגן).

מען זאָגט, אַז אַ נאַרישקייט געדענקט זיך: אַזוי שנעל ווי די מאַמע האָט דערמאָנט דעם נאָמען שלמה קרישטאַל, איז דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז מיר געקומען אין קאָפּ אין צוזאַמענהאַנג מיט ר׳ שלמה׳ן איז געווען: „שישי״ . . . ר׳ שלמה האָט געהאַט אַ חזקה אויף שישי . . . קיינער האָט ניט געטאָרט און ניט געוואָגט אויסדינגען ביי אים אָט די עליה . . . אַז ניט — זיינען געפּלויגן פּעטש . . . אָבער דאָס איז בלויז בדרך אגב. איך געדענק אויך ווי מיט אַ יאָר 10 צוריק, — איך בין נאָך דאַן געווען אַ קליין אינגל, — האָט דער פאָטער מיינער געבויט ר׳ שלמה׳ס הויז אין מיטן מאַרק, דאָס שענסטע הויז אין שטעטל. און דערנאָך האָט דער פאָטער מיינער געדאַרפט שלעפּן ר׳ שלמה׳ן צום רב פאַר אַ דין־תורה.

און איצט — איז ר׳ שלמה אין אַמעריקע, זיצט ביי ישראל סטאָליאַר אין שטוב . . . אין אַ ווינקל, זע איך, שטייט זיין טשעמאָדאַן מיט נאָך עפּעס אַ גרויסן פּאַק. איך גיי צו ר׳ שלמה׳ן און גיב אים אַ שלום. ר׳ שלמה דריקט שטאַרק מיין האַנט, און וואונדערט זיך ווי איך בין דאָס אויסגעוואַקסן אין די לעצטע פּאַר יאָר פון זינט מיר זיינען אין אַמעריקע, פּונקט ווי ער וואָלט מיך געדענקט פון דער היים... איך, ווידער, וואָס איך האָב ר׳ שלמה׳ן יאָ געדענקט פון דער היים, האָב באַמערקט, אַז ער איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן אין די פּאַר יאָר. זיין לויטערער, שטאָלצער פּנים איז געווען וויסט און פינסטער און דורכגעקארבט פון קנייטשן.

2

איז וואָס־זשע האָט פּאַסירט מיט ר׳ שלמה קרישטאַל, וואָס ער האָט זיך געפונען געצוואונגען צו פאָרן אין אַמעריקע?

געטריבן אין אַמעריקע האָבן ר׳ שלמה׳ן צוויי אומגליקן: דער ערשטער אומגליק איז געווען: ער האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן און איז געבליבן אַ באַנקראָטירטער אָרימאַן. און צווייטנס: — דער צוויי־

טער אומגליק מוז ביי אייך אַרויסרופן אַ שמייכל אָנשטאָט סימפּאַטיע . . . ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ ז אַ זאַך — דאָך איז עס אַ פאַקט. שטעלט אייך פאָר, אַז ר׳ שלמה איז אַ גליקלעכער פאָטער פון 9 גערָאָטענע קינדער. און אַלע ניין — ט ע כ ט ע ר. (איינ־שליסנדיק צוויי צווילינגס). איז דאָך, דאַכט זיך, גאָר ניט אַזאַ גרוי־סער אומגליק; ספּעציעל ווען די מיידלעך זיינען גערָאָטענע? איז אָבער די צרה, וואָס די מיידלעך זיינען גערָאָטענע — קלוגע, געזונטע, מיט פּיסקלעך אויף שרייפלעך . . . נאָר, ליידער, — ניט קיין שיינע... אַלע גערָאָטן אין פאָטער. מיט געלע האָר, פלאַטשיקע נעזער. און קליינע אויף די פּנימער געגנוג צו פיטערן אַלע ציגן פון שטעטל . . . די ווייבער פון שטעטל פלעגן זאָגן, ס׳איז גאָט׳ס שטראָף, ווייל — ר׳ שלמה האָט ניט ליב געהאַט ס׳ווייב, און אַלע מאָנטיק און דאָנער־שטיק פלעגט ער זי שלעפּן צום רב נאָך אַ גט. אָבער דער רב פלעגט זיך אריינלייגן אין שלום, און נאָך יעדן שלום פלעגט זי אים געבן אַ נייע מיאוס׳ע קינד, אָדער אַ צווילינג — אַ מתנה . . .

ר׳ שלמה, כל זמן ער איז געווען דער גרויסער סוחר (ער האָט געהאַנדלט מיט קאַלך) און געסמאַליעט אַ וועלט, האָט ער גערעכנט, אַז די מיידלעכ׳ס ניט שיינע־פּנימער וועט ער פאַרדעקן מיט נדן . . . אָבער וואָס זאָל ער נעבעך איצט טאָן, אַז ער איז געבליבן אַ קבצן?

דערויף איז פאַראַן נאָר איין ענטפער, און דאָס איז — אַ מ ע ־ ר י ק ע . . . אין אַמעריקע וועט ער אַליין אויפהערן זיין אַ ווינט־מענטש. ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס אַ מלאכה און פאַרדינען ער־לעך זיין ברויט. די מיידלעך — אויך דאָס זעלבע. זיי וועלן אַרבעטן און זייערע חתנים וועלן זיי שוין געפינען . . . דאָרט אין אַמעריקע איז ער — אויס יחסן, אויס ר׳ שלמה קרישטאַל, דער גרויסער סוחר אין שיינער איד.

ער איז פאַרפאָרן צו אונדז פּראָסט און פּשוט דערפאַר, — ווייל אימיצער האָט אים געגעבן אונדזער אַדרעס, לאַנדסלייט זיינען דאָ גע־ווען ווייניג, און ער האָט זיך געשעצט גליקלעך, וואָס ער האָט געהאַט אונדזער אַדרעס. ער האָט איינגאַנצן זיין אייגנס 10 דאָלאַרן מיט זיך, און ער אָפּט, אַז מיר וועלן דאָ אים מקרב זיין, ביז ער וועט זיך אַרומ־

קקן וואו ער איז אין דער וועלט און ער וועט אונדז די טובה קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז טראָץ דעם וואָס מיר האָבן געוואוינט אין גרויס ענגשאַפט (מיר זיינען געווען אַ משפחה זאַלבע אַכט אין 4 קליי־נע צימערלעך), האָבן מיר ר' שלמה'ן פאַרט ניט געקאָנט אָפּזאָגן. האָב איך אים געמוזט אַריינגעמען צו זיך אין בעט — אויבן אין בוידעם־שטיבל — און זיך טיילן מיט אים מיט'ן ביסל וואַנצן . . .

3

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ר' שלמה זאָל ווערן אַן אָפּערייַ־טאָר ביי העמדער. ניט נאָר האָט ער געדאַרפט אַרבעטן צוויי וואָכן אומזיסט, נאָר מען האָט נאָך געדאַרפט צוצאָלן צען דאָלאַר.

אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז ניט באַשערט געווען, אַז ר' שלמה זאָל לאַנג מקיים זיין דעם פסוק: „בזעות הפחא תאכל לחם . . . " גע־שוויצט האָט ר' שלמה דוקא — אַלץ הייסט געשוויצט! ער פלעגט אָבער אַזויפיל שוויצן, אַז אַ שטיקל ווייסע צייג, וואָס ער פלעגט אָנ־רירן מיט זיינע הענט, פלעגט באַלד ווערן נאַס און ברודיג און מען האָט עס געדאַרפט אַוועקוואַרפן . . .

אַז ר' שלמה איז אויפגעשטאַנען פון דעם בענקל אויף וועלכן ער איז געזעסן, איז אויפ'ן בענקל געשטאַנען אַ טייך שוויס . . . און — אָפּאַרבעטנדיג ניט צוויי, נאָר פיר וואָכן, האָט מען ר' שלמה'ן אָפּגע־געבן צוריק די צען דאָלאַר, מיט דער פאַרזיכערונג, אַז ער, ר' שלמה, וועט קיינמאָל אין לעבן קיין העמדל־נייער ניט זיין . . .

גיין פעדלען האָט ר' שלמה פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט. ער וועט גיכער שטאַרבן, איידער אָנטאָן אַ קאָרב אויף די פלייצעס און גיין פעדלען. שלאָג איך פאָר, אַז ר' שלמה זאָל פּרובירן זיך לערנען זיין אַ ציגאַרמאַכער. איך האָב געקאָנט פערזענלעך עטלעכע ציגאַר־מאַכער, וואָס האָבן גאַנץ פיין פאַרדינט ביי אָט דער מלאכה; נאָר דאָ האָט מען שוין געדאַרפט אריינצאָלן אַ גאַנצן פינף־און־צוואַנציגער. קיין גרויס ענטוזיאַזם האָט ר' שלמה ניט אַרויסגעוויזן בנוגע דער ניי־ער מלאכה . . . ער איז שוין נעבעך געווען אָנגעשראָקן פון דעם דורכפאַל, וואָס ער האָט געליטן אַלס העמדל־נייער . . . .

מיר האָט שטאַרק וויי געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר ר׳ שלמה׳ן. איך האָב געזען ווי דער אָרעמער מענטש גייט־איין פֿון טאָג צו טאָג. ס׳איז אים געווען וויסט און ביטער. אין דערהיים בעטן זיך ביי אים די 9 מיידלעך זיינע ער זאָל שוין שיקן שיפסקאַרטן און זיי ברענגען אין גאָלדענעם לאַנד.

אָבער ער וואַרט ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס אַן אַרבעט און אָנהויבן פֿאַרדינען אַביסל געלט. מילא, בקיצור, ר׳ שלמה האָט איינגעצאָלט די 25 דאָלאַר און איז אַוועק זיך לערנען זיין אַ ציגאַר־מאַכער.

גרינגער און באַקוועמער צו לעבן ביי אונדז אין הויז איז ר׳ שלמה׳ן געוואָרן צוליב דעם, וואָס ער האָט געקראָגן דאָס בעט און דאָס דאַך־שטיבל פֿאַר זיך אַליין, ווייל איך האָב געקראָגן אַ גוטן דזשאָב אין ווילמינגטאָן, דעלעווער, ביי דער פּולמאַן קאַר קאָמפּאַניע, און איך האָב זיך אַהין אַריבערגעצויגן.

פֿון ווילמינגטאָן קיין פֿילאַדעלפֿיע איז ניט ווייט, און מען פֿלעגט קאָנען פֿאַר 50 סענט פֿאָרן אויף אַ שיינער שיף איבערן דעלעווער ריי־ווער, און איך פֿלעג כמעט יעדן זונטיק פֿאָרן אין פֿילאַדעלפֿיע.

אָבער פֿון אונדזער ר׳ שלמה׳ן האָבן מיר אַלץ נאָך קיין נחת ניט געהאַט. זיך לערנען מאַכן ציגאַרן איז ניט געווען גרינגער ווי זיך לערנען נייען העמדער . . . ר׳ שלמה האָט זיך נעבעך זייער געערגערט צוליב דעם, וואָס ער איז אַזאַ לא־יוצלח . . . „אויב", זאָגט ער, „מען קאָן אויסלערנען אַ בער טאַנצן . . . פֿאַרוואָס זאָל ער זיך ניט קאָנען אויסלערנען טאָן עפּעס אַן אַרבעט? . . . " אָבער, אַז די הענט קלעפּן זיך פֿאָרט ניט, וואָס זאָל ער טאָן? . . .

מילא, בקיצור, עס זיינען אַוועק אַ פּאָר חדשים און איך קריג איין שיינעם טאָג אַ בריוו פֿון ר׳ שלמה׳ן, וואָס האָט מיר צעבראָכן מיין האַרץ. אין דעם בריוו שרייבט מיר ר׳ שלמה, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן אַהיים . . . אַמעריקע איז ניט פֿאַר אים — און ער איז ניט פֿאַר אַמעריקע. ס׳איז שוין באַלד צוויי חדשים, אַז ער מוטשעט זיך צו מאַכן אַ ציגאַר — און עס גייט ניט, כאָטש נעם און הענג זיך אויף . . . ער האָט זיך שוין דווקא אויסגעלערנט מאַכן אַ גאַנץ שיינעם ציגאַר — שיין, רונד און גלאַט, אַלץ איז ווי עס דאַרף צו זיין; נאָר וואָס

דען? אַז איר לייגט צו אַ שוועבעלע און צינדט אים אָן, דאַרף מען האָבן דעם כוח פון אַ דאָנסקין קאָזאַק אַרויסציען אַ ביסל רויך פון אים . . .

זיין באַלעבאָס האָט אים היינט מיט פאַרדראָס געזאָגט, אַז זיין מי איז אומזיסט. ער וועט קיינמאָל קיין ציגאַרן־מאַכער ניט זיין. איין גאָט ווייס דעם אמת, אַז ער האָט געוואָלט מאַכן אָן איבערברוך אין זיין לעבן: אַוועקוואַרפן מסחר און ווערן אָן אַרבעטער מיט לייטן גלייך; אָבער ער זעט איצט איין, אַז קעמפן קעגן אייגענעם שיקזאַל קאָן מען ניט, און ער גיט זיך אונטער. ער וועט פאָרן אַהיים, זיך אַריבערציִען ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, וואו קיינער קאָן אים ניט. דאָרט וועט ער קאָנען טאָן שידוכים פאַר זיינע מיידלעך מיט אַרבע־טער־יונגען. קיין טויזנטער רובל נדן וועט ער ניט דאַרפן געבן. און וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין . . .

דעם קומענדן שבת פאַרנאַכט, באַלד נאָך דער אַרבעט, האָב איך געכאַפּט די שיף און אַוועק אין פילאַדעלפיע זיך זען מיט ר׳ שלמה׳ן און זען וואָס מען קאָן טאָן פאַר אים.

4

געפונען האָב איך אים, ר׳ שלמה׳ן, אַ נידערגעשלאָגענעם ביז גאָר. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, געוואָרן אַלט און גרוי. אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן איז געלעגן אַ ים מיט עלנט און האָפנונגס־לאָזיקייט. מיין האַרץ האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן פאַר דעם אומ־גליקלעכן מענטשן; אָבער וואָס קאָן איך טאָן פאַר אים?

באַשליס איך מיטצונעמען אים מיט מיר קיין אַלייענס, ניו דזשוירזי, אין דער אידישער קאָלאָניע, אויף אַ פּאָר טעג, כדי ער זאָל זיך אַביסל צעשטרייען און פאַרגעסן אין זיינע צרות פאַר אַ ווײַלע. דערנאָך וועלן מיר זען.

געווען איז דאָס אין אָנהויב פרילינג. די וואַרעמע זון האָט אַלץ באַלעבט, און ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן דער „סטראָבערי סעזאָן״, און די קאָלאָ־ניסטן זיינען געווען ביזי מיט די סטראָבעריס. ניט נאָר זיינען די קאָ־לאָניסטן אַליין מיט זייערע ווייבער און קינדער געווען שטאַרק פאַרנו־

מען מיט דער אַרבעט — „פּיקן״ סטראָבעריס, — נאָר עס פלעגן קומען פון ניו יאָרק און פון פילאַדעלפיע בחורים או מיידלעך העלפן אין דער אַרבעט. דער סעזאָן איז אַ קורצער, ווען די סטראָבעריס (יאַגאָ־דעס), ווערן רייף, מוז מען זיי גלייך אַראָפּנעמען פון פעלד, פּאַקן זיי אין קליינע קוישלעך און שיקן אין שטאָט. דערפאַר איז קיין מאָל ניט געווען געַנוג „העַנט״ אויף צו טאָן די אַרבעט. עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע גליקן האָט מען ביי דער דאָזיגער אַרבעט ניט געמאַכט. מען האָט געצאָלט גאַנצע „צוויי סענט״ פאַר אַ קוואָרט סטראָבעריס פּיקן. אָבער דאָס יונגוואַרג, וואָס פלעגט קומען פון שטאָט צו טאָן די אַרבעט, פלעגט גרויס הנאה האָבן דערפון. זייער געזאַנג פלעגט זיך טראָגן איבער די פעלדער בייטאָג און ביינאַכט — און עס פלעגט זיין לעבעדיג און פריילעך אין די קאָלאָניעס אין צייט פון „סטראָבעריס־פּיקן״. ספּעציעל אין די ליכטיגע לבנה נעכט — פלעגן זיך אָט די אידישע בחורים און מיידלעך, נאָך גרינע אימיגראַנטן־קינדער, גרו־פּעסווייז אַרויסלאָזן אויף די פעלדער און זינגען רוסישע רע־וואָלוציאָנערע לידער, און זייער געזאַנג פלעגט זיך טראָגן העט ווייט און ברייט איבער די פעלדער, אַז מען האָט געקאָנט הערן פאַר מיילן ווייט אַרום און אַרום, אַזוי, אַז די קריסטלעכע פאַרמערס פו דער אומ־געגנט פלעגן זיך דערשרעקן און קומען צולויפן רייטענדיג אויף זייע־רע פערד כדי צו זען וואָס דאָס זיינען פאַר מענטשן, וואָס גייען אום גאַנצע נעכט און — זינגען . . .

5

מיין ר׳ שלמה איז געווען גאָר אַנטציקט פון דער קאָלאָניע, וואו־הין איך האָב אים געבראַכט. מיינע נייע פריינט, די סטראַזשניקס, האָבן אים אויפגענומען פאַר אַ גוטן גאַסט. שלאָפן זיינען מיר ביידע געגאַנגען אין שטאַל, אויפ׳ן בוידעם, אויף דעם פרישן, שמעקענדיגן היי. און ר׳ שלמה האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין דער קאָלאָניע און „פּיקן סטראָבעריס״. איך האָב פּרובירט אים אָפּריידן דערפון, ווייל די אַרבעט איז ניט אַזוי גרינג, ווי עס ווייזט זיך אויס; מען דאַרף דעם גאַנצן טאָג שטיין איינגעבויגן און זיך דרייען אַרום די סטראָבע־

רי־בייטן מיט געבויגענע פּיס. עס איז אַפילו פאַר יונגע לייט אַ שווע־רע, קאַטאָרזשנע אַרבעט, און די מאָסקיטאָס וועלן אים דערגיין די יאָרן . . . אָבער ר׳ שלמה איז געווען איינגעשפּאַרט. ער וויל פּרובירן. וואָס האָט ער אָנצוואווערן? . . . אגב איז מיר ניט געווען אנגענעם אים צו לאָזן ביי די סטראזשניקס, ווייל די פרוי סטראזשניק, די אָרעמע ביילע, איז שוין געווען אין די הויכע מאָנאַטן פון איר אומגליקלעכער ניט־געוואונשענער שוואַנגערשאַפט. די אַרבעט איז איר געפאַלן זייער שווער. זי פלעגט אומגיין מיט צוויי געשוואָלענע פּיס, ווי די קלעצער. איז טאָמער האָט זי ווייניג אירע אייגענע 6 קינדער צו האָ־דעווען, דאַרף איך איר נאָך ברענגען אַ באַרדער . . . אָבער, ווען די פרוי האָט געהערט פון ר׳ שלמה׳ס באַשלוס, האָט זי גוטמוטיג גע־שמייכלט און מיר פאַרזיכערט, אַז מער ווי אַ טאָג, העכסטנס צוויי טעג, וועט ער סיי ניט אויסהאַלטן . . . זאָל ער בלייבן . . . זאָל ער נאָר אַרויס אויפ׳ן פעלד פּיקן סטראָבעריס, מיין ר׳ שלמה, און די מאָסקיטאָס וועלן זיך צו אים אַ נעם טאָן, וועט ער לויפן וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן . . .

אויפ׳ן צווייטן טאָג בין איך צוריקגעפאָרן אין שטאָט און איבער־געלאָזן מיין ר׳ שלמה׳ן ביי די סטראזשניקס אין דער קאָלאָניע. דער אָרימער איד איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון דעם דאָרפ׳ס לעבן, אַז איך האָב קיין האַרץ ניט געהאַט צו זיין צודרינגלעך און אים אָפּריידן פון זיין פּלאַן, אָן וועלכן ער האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ זיך־טרינקענ־דיגער אָן אַ שטרוי . . .

אַז עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג און ר׳ שלמה איז ניט צוריקגע־קומען אין שטאָט, האָב איך געמיינט, אַז ער אַרבעט, פּיקט די סטראָ־בעריס — און לעבט אַ טאָג; גייט אַרויס ביינאַכט מיט אַלע „פּיקערס״ אויף די פעלדער זינגען רוסישע לידער . . .

איר קאָנט זיך דאַרום פאָרשטעלן מיין איבעראַשונג, ווען איך האָב געקראָגן איין שיינעם טאָג אַ בריוו פון מיין געליבטער מירלע׳ן, אין וועלכן זי שרייבט מיר, אַז איך זאָל באַלד קומען צו פאָרן, ווייל ר׳ שלמה ליגט קראַנק . . .

ער האָט, זאָגט מירעל אין איר בריוו, געאַרבעט צוויי טעג, און אויפ׳ן דריטן טאָג איז ער געפאַלן אויפ׳ן רוקן, געקראָגן לאָמבעגאָ און

שוין ניט געקענט אַראָפּקריכן פון בוידעם, וואו ער איז געשלאָפן. זיי האָבן אפילו ניט געוואוסט, אַז ער ליגט דאָרט אויפ׳ן בוידעם קראַנק. אַ שטיקל גליק, וואָס זי, מירעל, איז געגאַנגען אין שטאַל זוכן, צי האָבן דאָרט די הינער ניט באַהאַלטן קיין אייער; ערשט, זי הערט ווי אַ־מיצער קרעכצט אויפ׳ן בוידעם. זי לויפט אַרויף און זעט ר׳ שלמה ליגט דאָרט איינגעגראָבן אין היי און ער קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.

דער סוף איז געווען, אַז איך האָב דעם קומענדן זונטיק געמוזט פאָרן אין אַלייענס און אַהיימנעמען דעם דאָזיגן ר׳ שלמה׳ן. איכ׳ל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן די סצענע, ווי בעת איך בין געקומען און בין אַרויף צו אים אויפ׳ן בוידעם און אים דערלאַנגט די האַנט, האָט דער אָרעמער איד אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַז בלוט איז אים געגאַנגען פון די אויגן, ניט קיין טרערן. איך האָב צוערשט פּרובירט אים טרייסטן, פּרובירט זיך וויצלען און מאַכן אַ שפּאַס פון דער גאַנצער געשיכטע; אָבער צום סוף האָב איך אַליין ניט געקאָנט אויסהאַלטן און — אים געהאָלפן וויינען . . .

ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיגט, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט באַשלאָסן צוריקצופאָרן אַהיים קיין רוסלאַנד. „אַמעריקע״, זאָגט ער, איז ניט פאַר אים און ער איז ניט פאַר אַמעריקע. אַ מענטש, זאָגט ער, קאָן געגן זיין ביי׳ן שיקזאַל ניט קעמפן, אַז עס גייט ניט, גייט ניט! וואָס זאָל ער טאָן? ,

ער פּרובירט זיך אויפהויבן פון זיין געלעגער, זיין פּנים פאַר־קרימט זיך פון ווייטאָג און ער פאַלט צוריק. נו, וואָס זאָגסטו, עלי בער, צו אַזאַ העלד, ווי איך בין? וואָלסטו געגלויבט, אַז פון שלמה קרישטאַל, דעם גרויסן גביר, דעם סוחר, דעם יחסן, זאָל ווערן אַזאַ שמאַטע, האַ? . . .

זיין קול איז הייזעריג און אָנגעזאָפּט מיט יאוש און האַרצווייטאָג. איך זיץ לעבן אים אויפ׳ן היי און קאָן פאַר אים קיין טרייסט־וואָרט ניט געפינען. זיינע אויגן זיינען האַלב פאַרלאָשן. ער מאַכט זיי צו און זאָגט מיר מיט אַ בייסענדער איראָניע: — „אָבער איך האָב דאָך פאַרדינט געלט אין אַמעריקע — כ׳האָב 2 טעג געפּיקט סטראָבעריס און פאַרדינט — ז ע ק ס ־ א ו ן ־ ז ע כ צ י ק ס ע נ ט . . . מיינע ערשטע „געלדער״, וואָס כ׳האָב פאַרדינט אין אַמעריקע אין 6 חדשים

צייט! איז ווייס איך ניט וואָס איך זאָל טאָן מיט דעם געלט? צי זאָל איך דאָס איינבינדן אין אַ פּאַטשיילקע און דאָס אַהיים ברענגען צו מיין משפחה, אַלס אַ סואווועניר, אָדער זאָל איך גאָר קויפן דערפאַר אַ פלעשעלע סם? . . . האַ, ווי זאָגסטו, עלי בער?״

— פע, ר׳ שלמה, — שריי איך אויס, — איר זאָלט אַזוי ריידן, איז מיר אַ וואונדער אויף אייך. אַ מענטש ווי איר, וואָס איז זיין גאַנצן לעבן געווען, ווי מען זאָגט, — ״נאַ קאָניע״ (אויפ׳ן פערד), דאַרף קאָנען זיין אַמאָל אויך ״פּאָד קאָניאָם״ (אונטער׳ן פערד). לאָזט זיך ניט אָפּ, ר׳ שלמה, גאָט וועט העלפן.

ג׳יט זיך ר׳ שלמה אַ כאַפּ און זאָגט: — ״האַ, וואָס זאָגסטו, גאָט? . . . ״ — און ער לאַכט מיט זיין הייזעריק געלעכטער: — ״רעד ניט צו מיר פון גאָט, עלי בער, מיין גאָט האָבן די ״פּאָגראָמשטשיקעס״ דער׳הרג׳עט . . . געדענקסט, עלי בער, דעם פּאָגראָם אין זשמערינקע מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין 1881?״

דאָ איז אַרויפגעקומען מירעל. זי האָט אויף אַ טאַץ געטראָגן עסן פאַר ר׳ שלומה׳ן. אַז ר׳ שלמה האָט זי דערזען, האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן און ער ווענדעט זיך צו מיר: — ״זעסטו עלי בער, אָט דאָס איז אַ ברילִיאַנט! זאָלסט דאָס היטן ווי דיין אויג אין קאָפּ, דו הערסט, עלי בער? ווען ניט דיין מירעל — וואָלט איך דאָ געווען גע־שטאָרבן אין די עטלעכע טעג, וואָס איך ליג דאָ קראַנק. מיין אייגן קינד וואָלט מיר אַזוי ניט געדינט געטריי ווי זי, מירעל, האָט מיר גע־דינט. איך וועל זי קיין מאָל ניט פאַרגעסן, קיין מאָל ניט! און אויך איר ליבע מוטער, ביילע, איז אַ טייערע אידישע טאָכטער מיט אַ גאָלדן האַרץ. איין גאָט מעג איר העלפן אין איר איצטיגער קריטישער לאַגע.״

מירעל איז געשטאַנען, איר פּנים האָט זיך געראָיטלט און געבליט ווי אַ בלום. און נאָך דעם, ווי ר׳ שלמה האָט אַביסל אונטערגעלענט ס׳האַרץ, האָב איך מיט מירלע׳ן געהאָלפן ר׳ שלמה׳ן זיך אויפהויבן און מיט גרויס מי אים געהאָלפן אַרונטער פון בוידעם. ער איז ביס־לעכווייז צו זיך געקומען. און נאָך דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט־צו האָב איך אים געבראַכט אַהיים. מיט 3 וואָכן שפּעטער האָבן מיר ר׳ שלמה׳ן אויפגעזעצט אויף אַ שיף — צוריק אַהיים — צוריק אין רוס־

לאַנד, וואו ער איז געפאָרן מיט אַ צעבראָכן האַרץ און צערונענע האָפ־
נונגען.

דער פרימאָרגן, ווען מיר, די גאַנצע משפחה מיינע, האָבן ר׳ שלמה׳ן צו דער שיף געפירט, איז געווען אַ כמורנער און אַ פאַרנער. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן טומאַן. איך האָב געהאַלטן ר׳ שלמה׳ן אונטער׳ן אָרעם און רק געדעדט צו אים — זיך גע׳חכמעט מיט גלייך־ווערטלעך, כ׳האָב אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, כדי אים צו צעשטרייען אַביסל. אָבער ר׳ שלמה איז געבליבן שטום. ער איז גע־גאַנגען אַזוי ווי צו זיין אייגענער לויה . . . אין דער לעצטער מינוט, ביים געזעגענען זיך, האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט און מיך פעסט גע־האַלטן אין זיינע אָרעמס און ער האָט מיין פּנים באַוואַשן מיט הייסע, זודיגע טרערן. פאַר אַ לענגערע צייט האָב איך פון קיין אַנדער זאַך אין דער וועלט ניט געקאָנט טראַכטן, ווי נאָר פון דעם אָרעמען ר׳ שלמה׳ן. כ׳האָב געטראַכט, אַז אפשר איז געווען אַן עולה, וואָס מיר האָבן אים געלאָזט צוריק־פאָרן? אפשר האָבן מיר געווען געדאַרפט שאַפן אַביסל געלט פאַר אים און ער זאָל פּרובירן זיין מזל אין ביזנעס?

אָבער ס׳איז געווען פאַרפאַלן. און אַז עס זיינען אַוועק אַ חודש און צוויי און דריי חדשים און איך האָב ניט געהערט אַ וואָרט פון ר׳ שלמה׳ן, האָב איך גאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס? כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן דער לעגענדע פון שלמה המלך, וואָס האָט אומגעוואַנ־דערט אַ צייט אויף דער וועלט, און ווען ער האָט זיך צוריק אַרויפגע־כאַפּט אויף זיין טראָן — האָט ער פאַרגעסן אין זיינע פריינט . . .

ערשט אין 6 חדשים אַרום האָב איך זיך דערוואוסט די אורזאַך פאַרוואָס ר׳ שלמה האָט צו מיר ניט געשריבן.

דערוואוסט האָב איך זיך ניט דירעקט פון ר׳ שלמה׳ן, נאָר דורך אַ לאַנדסמאַן, אַ איד אַ שניידער, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון זשמערינקע, און אָפּגעגעבן אַ גרוס פון שטעטל. און אַז איך האָב אים געפרעגט, דעם גרינעם, וואָס עס מאַכט עפּעס אונדזער ר׳ שלמה, און ווי עס גייט אים, האָט דער איד אויף מיר עפּעס מאָדנע אַ קוק גע־טאָן און געזאָגט: — „ווי עס גייט ר׳ שלמה׳ן, פרעגט איר, וואָס־זשע, איר ווייסט ניט, אַז ר׳ שלמה קרישטאַל׳ן גייט עס איצט גאָר פיין? ער זיצט אין גן־עדן מיט אַלע צדיקים און לעבט אַ טאָג . . .״

אָבער, ווען דער גרינער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין פּנים און געזען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ציניִשע רייד האָבן אויף מיר געמאַכט, האָט ער אויפגעהערט זיך חכמ׳ען און האָט מיר דערציילט, אַז עס איז דעם אומגליקלעכן ר׳ שלמה׳ן אפילו ניט באַשערט געווען זיך אָנצוטיעשען מיט זיין משפּחה, ווייל נאָך דעם זעלבן טאָג, וואָס ער איז געקומען צופאָרן, האָט ער געקראָגן אַ בלוט־שטורץ און איז געשטאָרבן.

אַ לענגערע צייט בין איך אומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, מיט אַ טיפן ווייטאָג אין האַרצן. כ׳האָב געפילט, אַז מיר — די עטלעכע „לאַנדסלייט" זיינע — האָבן ניט געטאָן אונדזער פליכט צו אַן איידעלן מענטשן, וואָס האָט זיך געטרונקען אין מיר האָבן אים געקאָנט ראַטעווען, ווען מען זאָל געווען נעמען אַ וואַרעמערן אינטערעס אין זיין העכסט טראַגישער לאַגע. מען זאָל געווען וועלן מיט עפּעס אָפּפּערן פון זיינעטוועגן — אָבער ער האָט זיך אומגעבלאנקעט צווישן אונדז אַ פרעמדער, אַן איבעריגער — גאָט מיינעד — ווי ווייט מיר זיינען נאָך פון צו זיין „מענטשן" . . .

אלייענס, ניו דזשוירזי

(מיין פערטעל באַזוך אין דער אידישער קאָלאָניע)

ווען איך בין געקומען אַהיים פון מיין ביטערן קאַמף מיט די מאָס־קיטאָס, בין איך ערשט איבעראַנייעס געלעגן אַ וואָך אין בעט קראַנק, און די מאַמע מיינע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט מיך צו מוסרן, הלמאַי איך שלעפּ זיך אַרום מיט עפּעס אַ נאַריש, אָפּגעריסן דאָרפ׳ס שיקסל, בעת איך קאָן טאָן דעם בעסטן און שענסטן שידוך דאָ אין שטאָט. זי האָט פאַר מיר אַ רב׳ס אַ טאָכטער, אַ יפת תואר, מיט צוויי טויזנט דאָלאַר נדן. דער כלה׳ס צוויי ברידער זיינען גרויסע געשעפטס לייט. זיי וועלן מיך אַרייננעמען אין די ביזנעס און מאַכן פון מיר אַ לייט.

מיט איין וואָרט, דאָס „גליק" שטייט און ווינקט צו מיר און איך — פאַרטרייב דאָס מיט מיינע אייגענע הענט. טענה איך מיט דער מאַמע׳ן מיינער, אַז דעם רב׳ס טאָכטער איז אַן אַלטע מויד, וואָס האָט שוין שוואַרצע וואָנצעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ . . . און אַז אירע צוויי קאָסאָקע אויגן לעבן ניט בשלום צווישן זיך . . .

האַלט אָבער די מאַמע אין איין שרייען, אַז דאָס האָט מיין מירעל, דאָס „דאָרפ׳ס־שיקסל", מיר אָפּגעטאָן עפּעס אַ כישוף . . . ווייל ביי איר אין די אויגן איז דעם רב׳ס טאָכטער שיין ווי אַ בת מלכה . . .

מילא, בקיצור, איך האָב באַשלאָסן מיט דער מאַמע׳ן ניט איינצור־רייסן זיך. זי רעדט — זאָל זי ריידן. זי וויל איך זאָל זיין „פריינט־לעך" מיט דער נייער כלה און זי אויסנעמען אין פּאַרק צוזאַמען מיט די שוועסטער, מהיכא־תיתי, פאַר וואָס ניט? . . . אָבער מיין האַרץ ליגט פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער ביי מירלע׳ן, ביי דעם „דאָרפ׳ס־שיקסל". און איך בין מיר לוסטיג און פריילעך ווי אַלע מאָל, און אי די מאַמע, אי די נייע כלה, וועלכע רק זי סוד׳עט זיך מיט דער מאַמע׳ן

. . . האַלטן אין איין אָנקוועלן פון מיר, פון מיין געזאַנג און פון מיינע חכמות און גלייכ־ווערטלעך . . .

2

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר חדשים צייט פון זינט איך בין געווען אין דער קאָלאָניע.

און איך הער ניט אַ וואָרט פון די סטראַזשניקעס. אי אהרן און אי מירעל האָבן מיר צוגעזאָגט באַלד צו שרייבן ווען די מוטער וועט „איבערקומען" איר פּעקל; און איך פיל, אַז דאָס האָט שוין לאַנג גע־דאַרפט געשען. וואָס־זשע שווייגן זיי? און וואָס ווייטער עס גייט אַוועק אַ טאָג, אַלץ אומרואיגער ווער איך. עפּעס איז דאָרט ניט גלאַט. מען דאַרף זיך אַריבערכאַפּן אַ קוק טאָן וואָס דאָרט טוט זיך. אָבער איך באַשליס צו וואַרטן . . .

האָב איך זיך טאַקע דערוואַרט.

זיצנדיק איין אָוונט אין דרויסן מיט די שוועסטער, מיט שטרויע־נע פעכערס אין די הענט, ווייל עס האָט געשטיקט אַ היץ, ווי פון אַ קאַלך־אויוון, איך גיב אַ קוק — אהרן גייט. ער שפּאַצירט לאַנגזאַם, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, און זיין פּנים איז פינסטער ווי די ערד. ס'האָט מיר באַלד אַ ריס געטאָן אין האַרצן. אוי ווי איז מיר, עפּעס אַן אומ־גליק האָט פּאַסירט!

איך שפּרינג אויף פון מיין אָרט און לויף אים אַנטקעגן און כאַפּ אים אָן פאַר די הענט — אהרן! וואָס איז געשען?

אהרן שטייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פון די אויגן גיסן טרערן. ער קאָן אַ וואָרט ניט אַרויסברענגען.

— אהרן, זאָג וואָס מאַכט די מאַמע?

— ניטאָ מער, — כליפּעט ער קוים אַרויס, — ניטאָ מער די מאַמע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַ פּאָר מינוט בין איך געבליבן אָן לשון. כ'האָב אים גענומען אונטערן אָרעם און שטומערהייט אַריפּגע־פירט אין מיין דאַך־שטיבל. קיין ליכט ניט אָנגעצונדן. אין דער פינסטער איז אהרן געזעסן און מיר אויסדערציילט מיט אַלע איינצל־

הייטן ווי אַזוי זיין אומגליקלעכע מוטער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַן אַלטער, שמוציגער „באָבע", וואָס האָט ביי איר אָפּגענומען דאָס קינד. די געווינערין האָט געקראָגן בלוט־פאַרגיפּטונג דורך דער באָבע'ס שמוציגע הענט; און אין דריי טעג אַרום איז זי אין גרויס אַגאָניע געשטאָרבן, איבערלאָזנדיג דאָס נייע געבוירענע עופעלע, אַן אינגעלע, פּריש און געזונט. דאָס קינד האָט מען געמוזט אַוועקגעבן צו אַן אַם. מען דאַרף איר צאָלן פינף דאָלאר אַ וואָך, און ס'איז ניטאָ פון וואַנען צו צאָלן.

פּאַסירט האָט דער אומגליק נאָך מיט דריי וואָכן צוריק, און דאָס האָט זיי אַלעמען אַזוי פּריטשמעליעט, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט מיר לאָזן וויסן. סיי ווי סיי איז שוין די מאַמע געווען טויט. וואָס וואָלט איך דען געקאָנט העלפן? אין שטוב איז אַ שרעקלעכער חורבן. מירעל ליגט כסדר אין בעט און וויינט; וויל קיין זאַך ניט נעמען אין מויל. אַ שטיקל גליק וואָס די מומע פּייגע איז דאָ, גיט זי אַכטונג אויף די קלענערע קינדער. אַז ניט — וואָלט גאָר געווען שלעכט. אהרן האָט פאַרענדיגט זיין טראַגישע געשיכטע און פאַרשטעלט ס'פּנים מיט ביידע הענט און שטיל געוויינט. און איך — אויף אים קוקנדיג — האָב אים מיטגעהאָלפן קלאָגן.

כ'האָב אהרנ'ען פאַרהאַלטן אויף נאַכטלעגער און מיר זיינען ביידע געלעגן ביז טאָג און מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. ערשט איצט האָט ער, אהרן, אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז ער האָט שטאַרק געזינדיגט אַנטקעגן דער מאַמע'ן. זי איז געפאַלן ווי אַ פערד אין שפּאַן. זי האָט געטראָגן אַ צו־שווערע לאַסט אויף אירע אויסגעהאָרעוועטע פּלייצעס, און קיינער האָט אויף איר קיין רחמנות ניט געהאַט. איצט איז אַלץ אויס! אַלצדינג וועט צו גרונד גיין — פון אַלץ וועט ווערן אַ תל.

געווען איז דאָס די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת. כ'האָב געפּועלט ביי אהרנ'ען ער זאָל וואַרטן אויף מיר ביז דריי אַזייגער פאַרנאַכט, ווען איך לייג אַוועק די אַרבעט אין שאַפּ, וועל איך מיט אים מיטפאָרן אַהיים.

3

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין אַלייענס, איז שוין געווען נאַכט,

און אויפ׳ן מזרח־זייט הימל האָט זיך באַוויזן אַ פאַרנעפּלטע, גרויסע, רויטע לבנה.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום בערגל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען די כאַטקע, האָבן מיר געזען שטיין אַ פערד־און־וואָגן. די הינטערשטע רעדער זיינען געווען באַלייכטן פון אַ פייער לכבוד די מאָסקיטאָס, און די רעדער האָבן אויסגעזען ווי געמאַכט פון גאָלד . . . אַרום דעם וואָגן האָבן מיר געזען שטיין סילועטן פון דערוואַקסענע מענטשן און קינדער, און עס האָט זיך דערהערט אַן אויסברוך פון קינדערשן געוויין. קולות פון דערוואַקסענע האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. דער וואָגן האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און געלאָזט לויפן גלייך אַנטקעגן אונדז. קללות און געשרייען זיינען נאָכגעלאָפן דעם וואָגן . . .

— אהרן, — זאָג איך, עפּעס האָט דאָרט פּאַסירט!

אהרן שטרענגט אָן די אויגן אין דער פינסטער און ער זאָגט, דאַכט זיך, אַז דאָס איז די אַם. דאָס איז זי. זי האָט אודאי אַנגעוואָרפן דאָס קינד, ווייל מען האָט איר ניט באַצאָלט . . . (זי האָט טאַקע געסטראַשעט, אַז זי וועט אַזוי טאָן). איך שטעל זיך אַוועק אין מיטן וועג און כאַפּ אָן דאָס פערד ביים צוים.

אַן עלטערער אידל, וואָס טרייבט אָן דאָס פערד, הויבט־אויף די בייטש, וועלכע אהרן כאַפּט אַרויס פון זיין האַנט. איך שפּרינג אַרויף אויפ׳ן וואָגן און פרעג: — „וויפיל איז מען שולדיג?"

— צען דאָלאַר, — שנירעוועט די רויט־האָריגע אַם ס׳פּיסקל.— פאַר צוויי וואָכן האָט מען מיר ניט באַצאָלט. איך האָב אַליין ניט פון וואַנען צו לעבן.

— אַזוי? קומט, — זאָג איך, — צוריק, נעמט דאָס קינד. אָט איז 10 דאָלאַר.

נאָך דעם ווי די אַם האָט צוגענומען דאָס קינד און די שטוביגע האָבן זיך אַביסל באַרואיגט, איז דער אַלטער ר׳ משה מיר געפאַלן אויפ׳ן האַלדז און מיך באַוואַשן מיט זיינע טרערן.

— לאַנג לעבן זאָלסטו, אלי־בער; האָסט אונדז דאָס לעבן געראַטעוועט. וואָס וואָלטן מיר דאָ געטאָן מיט דעם פּיצל קינד? אוי,ביילע, בעסער וואָלט געווען ווען איך זאָל געווען דיין קבר פאַר־

נעמען . . . — און בעת מעשה פיל איך אַ שטאַרקן בראַנפן־ריח פון ר׳ משה׳ס מויל . . . און אויף זיין צעפלאַמטן פּנים איז געלעגן עפּעס אַ מאָדנער אויסדרוק פון שרעק, מידקייט און צעמישטקייט . . .

די קינדער, וואָס פלעגן מיך אַלע מאָל באַגעגענען מיט אַזאַ פרייד און לויפן מיר אַנטקעגן, שטייען איצט און טוליען זיך איינער צום צווייטן — אַזוי ווי צעשראָקענע שעפעלעך און קוקן אויף מיר מיט גרויסע, צעשראָקענע אויגן, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן דערוואַרט פון מיר איך זאָל זיי אויפדעקן דאָס געהיימניס: פאַרוואָס האָט מען זייער מאַמע׳ן אַרויסגעטראָגן פון שטוב? און צי וועט זי טאַקע קיינמאָל ניט צוריקקומען, קיינמאָל ניט? . . . און זיי ברעכן אַלע אויס אין האַרצרייסנדן יאָמער.

איך קוק זיך אַרום אין דער שטוב — ס׳איז ניט דיזעלבע שטוב, — אַ וויסטער אומעט, אַ דריקענדער טרויער שרייט אַראָפּ פון די ווענט. מיר דאַכט איך הער די הימלשפּאַלטנדיגע קולות און דאָס גע־וויין פון אַלע ווייבער פון דער קאַלאַניע בעת מען האָט דעם קערפּער פון דער אָרעמער ביילע׳ן פון דאַנען אַרויסגעטראָגן.

אין דעם עס־צימער אויף אַ שאָקל־שטול (וואָס איך האָב דאָ פרי־ער קיינמאָל ניט געזען), איז געזעסן די מומע פייגע, ביילע׳ס שוועס־טער: — אַ ברייטע, אידענע, מיט אַ רויטן פּנים. אין אירע ווייסע, פעטע הענט האָלט זי אַ נאָזטיכל, ווישט די אויגן און שמאָ־רעט מיט דער נאָז. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווענדט זי זיך צו מיר: — „נו, אלי־בער, וואָס זאָגסטו צו אַזאַ אומגליק? האָסטו אויף דיין לעבן אַזאַ שרעקלעכן אומגליק געזען, האַ?״ און זי שמאָרקעט מיט דער נאָז. איך דערמאָן זיך, אַז די מומע פייגע, וואָס מען זאָגט, אַז זי האָט מיטגעבראַכט געלט פון רוסלאַנד, האָט גלייכגילטיג צוגעזען, ווי די אַם וואַרפט־צו דאָס קינד און האָט ניט אַרויסגענומען קיין 10 דאָלאַר צו באַצאָלן דער אַם. אָט דער געדאַנק רופט ביי מיר אַרויס אַ ווידערגעפיל צו דער פרוי. איך דריי זיך אַוועק פון איר אָן אַ וואָרט און ווענד זיך צו ר׳ משה׳ן מיט דער פראַגע: „וואו איז מירעלע?״

— מירעלע? — קוקט מיך אָן דער אַלטער. אוי, אלי־בער, מיר האָבן גרויס עגמת נפש פון דער נאַרישער מויד. טאָמער האָבן מיר וויניג אַזאַ אומגליק, אַזאַ בראָך, נעמט זיך די מויד אַריין אַ „מאָנקאָ־

ליע״ אין קאָפּ אַרײַן, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, װײַל זי אױך שטאַרבן. זי ליגט כסדר אױבן אױפ׳ן דאַך־שטיבל און װײנט. עסט ניט, שלאָפט ניט און דערגײט די יאָר. צו דער מומע פײגע׳ן רעדט זי ניט, איז אָנגעבלאָזן. פרעג זי: פאַרװאָס? די נאַרישע מױד. שטעל דיך פאָר, — שרײַט דער אַלטער מיט אַ מאָדנעם גרילצענדיגן קול, — שטעל דיך פאָר, אַז די מומע פײגע לאָזט איבער איר אײגענע שטוב מיט די קינדער און קומט אַהער; העלפט מיט דער באַלעבאַטישקײט, קאָכט און באַקט — איז זי נאָך ברוגז אױף דער מומע׳ן און רעדט ניט צו איר! טו מיר אַ טובה, אלי־בער. גײ אַרױף צו איר און שטראָף איר אױס אַביסל, זי זאָל ניט זײַן אַזאַ משוגענע מױד!

4

דאָס דאַך־שטיבל איז געװען האַלב פינסטער. אױף אַ טישל האָט געררױ־כערט אַ קלײן קעראָסין־לעמפל און פאַרשפרײט אַ טשאַד. די מאָסקי־טאָ־נעץ פון די צװײ פענסטערלעך זײַנען געװען צעריסן און די מאָסקי־טאָס האָבן געזונגען אין די אױערן . . . אָבער ס׳איז שױן געװען סוף זומער און זײ זײַנען ניט געװען אַזױ װילד.

מירעל איז געלעגן אין בעט. די הענט צונױפגעלײגט אונטערן קאָפּ. זי איז געװען אָנגעטאָן אין עפּעס אַן אַלט, שװאַרץ, אָפגעריבן קלײדל, װאָס איז געװען צו ענג אױף איר און ערטערװײז צעפּלאַצט, און דוקא דאָרט, װאו די יונגע, מײדלשע בריסט האָבן זיך געשפּאַרט פון דעם מלבוש אַרױס . . .

מירעל איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אױגן, און איר געל־בלאַסער פּנים האָט זיך אַרױסגעשײלט פון דער האַלב־פינסטערניש פון פאַרשטיקטן דאַך שטיבל. איך האָב אָנגענומען מירעל׳ס האַנט, פון װאָס זי האָט אַ ציטער געטאָן, און געעפנט די, פון װײנען רױטע און פאַרשװאָלענע אױגן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מירעל איז אין די עטלעכע װאָכן, װאָס איך האָב זי ניט געזען, עלטער געװאָרן אױף עטלעכע יאָר.

מירעל האָט אױף מיר אַ קוק געטאָן, צוריק צוגעמאַכט די אױגן, פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ. איך נעם זי אַרום, קוש זי אױף אירע

אייז־קאַלטע ליפּן און זאָג: — מירעל, מען טאָר ניט אַזוי. אַ מענטש דאַרף קענען אַריבערטראָגן אַן אומגליק. מען טאָר זיך ניט אָפּלאָזן". איך פיל ווי עס הויבט אָן צו שטורעמען און וואַרפן זיך איר ברוסט. אירע בלאַסע ליפּן הויבן־אָן ציטערן. זי רייסט זיך אַרויס פון מיינע הענט, פאַרגראָבט דאָס פּנים אין קישן און ברעכט אויס אין אַ שטיל געוויין, בעת איך אַליין הויב אָן קלאָגן אויפ׳ן קול . . .

כ׳ווייס ניט ווי לאַנג מיר זיינען אַזוי געזעסן אין דעם בוידעם־שטיבל, וואו מירעל האָט מיר אויסדערציילט אַלע איינצעלהייטן פון דער טראַגעדיע. ווען מיר זיינען ביידע אַרונטער אונטן, זיינען דער פאָטער און די מומע פייגע ניט געווען אין שטוב. מירעל האָט די קינדער געגעבן וועטשערע און זיי געלייגט שלאָפן. דערנאָך האָב איך מירלע׳ן געצוואונגען זי זאָל אַליין אויך עפּעס נעמען אין מויל אַריין, און דאַן זיינען מיר אַרויס אין גאַס.

אין דרויסן איז געווען די לופט פייכט און שטיקענדיג, אָבער פרישער און לייכטער צו אָטעמען ווי אין שטוב. אין דרויסן איז שטאָק פינסטער און דער הימל שווער באַלאָדן מיט וואָלקנס און עס פילט זיך, אַז יעדע מינוט קאָן אַ בליץ אַ שפּאַלט טאָן דעם שוואַרצן הימל.

איך נעם מירלע׳ן אונטער אָרעם, און זי טוליעט זיך צו מיר. זי שווייגט אַ ווײַלע, דאַן זאָגט זי מיט אָנגעזאָפּטע טרערן אין איר קול:

— און איצט ווערט די מומע פייגע די באַלעבאָסטע פון שטוב. זי איז געקומען צו פאַרנעמען דער מאַמע׳ס אָרט . . .

קיין נייעס איז דאָס פאַר מיר ניט געווען, ווייל אהרן האָט מיר נאָך אויפ׳ן וועג אַהער דערציילט, אַז ווי עס ווייזט אויס, וועט די מו־מע פייגע פאַרנעמען דער מאַמע׳ס אָרט . . . כאָטש ס׳איז ערשט 3 וואָכן אַז די מאַמע ליגט אויפ׳ן בית עולם, זעט מען שוין אין דעם פאָטער׳ס באַנעמונג צו דער מוטער׳ס שוועסטער, אַז ס׳איז שוין ביי זיי דאָ אַן אָפּגעמאַכטע פאַרשטענדעניש . . . און קיין „שדכן" דאַרפן זיי שוין ניט האָבן . . . און די דערוואַקסענע קינדער זייגען שטאַרק אַנגעצויגן אי אויפ׳ן פאָטער, אי אויף דער מומע פייגע׳ן.

און דערפאַר, ווען מירעל האָט אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן פאַר מיר אויפ׳ן פאָטער און איר מומע׳ן, האָב איך זיך אָנגענומען דוקא פאַר׳ן פאָטער! איך האָב מירלע׳ן באַוויזן, אַז די שטוב קאָן אָן קיין פרוי ניט

זייך, און די מומע פייגע, כאָטש זי איז ניט געוואוינט צו אַרבעט, איז זי דאָך אַן אייגענע, ניט קיין פרעמדע, און אַז ווי אומאַנגענעם עס זאָל איר, מירלע׳ן, ניט זיין צוצוזען ווי דער פאָטער „חנדל׳ט״ זיך מיט דער מומע פייגע׳ן, דאַרף זי אָוועקק קן און זיך מאַכן ניט זעענדיג. און כדי מירעל זאָל זיך אַביסל צעשטרייען פון דעם שווערן קלאַפּ וואָס זי האָט געקראָגן, מאַך איך איר אַ פאָרשלאַג זי זאָל פאָרן אויף עטלעכע טעג אין פילאַדעלפיע. זי קען איינשטיין ביי די פרידמאַנס. קלאַרע פרידמאַן, כאָטש אַ סך עלטער פו מירלע׳ן, איז איר חבר׳טע. די פריד־מאַנס זיינען אויך געווען קאָלאָניסטן דאָ אין אַלייענס, און זיי זיינען פאַרבליבן גוטע פריינט — וועט זי קענען זיין ביי די פרידמאַנס, און איך וויל טאַקע, אַז מיין מאַמע זאָל זיך באַקענען מיט מירלע׳ן. איך בין געווען זיכער, אַז ווען די מאַמע מיינע וועט דערזען מיין געליבטע — וועט זי זיך פאַרליבן אין איר, פונקט ווי איך . . . און זי וועט מיר אויפהערן דרייען אַ ספּאָדעק מיט דער אַלטער מויד, דעם רב׳ס טאָכ־טער, מיט די „וואָנצעלעך״ . . .

אָבער מירעל קאָן מיין פאָרשלאַג ניט אָננעמען. זי האָט ניט קיין רעכטן מלבוש אָנצוטאָן צו פאָרן אין שטאָט אַריין. דאָ האָט שוין די מומע פייגע, וועלכע האָט געזוכט אַ געלעגנהייט נושא־חן צו זיין ביי מירלע׳ן אין די אויגן, זיך אונטערגענומען אויפצונייען פאַר מירלע׳ן אַ קלייד לויט דער לעצטער מאָדע; און עס ווערט באַשלאָסן, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט מירעל פאָרן אין שטאָט אַריין, קיין פילאַדעל־פיע. מיר איז געלונגען, אין די פּאָר טעג, וואָס איך בין דאָרט געווען, דער שווער־געשטראָפטער משפחה אַביסל אויפצומונטערן. כ׳האָב געהאָט אַ שטיקל געשפרעך מיט׳ן פאָטער. ער האָט מיר פאַרשפּאָרט אַן אַרבעט, ווייל ער האָט מיר געגעבן אָנצוהערן וועגן מיינע באַציאונ־גען צו מירלע׳ן, און מיר מיט טרערן דערציילט, אַז ביילע, עליה השלום, האָט שוין פון לאַנג מיך באַטראַכט פאַר מירעל׳ס חתן, און אַז איך בין זיי אַלעמען איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי אַן אייגן קינד . . . מיט מירלע׳ן אַליין האָב איך אויך זיך דורכגערעדט. אין קורצע, אָפּ־געהאַקטע ווערטער, מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים און אַ ציטעריג האַרץ, האָב איך איר אָנגעבאָטן מיין ליבע און אויסגעלייגט פאַר איר מיינע פּלענער פאַר דער נאָענטער צוקונפט. אַזוי ווי זי האָט ניט קיין היים,

און איך, כאָטש איך האָב אַ היים, דערגייט מיר די מאַמע די יאָרן מיט אירע „כלות", אירע געלט און יחות־שדוכים, וועלן מיר זען וואָס שנע־לער זיך פאַראייניגן און ביסלעכווייז בויען אַ נעסט פאַר זיך אַליין.

דער געשפּרעך איז פאַרגעקומען ביינאַכט פאָרנדיג מיט מירלע'ן אין דאָס צוויי־רעדלדיקע פערד־און־וועגעלע, אויף די שטילע וועגן פון דער קאָלאָניע. מירל איז געזעסן צוגעדריקט צו מיר אַזוי נאָענט, אַז איך האָב געקאָנט פילן דעם ציטער פון איר האַרץ . . . און איך האָב געפילט אירע הייסע טרערן אויף מיין האַלדז.

אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך באַגעגנט מירלע'ן אויפ'ן וואָקזאַל אין פילאַדעלפיע. מירעל איז געווען אָנגעטאָן אין טרויער־קליידער, וואָס די מומע פייגע האָט פאַר איר אויפגעגנייט. און כאָטש דאָס טרויער־קלייד מיט'ן שוואַרצן הוט האָבן מירלע'ן געמאַכט אויסזען על־טער ווי אירע קאַרגע 17 יאָר, האָט עס אָבער ניט געשטערט צו איר זיסן, שיין געטאָקטן פּנים. פאַרקערט, עס האָט איר צוגעגעבן, חן. מירעל האָט געוואָלט איך זאָל זי גלייך אָוועקפירן צו די פרידמאַנס, אָבער איך בין באַשטאַנען, אַז זי זאָל קומען מיט מיר צו מיר אַהיים, וואו עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פיינע וועטשערע לכבוד מיין געליב־טער און וואו מען ערוואַרט איר אַלס גאַסט. מירעל איז ניט גערן גע־גאַנגען . . . זי האָט געוואוסט, אַז מיין מאַמע וויל מיך אָוועקרייסן פון איר . . . און זי האָט זיך פשוט געשראָקן צו גיין . . . אָבער, זי האָט נעבעך קיין ברירה ניט געהאַט.

זי איז געגאַנגען, איז געזעסן דעם גאַנצן אָוונט אַ שעמעוודיגע, ווי אַ דאָרפ'ס־מיידל, מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די הענט . . . און דעם גאַנצן אָוונט אַ וואָרט ניט אַרויסגע־רעדט . . . איך האָב שוין גערעדט פאַר איר אויך . . .

מיין לעצטער באַזוך אין אַלייענס.
אַ חתונה מיט קלעזמער . . .

דער מאַמע׳ס „שידוכים״ האָבן מיר אַזוי דערעסן, אַז, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו מאַכן אַן ענדע דערצו, האָב איך באַשלאָסן צו ברענגען מיין געליבטע מירלע׳ן פון אַלייענס, ניו דזשוירזי, און דער מאַמע׳ן אויף צו להכעיס, וועל איך גיין וואוינען מיט איר אָן חופה וקדושין . . . אגב בין איך טאַקע שוין צו יענער צייט געווען אָנגע־שטעקט מיט׳ן גייסט פון „פריייע ליבע״ . . . וואָס איז דאָן נאָר וואָס אַריין אין דער מאָדע . . .

אָבער מיין געליבטע האָט מיר געלאָזט וויסן אין אַ בריוו, אַז די קאָלאָניע האָט זיך דערוואוסט פון אונדזער באַשלוס, און — עס טוט זיך מעשים . . . עס איז דאָרט ביי די קאָלאָניסטן באַשלאָסן געוואָרן ניט צו דערלאָזן אַזאַ סקאַנדאַל . . . וואָס־זשע ס׳איז הפקר פעטרוש־קע? . . . און דער פאָטער, משה בוטשער, שווערט זיך, אַז ער וועט ניט דערלאָזן — וואָס הייסט עפּעס זיין מירעל וועט אַוועק פאָרן און מען וועט ניט פּראַווען קיין חתונה? . . . די קאָלאָניע וועט אַזוינס ניט דערלאָזן . . . און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פּראַווען אַ חתונה — גאָר אויף אַ געהויבענעם שטייגער, מיט אַ חופּה־וועטשערע, מיט אַ „גאָלדענער יויך״, און די גאַנצע קאָלאָניע וועט זיך משמח זיין און אַלע פאַרמערס וועלן ברענגען „דרשה געשאַנק״. עס וועט זיין אַזוינס און אַזעלכעס — הינט וועלן טראָגן גאַנצע קעפּ . . . און מיין כלה פאַרענדיגט דעם בריוו מיט דעם, וואָס זי לאָזט מיר וויסן, אַז דער פאָ־טער אירער קלייבט זיך די טעג צו קומען אין שטאָט אַריין איינקויפן סחורה אויף חתונה קליידער, וועלכע די מומע פייגע וועט אַליין מיט אירע אייגענע הענט אויפניייען און, אגב אורחה, איר פאָטער וויל זיך

באַקאַנען מיט מיינע עלטערן און זיי איינלאַדן (פּערזענלעך) צו אונדזער חתונה . . .

דער סוף איז געווען, אַז מיין מחותן איז טאַקע געקומען, איז מיט די פרידמאַנס געגאַנגען צו מיינע עלטערן זיי איבערבעטן . . . און ניט נאָר האָבן זיי זיך געלאָזט איבערבעטן, נאָר זיי האָבן צוגעזאָגט מיטצוברענגען אַ ק אַ פּ ע ל י ע ק ל ע ז מ ע ר צו באַשיינען די חתונה, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ געוויסן טאָג און מיין מחותן איז אַ גליקלעכער אַוועקגעפאָרן אַהיים מיט דעם באַשלוס, אַז אין 3 וואָכן אַרום פּראַוועט מען די חתונה!

איך האָב דערוויל איינגעאָרדענט די דריי צימערלעך מיינע ביי די פרידמאַנס אין הויז. זייער געראָטענע טאָכטער, קלאַרע, האָט מיר פיל אַרויסגעהאָלפן. זי האָט אויפגעגנייט פאַרהענגלעך פאַר די פענסטער און אַנדערע צאַצקעס און באַפּוצונגען, אַזוי אַז איך וואָלט די דאָזיקע 3 צימערלעך ניט אויסגעביטן פאַר׳ן שענסטן פּאַלאַץ אין דער וועלט . . .

2

אַ וואָך פאַר דער חתונה קריג איך ווידער אַ בריוו פון מיין כלה, אין וועלכן זי לאָזט מיר וויסן, אַז דער פאָטער קומט אין שטאָט אַריין איינקויפן געוויסע פּראָדוקטן, וואָס מען דאַרף האָבן צו דער „חופה וועטשערע״. געקומען איז ער אין אַ זונטיק אין דער פרי, אַ טאָג וואָס איך אַרבעט ניט. בין איך מיט אים אומגעגאַנגען איינקויפן וואָס מען דאַרף, געהאָלפן אים שלעפן די פּעקלעך, וועלכע עס וועט אים זיין שווער אַריבערצוטראָגן בעת ער וועט זיך דאַרפן אַריבערזעצן אין אַ צווייטן צוג ביי ווינדסלאָו דזשאַנקשען. אָבער אפשר וועט זיך געפינען אימיצער אין וואַגאָן, וואָס וועט אים העלפן. מיין מחותן האָט זיך זייער געאיילט אַהיים צו פאָרן, ווייל ס׳איז אינגאַנצן געבליבן 3 טעג צו דער חתונה און די ווייבער פון דער קאָלאָניע וואַרטן אויף אים, ער זאָל ברענגען די פּראָדוקטן, וועט מען זיך נאָך היינט אָוונט אַ נעם טאָן באַקן די לעקעכער מיט די טאָרטן. דער מחותן מיינער איז געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט פון דעם טאָג אַרומלויפן. ער האָט זיך

מיט מיר צעקושט און איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן, ווען דער צוג האָט זיך שוין געהאַט גערירט פון אָרט.

3

פון וואָקזאַל בין איך אַוועק אַהיים צו מיינע עלטערן, וועמען איך האָב שוין היפּשע עטלעכע וואָכן ניט געזען. (פון זינט דער טראַגיקאָמישער געשיכטע מיט דעם דימאַנטענעם רינגל, וואָס די מאַמע האָט געקויפט פאַר דער אַלטער מויד און איך האָב דאָס אַוועקגעגעבן מירלע׳ן . . .)

מיין מחותן האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די מאַמע האָט מיר שוין אַלץ מוחל געווען און איך מעג שוין קומען אַהיים . . . אגב איז דאָך שוין טאַקע ניט מער ווי 3 טעג צו מיין חתונה — דאַרף מען גיין אַהיים זיך דורכשמועסן וועגן אַ סך זאַכן, וואָס איז נוגע דער גרויסער בעפאָרשטייענדער פּאַסירונג. אָבער ווען איך בין אַריין אין שטוב און די מאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי ערשט מיר אָפּגעשפּילט אַ חתונה! אַז ס׳איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגן . . . זי האָט מיך באַוויינט, ווי זי וואָלט געדאַרפט גיין צו מיין לויה, ניט צו מיין חתונה . . . און אַז זי האָט זיך ענדלעך באַרואיגט, האָבן די שוועסטער אָנגעהויבן קלאָגן . . . וואָס איז? זיי האָבן ניט קיין רעכט מלבוש אין וואָס צו פאָרן צו דער חתונה . . . איך בין געזעסן אַ באַגראָבענער און האָב אין הארצן געשאָלטן מיין מחותן הלמאי אים האָט זיך פאַרוואָלט „פּראַווען אַ חתונה״. איך האָב גאַנץ לייכט געקאָנט אויסקומען אָן דעם גאַנצן טאַראַראַם, אָבער ס׳איז פאַרפאַלן. זיץ־איך און וואַרט ביז די שוועסטער וועלן אויסגיסן זייער ביסל טרערן, און איך וועל דאַן צוריקגיין צו די פרידמאַנס אין מיינע נייע 3 צימערלעך, וואו עס איז מיר אַזוי גוט, אַזוי באַקוועם. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער פאָטער מיינער און ער האָט גענומען געבן דער מאַמען און די שוועסטער אַ גאָב, הלמאי זיי דערגייען מיר די יאָרן און פאַרשטערן מיר מיין שמחה. די מאַמע האָט באַלד געענדערט איר טאָן. איז ביסלעכווייז פריילעכער געוואָרן. מיר זיינען געגאַנגען עסן וועטשערע. נאָך וועטשערע זיינען אַריינגעקומען אַ פּאָר שכנים און מען האָט געשמועסט וועגן דאָס צוגרייטן זיך צו דער „גרויסער פּאַסירונג״. דער־

ווייל איז שוין געוואָרן שפּעט און איך קלייב זיך גיין אַהיים, ווען פּלוצלונג — עפענט זיך ראַפּטאָם די טיר, און עס לויפט אַריין ניט טויט ניט לעבעדיק, מיט אַ בייטש אין האַנט — מיין כלה׳ס ברודער אהרן, און ער פרעגט מיך: „וואו איז דער טאַטע?״

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — וואו איז דער טאַטע? כ׳האָב דאָך אים אַליין אַריינגעזעצט אין וואַגאָן 4 אַזייגער פאַרנאַכט מיט אַלע פּעקלעך, וואָס ער האָט איינגעקויפט — וואָס־זשע, ער איז ניט געקומען אַהיים? . . .

— ניין, — זאָגט־ אהרן, — דער טאַטע איז ניט אַהיים געקומען! ער, אהרן, איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן צוג, געזוכט אין אַלע וואַגאָנען — ניטאָ דער טאַטע! עס איז געוואָרן אַ טרעוואָגע איבער דער גאַנצער קאָלאָניע. מען וואַרט אויף אים, ער זאָל ברענגען די אַלע פּאַ־קופּקעס וואָס מען דאַרף האָבן און, זעענדיק אַז ער איז מיט דעם צוג ניט געקומען, האָט מען אים, אהרן׳ן, געהייסן לויפן, רייטענדיק אויף זייער פלינקן פערד אין שטאָט אַריין זען, וואָס עס האָט פּאַסירט. זיי מיינען דאָרטן, אַז דער פאָטער האָט פאַרשפּעטיגט דעם צוג, אָבער הערנדיק פון מיר, אַז ער איז צוריקגעפאָרן, איז אהרן געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער, מיט פאַרבראָכענע הענט און אָן אַ לשון.

— זיי ניט אַזוי צעשראָקן און פאַרצווייפלט, — זאָג איך צו מיין צוקונפטיקן שוואָגער, — מיר שיינט, זאָג איך, אַז איך ווייס וואָס מיט דיין פאָטער איז געשען . . .

קוקט מיך אהרן אָן מיט אָן אָפּען מויל און אַלע אין שטוב קוקן אויף מיר אַזוי מאָדנע — עפּעס אַזוי, ווי זיי וואָלטן פאַרדעכטיקט, אַז איך בין ניט ביים זינען . . .

— וואָס־זשע, — מאַכט אהרן צו מיר, מיט אויפרעגונג אין זיין קול — דיר ווילט זיך איצט מאַכן אַ שפּאַס?

— איך מיין קיין שפּאַס, אהרן, — זאָג איך, — דיין פאָטער, אויב ער איז ניט געקומען אַהיים, געפינט ער זיך איצטער אין אַטלאַנ־טיק סיטי . . .

— וואָס הייסט, — ווערט אהרן אין כעס, — ער געפינט זיך אין אַטלאַנטיק סיטי? ביזט משוגע געוואָרן צי וואָס? דער פאָטער ווייסט, אַז מען קוקט אַרויס אויף אים מיט טויזנט אויגן, ער דאַרף ברענגען די

אַלע פּאָקופּקעס, וואָס מען דאַרף האָבן אויף צו באַקן און קאָכן, וועט ער גאָר נעמען און פאָרן אין אַטלאַנטיק סיטי. דאָס איז אַן איינפאַל פון אַ משוגענעם . . . און אהרן נעמט אומלויפן איבער דער שטוב מיט׳ן בייטשעל אין האַנט טאַקע ווי אַ משוגענער . . . כאַפּ איך אים אָן ביי דער האַנט און זאָג מיט אַ טאָן העכער:

— דער טאַטע דיינער האָט זיך געדאַרפט איבערזעצן אין ווינ־סלאָו דזשאַנקשאָן אין אַן אַנדער צוג, צי ניין?

— יאָ, — זאָגט אהרן, — דער טאַטע האָט זיך געדאַרפט איבער־זעצן אין אַן אַנדער צוג.

— און דער צוג אין וועלכן איך האָב אים אַריינגעזעצט גייט קיין אַטלאַנטיק סיטי — צי ניין? . . .

מיין צוקונפטיקער שוואָגער גיט זיך אַ כאַפּ ווי אַן אָפּגעבריטער:

—אוי, ביזט גערעכט! ביזט גערעכט! יאָ, דער טאַטע האָט געמוזט נעמען עטלעכע שנעפּסלעך און איז איינגעשלאָפן אין וואַגאָן... און איז אַוועקגעפאָרן גלייך קיין אַטלאַנטיק סיטי, אַנשטאָט זיך אי־בערצוזעצן אויפ׳ן צווייטן צוג — אין ווינדסלאָו דזשאַנקשאָן . . .

— נו, — זאָג איך, — אַבי דו פאַרשטייסט, איז גוט . . . מיד איז ער געוועזן פון דעם גאַנצן טאָג אַרומלויפן, אין וואַגאָן איז באַ־קוועם און וואַרעם צו זיצן — נו, איז ער געשמאַק איינגעשלאָפן און זיך מסתמא אויפגעכאַפּט אין אַטלאַנטיק סיטי, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט געהייסן אַלעמען אַרויס פון וואַגאָן . . .

— נו, וואָס־זשע טוט מען איצט? — שרייט אהרן מיט צוויי אויסגעשפּרייטע הענט.

— איצט, — זאָג איך, — קום צום טיש, וועט די מאַמע דערלאַנ־גען טיי מיט וואַרעניע, וועסטו ־זיך אַביסל דערוואַרעמען . . .

— אַט אפּנים, — זאָגט אהרן, — דו ביזט פאַר דיין חתונה משוגע געוואָרן! וואָס הייסט איך זאָל זיך זעצן טרינקען טיי? דאָרט אין דער היים לויפן זיי אום ווי די משוגעים, די גאַנצע קאָלאָניע גייט כאַדאָראַם, וועל איך זיך דאָ אַוועקזעצן טרינקען טיי!

— זיי ניט קיין נאַר! — זאָג איך, — דיין פאָטער מוז שוין איצט אודאי זיין אין דער היים . . . ווייל, ווען ער איז אָנגעקומען אין אַט־לאַנטיק סיטי און דערזען וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, האָט ער מסתמא

באַלד געכאַפּט אַ פערד און וועגעלע און זיך גענומען יאָגן אַהיים. ווי ווייט איז אַטלאַנטיק סיטי פון אַלייענס? 20 מייל? איך גאַראַנטיר דיר, אַז איצט איז ער שוין אין דער היים און האָט שוין מסתמא גע־קראָגן זיין חלק, וואָס ער האָט פאַרדינט . . .

אָבער אהרן האָט געכאַפּט דאָס בייטשעל און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב, ווי אַ וויכער. זיין פערד איז געשטאַנען צוגעבונדן צו דעם אייזערנעם סלופּ פון אַ לאַמטערנע, אַנטקעגן אונדזער שטוב. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן פערד און זיך גענומען יאָגן אַהיים. גאַנץ פרי האָב איך געקראָגן אַ טעלעגראַמע פון אהרן׳ן מיט דעם פאָלגענדן **אינהאַלט:**

„ניט אומזיסט זאָגט די גמרא—ביי די נאַראָנים איז די נבואה...“

עס איז געווען פּונקט ווי איך האָב אים געזאָגט! און אויפ׳ן צווייטן טאָג בין איך מיט מיין גאַנצער משפּחה און מיט אַ קאַפּעליע קלעזמער געפאָרן אין אַלייענס, ניו דזשיורזי, חתונה האָבן מיט מיין אויסדערוויילטער אין אַ מזלדיקער שעה.

4

דעם גאַנצן וועג פון פילאַדעלפיע ביז אַלייענס האָט געשאָטן אַ שניי און די מאַמע, וועלכע איז צו מיין גרויסער איבעראַשונג דוקא געווען גוט אויפגעלייגט . . . האָט געזאָגט, אַז — דער שניי איז אַ סימן — מזל . . . די פיר קלעזמער: אַ פידל, אַ קלאַרנעטיסט, אַ פּייק־לער און אַ טאַנצקלאַפּער, האָבן מיטגעפירט אַ גאַנץ פיין פלעשל משקה . . . וועלכן מען האָט דעם חתן ניט פאַרטיילט . . . אָבער אַזוי ווי אויף צו להכעיס האָט מיך די משקה ניט פריילעך געמאַכט . . . פאַרקערט, עפּעס בין איך גאָר געווען אין אַ שטימונג, וואָס האָט מיר געשפּאַרט די טרערן צו די אויגן . . . און איך האָב מיר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אגב האָב איך געטראַכט: ווי אַזוי וועלן מיר זיך אַלע פאַר־שלעפּן צום מחותנ׳ס הייזל, 3 מייל פון וואָקזאַל? און וואו וועלן מיר זיך אַלע דאָרט אַהינטאָן?

אָבער, שטעלט אייך פאָר מיין איבעררעאַשונג, אַז, ווען מיר קומען אָן אין אַלייענס 4 אַזייגער פאַרנאַכט, און ווען מיר גייען אַראָפּ פון וואַגאָן, זעען מיר ווי, כמעט אַלע אידישע פאַרמערס, מיט ווייב און

קינדער, מיט פערד און וועגענער, זיינען געשטאַנעןביים וואָקזאַל און געוואַרט אויפ׳ן חתן און די מחותנים. אַלע זיינען געווען יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן. און ניט נאָר די אידישע פאַרמערס, נאָר אויך די קריסט־לעכע שכנים, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן זען ווי מען פראַוועט ביי אידן אַ חתונה . . .

אַ פריש געפאַלענער שניי האָט געהאָלפן מאַכן די יום־טובדיקייט נאָך פייערלעכער.

דער „מעסטער אָוו סערעמאָני״ איז געווען אייזיק דער רויטער, אַ הויכער פעסטגעבויטער פאַרמער מיט אַ רויטער באָרד. ער איז אומגעלאָפן אַ פאַרשמייעטער און געשריען מען זאָל די פערד און וועגענער אויסשטעלן אין אַ מיליטערישער רייע. דעם ערשטן גרויסן וואָגן האָבן פאַרנומען די קלעזמער . . . דערנאָך די מחותנים מיט׳ן חתן. און, אַז אַלע וועגענער זיינען געווען באַזעצט, האָט אייזיק אַ קאָמאַנדע געטאָן ווי אַ גענעראַל . . . און די קלעזמער האָבן אַ שפּיל געטאָן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז געווען ענלעך צו סי־בעליוס פינלענדיאַ . . . און דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן!

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניע אין ניו דזשוירזי האָבן זיך אויף די אידישע פעלדער, ווייט און ברייט געטראָגן אידישע טרויעריקע טענער פון פידעל און פלייט מיט דער באַגלייטונג פון אַ פייקל און מעשענע טאַצן, און געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז אלי בער דער סטאָליאַר גייט חתונה האָבן מיט מירעל משה בוטשער׳ס! און עס איז אַ גרויסער „יום טוב״ אין דער קאָלאָניע אַלייענס, ניו דזשוירזי. אַלע אידישע פאַרמער באַטייליקן זיך אין דעם יום טוב.

דער יום טוב האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך צייט. די פאַרמערס פון אַלע דריי קאָלאָניעס, אַלייענס, כרמל און ראָזענהיין, זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן מיט די ווייבער און קינדער. וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער — אין דער שול, וואו די חתונה האָט שטאַטגעפונען, איז געווען אַזוי ענג, אַז מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און געשוויצט אין מיטן ווינטער . . .

די פאַרמערס מיט די פאַרמערקעס האָבן פאַרגעסן אין זייער שווער

ביטער לעבן . . . און זייער האָרעוואַניע, און מען האָט געטאַנצט און געהוליעט ביז אין ווייסן טאָג אַריין . . . ווען עס איז טאָג געוואָרן, איז מען אַוועק אַהיים און מיט'ן אָנטון אַ פּאָל געטאָן אויף די בעטן. אויס־געמאַטערט פון הוליען האָט מען זיך אויסגעלעגט פּאָפּערעק אויף די בעטן און ווי געה'רג'עטע געשלאָפן עטלעכע שטונדן, און די שמחה האָט זיך אויף מאָרגן אָנגעהויבן פון דאָס ניי.

יעדער פּאַרמער האָט ניט אַנדערש געוואָלט, ווי נאָר חתן כלה מיט די מחותנים זאָלן קומען צו אים אין שטוב עסן, טרינקען און טאַנצן... און ביי יעדן פּאַרמער אין שטוב האָב איך געמוזט אויסזינגען אַלע מיינע לידער . . . אַזוי, אַז איך בין אויפ'ן דריטן טאָג שוין געווען הייזעריק ווי די וואַנט . . . דערפאַר אָבער האָט איר געווען געדאַרפט זען, וואָס פאַר אַן אוצר מיט „דרשה געשאַנק" מיר האָבן פון די פּאַר־מערס געקראָגן! אָבער טאַקע אַן אוצר!

דער רייכסטער פּאַרמער, אָדער בעסער געזאָגט, די רייכסטע פּאַרמערקע, האָט אונדז געשאָנקען — אַ ווייסן טישטוך מיט רויטע קווייטן . . . אַ צווייטע פּאַרמערקע האָט דערלאַנגט צוויי פּאַרטוכער מיט אויסגעניייטע שפּיצן. אַ דריטע האָט אַליין מיט אירע הענט אויס־געשטריקט אַ פּאָר וואָלענע זאָקן . . . ווער קאָן דאָס אויסרעכענען דעם גאַנצן „אוצר" מתנות וואָס מען האָט אונדז מיטגעגעבן צוזאַמען מיט גאַנצע זעק מיט ברכות. הייגט דאָס געזעגענען זיך? די גאַנצע קאָ־לאָניע איז אַרויס אונדז באַגלייטן צום וואָקזאַל. די ווייבער זיינען באַפאַלן מיין כלה, זי געקושט און געוויינט, געשמערעט מיט די נעזער — קוים מיט צרות זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט. און, אַז מיר זיינען שוין אַריין אין וואַגאָן, און דער צוג האָט זיך גענומען רירן פון אָרט, האָט ערשט מיין כלה זיך צעוויינט — און רק געמורמלט:

„אויף וועמען לאָז איך איבער די קינדער . . . ווער וועט אַכטונג געבן אויף די אָרעמע יתומים . . . ווי וועלן זיי קאָנען לעבן אָן מיר..."

ווען איך כאַפּ זי ניט אַריין אין מיינע אָרעמס און פאַרדעק ניט איר מויל מיט מיינע קושן — וואָלט זי אפשר געווען אַרויסגעשפּרונ־גען פון באַן און אַוועק צוריק צו אירע קינדער . . .

דער אַקשען סייל

מיינער אַ באַקאַנטער, וועלכער איז אַ „געוועזענער" אַלרייטניק און איז צוליב דעם קריזיס איצט אַ קאַנדידאַט פאַרן „ברעד לאַין", האָט מיר אַנומעלטן דערציילט, אַז ער האָט געקויפט אויף אַן „אַקשען סייל" פון אַ באַוואוסטער עקספּרעס קאָמפּאַני, אַ טראָנק פאַר צוויי דאָלער, איז ער נתעשר געוואָרן, — פון די זאַכן וואָס ער האָט אין טראָנק (קופערט) געפונען און פאַרקויפט, האָט ער אָפּגענומען צוויי הונדערט דאָלאר, אַ חוץ אַ פּאָר שטיקלאַך צירונג, וואָס די ווייב האָט גענומען פאַר זיך, און וואָס איז ווערט איבער הונדערט דאָלער.

העלפט גאָט, און איך לייען לעצטע וואָך אין צייטונג פונקט אַזאַ אַדווערטייזמענט פון אַן „אַקשען סייל", וואָס דאַרף שטאָטפינדן די טעג. די באַטרעפנדע עקספּרעס קאָמפּאַני פאַרקויפט אויס טראָנקס און פעקלאַך וואָס זיינען ניט אָנגעקומען צו זייערע באַלעבאַטים, אָדער שלעכט אַדרעסירט געוואָרן, אָדער די אייגענטימער זיינען געשטאָרבן און אפשר גע׳הרג׳עט געוואָרן — מאַלע וואָס עס טרעפט.

דער דאָזיקער אַדווערטייזמענט האָט מיך זייער דערפרייט, ווייל קיין אַרבעט איז סיי ווי סיי ניטאָ. קיין פרישע זעמל ביי דער טיר האָב איך שוין היינט ניט געפונען. אָנשטאָט זעמל איז געלעגן אַ צעטעלע אין וועלכן דער גראָסערימאַן לאָזט מיר וויסן, אַז מער קאָן ער ניט באָרגן. לייען ביי באַקאַנטע איז שוין אויך ניטאָ ביי וועמען, און דער לענדלאָרד רייסט די הויט, סטראַשעט מיט אַרויסוואַרפן די פּאָר שמאַטעס פון זיין „פּראָפּערטי".

ווען גאָט שיקט מיר צו אַזאַ מציאה ווי מיין פריינט, און איך קויף אַזאַ טראָנק, גאָט מיינער, ס׳וואָלט דאָך געווען אויף רענט, אויף קוילן, אויף שיכלאַך און העטקעלאַך פאַר די קינדער און אַ וואַרימען מאַנטל פאַר דער ווייב. און מיין פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך, זי ברענט

ווי אַ פייער. איך מוז קריגן עטלעכע דאָלאר און גיין צום אָקשען סייל, נישקשה, איך בין פונקט אַזאַ בריה ווי מיין פריינט, דער געוועזענער אַלרייטניק.

אָבער ווי קריגט מען היינטיקע צייטן עטלעכע דאָלער?

ס׳איז דאָ נאָר איין ברירה, דעם זייגער אַוועקטראָגן „צום פעטער״, סיי ווי סיי האָב איך דאָס געדאַרפט טאָן צו פאַרשטאָפּן דעם לענדלאָרד דאָס מויל, וועט ער וואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, דער רוח וועט אים ניט נעמען. איכ׳ל פאַרקויפן מיין סחורה, וועל איך אים וואַרפן דעם רענט אין פנים אַריין.

בקיצור, דער טאָג פון אָקשען סייל איז געקומען. כ׳האָב זיך קוים דערוואַרט אויף אים. ס׳איז געווען אַ הייסער שטיקענדער זומער טאָג. מיין זייגער ליגט שוין ביים „פעטער״ און ביי מיר אין קעשענע ליגן אַכט שווערע זילבערנע טאָלער, און איך האָב פאַרנומען אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע אין דעם גרויסן פינסטערן קעלער, וואו דער אויספאַרקויף קומט פאָר.

מענטשן אָנגעפּאַקט ווי הערינג אין אַ פאַס, די אויגן בלישטשען מיט האָפנונג און דערוואַרטונג, ס׳שוויס גיסט זיך פון פנים ריטשקעס ווייס, מען וואַרט אויפ׳ן אָקשעניר. יעדע סעקונדע ציט זיך ווי אַ יאָר. ענדליך, אָט איז ער! אַ יונגאַטש מיט אַ רויטן פאַרשוויצטן פנים, אָן אַ ראָק, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל. ער עפנט זיין פה קדוש און עס שיטן זיך ווערטער ווי אַרבעס פון אַ זאַק. ער לאָזט וויסן דעם עולם, אַז פאַר יעדן אַרטיקל מוז מען צאָלן קעש, און מען טאָר ניט עפענען קיין פעקל אָדער טראָנק דאָ אין קעלער, און מען טאָר ניט חרטה האָבן. געקויפט איז פאַרפאַלן.

איך באַשליס ביי זיך צו זיין פאָרזיכטיג, ניט איילן זיך, ס׳איז דאָך עפּעס בלוטיגע געלט. ווען מיין ווייב זאָל וויסן וואָס איך טו, וואָלט זי מיך דער׳הרג׳עט.

מיין ערשטער „באַרגיין״ — אַ פעקעלע פאַר 5 סענט. איך טאַפּ אַרום דאָס פעקל און באַשליס: ס׳איז אַ בוך . נו, אַ בוך וואָס אימיצער שיקט מיט עקספּרעס איז געוויס ווערט 5 סענט, ווי זאָגט איר?

קויף איך פאַר 4 דאָלאר פעקלאַך און מיין האַרץ פרייט זיך מיט

דער גרויסער צאָל ביכער וואָס איך וועל קאָנען פריער לייענען און דערנאָך פאַרקויפן צו באַקאַנטע מיט אַ גוטן פּראָפיט.

איך האָב נאָך 4 דאָלאַר אין קעשענע, וועל איך באַהאַלטן אויף עפּעס אַ פּאָר רעכטע טראַנקס.

אויף איין געווייסן טראַנק האָב איך געהאַט אַן אויג. כ׳האָב דאָ־קאַזשעט בגנבה אים אַ הויב טאָן, און ער איז מיר געפעלן . . .

ענדליך, איז דער געוויסער טראַנק מיינער! די צרה׳דיקע קאָנקור־רענטן האָבן אַריינגעטריבן די פּרייז ביז דריי דאָלאַר מיט אַ קוואָדער — אָבער ער איז געבליבן מיינער.

גאָט האָט מיר צוגעשיקט נאָך אַזאַ סוחר ווי איך און מיר האָבן בשותפות גענומען אַן עקספּרעסמאַן, איינגעפּאַקט אונדזער סחורה און פּאַשאָל אַהיים.

פיר שעה אויפ׳ן זייגער אָפּגעשטאַנען אין דעם פאַרשטיקטן קע־לער. די מלבושים אויפ׳ן לייב זיינען געוועזן נאַס פון שווייס, אָבער דאָס האַרץ איז געוועזן גרינג, און די פיס האָבן זיך געהויבן פלינק און לעבעדיג. ביז מיר זיינען אַריין אין וואָגן. מיין שותף האָט פאַרנומען דעם אויבערשטן טייל פון וואָגן און איך דעם הינטערשטן. און מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט אויפרייסן דאָס וויקל פּאַפּיר פון אונדזערע פּעק־לאַך.

מיר דוכט, אַז ווען עס זאָל געווען פּאַסירן אַן ערדציטערניש, אַ פייער, אַ מבול, אָדער דער וואָגן זאָל זיך געווען איבערקערן מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ, וואָלטן מיר ניט געווען געהערט און ניט געזען, אַזוי פאַר־טיפט זיינען מיר געווען אין אונדזער אַרבעט...

איך רייס אויף מיין ערשטן פּעקעדזש — געטראָפן. ס׳איז אַ בוך. אָבער וואָס פאַר אַ שיינער בוך, אַ נחת צו קוקן. דער באַנד איז גאָלד גראַווירט אויף שוואַרצן זייד מיט אַ רעגענבויגן אין דערמיט. איך עפן אויף דאָס בוך — מיין האַרץ גיט אַ שפּרונג אַראָפּ, און וואָס ווייטער איך בלעטער דעם בוך אַלץ נידעריקער זינקט מיין האַרץ. ס׳איז אַ סעמפּל בוך פון אַ געוויסער פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

אַ בלעטל פון דער שפּאַניש אַמעריקאַנער מלחמה. אַ בלעטל פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּאָפּסט אין רוים, אַ בלעטל פון בעקינלי׳ס הויב־ריכטונג, פון קאָקסי׳ס אַרמי, פון קערי ניישאַן, פון קאַמסטאַק. אַ

בלעטל ווי שיינע מיידלעך קושן קעפטעך האָבסאָן פון דער היסטאָרי־שער „מאַרימאַק“.

עס הויבט מיר אָן ווערן פינסטער אין די אויגן. עס באַגיסט מיך אַ קאַלטער שוויס. אויב אַלע מיינע פעקלאַך זיינען פון דעם סאָרט, איז דאָך אַז אָך און וויי צו מיר.

— סעי, מיסטער־ — דערהער איך אַ הייזעריגן געשריי פון מיין שותף פון צווייטן עק וואָגן — פיל גיט איר מיר פאַר מיין סחורה? כ׳האָב קיין צייט ניט צו באַדערן זיך מיט די קלייניקייטן. כ׳וועל אייך אָפּגעבן פאַר אַ העלפט וואָס מיך האָט געקאָסט. איך האָב אַנדערע וויכטיגערע געשעפטן צו אַטענדן.

איך גיב אַ קוק אויף דעם אידל. מיט זיין בייז, געל צעשראָקן פנים׳ל, די גרויסע אויערן זיינע שטייען אָפּ פון קאָפּ ווי ביי אַ צע־שראָקענעם האָז, און אַ טיפער זיפץ רייסט זיך אַרויס פון מיין האַרצן, וועלכע איז מיר אַזוי אויך גענוג שווער, קומט ער נאָך צוגיין מיט זיין פאָרשלאַג און דער׳הרג׳עט מיך גאָר איננאַנ

אָבער דאָס אידל קוקט אויף מיר און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. דער וואָגן טראָגט זיך איבער די גרויסע שטיינערנע גאַסן, קלאַפּט און טראַסקעט און וואַרפט זיך, שליידערט אונדז פון איין זייט אויף דער צווייטער. די צעריסענע פעקלאַך שפרינגען און טאַנצן עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געפרייט און חוזק געמאַכט פון אונדז . . . איך עפן נאָך אַ פעקל — הענדבילס פון טעמעני האָל, אַגיטירענדיג פאַר וויליאַם דזשענינגס ברייען אַלס פרעזידענט.

אַ דריטן פעקל — הענדבילס פון אַ פּעטענט מעדיצין פירמע.

אַ פירטער פעקל — הענדבילס וואו עס ווערט באַשריבן די מעלות פון אַ געוויסער מעדיצין פאַר מענער קראַנקהייטן.

און אַזוי כסדר.

דעם טראָנק האָב איך ניט געטשעפּעט. דער טראָנק — דאָס איז מיין לעצטע האָפנונג! ווען איך עפן דעם טראָנק, וואָלט איך זיך גע־דאַרפט אַרונטערוואַרפן פון וואָגן אונטער די רעדער . . .

כאָטש צו באַגעגענען די ווייב איז אויך ניט קיין לייכטע זאַך. ניט חס וחלילה דערפאַר, וואָס זי איז אַזאַ שלאַק אָדער מיט אַ גרויס מויל. ניין, דוקא פונקט פאַרקערט. אַ שטילע, דערשלאָגענע ווייבל,

באַפאַלן מיט קליינע קינדער און מיט אַזאַ רירעוודיגן, געראַטענעם מאַן ווי איך, און אַז זי וועט דערזען מיין אויפטו . . .

— עי, דהער, וועיק אַפּ! — דאָס האָט דער עקספּרעסמאַן אַ געשריי געטאָן, ווייל מיר זיינען שוין געשטאַנען ביי מיין שטוב, און איך בין נאָך אַלץ געזעסן אין וואָגן אַ פאַרטיפטער אין מיינע חלומות.

איך בין פויל אַרויסגעקראָכן פון וואָגן. אַוועקגעגעבן דעם עקספּרעסמאַן די לעצטע 75 סענט, און מיט אַ געמאַכטן שמייכל פאַר דער צום טויט דערשראָקענער ווייב, אַריינגעטראָגן אַלץ אין שטוב אַריין און זיך מיד אַוועקגעזעצט אויף דעם גרויסן שיינעם טראַנק מיינעם, אין וועלכן אַלע מיינע האָפנונגען זיינען נאָך געלעגן גאַנץ . . .

מיין ווייב איז געזעסן מיט'ן קינד אויף די הענט און געשוויגן. זי האָט נאָר געקוקט אויף מיר, אויף מיין קראַנקן שמייכל, און ס'האָט נאָר געפעלט זי זאָל זיך צעוויינען, וואָלט איך דאַן זיכער אַוועקגעחלש'ט . . .

— וואָס־זשע — רופט זיך ענדליך אָפּ מיין ווייב — ס'איז ערגעץ געוועזן אַ פייער, צי אַ גנבה, צי וואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ שמאַטעס, וואָס דו האָסט מיר אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין, כ'האָב ווינציק אייגענע שמאַטעס? . . .

— געקויפט אַ באַרגיין אויפ'ן אָקשען — וואַרג איך זיך מיט ווערטער . . .

געראַטעוועט פון ווייטערער אינקוויזיציע האָבן מיך די קינדער, וועלכע זיינען אַריינגעלאָפן פון גאַס און זיך גענומען פרייען מיט די צאַצקעס און ביכלאַך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפ'ן דיל. זייערע אויסגעשרייען האָבן פאַרהילכט די לופט און איך בין געוועזן צופרידן צו זיצן אויף מיין טראַנק וואָס ליינגער און חלומ'ן פון מיין גליק, וואָס ליגט דאָרט. שווער איז דער טראַנק, פול מיט צירונג, מיט זיידענע מלבושים, מיט פערל, מיט גאָלד און זילבער, מיט — מיין ווייב גייט שטיל צו צו מיר, טוט אַ טאַפּ מיין וועסטל קעשענע, ניטאָ דער זייגער . . . זי זאָגט גאָר ניט, נאָר דערלאַנגט מיר אַ קוק . . .

ווי לאַנג איך בין געזעסן, ווייס איך ניט. ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, האָט שוין געברענט די געז אין שטוב, די ווייב איז אַרויף לייגן די קינדער שלאָפן.

ווי אַ ווילדער בין איך אויפגעשפּרונגען און אויפגעריסן דעם דעק פון טראַנק — אַ דיקער פּאַפּיר האָט צוגעדעקט דעם אינהאַלט. איך רייס אַראָפּ דאָס פּאַפּיר און עס בליאַסקעט אַרויס אַ פולער טראַנק קיילעכדיגע, גלאַט פּאַלירטע קלעצער. איך נעם אַרויס אַ קלעצל און באַשליס גלייך, אַז דאָס איז ווערט געלט, דאָס זיינען מאָדעלן פאַר הוט־מאַכער. אמת, קיין גליקן וועל איך שוין ניט מאַכן, אָבער מיין געלט וועל איך צוריק־קריגן.

כאַפּ איך דעם בלאָק און לויף צו מיינעם אַ באַקאַנטן הוט־מאַ־כער. באַטראַכט ער דעם בלאָק, קוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם שמייכל. — וואו האָט איר דערטאַפּט די מציאה? — פרעגט ער מיר מיט חוזק אין זיין קול.

— וואָס־זשע, זיי זיינען גאָרניט ווערט? — פרעג איך מיט אַ קול ווי פון קבר אַרויס.

— פאַרוואָס עפּעס גאָרניט ווערט, פייער האָלץ קאָסט קיין געלט ניט? — ווייצלט זיך מיין באַקאַנטער.

— ס׳איז דאָך, — זאָג איך, — נייע בלאָקס.

— יאָ, — זאָגט ער, — געוויס נייע בלאָקס, נאָר פון כמעלניצ־קע׳ס צייטן . . . ווער מאַכט איצט אַזעלכע העטס?

ווי אַזוי איך בין צוריק אַהיים געקומען, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך בין אַריין אין שטוב, בין איך אַ פּאַל געטאָן אויפ׳ן טראַנק און גענומען קלאָגן . . . אָן אמת׳ער געוויטער האָט זיך אַרויסגעריסן פון ערגעץ אינעווייניק ביי מיר. ס׳האָט געגאָסן פון די אויגן, פון דער נאָז, פון מויל, און דאָס האַרץ האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, עפּעס אַזוי, ווי ס׳האָט געוואָלט צופּלאַצט ווערן. די ווייב איז געזעסן באַזונדער און מיך אַקאָמפּאַנירט אויף אַ שטילערן טאָן..

מיט עטליכע טעג שפּעטער, טרעף איך אָן אין גאַס מיין באַ־קאַנטן, וועלכער האָט מיר דערציילט פון זיין גליק מיט׳ן טראַנק, וואָס ער האָט געקויפט פאַר צוויי דאָלאַר. אַז איך האָב אים דערזען, האָט מיר גענומען ציטערן הענט און פיס. מיין ערשטער אימפּולס איז געווען, אים אָנכאַפּן פאַר׳ן האַלדז, אַריינגראָבן מיינע צען פינגער און ניט אָפּלאָזן ביז ער וועט אויפהערן צו אָטעמען, אָבער איך האָב זיך קאָנ־טראָלירט.

— העלאָ! — שריי איך אויס — גאָלדשטיין, וואָס מאַכסטו? — איך שמייכל און איך פיל, אַז מיין קול ציטערט פון כעס. — דו ווייסט, — זאָג איך, — איך האָב אויך געקויפט אַ טראַנק אין אָקשען, און גע־מאַכט אפשר פינף הונדערט דאָלער פּראָפיט. — און איך קוק אים גלייך אין די אויגן אַריין. ער קוקט מיך אָן, ווערט בלאַס און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

איך גיב אים פּלוצלינג אַ כאַפּ פאַר'ן קאָלנער מיט אַ ווילדער קראַפט, אַז ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען.

— זאָג, דו סוקין סין, זאָג! וויפיל האָסטו פאַרלוירן, האַ? — שיפּע איך אים גלייך אין פּנים אַריין — דו ממזר איינער, האָסט דאָך מיר געקוילעט אָן אַ מעסער, דו באַנדיט איינער! גייסט אַרום דער־ציילן אַ ליגן, וואָס איז געפערליכער פון גיפט, פון אַרסעניק — זאָג דעם אמת, וויפיל האָסטו פאַרלאָרן? . . .

ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט און מיך באַשוואוירן איך זאָל ניט דערציילן דער וייב זיינער, וועט ער מיר זאָגן דעם אמת, אָבער ניט איצט, אַן אַנדער מאָל. איצט גייט ער פאַרכאַפּן זיין אָרט ביי דער ברעדליין . . .

אַ נאַכט אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל

דער דאָקטאָר זאָגט, אַז פּ׳ן אַן אָפּעראַציע וועל איך זיך ניט אַרויסדרייען. און אָפּלייגן וועט קאָסטן טייערער. אגב אורחה, טרייסט מיך מיין דאָקטאָר (וועלכער ווייס, אַז קיין געלט האָב איך ניט), זאָל איך זיך ניט זאָרגן, ווײַלע ער וועט מיך שיקן אין קליניק פון אַ קאַטוילישן שפּיטאָל אין דזשוירזי סיטי, וואו איך וועל באַהאַנדלט ווערן מיט׳ן גרעסטן כבוד, פּונקט ווי ווען איך וואָלט באַצאָלט מי יודע וויפיל. נו, איז דאָך מיר גוט ווי די וועלט! בלייבט מיר בלויז איבער צוצוגרייטן די קראַנקע ווייב מיינע צו דעם געדאַנק, אַז פּאַר די נעקסטע פּאָר חדשים וועט זי דאַרפן אויסקומען אָן מיין „פּיידע״ . . . דערפאַר אָבער האָט זי אַ טשענס צו בלייבן אַ יונגע אלמנה . . .

האָב איך געמיינט, אַז מיט מיינע „חכמות״ וועל איך דער ווייב אַזוי „פּאַררײדן די ציין״, אַז זי זאָל פון מיין גיין אין שפּיטאָל קיין וועזן ניט מאַכן. אָבער, ווען זי, די ווייב מיינע, האָט מיך דערזען מיט׳ן שוואַרצן רענצל אין האַנט שוין נאָך דעם ווי איך האָב איר געקושט אויף ביידע באַקן — האָט זי ערשט אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין, מיט אַ יאָמער, עפּעס אַ שטייגער אַזוי ווי איך וואָלט שוין טאַקע געלעגן אין קעסטל . . .

אָבער דערפילענדיג, אַז טרערן הויבן מיך אָן שטיקן אין האַלדז, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן מיין וואַליזל און בין אַרויס פון הויז.

גוט וואָס די קינדער זיינען אַוועק אין סקול. אַז ניט, וואָלט איך אויך די טרערן ניט איינגעהאַלטן . . .

ס׳איז איינס אַזייגער נאָך מיטאָג. די פּרילינג זון שיינט און וואַרעמט און גלעט, וועקט לעבנסלוסט און האָפענונג. איך באַשליס גיין צופוס די עטלעכע בלאָק צום קאַטוילישן האָספּיטאַל. אין גאַס איז אַזוי ליכטיק, דאָרט אין דעם וואָרד איז פינסטער. די בעטלעך

מיט די חלאָמים וואַרפֿן אַריין אַ מורא שחורה אין האַרצן. אָבער מען מוז דאָך גיין — איך בין שוין געוואוינט דערצו . . . שוין נישט דאָס ערשטע מאָל; אָבער צי איז דאָס ניט דאָס לעצטע מאָל? ווער ווייס... אָבער איילן זיך איז ניטאָ וואָס. שפּאַציר איך מיר לאַנגזאַם און האָב גרויס הנאה פון גאָט׳ס ליכטיק וועלטל. איך שפּאַציר מיר מיט׳ן לייכטן רענצל אין איין האַנט און מיין שטעקן אין דער צווייטער. אין מוח פּלאָנטערן זיך אַלערליי געדאַנקען אָן אַ צוזאַמענהאַנג . . . האָב איך דען מורא פאַרן טויט? — פרעג איך זיך אַליין . . . ניין, די קלעפּ פון מיין בייזן מזל האָבן מיך באַפרייט פון אָט דער מורא . . . אָבער כל זמן כ׳האָב הנאה פון אַ גוטן בוך, פון מוזיק און פון גאָט׳ס שיינער וועלט — איז טראָץ דעם גרויסן פּרייז (אין ווייטאָגן), וואָס מען דאַרף פאַר אָט די פאַרגעניגנס באַצאָלן, ווילט זיך ניט שטאַרבן. די אַטאַקעס אין מיין ברוסט קומען אָפטער און שטאַרקער. דער מלאך המות קלאַפּט דאָרט גאַנץ צודרינגלעך. און ווער ווייסט ווען ער וועט די „פעסטונג" איינברעכן? . . . איך פיל, אַז ער האָט די אויבערהאַנט . . . און מאָדנע ווי דאָס קאָן זיך דוכטן, פיל איך עפּעס אַ מין אינטערעס, פונקט ווי איך וואָלט געווען אַ זייטיקער צוקוקער . . . די שאַרפקייט פון די ווייטאָגן ווערן ביסלעכווייז אָפּגעטעמפּט, פונקט ווי די בייטש אויף דער פעל פון אַן אַלטן פערד . . . ווי זאָגט אַ ווערטל: מען זאָל ניט געפּרואווט ווערן, צו וואָס מען קאָן געוואוינט ווערן . . .

אין שפּיטאָל־וואָרד

אָט בין איך שוין מיט מיין רענצל אין האָספּיטאַל, און מען פירט מיך אַרויף אויף אַן אויבערשטן שטאָק.ביים שרייב־טיש זיצט די אויבערוועכטערין פון וואָרד אין שוואַרצן מיט אַ ווייסן טשיפּיק. נאָך דעם ווי זי נעמט איבער מיינע „קרעדענשעלס", אַזוי צו זאָגן, בעט איך איר מיר אָנצואווייזן אויף אַ בית־הכסא, אין וועלכן איך נויטיג זיך זייער. וואַרפט מיר די „הייליגע שוועסטער" צו אַ קאַלטן שטעכיקן בליק און בורטשעט אַרויס: „ניין, דו קאָנסט ניט. מען דאַרף פריער נעמען אַ סעמפּל פון דיין השתנה" . . . פאַרשטשימע איך מיט די פאַלשע ציין (ווייל כ׳האַלט זיך שוין איין פון אַ שטונדע) און איך

טראַכט: נו, מילא, רולס זיינען רולס! און איך בין וויליג צוצוגעבן, אַז אַ שפּיטאָל איז אַ קאָמפּליצירטע מאָדערנע אינסטיטוציע, וואו געוויסע רולס און רעגולאַציעס מוזן אָפּגעהיט ווערן. אַז ניט, וואָלט געהערשט אַ כאַאָס פּונקט ווי אין דעם אַמאָליקן „הקדש" אין מיין שטעטל, ווען איך געדענק נאָך גאַנץ גוט.

און ווען מען האָט מיך אַביסל שפּעטער, אַראָפּגעפירט אין בייסמענט, וואו עס שטייען די וואונדערלעכע עקס־ריי מאַשינען, און איך האָב געזען ווי זיי אַרבעטן, האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דער בריהשקייט און פלינקייט פון די מענער און פרויען וואָס אַרבעטן און וואָס אָפּערירן מיט אָט די מאַשינען, און ס'איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז פון דעם אַמאָליקן „הקדש" ביז דעם מאָדערנעם שפּיטאָל איז אַ גרויסער מהלך . . . און דאָך — מיט וויפיל זיינען די היינטיקע מענטשן גליקלעכער פון די, וואָס האָבן געלעבט מיט צוויי דורות צוריק? . . .

די זעלבע מאַשין, וואָס ווערט באַנוצט צו היילן און געזונט מאַכן דעם מענטשן, ווערט אויך באַנוצט דעם מענטש אָפּצובראָטן אַ לעבעדיקן . . .

דער גלויבן, אַז כדי צו לעבן און גליקלעך זיין מוז דער מענטש איבערשניידן אימיצנ'ס האַלדז . . . אָט דער גלויבן זיצט נאָך פעסט איינגעוואָרצלט אין מענטשנ'ס האַרץ איצט, פּונקט ווי מיט טויזנט יאָר צוריק. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

2

אָט ליג איך שוין אויף מיין בעטל אין דעם לאַנגן שמאָלן וואָרד, וואו עס ליגן אַ 20 חולאים. די פאַרשטיקטע לופט, אָנגעפילט מיט שווערע ריחות, פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם . . . דער „פּאָרטער" טוט מיר אָן אַ קורץ, פאַרפלעקט נאַכט־העמדל און כ'לייג זיך זייער גערן אַריין אין מיין ווייס בעטל. און כאָטש ס'איז אַ וואַרעמער טאָג און אין וואָרד איז מער ווי וואַרעם, דאָך איז מיר קאַלט, איבערהויפּט אין די פיס. ליג איך און רייב מיט די הענט די פיס, כדי זיי צו דערוואַרעמען אַביסל. באַמערקט דאָס מיין שכן, אַ איד, וואָס ליגט אין בעטל

פון דער רעכטער זייט, און ער גיט אַ קוועטש דאָס קנעפּל ביי זיין בעט. באַווייזט זיך דער זעלבער פּאַרטער. „גיב דעם מענטשן אַ האָט וואָטער באָטל צו זיינע פיס“, זאָגט מיין שכן מיט אַ הייזעריק קול. דער פּאָרטער, אַ רויט־האָריקער איירישמען, מיט אַ צעבראָכענער נאָז און קליינינקע שאַרף־שפּיציקע גרויע אויגלעך, בורטשעט אַרויס „וואַט דאָנט יו מיינד יור אָון ביזנעס?“, אָבער ער ברענגט מיר דאָך אַ הייסן, גומענעם זעקל, וויקלט אים איין אין אַ שמאַטע, און וואַרפט אים אויף מיין בעט. איך דאַנק אים און רוק דאָס באַלד אונטער צו מיינע פיס. איך דאַנק מיין שכן פאַר זיין פריינטלעכקייט. די ערשטע עטלעכע מינוט פילט זיך גוט, אַ מחיה; די וואַרעמקייט נעמט אַרום די פיס און פאַרשפרייט זיך איבער׳ן גאַנצן קערפער. פּלוצלונג — וואָס איז דאָס? צי אפשר ווייזט זיך מיר דאָס נאָר אויס? ניין, עס ווייזט זיך מיר שוין גאָרניט אויס . . . איך גיב אַ טאַפּ דעם גומענעם בייטל — ער איז אויסגעליידיקט און איך ליג אין אַ טייך . . . קעללי, דער פּאָר־טער, האָט ענטוועדער ניט גוט פאַרשרויפט, אָדער דער בייטל איז אַ צעלעכערטער. ליג איך שוין און טראַכט, אַז אָט, הפנים, דער שלימ־מזל מיינער איז מיר נאָכגעגאַנגען און זיך מיט מיר אַריינגעלעגט אין בעט . . .

איך באַמערק אַ חולה רעכטס פון מיין בעטל, אַ גרויסער קערפּער סטאַרטשעט אַרויס פון אונטערן ווייסן צודעק און ער ווענדט זיך צו מיר מיט אַ שאַרף־אידישן אַקצענט און זאָגט: „וואַטש יור סיקנעס?“ (וואָס איז אייער קרענק?). קוק איך זיך איין אין זיין רויטן, גראָבן פנים און זאָג: „צו־פיל געבורטס־טעג.“ קוקט ער אויף מיר מיט זיינע גרויסע, רויטע, קעלבערנע אויגן און איך טראַכט, אַז דער דאָזיקער איד דאַרף זיין אַ בוטלעגער (ס׳איז געווען אין צייט פון פּראָהיבישאָן), און איך זע, אַז מיין „חכמה“ איז צו טיף פאַר אים . . . „וואָס“, זאָגט ער אין אידיש, „איז דאָס פאַר אַ קרענק?“

— דאָס, זאָג איך, איז אַ קרענק אַזאַ, וואָס נאָר דער טויט קאָן אויסהיילן . . .

„און אין וואָס“, זאָג איך, „באַשטייט אייער קרענק, שכן?“

דער איד זיפצט און קרעכצט אַרויס: — „מיין קרענק איז שוין איינמאָל אַ קרענק. מען האָט מיך אָפּערירט מיט אַ יאָר צוריק, און

איך טראָג מיין אייגענעם טאָילעט אויפ׳ן בויך . . . ״ ער דעקט אויף זיין צודעק און איך זע אַ רויטן לעדערנעם בייטל צוגעפעסטיגט מיט אַ ברייטן לעדערנעם רימען. „זעט איר? אָט דאָס איז מיין וואָטער־קלאָזעט, וואָס איך טראָג אַרום כסדר מיט זיך. וואָס זאָגט איר עפּעס דערצו? . . . ״

„וואָס זאָל איך זאָגן? מיר דאַכט זיך״, זאָג איך, „אַז אַלע אייע־רע צרות קומען אויך פון צופיל געבורטסטעג . . .״ דער איד שמייכלט לעקעשעוואַטע. „כ׳האָב״, זאָגט ער, „אַ טומאָר אין רעקטום. און מען ברענט אים אויס מיט ראַדיום. 8 אַזייגער וועט מען עס מיר אריינלייגן און מאָרגן 8 אַזייגער אין דער פרי נעמט מען עס אַרויס. און איך גיי צו מיינע ביזנעס״.

„וואָס איז אייערע ביזנעס — אַ סטאָר?״

„ניין: איך בין אַ פּעדלער פון ווייַן און שנאַפּס . . . ״

איך דריי זיך אויס אויף דער אַנדערער זייט.

כ׳האָב געטראָפן — ער איז אַ בוטלעגער . . .

4

מיין שכן פון דער לינקער זייט איז אַ קריסט אין די מיטעלע יאָרן. אַ בלאַסער, אָפּגעצערטער, איידעלער פּנים און זיידן־בלאָנדע האָר. ער ליגט מיט׳ן פּנים אַרויף און די גרויסע, בלויע אויגן זיינען ווי צוגעשמידט צו עפּעס אַ פּינטל אויף דער קויטיקער געלער סטעליע.

— ווי פילסטו, שכן? — פרעג איך אים.

ער דערפילט, אַז די פראַגע איז געווענדט צו אים. דרייט ער אויס צו מיר דעם קאָפּ און די אומבאַוועגלעכע אויגן זעען מיך ניט. ער טוט אַ שווערן זיפץ און זאָגט: „אַ דאַנק, איך פיל ניט גוט. איך האַלט ביי בלינד ווערן״, און עס רייסט זיך אַרויס אַ שלוכץ פון זיין האַלדז, וואָס האָט געמאַכט מוראַשקעס אַרומקריכן איבער מיין רוקן...

איך קוק אַרויס דורכן פענסטער. פון צווישן די הויכע, גרויע ווענט זעט זיך אַ שטיקל כמורנער הימל און עס שפּריצט אַ פרילינג־רעגענדל. „ניט געזאָרגט״, — זאָג איך, — „ברודער, די מאָדערנע כירורגיע טוט אויף וואונדער; אַ מענטש טאָר די האָפנונג ניט פאַר־

לירן״ — און אין האַרצן טראַכט איך: ס׳איז אַ סך גרינגער צו פּרע־דיקן ווי צו פּראַקטיצירן . . .

„יאָ״, זאָגט מיין שכן, „די כירורגיע טוט אויף וואונדער; אָבער קיין נייע אויגן קאָנען זיי מיר ניט געבן . . . ״ ער זיפצט און ווערט אַנטשוויגן.

„פון וואָס איז דיר די קראַנקהייט געקומען?״ פרעג איך אים, און כ׳האָב באַלד חרטה אויף מיין פראַגע . . . אָבער, ווי אַלע מאָל, קומט די חרטה צו שפעט . . . מיין שכנ׳ס פנים ווערט פאַרוואָלקנט. ער פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט ביידע הענט. איך פּרוביר גוטמאַכן מיין פע־לער און זאָג: „דאַרפסט מיר ניט ענטפערן. ס׳איז אַ נאַרישע פראַגע.״

מיין שכן שווייגט אַ ווײַלע. דאַן זאָגט ער: „ניין, ס׳איז ניט קיין נאַרישע פראַגע. אָבער ס׳איז דאָ אַ סך צו ריידן וועגן דער אור־זאַך פון מיין בלינדווערן, און איך בין איצט ניט אין קיין שטימונג צו ריידן. מאָרגן, 8 אַזייגער אין דערפרי, גיי איך אין אָפּעראַציאָנס־צי־מער און אויב די אָפּעראַציע וועט זיין דערפאָלגרייך, וועל איך דיר שפּעטער דערציילן. אָבער, גאָט ווייסט; דער דאָקטאָר זאָגט, אַז ער גאַראַנטירט ניט איך זאָל צוריקקריגן מיין ראיה.״ ער ווערט אַנט־שוויגן און איך טרייסט אים: „גאָט וועט העלפן״ . . .

5

ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל אין דעם אַזוי אויך געגנוג אומע־טיקן קראַנקן־צימער. עטלעכע אָרעמע עלעקטרישע לעמפּלעך ביי די גרויע ווענט צינדן זיך אָן און וואַרפן לאַנגע שאָטנס אויף דעם סופיט און ווענט און עס ווערט נאָך מער אומעטיק . . . איך זעץ זיך אויף. קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן — ווייסע און שוואַרצע חולאים ליגן אויף די בעטלעך און די לופט איז פויל און שווער.

אַ פּאָר נעגערס מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ זיצן אויף שטולן מיט צוויי גומענע רעדלעך. פונקט אַנטקעגן מיר זיצט אַ חולה אויף אַ שטול־וועגעלע. ער איז איינגעהילט אין אַ ווייסן כאַלאַט אָדער שלאָף־ראָק. און זיינע ביידע פיס, כמעט ביז צום דיך, זיינען איינגעגיפּסע־וועט, און ער האַלט זיי גלייך אויסגעצויגן. נאָר די נאַקעטע פּיאַטעס

שטעקן אַרויס. צוליב די טיפֿע שאָטנס אויף די ווענט האָב איך אַזוי גרינג ניט געקאָנט זען דעם פּנים פֿון דעם פּאַציענט, וואָס איז געזעסן אויפֿ׳ן רוק־שטול; אָבער ווען איך האָב גענומען זיך גוט איינקוקן, האָט זיך פֿון שאָטן אַרויסגעשיילט דער טויט־בלאַסער פּנים פֿון יעזוס קריסטוס . . .

כ׳האָב געוואוסט, אַז דער שפּיטאָל איז אַ קאַטוילישער און די „שוואַרצע שוועסטער" פֿירן דאָ די גרענדע; און ווען איך האָב דערזען יעזוס׳עס בילד, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ מאַלעריי אויף דער וואַנט. אָבער ווי קומט יעזוס אין אַ מאָדערנעם שטול אויף צוויי גור־מענע רעדלעך? . . . און נאָך מיט פֿאַרגיפּסעוועטע פֿיס דערצו? . . . אָבער איך האָב זיך באַלד איבערצייגט, אַז דאָס זיצט אַ לעבעדיקער מענטש, און דער איירעשער פּאָרטער קעללי האָט מיר דערציילט, אַז דאָס איז אַן אומגליקלעכער, וואָס האָט צעבראָכןביידע פֿיס און ער איז שוין 6 חדשים אין שפּיטאָל. די פֿיס היילן זיך ניט און ער זיצט אַזוי אויף זיין שטול גאַנצע טעג, ווי אַ סטאַטוע, און רעדט צו קיינעם קיין וואָרט ניט. כ׳בין געלעגן און געקוקט אויף דעם מערקווירדיק טראַגישן בילד, און האָב מיינע אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן פֿון דעם. אַזאַ מין ענלעכקייט צו דעם גויאישן גאָט האָב איך אויף מיין לעבן ניט געזען. און ווען קעללי האָט מיר אין עטלעכע מינוטן אַרום צוגעטראָגן מיין וועטשערע אויף אַזאַ מין הילצערנעם טישעלע, און דאָס אַוועקגעשטעלט פֿאַר מיר אויף מיין בעט, האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר דערציילן די איינצעלהייטן פֿון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטשנ׳ס טראַגעדיע. קעללי האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צו טאָן נאָך דעם ווי ער וועט פֿאַרטיג ווערן מיט זיין אַרבעט. און קעללי איז פֿאַרשוואונדן צווישן די שאָטנס.

איך לאָז שטיין דאָס טישל מיט׳ן עסן, און קוק נאָך אַלץ אויף דעם בילד אַנטקעגן מיר. ער מיך זעט ניט, ווייל מיין בעטל איז כמעט איינגעהילט אין פֿינסטערניש, ווייל קיין לעמפּל איז לעבן מיין בעט ניטאָ. פּלוצלונג גיט מיר אַ האַק אין נאָז אַ ריח פֿון קעצישער השתנה, אַז איך פֿאַל שיר ניט אין חלשות! טאָמער איז דער שרעק־לעכער געשטאַנק ווייניג, איז ער נאָך געווען אויסגעמישט מיט צוגע־ברענטן חזיר־פֿעטס. כ׳האָב דערפֿילט, אַז די דאָזיגע „טייערע" ריחות

קומען פון דעם טישל, וואָס שטייט פאַר מיר מיט שפּייז פאַר מיין וועטשערע . . . כ׳האָב מיט אַלע כחות אַ כאַפּ געטאָן דאָס חנ׳עוודיקע טישל און דאָס פּרובירט אַוועקשטעלן אויפ׳ן דיל, לעבן מיין בעט. אָבער אַזוי ווי די קורצע פיסלעך פון דעם טישל זיינען געוועזן פון די צוזאַמענגעקלעפּטע, האָט זיך איין פיסל אויסגעבויגן, דאָס טישל האָט זיך איבערגעקערט, און אַלץ, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, האָט זיך אי־בערגעקערט אויפ׳ן דיל מיט אַ בראַזגעריי, וואָס האָט אָפּגעהילכט אי־בער׳ן גאַנצן וואָרד . . .

אָבער וואָס העלפט עס, אַז דער העסלעכער געשטאַנק דערגרייכט מיך פון מיינע שכנים׳ס טישלעך? . . . און די לופט פון גאַנצן וואָרד איז פאַרפּעסטעט פון אָט דעם ריח? זיץ איך אַ פאַרגאַפטער פון דעם וואָס קיינער באַמערקט עס ניט . . . אַלע עסן. ווער ליגענדיק און ווער זיצענד׳ק. אַלע עסן און באַלעקן זיך. קיינער פאַרקרימט אפילו ניט מיט דעם נאָז . . .

באַלד שיילט זיך קעללי אַרויס פון דער האַלב־פינסטערניש. איך זע, אַז ער איז בייז. עס בייסט אים די צונג אַרונטערצוקנאַקן אַן עכטע קללה . . . אָבער, ער האַלט זיך איין . . . און ער קלייבט צוזאַמען פון דיל די געשיר, און ווען ער ווערט פאַרטיק, זאָגט ער: „כ׳וועל דיר ברענגען אַן אַנדער פאַרציע עסן, אויב ס׳איז עפּעס פאַרבליבן אין קיך.

כאַפּ איך קעללי׳ן אַן פאַר דער האַנט און זאָג: „קעללי טייערער, קעללי האַרציקער, כ׳בעט דיך, ווי גאָט איז דיר ליב, טו דאָס ניט . . . כ׳האָב אַבסאָלוט קיין שום אַפּעטיט ניט . . . זעסטו, טרינקען — מהיכו תיתי . . . ״ און איך רוק אים אין האַנט אַ זילבערנעם דאָלאַר — „נאַ, גיי און ברענג מיר אַ פלאַש פּרוכט־זאַפט און — פאַר דעם אויסגאַב — קויף דיר וואָס דו ווילסט אַליין.״ און קעללי איז אַוועק.

ער האָט זיך געזאַמט אומגעפער אַ שטונדע צייט און איז צוריק־געקומען היפּשלעך פאַרשנאַשקעט און האָט געשמייכלט אונטער די וואָנצעס . . . ער האָט מיר געבראַכט אַ פלאַש פלוימען־זאַפט מיט אַ גלאָז, און בעת איך האָב לאַנגזאַם געזופּט מיין פלוימען־זאַפט, האָט קעללי זיך צוגעשפּאַרט אויף מיין בעט און גענומען דערציילן מיר די געשיכטע פון דעם אומגליקלעכן יונגן מאַן, וואָס זיצט אַנטקעגנאיבער מיין בעט, און וואָס איז אַזוי ענלעך צו יעזוס קריסטוס ווי צוויי

טראָפּנס וואַסער. כ׳האָב געמוזט מיט דער האַנט פאַרשטעלן ס׳מויל מיט דער נאָז, כדי ניט איינצואָטעמען דעם ריח פון ביליגע וויסקי, וואָס קעללי האָט געטרונקען (ס׳איז אַן אומגליק צו זיין געבענטשט מיט אַ צו־שאַרפן חוש הריח).

6

„די געשיכטע פון דעם דאָזיקן יונגן מאַן איז קורץ און זייער טראַגיש" — זאָגט קעללי. „ער איז אַ מאַשיניסט ביי טרייד און פאַרמאָגט אַ ווייב מיט שייניקע צוויי טעכטערלעך ווי דאללס!"

— איז ער אַן אַמעריקאַנער, אָדער אַן אויסלענדער? — שלאָג איך איבער קעללי׳ן די רייד.

„ער איז אַ געבוירענער אַמעריקאַנער פון שוועדישע עלטערן, און זיין נאָמען איז פּיטער דזשענסען" — ענטפערט קעללי. „און אָט איז ווי אַזוי זיין אומגליק האָט אים געטראָפן: ווי געזאָגט, איז ער אַ מאַשיניסט, און ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ און גאַנץ פיין פאַרדינט און געשפּאָרט געלט. זיך געקויפט אַ כאַטקע אַן אייגענע מיט צוויי לאָטס ערגעץ אויסערן שטאָט, און די ווייב זיינע, אויך אַ שוועדין, האָט אויפ׳ן ליידיקן לאָט געזייט גרינצייג, געפלאַנצט בלומען אַרום דער כאַטקע, און די קליינע פאַמיליע האָט זיך געלעבט גליקלעך ביז — דער ניט־גוטער האָט איינגערעדט דזשענסענ׳ען צו קויפן אַ מאָטאָר־סייקל אויף צו פאָרן יעדן טאָג צו דער אַרבעט, ווייל מיט דעם טראַמ־ווייי נעמט אים איבער אַ שטונדע צייט צו פאָרן, בעת מיט׳ן מאָטאָר־סייקל נעמט אינגאַנצן 10־15 מינוט. עטלעכע אַנדערע אַרבעטער פון זיין שאַפּ פאָרן צו דער אַרבעט אויף מאָטאָר־סייקלס, פאַרוואָס זאָל ער זיך שלעפּן מיט דער סטריט קאַר? . . .

„אויף זיין פינסטער מזל איז דער טאָג, ווען דזשאָנסאָן האָט גע־דאַרפט מאַכן זיין ערשטע רייזע צו דער אַרבעט, געווען אַ כמורנער און אַ רעגן איז געהאַנגען אין דער לופט.

„די ווייב זיינע האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל ניט פאָרן מיט׳ן מאָטאָר־סייקל אין אַזאַ טאָג; אָבער ער איז געווען איינגעשפּאַרט, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט

אַן אָוטאָמאָביל און האָט צעבראָכןביידע פיס. אָבער דאָס איז ניט די גרעסטע צרה. עס פּאַסירן אַזעלכע אומגליקן אַלע טאָג; ליגט מען אין האָספּיטאַל אַ פּאָר חדשים, די פיס ווערן פאַרהיילט, ספּעציעל ביי יונגע, געזונטע מענטשן, און דאָס לעבן גייט ווייטער זיין גאַנג. דאָ אָבער איז אַ פאַל, וואו אַ מענטש וויל ניט צוריק געזונט ווערן... ער וויל זיך אַליין, זאָגט ער באַשטראָפן פאַר דער נאַרישקייט, וואָס ער איז באַגאַנגען און געקויפט אַ מאָטאָר־סייקל. ער האָט דאָס ניט געדאַרפט טאָן! איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט באַשלאָסן צו טאָן — ניט עסן... דאָס צווייטע — האַלט ער אין איין יאַדען זיך און גריזשען. ס׳גייט ניט אַוועק אַ טאָג ער זאָל ניט באַוואַשן זיך מיט טרערן.

„איז וואָס אַנבאַלאַנגט עסן, האָט מען אים געהאַדעוועט איבערגעוואַלט; אָבער וואָס טוט מען צו דאָס צווייטע? מען האָט שוין אַנגעווענדעט אַלע מיטלען. די „סיסטערס״, די „שוואַרצע שוועסטער״, האָבן געבראַכט די גרעסטע און די קלוגסטע גלחים, וואָס פלעגן אָפּזיצן שטונדן און ריידן צו אים. אָבער ער האַלט די גרויסע בלויע אויגן פאַרריסן צום הימל, קוקט אפילו ניט אויף אייך — און שווייגט. און אויב אימיצן געלינגט יאָ אַרויסקריגן אַ וואָרט פון זיין מויל, איז דאָס אימער דאָס זעלבע: „כ׳האָב ניט געדאַרפט קיין מאָטאָר סייקל״ — מער רעדט ער ניט. די דאָקטוירים האָבן פּרוביט ווירקן אויף אים מיט אַלערליי מיטלען. זיי קלייבן זיך צוזאַמען אַרום אים, די דאָקטוירים, פאַרבינדן צווישן זיך אַ שמועס, אָדער דערציילן וויציקע מעשה׳לעך, אָבער ס׳איז ניט מעגלעך אַרויסצוקריגן פון אים אַ שמייכל פאַר קיין פאַל. די איינציקע צייט, ווען דזשאַנסאָנ׳ס פּנים לייטערט זיך אויס אַביסל, איז ווען די ווייב מיט צוויי מיידעלעך זיינע קומען אים זען. מיט זיי רעדט ער יאָ, אָבער נאָר געציילטע ווערטער. באַלד אָבער פילן זיך אַן זיינע אויגן; ער פאַרשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענט און וויינט שטילערהייט ווי אַ קינד. דאַן נעמען די מיידעלעך אים האַלדזן און קושן, בעת זיין ווייב דרייט זיך אויס מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט און באַגיסט זיך מיט טרערן. ענדלעך בארואיגט ער זיך. קושט און גלעט די קינדער ביז זיי גייען אַוועק און דאַן בלייבט ער ווידער זיצן אַ לעבעדיקער סימבאָל

פון טרויער און פאַרצווייפלונג. דער רעזולטאַט איז, אַז די צעבראָ־כענע פיס היילן זיך ניט; מען האָט שוין איין מאָל אַראָפּגענומען די „קעסטס" פון זיינע פיס, אָבער מען האָט באַלד געמוזט מאַכן נייע. אָט דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון דעם אומגליקלעכן מיסטער דזשאַנסאָן . . . "

קעללי הויבט זיך אויף; שפּייט אַרויס זיין קיי־טאַבאַק דורכ׳ן פענסטער, און לאָזט זיך גיין. רוף איך אים צוריק.

„נאָך איין פראַגע, קעללי."

„וואָס איז איט?" — קוקט ער אויף מיר שוין מיט אומגעדולד.

„פון דעם טישל, אויף וועלכן דו האָסט מיר געבראַכט מיין ווע־טשערע, האָט זיך געפילט אַ שווערער גערוך — פון וואַנען קומט עס?"

„יו סי", גיט קעללי אַ שמייכל, „די „טרייס" ליגן אין בייסמענט, וואו די הייליגע שוואַרצע שוועסטער האַלטן זייערע ליבלינגען, די קעץ . . . דו ווייסט דאָך, אַז די דאָזיקע „גאָט׳ס סטראַפּטשעס" גייען ניט אין קיין מואוויס אָדער טעאַטער; אין זייערע פרייע שטונדן זיצן זיי אין בייסמענט און שפּילן זיך מיט די קעץ. קושן און האַלובען זיי, אַזוי ווי קינדער . . ."

קעללי גיט זיך אַ כאַפּ: „ס׳איז שוין 8 אַזייגער!" און ער לויפט אַוועק ווי אַ וויכער. אין עטלעכע מינוטן אַרום קומט ער צוריק, פירנ־דיק אַ בעטל אויף רעדלעך, און לעבן אים גייט אַ פעטער נעגער, מיט אַ גרויסן בויך. אויפ׳ן קאָפּ טראָגט ער, דער שוואַרצער, אַ קוכאַר׳ס מיצל, און זיין גרויסער בויך איז אַרומגעהאַנגען מיט אַ שמוציגן, פאַר־בלוטיקטן פאַרטוך. זיין פּנים גלאַנצט, ווי ער וואָלט ערשט גענומען אַ „שיין" . . . זיי פירן צו דאָס בעטל צו מיין שכן פון דער רעכטער זייט, דעם אידן מיט׳ן רויטלעך שוואַרצן פּנים, און זיי לייגן אים אַרויף אויפ׳ן בעטל. דער אָרעמער איד קרעכצט נעבעך און אויקעט.

„האַלט זיך איין", בורטשעט קעללי, „וועסט צייט האָבן צו קרעכצן די גאַנצע נאַכט . . . " קעללי לאָזט דעם נעגער פירן דאָס וועגעלע מיט׳ן חולה צום אָפּעראַציאָנס־צימער און ער ווענדעט זיך צו מיר און זאָגט: „דער איד (דזשו) וועט באַלד ווערט זיין פופצען טויזנט דאָלאַר" . . .

קוק איך אָן קעללי׳ן: „וואָס דו יו מין?" — „מען וועט באַלד

אַריינלייגן אין זיין פון־הינטן (מאַלט אייך, אַז קעללי האָט באַנוצט אַ מער פעפערדיג ווערטל . . .) אַ שטיקל ראַדיום, וואָס קאָסט פופצן טויזנט דאָלאַר, וואָס ער וועט האַלטן אין זיין רעקטום ביז 8 אַזייגער אין דער פרי. פונקט 12 שטונדן — ניט אַ מינוט מער אָדער ווייניקער. דאַן נעמט מען דאָס אַרויס פון אים . . . אָבער דיך,״ זאָגט קעללי, ״בין איך ניט מקנא״, און ער ווינקט מיט אַן אויגל . . .

„פאַרוואָס? וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?״ . . .

„ווייל ער וועט דיך ניט לאָזן שלאָפן און וועט דיר פאַרקרעכצן דעם קאָפּ״ . . .

קעללי לויפט אַוועק צו דעריאָגן דעם נעגער מיט׳ן וועגעלע. איך בלייב ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און עפּעס אַ שווערע מאַסע דריקט מיין ברוסט און עס זשומעט מיר אין די אויערן. מיין נאָז קאָן זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוואוינען צו די פוילע שטיקענדיגע ריחות פון דעם וואָרד און עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז נאָך אַלעמען איז דער מהלך פון דעם אַמאַליקן הקדש ביז דעם הייַנטיגן מאָדערנעם „וואָרד״ פאַר אָרעמעלייט גאָרניט אַזוי גרויס . . . ווען כ׳האָב צוריק די אויגן געעפנט, זיינען שוין די קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך געווען אויסגעלאָשן. אויסער צוויי רויטע לעמפּלעך איבער די טירן פוןביידע זייטן פון דעם לאַנגן צימער. די לופט איז געדיכט און שווער צו אָטעמען. אייניגע חולאים כראָפּען אויף משונה׳דיגע טענער, אַנדערע קרעכצן ביי יעדן אָטעם־צי. פון ערגעץ טראָגט זיך אַ ווייַמוטיק הייזעריקער קול פון אַ נעגער:

„אָה לאָוד (לאָרד) אָה לאָוד״.

ביים סאַמע ברעג פון וואָרד זיצט אַ שוואַרצע שוועסטער ביי אַ טישל און שרייבט. איר לאָמפּ אויפ׳ן טישל איז צוגעדעקט מיט אַ גרינעם אַבאַזשור. אימיצער מורמלט מיט אַ פאַרשטיקט קול: „וואָטער — וואָטער — אָה פליז, וואָטער!״ די שוועסטער הערט דעם קול און רירט זיך ניט פון אָרט . . . און אפשר איז דאָס אַ חולה, וואָס מען טאָר אים אין דעם מאָמענט קיין וואַסער אויך ניט געבן . . . ווער ווייס?

פאַר מיר ווערט קלאָר. אַז איך׳ל שוין די נאַכט ניט שלאָפן . . .

קעללי באַווייזט זיך מיט אַ בליץ לעמפּל אין האַנט. ער ברענגט מיר מיין שכן צוריק פון אָפּעראַציע־צימער. דער חולה קרעכצט ניט,

נאָר ער ברומט און שיפּעט עפּעס אַזוי מאָדנע, אַז אַ שוידער גייט מיר אַריבער איבער׳ן לייב. קעללי קוקט זיך איין צי איך שלאָף. כאַפּ איך אים אָן ביי דער האַנט און שטופּ אים אַריין אַ האַלבן דאָלאַר אין האַנט אַריין . . . „קעללי, טייערער, גיב מיר אָן אַנדער בעטל, ערגעץ אַנדערש; איכ׳ל דיר אייביק דאַנקען . . . נעם מיך צו פון דאַנען, איך בעט דיך . . . ״

קעללי נעמט צו די מטבע און מאַכט: ש־ש־ש, און צובויגנדיק זיך רוימט ער מיר אין אויער אַריין: „כ׳וועל זען וואָס כ׳קען טאָן פאַר דיר״, — און ער פאַרשווינדט אין חושך.

עס גייט אַוועק אַ האַלבע שטונדע — קעללי איז ניטאָ. מיין שכן לאָזט אַרויס מורא׳דיגע קולות און עס טראָגט זיך פון אים אַ ריח — ניט אויסצוהאַלטן . . . עס גיט מיר אַ בליץ אין מוח אַ געדאַנק: זיך אַנטאָן וואָס שנעלער און לויפן אַהיים . . .

אָבער אָט איז קעללי מיט׳ן בליץ־לעמפּל אין האַנט. ער שעפּט־שעט מיר אין אויער: „קום״. ער העלפט מיר אַרויסקריכן פון בעט און פירט מיך ביי דער האַנט באַלייכטנדיק מיט׳ן בליץ־לעמפּל דעם שמאָלן וועג צווישן די צוויי שורות בעטלעך. ער פירט מיך צו צו אַ בעטל מיט פרישע בעטציג און איך לייג זיך אַריין. קעללי גייט ברענגען מיינע מטלטלים.

פון דער רעכטער זייט ליגט אַ נעגער מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און כראָפּעט. פון דער לינקער זייט — שימערירט אַ ליידיג בעטל. אָבער די האַרץ־רייסנדע קולות פון דעם אומגליקליכן אידן הערן זיך, דוכט מיר, נאָך שטאַרקער . . . און איך וואונדער זיך: וואו נעמט זיך ביי אַ מענטשן אַזויפיל כוח אַריבערצוטראָגן אַזויפיל פּיין? — ער האָט דורכגעמאַכט איינע פון די שווערסטע אָפּעראַציעס, מען האָט אים אויפגעשניטן דעם בויך און געלאָזן דאָרט אַן עפענונג פאַר׳ן אויס־פלוס פון מאָגן; און איצט — אָבער שאַ נאָר, וואָס איז דאָס? עס ציגדן זיך פלוצלונג אָן די לעמפּלעך און עס עפענט זיך די טיר, וואו עס זיצט די הייליגע שוועסטער, און עס באַווייזן זיך צוויי פּאָליס־לייט וואָס טראָגן אַ מענטשן אָן אַ העמד און אָן אַ ראָק. און דער מענטש רעוועט ווי אַ ניט־דערקוילעטער אָקס. הינטער זיי גייט אַ יונגער דאָקטאָר מיט אַ שוואַרצן סעטשל אין האַנט.

עס ווערט אַ טומל אין וואָרד. אַ פּאָר חולאים שפּרינגען אַראָפּ פון די בעטן און הויבן אויך אָן צו שרייען מיט באַנומענע קולות . . . די שוואַרצע שוועסטער שפּרינגט אויף פון איר אָרט און הויבט אָן שרייען: „קעללי! קעללי! וואו ביזטו?“

דערווייל אָבער רייסט זיך דער מענטש פון די פּאַליסלייט׳ס הענט און שרייט מיט אַלע כוחות. עס שפּרינגט אונטער דער יונגער דאָקטאָר אין אַ ווייסן אָנצוג: ער כאַפּט דעם מענטשן אָן פאַר אַ האַנט, גיט אַ ריס אויף דעם אַרבעל פון זיין ווייס העמד און — מאַכט אים אַן איינשפּריצונג אין האַנט. די פּאַליסלייט שלעפּן אים צו צו דעם ליידיקן בעטל לעבן מיר . . . זיי רייסן אַראָפּ פון אים — מיט דער הילף פון דאָקטאָר — די מלבושים מיט די שיך, און לייגן אים אַריין אין בעט. אָבער דער מענטש שפּרינגט באַלד אויף און וויל אַראָפּ פון בעט; און די פּאַליסלייט זידלט ער מיט אַזעלכע עפּיטעטן, אַז אפילו זיי האָבן געמוזט רויט ווערן . . . מען לייגט אים ווידער אַוועק. איין פּאַליסמאַן האַלט אים ביי די הענט, און אַ צווייטער ביי די פיס, און מען וואַרט אויף קעללי׳ן. קעללי איז אַ „קינסטלער“ אין אַזעלכע „קייסעס“, אָבער קעללי איז ניטאָ. ווי אין דער ערד אַריין קעללי. די שוואַרצע שוועסטער לויפט אַרום ווי אַ פאַר׳סמ׳טע מויז. דער יונגער דאָקטאָר האַלט דעם פּולס פון דעם סוביעקט, וועלכער באַרואיגט זיך צוביסלעך, אָבער זיין מויל מאַכט זיך ניט צו. ער רעדט ענגליש מיט אַ שטאַרק דייטשן אַקצענט. פון זיין בעטל טראָגט זיך אַזאַ שרעק־לעכער גערוך פון אַלקאָהאָל, אַז מען קאָן דערשטיקט ווערן . . . נו, טראַכט איך, אַז קעללי וועט קומען, וועט מען אים דאַרפן געבן נאָך אַ האַלבן דאָלאַר, ער זאָל מיך אַריבערפירן ערגעץ אויף אַן אַנדער בעטל . . .

אָבער אָט איז קעללי! ער גייט! ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי: ער גייט. ווי קאָן קעללי גיין, אַז ער איז שוין שיכור, אַז ער פּלאָנטערט קוים מיט די פיס . . . אָבער אַז קעללי האָט דערזען וואָס דאָ טוט זיך, איז ער ווי דורך אַ כשוף געוואָרן ניכטער . . . און אַזוי פלינק ווי אַ קאַץ, ווען זי דערזעט אַ מויז, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן און צוגע־סטרייפּט דעם נייעם חולה צום בעט, אַזוי אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן.

אָבער דער חולה איז שוין געווען באַטויבט פון דער איינשפּרי־צונג, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געמאַכט, נאָך איידער מען האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט, און ער איז סיי ווי סיי געלעגן באַוועג־לאָז. ער האָט נאָר געמורמלט: „עס ברענט, גיט מיר וואַסער, וואַסער, וואַסער . . . ״

די פּאָליסלייט האָבן עפּעס פאַרשריבן אין זייערע ביכלעך און זיינען אַוועק. קעללי גייט זיי נאָך. איך רוף אים, אָבער ער הערט מיך ניט.

7

איך באַטראַכט מיין נייעם שכן . . . דער „דייטש״ ליגט אים אויס־געשפּרייט איבער זיין גאַנצן רויטן פּנים און איך קאָן שווערן, אַז ער איז אַ קעלנער אין אַ ביר־סאַלון.

די ליכטלעך ווערן ווידער אויסגעלאָשן. עס ווערט ווידער שטיל. אָבער זייער ווייניג פון די חולאים שלאָפן. עס הערט זיך דער קול פון דעם אָרעמען נעגער, וואָס קרעכצט אַרויס: „אָה לאָוד, העוו מוירסי אָן מיי סאָול.״

קעללי האַלט אַ שאַרף אויג אויף מיין נייעם שכן. ער וואַקסט אויס לעבן זיין בעט ווי פון אונטער דער ערד . . . רוף איך אים צו: „קעללי,״ זאָג איך, „דער אָרעמער מענטש איז דאָך סיי־ווי פאַרטויבט; צו וואָס זאָלסטו אים האַלטן צוגעסטרעפּט? ס׳איז דאָך אַ רחמנות״.

— אַ רחמנות, — לאַכט קעללי מיט אַ שכור׳ן געלעכטער, — דאָס איז אַ דעליריום טרעמענס קייס. וואַרט נאָר אַ ווילע, וועסטו זען אַזוינס, וואָס וועט דיך איבעראַשן, — און ער נעמט מיין בעטל און רוקט עס אָפּ פון דעם דייטש אַזוי ווייט, ווי נאָר מעגלעך. ״וואָס ווייטער דו וועסט זיין פון אים — אַלץ בעסער פאַר דיר״, לאַכט ווידער קעללי און פאַרשווינדט.

ליג איך שוין און ציטער מיט אַלע אברים און איך טראַכט: וועל־כער שוואַרץ־יאָר האָט מיך געטראָגן אַהער, אין אָט דעם גיהנום אריין? און ווי דערלעבט מען שוין עס זאָל ווערן טאָג? . . . איך וועל לויפן פ׳ן דאַנען ווי פון אַ פּעסט. איך הויב זיך אויף פון בעט און גיי צו

צו דעם אָרעמען אידן, וואָס ליגט און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. זיינע יסורים זיינען מורא׳דיגע. ער איז אַזש באַגאָסן מיט שווייס און כאַפּט קוים דעם אָטעם. זיין גרויסער קערפּער ציטערט ווי אין אַ קדחת. איך נעם אָן זיין נאַסע האַנט: — וואָס קען איך טאָן פאַר אייך, חבר? ער קוקט אויף מיר מיט אַ פּנים וואָס איז שרעקלעך צע־קרימט פון יסורים און מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם מורמלט ער: „אַ גלאָז וואַסער".

איך דערלאַנג אים אַ גלאָז וואַסער. ער טרינקט זשעדנע אויס די וואַסער מיט איין זופּ און ער קרעכצט: „אוי, ווי דערלעבט מען שוין עס זאָל אָנהויבן טאָגן!"

„פאַרוואָס גיט מען אייך ניט אַן איינשפּריצונג?" פרעג איך אים.

„ווי שפּעט איז?" — פרעגט ער מיך, אָנשטאָט צו ענטפערן אויף מיין פראַגע . . .

„צוויי אַזייגער", זאָג איך.

„באַלד", זאָגט ער, „וועל איך קריגן אַ „הייפאַ" (איינשפּריצונג), בין שוין געוואוינט דערצו" — קרעכצט ער; „פון זינט דער אָפּעראַציע מיט אַ יאָר צוריק, קום איך אַהער אַלע חודש און מען לייגט מיר אַריין פאַר פופצען טויזנט דאָלאַר ראַדיום אין רעקטום כדי אויסצוברענען דעם „טומאָר".

„פאַר פופצען טויזנט דאָלאַר!" — זאָג איך מיט „אָנטציקונג"— „אַך, וואָס פאַר אַ גליק ס׳האָט אייך געטראָפן! . . . "

„אָבער די שמערצן" — סאָפּעט דער איד — „זיינען ניט אַרי־בערצוטראָגן. דערפאַר אָבער, אַזוי שנעל ווי מען נעמט נאָר אַרויס דעם ראַדיום, פאַרשווינדן די ווייטאָגן ווי מיט דער האַנט צוגענומען. אוי, אוי, ווי דערלעבט מען שוין עס זאָל זיין 8 אַזייגער! גיט מיר נאָך אַ גלאָז וואַסער, כ׳בעט אייך. קעללי, דער שיכור ליגט מסתמא ערגעץ און כראָפּעט . . . צו וואַרטן אויף אים, קאָן מען דאָ דערווייל אויסגיין און קיינער זאָל ניט וויסן."

איך טרייסט דעם אָרעמען אידן פיל איך קאָן און לאָז זיך גיין צוריק צו מיין בעטל. און נאָך איידער איך בין אָפּגעגאַנגען זעקס שפּאַן, דערהערט זיך אַ מאָדנער וואָיען, ווי פון אַ הונט, און פון וואַנען קומט דאָס דאָזיקע וואָיען? אַוואַדע פון מיין שכן, דעם דייטש . . .

איך בלייב שטיין אין מיטן וועג, און עס ציטערן מיר הענט און פיס. כ׳האָב מורא צוצוגיין צו מיין בעטל . . . וואָלט קעללי ניט געווען צוגענומען ביי מיר מיין אַנצוג, גיי איך אַהיים שוין, די מינוט! און איך בין שטאַרק געניגט צו געבן קעללי׳ן נאָך אַ האַלבן דאָלאַר, ער זאָל מיר צוריקברענגען מיינע מלבושים . . . אָבער ווי איך שטיי אַזוי און ישוב זיך וואָס צו טאָן, גיט פּלוצלונג דער דייטש אַ ברום ווי אַ לייב. ער גיט זיך אַ הויב אויף מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער לעדערנער רימען, מיט וועלכן ער איז געלעגן צוגעבונדן צום בעט, פּלאַצט. און ער שיסט־אויס מיט אַזאַ ווילדן געלעכטער, אַז די גאַנצע געביידע האָט אַ ציטער געטאָן . . .

אָבער נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אַראָפּגיין פון בעט איז שוין קעללי געלעגן אויף אים מיט אַ כפל־שמונה׳דיקע קללה . . . ער האָט אים פאַרדרייט די הענט אויף הינטן מיט אַזאַ פלינקייט און בריה׳שאַפט, אַז מיין שרעק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַוואונדערונג . . . דער אייזן שטאַרקער באַרטענדער, דער דייטש, האָט געזוכט מיט אַלע כחות צו דערגרייכן קעללי׳ן מיט׳ן מויל און זיך איינבייסן אין זיין לייב. אָבער קעללי איז געווען צו־פלינק פאַר אים . . . און אָט ליגט שוין דער דייטש ווידער אַ געבונדענער . . . און שיפּעט: „וואַסער, וואַסער, וואַסער! עס ב־ר־ע־נ־ט!“

קעללי ברענגט אים אַ קרוג וואַסער. ער טרינקט עס אויס איינגאַנצן אָן אָפּרו . . . ער כאַפּט קוים דעם אָטעם, און בעט נאָך, נאָך... קעללי דערלאַנגט אים נאָך. גיסט אים אין מויל אַריין מער ווי ער קאָן שלינגען. ער פאַרכלינעט זיך און שפּריצט אָפּ קעללי׳ס פּנים... ער כאַפּט דעם אָטעם און שיפּעט: „כ׳ווייס, כ׳ווייס: דו גיסט מיר עסיג . . . ניט קיין וואַסער. אָבער, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט . . . גיב מיר נאָך . . .

עס באַווייזט זיך אַ שוואַרצע שוועסטער מיט אַ יונגן דאָקטאָר. קעללי שטעלט דעם אָרעמען דייטש׳ס בעטל אַרום מיט אַ שפּאַניש ווענטל און איך קאָן מער ניט זען, וואָס דאָרט טוט זיך. אָבער איך ווייס, אַז דער דייטש וועט זיך שוין באַלד באַרואיגן . . . איך הער ווי דער דאָקטאָר רעדט עפּעס שטילערהייט צו דער שוואַרצער שוועסטער און ביידע לאַכן שטיל . . .

8

איך גיב אַ קוק אויף מיין זייגערל. ס׳איז שוין באַלד פיר. איך בין אינגאַנצן דערשעפּט. מיינע הענט און פיס זיינען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. אויף דער ברוסט דריקט אַ שווערע משא, אָבער שלאָפן קאָן איך דאָך ניט. כמעט אַלע חולאים אין וואָרד שלאָפן, נאָר איך און דער פופצען־טויזנט־דאָלאַרדיגער איד קאָנען ניט שלאָפן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, דורכגעווייקט פון שווייס, זע איך עס שטייט איבער מיר אַ הויכער, געזונטער איד מיט אַ שוואַרץ רענצל אין האַנט און שמייכלט לעקעשעוואַטע . . .

„איר דערקענט מיך ניט? — הירזשעט דער איד — „איך וויל אייך זאָגן „גוט־ביי", איך גיי אַהיים".

איך קוק זיך גוט איין — ס׳איז דערזעלבער פופצען־טויזנט־דאָלאַרדיקער איד . . . ער זעט אויס געזונט און פריילעך. לאַכט מיט׳ן פולן מויל . . . פונקט ווי עס וואָלט מיט אים גאָרנישט פּאַסירט און עס הויבט אים ניט אָן צו אַרן וואָס ער טראָגט זיין אייגענעם וואַטער־קלאָזעט אויפ׳ן בויך . . . גאָט מיינער, צו וואָס אַ מענטש קאָן גע־וואוינט ווערן . . . היינט די אַגאָניע, וואָס ער מאַכט דורך אַלע חודש דאָ מיט דעם ראַדיום . . . איך קוק אויף דעם אידן און באַוואונדער אים. דאָן, אַז איך דערוויס זיך טאַקע פון אים אַליין, אַז ער איז אַן אַלטער בחור (פון אַ יאָר 50), ניט קיין ווייב און ניט קיין קינד — וואַקסט מיין באַוואונדערונג אומגעהייער און איך פיל, אַז דער מענטש פאַרדינט אַ מעדאַל פון אַ פּוד אייזן . . . איך גיב אים די האַנט און ווינש אים וואָס ער ווינטשט זיך אַליין . . . און דער איד, אַ לעבע־דיקער, אַ פריילעכער, גייט כמעט טאַנצנדיק אַהיים.

איך גיב אַ קוק אויף מיין זייגערל. ס׳איז שוין באַלד ניין. איך טו אָן מיין כאַלאַט און גיי זוכן קעללי׳ן. דערווייל גנב׳ע איך אַ קוק הינטערן שפּאַנישן ווענטל צום דייטש — ערשט די בעט איז לער און עס פילט זיך פון דאָרט אַ ריח, וואָס אין אַ חזיר־שטאַל קאָן עס ניט ערגער זיין . . . טראַכט איך: מסתמא האָט מען אים צוגענומען אין משוגעים הויז. פרעג איך דעם נעגער, וואָס ליגט אין צווייטן בעטל:
„מען האָט דעם מענטשן צוגענומען אין משוגעים הויז, וואָס?"

מאַכט דער נעגער: „נאָ סע, נאָ סע. אים האָט מען צוגענומען אײן מאָרג״.

קעללי גיט מיר אָפּ מײנע מלבושים נאָך דעם װי איך האָב אים געזאָגט אַ ליגן, אַז מײן פרוי קומט באַלד, צו נעמען די קלײדער צום קלינער . . . אין פינף מינוט אַרום בין איך שױן געשטאַנען בײ דער טיר און זיך געזעגנט מיט דער הױפּט־אױפזעערין פון די שװאַרצע שװעסטער. זי קוקט מיך אָן איבערראַשט: „װאָס? דו גײסט אַהײם? דיך האָט דאָך נאָך דער דאָקטאָר אפילו ניט רעכט עקזאַמינירט!״

„אַ דאַנק,״ — זאָג איך, — „ס׳איז ניט נױטיג. כ׳בין שױן גע־נעזען געװאָרן!״

קוקט זי מיך אָן מיט אירע פרומע, קאַלטע אױגן און זאָגט: „װאָס מײנסטו?״

„כ׳מײן,״ — זאָג איך, — „גאַנץ פשוט: אײן נאַכט איבערשלאָפן אין אָט דעם װאָרד קאָן אױסקורירן אפילו אַ הונט . . . גוד־בײ״ . . .

די שוואַרצע אלמנה

זייענדיק אַט־דאָ ניט לאַנג צוריק אין סאַן פראַנציסקאָ, האָב איך ביי מיינעם אַ פריינט אין הויז אָנגעטראָפן אַן אַלטע, איינגעקאָרטשע־טע פרוי מיט שניי־ווייסע האָר און שוואַרצע מידע אויגן. מיין פריינט האָט מיר די אַלטע פאָרגעשטעלט אַלס זיין „מעכיטעניסטע״, מרס. גרינשטיין.

מיין פריינד׳ס זון איז פאַרהייראַט צו דער מרס. גרינשטיין׳ס אַ טאָכטער. נו, זייער פיין — אָבער.

פון דעם מאָמענט וואָס איך האָב די קליינע איינגעשרומפּטע אַל־טיטשקע דערזען, האָב איך מיינע אויגן פון איר ניט געקענט אָפּרייסן — אי דער נאָמען איז מיר באַקאַנט, אי איר פּנים, אירע שוואַרצע האַלב פאַרלאָשענע אויגן זיינען מיר אַזוי באַקאַנט, אַזוי באַקאַנט, גאָט מיינער, וואו האָב איך די דאָזיגע פרוי געזען? — איר נאָמען איז גרינשטיין — גרינשטיין? — אַך, טשאָרט פּאָבערי — מיין זכרון טויג שוין אויף כפּרות . . . אָבער איך פיל אין מיינעביינער, אַז איך קאָן זי, די אַלטע, זי זיצט ביים טיש, איר האַנט אונטערגעשפּאַרט צו דער רעכטער באַק , עפּעס אַזוי, ווי זי וואָלט ניט וועלן ווייזן די רעכטע זייט פון איר פאַרמעט־געלן פּנים — אָבער ווען זי האָט אויף אַ מאָ־מענט צוגענומען די האַנט פון דער באַק, און איך האָב דערזען דעם רויטן פליאַם אויף דער באַק, האָב איך זי דערקאָנט! און איך האָב שיר ניט אויסגעשריען:

— די שוואַרצע אלמנה! . . .

אָבער, איך האָב זיך איינגעהאַלטן, ווייל — ערשטנס, האָב איך געזען אין איר פּנים, אין דעם אויסדרוק פון אירע אויגן, אַז זי האָט מיך אויך דערקאָנט . . . אָבער — זי מאַכט זיך ניט וויסנדיג . . . און — וואָס איז נאָך ערגער: זי איז געוואָרן „נערוועז״ פון דעם מאָמענט

אָן, וואָס זי האָט מיך דערקאָנט. האָב איך געפילט, אַז זי וואָלט זייער וועלן איך זאָל זי ניט דערקאָנען . . .

און — אונטער דעם אויסרייד, אַז זי האָט אַ קאָפּ־ווייטיק, האָט זי זיך אַנטשולדיגט און איז אַרויס פון הויז, נאָך איידער מיר האָבן אַ וואָרט גערעדט.

איך האָב איר נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן, אירע דאַרע לאַנגע הענט, איר הולך, איר באַוועגונג. יאָ, איצט בין איך אַבסאָלוט זיכער, אַז דאָס איז זי — „די שוואַרצע אלמנה" פון דענווער, קאָלאָראַדאָ.

אמת זי איז שרעקלאַך אַלט געוואָרן, איינגעדאַרט, ניט מער ווי אַ סקעלעט, אַ שאָטן איז געבליבן פון דער אַמאָליגער פלאַם־פייערדיגער, שוואַרץ־חנ׳עוודיקער ווייבעלע.

איך בין געבליבן זיצן, נאָכדעם ווי זי איז אַרויס פון שטוב, פאַרטיפט אין זכרונות. איר בילד האָט אויפגעטויכט אין מיין זכרון. און די טראַגעדיע פון איר לעבן — איידער זי האָט פאַרלאָזן דענווער, איז דערשינען אַזוי בולט פאַר מיינע אויגן.

דער פריינט מיינער האָט מיך אַ טאַרקע געטאָן, און מיך אויפגעוועקט פון מיין פאַרטראַכטקייט.

— וואָס איז? וואָס זיצט איר אַזוי פאַרטראַכט?

איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן, זיך אַנטשולדיגט, און איך זאָג, ווי איך וואָלט צו זיך אַליין גערעדט:

— אַזוי, די אַלטע איז אייער מחותנת׳טע. זי האָט אַ זון מיט צוויי טעכטער, דאַכט זיך מיר — אַ יאָ?

מיין פריינט קוקט אויף מיר מיט אַן אָפן מויל.

— וואָס־זשע, איר קאָנט זי? פון וואַנען קאָנט איר זי?

— יאָ, — זאָג איך. — ס׳הייסט — נ־ניין . . . איך קאָן זי ניט...

— טאָ פון וואַנען ווייסט איר פיל קינדער זי האָט?

— כ׳האָב גלאַט אַזוי פּרובירט טרעפן . . . זי האָט אַמאָל געוואוינט אין דענווער, אַ יאָ?

— אין דענווער? — בלייבט מיין פריינט זיצן און טראַכטן — ניין, ער ווייסט ניט, ער געדיינקט ניט זי זאָל ווען עס איז דערציילן, אַז זי האָט געוואוינט אין דענווער.

— נו, זאָג איך, — מסתמא האָב איך אַ טעות . . .

— דערציילט מיר עפּעס פון דער פרוי, ווער איז זי, פון וואַנען קומט זי? — בעט איך זיך ביי מיין פריינט. מיר שיינט, אַז זי איז אַן אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט. מיר פאַרדריסט, וואָס זי איז אַוועקגעגאַנגען. כ׳וואָלט וועלן מיט איר זיך באַקאַנען . . .

— וועל, — פאַרקנייטשט מיין פריינט דעם שטערן, — זי איז געווען אַמאָל אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. איצט איז זי שוין אַלט און זייער נערוועז און שרעקליך אומטאָלעראַנט. זי איז אַן אַל־טע רעוואָלוציאָנערקע, און אויב איר האָט באַמערקט דעם „פליאַם" אויף איר באַק — דאָס איז איר פאַרבליבן אין אַנדענקען פון איר קאַמף מיט די קאָזאַקן אין פּעטערבורג, ווען דער גלח גאַפּאָן האָט געפירט דאָס פאָלק אין דעם היסטאָרישן „רויטן זונטיק" אַנטקעגן דעם צאַרס־קען פּאַלאַץ.

— אַזוי, אַזוי, — זאָג איך כלומרשט מיט פאַרוואונדערונג.

— איז, — פרעג איך אים ווייטער, — וואָס־זשע טוט זי דאָ אין סאַן פראַנציסקאָ?

— האָ, דאָ? דאָ האָט זי איר אייגענס, אַן אַפּאַרטמענט הויז. — ענטפערט מיין פריינט. — אָט טאַקי די הויז איז אירע, און זי מאַכט אַ פיין לעבן, גאָט צו דאַנקען. אָבער איר הויפּט אינטערעס אין לעבן איז — „סאָוועט ראָשע", פאַר סאָוועט ראָשע וועט זי שפּרינגען אין פייער און אין וואַסער און זי קלויבט זיך טאַקע צו פאָרן אין סאָוועט ראָשע, דאָרטן פאַרענדיקן איר לעבן, פּונקט ווי אַ פרומער איד קיין ארץ ישראל . . .

— איז די מרס. גרינשטיין ניט געווען אַמאָל אַ נוירס? — פרעג איך ווידער מיין פריינט.

מיין פריינט קוקט אויף מיר מיט ברייט אָפענע אויגן.

— שור, — זאָגט ער, — איז זי געווען אַ נוירס. וואָס־זשע האָקט איר אַ טשייניק, אַז איר קאָנט זי ניט. וואָס־זשע, עפּעס איז דאָ אַ געהיימניס צווישן אייך?

— אסור זאָל מיר זיין, — ענטפער איך גאַנץ רוהיג. — כ׳האָב בלויז פרובירט טרעפן . . .

מיין פריינט האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז איך קאָן זיין מחותנת׳טע, און ער האָט זיך צוגעטשעפּעט איך זאָל אים נאָר זאָגן, פון וואַנען איך

קאָן זי? אָבער אַזוי ווי זי האָט זיך צו מיר ניט געוואָלט לאָזן דער־קאָנען, האָב איך געפילט, אַז מסתמא וויל זי ניט אימיצער זאָל וויסן איר פאַרגאַנגענהייט. איבערהויפּט איר מחותן, — מיין פריינט, — וועמען זי האָט דערציילט אַ מעשה פון אַ צוזאַמענשטויס מיט רוסישע קאָזאַקן, מיט נאָך אַלערליי פיקטיווע אויסגעטראַכטע מעשות.

האָב איך געלייקנט שטיין און ביין. איך קאָן ניט די פרוי גרינ־שטיין. און פאַרברייינגענדיג אַ קורצע צייט מיט מיין פריינט, בין איך אַוועק אַהיים און זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין שרייבטיש און אַרויסגענומען פון מיין זכרון דאָס בילד פון דער „שוואַרצער אלמנה“.

אָט איז איר בילד, איר לעבנסגעשיכטע, וואָס איך געדענק אזוי קלאָר, אַזוי בולט — פונקט ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. כאָטש עס איז שוין פאַראיבער מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט פון זינט איך האָב זיך באַקענט מיט דער פאַמיליע גרינשטיין, אין דענ־ווער, קאָלאָראַדאָ, וואוהין דאָקטוירים האָבן מיך צו יענער צייט פאַר־שיקט אויסצוקורירן מיינע קראַנקע לונגען.

2

די פאַמיליע גרינשטיינס איז באַשטאַנען פון מאַן און פרוי, און 3 פּיצלאַך קינדער — צוויי מיידעלאַך און אַ אינגעלע, וואָס איז דאַן נאָך געווען אַ פּיצל עופה'לע פון אַ חדשים 8 אָדער 10.

דער מאַן, מר. גרינשטיין, איז געווען אַ זייער קראַנקער מענטש, זיינע לונגען זיינען געווען האָפּנונגסלאָז צעלעכערעט, און קראַנקער־הייט איז ער געגאַנגען אַרבעטן און סופּאָרטן זיין פאַמיליע.

וואָס איז געווען זיין אַרבעט?

גרינשטיין איז געווען אַ מוזיקער, אַ טשעליסט, און דוקא אַ גו טער מוזיקער. מ'קאָן זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אַרטיסט, און ער האָט זייער ליב געהאַט זיין פּראָפעסיע.

אָבער גרינשטיין איז אויסגעוואַקסן אויף דער איסט סייד פון ניו יאָרק, ביי זייער אָרימע עלטערן, ערגעץ אין אַ בייסמענט, און פון דאָרט איז ער אַרויס מיט שוואַכע לונגען. דאָצו נאָך דאָס כסדר'דיגע פּראַקטיצירן אויף דעם וויאָלאָנטשעל, וועלכער איז אַ שווערער אינ־

סטרומענט און פאָדערט גרויס אָנשטרענגונג — און דער יונגערמאַן איז געווען פול מיט אַמביציע צו זיין אַמאָל אַ באַרימטער טשעליסט. דאַצו נאָך האָט ער זייער יונג חתונה געהאַט, געקראָגן האָט ער אַ ווייבל, אַ בראַנד־פייער, אַ שוואַרץ־חנ׳עווודיגע ווייבעלע מיט צוויי ברענענדיגע אויגן. אין 4 יאָר צייט האָט זי אוספייעט צו געבוירן דריי קינדער. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער האָט אָנגעהויבן שפייען מיט בלוט, און דאָקטוירים האָבן אים געהייסן זיך אַריבער־פעקלען אַ ן דענווער, וואו ער האָט געקראָגן אַרבעט אין דעם גרעסטן האָטעל פון שטאָט — אין דעם בראון פעלעס האָטעל. אָבער דער אָרימער יונג איז שוין געקומען צו שפעט אין דענווער, און אָפּמאַטערנ־דיק זיך צוויי יאָר, איז ער געשטאָרבן, און איבערגעלאָזן דאָס ווייבל מיט דריי פיצלאך קינדער, אָן געלט, ווי אויפ׳ן וואַסער.

אָבער דאָס דאָזיגע ווייבל האָט פאַרמאָגט די ענערגיע פון אַ ריז. זי האָט די קינדער אַריינגעגעבן אין אַ בית יתומים און אַליין איז זי אַוועק נעמען אַ קורס אַלס נוירס. און אַזוי שנעל ווי זי האָט פאַרענ־דיקט איר קורס, האָט איר אימיצער געליען אַביסל געלט און זי האָט געעפנט אַ באָאַרדינג הויז פאַר בלויז קראַנקע מענטשן.

אין דער צייט וואָס זי, די יונגע שוואַרץ־חנ׳עווודיגע ווייבל האָט זיך געלערנט אַלס נוירס אין דעם דענווער סאַניטאַריום, האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ קראַנקער יונגערמאַן, וואָס איז געווען בוכהאַלטער אין דעם אָפיס פון סאַניטאַריום. און ווען זי האָט געעפנט איר באָאַרדינג הויז, איז דער בוכהאַלטער געווען איר ערשטער באָאַרדער.

זיי זיינען ביידע געווען פרייע מענטשן און ניט געגלויבט אין קיין חתונה צערעמאָניעס.

אָבער אַזוי שנעל ווי דער בוכהאַלטער איז געגאַנגען לעבן מיט זיין שוואַרץ־חנ׳עווודיגער געליבטער, איז ער באַלד שטאַרק קראַנק גע־וואָרן און געקראָגן אַ העמאָרידזש. זיין געליבטע האָט אים גענוירסט, ניט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט ביי טאָג און ביינאַכט, ביז זי האָט אים צוריק אויף די פיס געשטעלט.

זי, די דאָזיגע פרוי גרינשטיין, האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָ־מען ביי די דאָקטוירים אין דענווער. זי פלעגט אויסאיבן אַ היפּנאָ־טישן איינפלוס אויף אירע פאַציענטן. זי האָט געקאָנט נעמען די

ערגסטע קייסעס פון העמאָרידזש אָדער הויכן פיבער, און זיי דערקוי־
בערן — דערפאַר אָבער פלעגט זי אויך קאָנען נעמען אַ געזונטן מאַן
און מאַכן ער זאָל אָנהויבן שפּייען מיט בלוט . . .

מילא, בקיצור, דער אָרימער בוכהאַלטער פלעגט זיך לעבן זיין
פלאַם־פייערדיגער געליבטער ניט קאָנען לאַנג האַלטן אויף די פיס . . .
און אַלע ווײַלע אָוועקפאַלן, און זי פלעגט ווידער ניט אָפּטרעטן פון
זיין בעט. ביז ענדלעך האָבן די געטער אויף אים רחמנות געהאַט און
אים צוגענומען אין גן־עדן אַריין. זיין געליבטער האָט ער אָבער גע־
לאָזן אַ גרויסע אינשורענס פּאַליסי.

צו יענער צייט איז שוין פרוי גרינשטיינ׳ס הויז געווען באַוואוסט,
און דאָקטוירים פלעגן איר צושיקן זייערע נייע אָנגעקומענע פּאַציענטן,
און זי האָט געהאַט מער באָרדערס, ווי זי האָט געקאָנט האַלטן.

אַ קורצע צייט נאָך דער געשיכטע מיט׳ן בוכהאַלטער האָט זיך
אין דער ווייבעלע פאַרליבט אירער אַ באָרדער, אַ דענטיסט. אַ זייער
פיינער, העלדישער יונגערמאַן, וואָס האָט ניט געהאָמערידזשד, ניט גע־
פיבערט, נאָר וואָס דען? ער האָט ניט פאַר אייך גערעכט — געהוסט.
און אַ הוסט האָט ער פאַרמאָגט, זאָל מען אָפּגעהיט ווערן פון אַזאַ
מין הוסטן. אַז דער דענטיסט פלעגט זיך צעהוסטן, האָט מען אים
געקאָנט הערן פאַר אַ מייל ווייט . . .

האָבן די דאָקטוירים רעקאָמענדירט די ,קייס" צו מרס. גרינשטיין,
און זי האָט זיך אַ נעם געטאָן קורירן די קייס. זי האָט אַזוי לאַנג גע־
אַרבעט אַרום דעם אָרימען דענטיסט, ביז איר איז טאַקע געלונגען אים
באַפרייען פון דעם שרעקליכן הוסט, אָבער ער האָט אָנגעהויבן שפּייען
מיט בלוט. דעם דענטיסט האָט עס ניט געאַרט. ער איז געווען גליק־
לאַך, וואָס ער הוסט ניט מער, און זיין ווייבל, זיין מלאך, האָט ער ליב
געהאַט ביז וואַנזין און זי ניט אָפּגעלאָזט פון די אויגן. אָבער זיין
שפּייען מיט בלוט איז געוואָרן ערגער און ערגער, ביז איין שיינעם
פרילינגס טאָג האָט ער געקראָגן אַזאַ העמאָרידזש, אַז ער איז שוין
מער אַ לעבעדיגער ניט אַרויס פון בעט.

דער דאָזיגער אָרימער דענטיסט האָט אויך אויסגעדריקט זיין
דאַנקבאַרקייט צו זיין געליבטער און נוירס מיט דעם, וואָס ער האָט
אויף איר נאָמען אָפּגעשריבן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

דערווייל אָבער האָט פרוי גרינשטיין געקראָגן אַ שלעכטן נאָמען אין דער אידישער קאָלאָניע פון דענווער. שטאַרק באַרעדט האָבן זי, פאַרשטייט זיך, די ווייבער, וועלכע האָבן איר געקרוינט מיט דעם נאָמען: „די שוואַרצע אַלמנה״ (זי פלעגט כסדר טראָגן שוואַרצע קליי־דער).

כאָטש פאַרוואָס זי האָט אַרויסגערופן אַזאַ שנאה ביי די ווייבער, ווייס איך ניט. ווייל זי איז, דאַכט זיך מיר, געווען גאַנץ ערנהאַפט און אַנשטענדיק. און זי פלעגט זיך ממש מוסר נפש זיין פאַר אירע באָרדערס. די קינדער אירע פלעגט זי האַלטן אין אַ קאַטעדזש, און פלעגט אויף זיי אויפפּאַסן ווי אַ געטרייע מוטער. פאַרקערט, די בראַ־ווע פרוי גרינשטיין האָט געפילט, אַז זי טוט אַ גוטע נאָבעלע טאַט. זי נעמט אַן עלנדן, קראַנקן מענטשן און פאַרזיסט זיינע לעצטע טעג אויף דער דאָזיגער אומעטיגער, קאַלטער ערד, און אַלס נוירס וואַכט זי איבער אים בייטאָג און ביינאַכט. און כל זמן זי נעמט ניט צו קיין פרוי׳ס מאַן — טאָ וועמעס ביזנעס איז עס, וואָס זי טוט?

אָבער גיי טענה זיך אויס מיט ווייבער . . .

וויפיל מענער זי האָט אַזוי געהייראַט און באַגראָבן, איז שווער צו זאָגן. מיר שיינט, אַז זי אַליין האָט שוין אויך געמוזט פאַרגעסן אין חשבון . . .

פון דער אידישער קאָלאָניע האָט זי זיך אינגאַנצן דערווייטערט צוליב די רכילות׳ן פון די ווייבערשע מיילער.

אַזוי איז אַוועק היבשע עטלאכע יאָר. ביז איינמאָל האָט איר גאָט צוגעשיקט אַן איטאַליענער, וועלכער האָט זיך אויך פאַרליבט אין דער אַלמנה, און זי האָט אים גענומען אוכאַזשעווען מיט דער זעלבער צערטלאַכקייט, וואָס זי האָט געהאַט פאַר אַלע אירע געליבטע, וועמען זי האָט פאַרזיסט די לעצטע טעג אויף דער אומעטיקער ערד. זי האָט זיך צו דעם קראַנקן איטאַליענער אַזוי לייכט און שנעל צוגעפּאַסט ווי צו אַלע אַנדערע פון אירע מענער. אָבער ווערנד אירע פריערדיגע מענער האָבן אין דורכשניט לענגער ווי אַ יאָר ניט געלעבט . . . איז דער איטאַליענער גאָר בעסער און געזונטער געוואָרן — ווי אויף צו להכעיס . . .

עס קאָן זיין אַז דאָס איז געווען אַ פאַלגע פון די מאכלים מיט

וועלכע זי פלעגט אים קעכלען — מיט די באַליבטע פעטע ספּאַגעטי, און אַנדערע איטאַליענישע וואונדערבאַרע מאכלים.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, עס איז אַוועק אַ פּאָר יאָר, און טאָני האָט אפילו ניט אָנגעהויבן טראַכטן פון שטאַרבן.

איז זיך מיישב דאָס ווייבל און הויבט דערוויי̇ל אָן „אוכאַזשיוועץ" נאָך אַ נייעם יונגן באָרדער, אַ יונגן פּאָעט, וואָס איז אויך געווען אַ הוסטער . . . דאָס האָט אויפגערייצט דאָס הייסע איטאַליענישע בלוט, און אין איין שיינעם טאָג, אָדער בעסער געזאָגט, פינסטערע נאַכט, האָט דער אייפערזיכטיגער איטאַליענער געצויגן אַ רעוואָלווער און גע־שאָסן אויף זיין ווייבל.

גליקלעכערווייזע האָט ער זי ניט דער׳הרג׳עט. ער האָט איר נאָר צעשאָסן אַ באַק. און נאָך דעם, ווי זי איז אָפּגעלעגן עטליכע חדשים אין האָספּיטאַל, איז זי אַהיים געקומען מיט אַ זייער צרה׳דיגן, מיאוס׳ן פּנים, מיט וועלכן זי האָט זיך געשעמט צו ווייזן אין גאַס.

דער דאָזיגער „סקאַנדאַל" האָט אַזוי אויפגערודערט די אידישע גאַס, אַז מען האָט גענומען ריידן פון אַרויסטרייבן זי פון שטאָט . . .

ענדליך האָט די אָרימע פרוי ליקווידירט איר באָאַרדינג הויז. אַלעס אויספאַרקויפט, גענומען אירע דריי קינדער, און אָן אַ זיי־געזונט פאַרשוואונדן ערגעץ אין דער וועלט אַריין — פאַרשוואונדן „די שוואַר־צע אלמנה".

פון יענער צייט אָן איז אַוועק מער ווי 25 יאָר, אויב טאַקע ניט 30.

איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט זיך לאָזן צו מיר דערקענען בעת איך האָב זי צופעליג געטראָפן אין הויז פון מיין פריינט אין סאַן פראַנציסקאָ? . . .

עס איז דאָ, בין איך זיך מודה, נאָך אַ אורזאַכע, פאַר וואָס זי האָט זיך ניט געלאָזט דערקענען — אָבער דאָס איז שוין אַ „פּריוואַטע זאַך", וואָס מען טאָר ניט דערציילן . . .

ווער דאַרף קריגן מיין ערשטע טשעק? . . .

(הומאָרעסקע)

מ ך — קאָנט איר דאָך שוין ניט פון נעכטן. און איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין דער אמתער הונדערט פראָצענטיקער פּראָלע־טאַריער. אַז כ'בין אַ איד אַ בעל מלאכה, קאָטאָרי, וועלכער לעבט פון האַנט אין מויל, אַ פעסטער איינגעפונדעוועטער קבצן, וואָס האָט קיין מאָל אפילו ניט געחלומט פון טאָן ביזנעס אָדער פירן געשעפטן. דערפאַר אָבער בין איך מיר אַלעמאָל געווען פריילעך און פון מיין אָרעם שטיבל האָט זיך אַלע מאָל געטראָגן אין דרויסן אַרויס — גע־זאַנג און געלעכטער.

אָט אַזוי האָב איך מיר אָפּגעפירט מיין לעבן אַלע יאָרן, מיט מיין ווייב און קינדער זאָלן לעבן און געזונט זיין. און אַזוי האָב איך גע־מיינט וועל איך שוין פאַרענדיקן דאָס וועלטל מיינס. אָבער, ווי זאָגט איר: דער מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט. איז וואָס־זשע טאָקע טוט גאָט? נעמט ער און שיקט מיר צו עפּעס אַ משוגענעם מאַנופעקטשו רער, וואָס האָט געהערט, אַז איך בין אַ גוטער סטאָליאַר, וויל אָט דער פאַבריקאַנט, אַז איך, און נאָר איך! זאָל אים אויסמאָדעלירן, און דווקא פון מעהאָגאָניע האָלץ, אַן אָפיס — מיט מעבל, מיט טישן און שאַפעס, און שפיגלען א. אז. וו. עס זאָל זיין אזוינס און אַזעלכס!

מילא בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען — איך נעם זיך צו דער אַרבעט, דינג צו זיך צו נאָך עטלעכע בעלי מלאכות און — עס גייט אַוועק סך הכל דריי חדשים צייט אין וועלכע איך בין געווען אַזוי פאַרשמייעט, אַז איך האָב אפילו קיין צייט ניט געהאַט נעמען אַ אידיש וואָרט אין מויל אַריין . . . געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, שבת און זונטיק. און — נאָך דעם, ווי איך האָב געענדיקט מיין אַרבעט — שטיי איך אויף איינעם שיינעם פרימאָרגן און איך גע􏰀פין פלוצלונג, אַז איך שטיי פנים אל פנים מיט עטלעכע הונדערט דאָלער, שווער פאַר־

האָרעוועטע געלט אין מײַן קעשענע . . . צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן ליגן אַ כ ט ה ו נ ד ע ר ט ע ר , איר הערט? אַכט קנאַקענ־דיקע הונדערטער ליגן בײַ מיר אין קעשענע! נישט איך און נישט מײַן ווײַב האָבן געגלויבט אונדזערע אייגענע אויגן . . .

זיצן מיר ביידע, איך און מײַן ווײַב ביים טיש, טרינקען ס׳טעפּל קאַפע — און קוקן אויף די רויטע אַסיגנאַציעס און מיר שווײַגן. מיר האָבן פּשוט מורא צו ריידן . . . — אפשר איז דאָס גאָר אַ חלום? וועלכן אַ וואָרט קאָן צושטערן? . . . מילא בקיצור, די ווײַב זאָגט:

„טראָג טאָקע באַלד ס׳געלט אַרײַן אין באַנק — איידער אימעצער פון אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע דערוויסן זיך דערפון . . . מען קאָן נאָך אַן ע י ן ה ר ע ג ע ב ן . . . הערט אַ געשיכטע! כ׳האָב אָפּגעלעבט אַ לעבן, חתונה געמאַכט קינדער — (וואָס זאָג איך חתונה געמאַכט קינדער, אָטאָ די טעג דערוואַרטן מיר גאָט צו דאַנקען דאָס אָנקומען פון אַן אוראייניקל). כ׳בין אויסגעוועזן אַ וועלט: בין געווען אין האָספּיטאַל, אין עקדיש, אין ד ז ש י י ל בין איך שוין געוועזן! נאָר אין קיין באַנק — האָט נאָך מײַן פוס ניט אַרײַנגעטראָטן . . . איז איצט אויף די עלטערע יאָרן זאָל איך זיך גיין נאַריש מאַכן, און ווערן אַ, ווי זאָגט מען דאָס, אַ ד ע פּ אָ ז י ט אָ ר אין אַ באַנק, און ווערן מ י ט ל י י ט ן ג ל י י ך — כ׳לעבן, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס פּאַסט אפילו ניט צו מײַן פּראָלעטאַרישן סטאָליאַרסקן פּנים! מיר שײַנט, אַז איכ׳ל זיך גאָר שעמען צו קומען צווישן מענטשן . . . נאָך מער, איינער אַ באַקאַנטער רעדט מיך גאָר צו, אַז איך זאָל אַרויסנעמען אַ טשעק עקאַונט, און אָנהויבן שרײַבן טשעקס! איר הערט כאָטש, וואָס מענטשן הייסן מיר טאָן, אויף די עלטערע יאָרן טשעקס זאָל איך שרײַבן! . . .

און, אַז געלט איז אַ קליפּה — דאַרף איך אײַך דאָך ניט דערציילן. איך האָב אפילו ניט געלאָזט דאָס געלט זיך אָנוואַרעמען אין מײַן קע־שענע, און איך האָב זיך עפּעס מיט אַ פאַרשעמט פּנים, ווי אַ גנב, אַרײַנגעכאַפּט אין דער לאָקאַלער באַנק פון מײַן געגנט און — ס׳האָט ניט געדויערט קיין 10 מינוט — בין איך פון דאָרט אַרויס מיט אַ פאַר־פלאַמט פּנים און מיט אַ קליין ביכעלע — אַ שוואַרץ׳ס, מיט גאָלדענע בוכשטאַבן, אויף די חנ׳עוודיקע שוואַרצע טאָוועלעך. דאָס דאָזיקע

ביכעלע האָב איך טיף פאַררוקט אין מיין בוזעם קעשענע. אויפן וועג אהיים ווילט זיך מיר אַרויסנעמען דאָס ביכעלע פון קעשענע, און דאָס נאָך אַמאָל באַטראַכטן. לאָמיך זען צי איז פאַרשריבן די גאַנצע סומע פון מיינע אַכט הונדערטער — שווער פאַרהאָרעוועטע הונדערטער?...

איך רוק שנעל אַריין די הענט אין בוזעם קעשענע — גיב אַ טאַפּ דאָס ביכעלע און טראַכט, אַז עס פּאַסט ניט — גיין אין גאַס און זיך צאַצקען מיט אַ באַנק־ביכעלע. אגב קאָן דאָך עפּעס אַ „גענגסטער" דאָס אַרויסכאַפּן פון מיינע הענט. צי איך לאַנגזאַם די האַנט אַרויס פון קעשענע אַ ליידיקע און איך שטעל זיך צופרידן מיט דעם, וואָס איך פ י ל דאָס ביכעלע ליגן אין מיין קעשענע. נאָך מער! ווען איך בין אָפּגעגאַנגען אַ בלאָק פון באַנק, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס דאָזיקע שוואַרץ־חנ׳עוודיק ביכעלע מיט די גאָלדענע בוכשטאַבן — ליגט — אין אַלע מיינע קעשענעס . . . וואו איך גיב זיך אַ טאַפּ — ליגט דאָס ביכעל! באַלד דאַרף איך גאַר ניט טאַפּן אויך! איך פיל דאָס ביכעלע אין אַלע מיינע רמ׳ח אברים, פון וועלכע עס שלאָגט מיר אַ וואַרעמקייט אין פנים אַריין, און מיר דוכט זיך, אַז אַלע מענטשן, וואָס איך טרעף אָן אויפן וועג אַהיים, קוקן אויף מיר מיט קנאה און מיט דרך ארץ . . . זיי ווייסן, אַז איך בין ניט אַבי ווער, זיי ווייסן, אַז איך בין אַ „דעפּאָזיטאָר" אין דער יו עס באַנק, און אַז אין קעשענע באַ מיר ליגט אַ שפּאָגל־נייע ביכעלע מיט גאָלדענע בוכשטאַבן — און מיט אָפּשיי — טרעט מען מיר אָפּ דעם וועג . . .

אָבער איך שפּאַציר מיר — לאַנגזאַם און רואיק, מיטן ציגאַר אין מויל, קלאָמפּערשט פאַרטראַכט אין טיפע מחשבות. דער אמת איז, אַז — כ׳האָב טאַקע געטראַכט — אַז איכ׳ל שוין יאָ אויף דער עלטער אָנהויבן שרייבן טשעקס — טאָ ווער זאָל האָבן דעם כבוד — צו קריגן מיין ע ר ש ט ן ט ש ע ק ? . . .

באַ אייך, מיין ליבער לייענער, קאָן אפשר די דאָזיקע פראַגע אויסזען נאַריש, אָדער נאַאיוו, אָבער באַ מיר — איז דאָס געווען אַ וויכטיקער ענין — ס׳איז ניט קיין קלייניקייט פאַר אַ מענטשן ווי איך, וואָס האָט אָפּגעלעבט און אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, דאַרף אויף דער עלטער נעמען זיך לערנען שרייבן טשעקס — איר פאַרשטייט? . . .

די האַנט בייסט מיך צו וואַרפן דעם ערשטן טשעק דעם חזיר׳שן לענד־

לאָרד אין פּנים אַריין . . . און זאָל ער צעפּלאַצט ווערן פון קנאה! אָבער באַלד קומט אַ צווייטער געדאַנק און זאָגט: ניין! דעם לענדלאָרד וועט דער רוח ניט נעמען, אַז ער וועט וואַרטן אַ פּאָר טעג. מיין ערשטער טשעק דאַרף על פּי יושר גיין צום אַרבעטער רינג, וואו איך בין שוין אונטערשטעליק מיט מיינע צאָלונגען אפשר דריי קוואַרטאַלן. און דער סעקרעטאַר האָט מיך שוין געסטראַשעט מיט שטרייכן. קומט אַ דריטער געדאַנק און זאָגט: אמת, קיין עולה וואָלט דאָס ניט געווען, אָבער פּראַקטיש איז דאָס ניט. און אַ מענטש מיט אַ באַנק ביכל אין קעשענע *דאַרף זיין פּראַקטיש* . . . אויסגערעכנט איידער ער כאַפּט זיך שרייבן טשעקס. און — מער וועט מיר ניט פעלן — ווען חברה אין מיין ברענטש, וועלן זיך דערוויסן, — אַז איך שרייב טשעקס — דער וועט קומען בעטן לייען אַן הלואה, יענער וועט בעטן אַ העד־טשעק, און אַ צווייטער וועט זיך דערמאָנען, אַז איך קום אים אַן אַלטן חוב . . . ניין, דאָס וועט ניט טויגן. שאַ! איך האָב עס!! אוי בין איך אַ דום קאָפּ, גוואַלד געשריען, וואו איז מיין שכל: — ווער איז „ענטייטעלט" צו מיין ערשטן טשעק מער — ווי מיין אָרעמע, מיין ליבע „פרייע אַרבעטער שטימע"? . . . און טאַקע אַ היפּשן טשעקל אויך! אַזוי פון עטלעכע ציפערן, איין קליניקייט! מיין באַליבטע פ. א. ש., וועלכע איז געווען מיין וועג־ווייזערין אַלע מיינע יאָרן. די „פרייע אַרבעטער שטימע", וועלכע האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט **אויסצודריקן מיינע געדאַנקען**, מיינע שטימונגען, מיינע פּעליעטאָנען — איר מעג איך דאָך געוויס אַרויסווייזן מיין דאַנקבאַרקייט צו איר 54־טן געבוירן טאָג. איך בלייב שטיין אין מיטן גאַס צו באַטראַכטן **דעם ענין**, איידער איך גיי אַרויף אין הויז. אָבער איך גיב אַ טראַכט, אַז — די ליכטיקע נאָבעלע פ. א. ש. איז צו איר 54־טן געבוירן טאָג נאָך אַ גרעסערע אביונטע ווי זי איז ווען עס איז פריער געווען . . . און איך מישטיינס געזאָגט, מה אני מה חיינו — ווער בין איך דאָס אַזוינס, וואָס איך וועל קומען צו איר זיך אויספּיינען פאַר איר מיט מיינע טשעקס? מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז פשוט אַ שאַנדע, אַז אירער אַ מיטאַרבעטער זאָל שרייבן טשעקס. דענקט איר ניט אַזוי?

פּלוצלונג דערמאָן איך זיך אין מיין אַלטער קראַנקער מוטער. גיב איך זיך אַליין אַ פּאַטש אין שטערן און שריי אויס: גולם איינער! דער

מאַמען — דער מאַמען קומט דער ערשטער טשעק! זאָל זי האָבן דעם נחת צו וויסן, אַז איר זון האָט זיך ענדלעך אַרויפגעאַרבעט און איז מיט לייטן גלייך! אָבער די אַלטעטשקע מאַמעלע מיינע איז געוואוינט צו קריגן פון מיר נייע קנאַקענדיקע פינפּערלעך, און דאָ — וועט זי קריגן עפּעס אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר . . . וואָס זאָל איך אייך דאָ ברייען, איך בין צו קיין באַשלוס ניט געקומען און האָב אַזוי אַ פּאַרטראַכטער, אַ פאַרזאָרגטער אַריינגעשפּאַצירט אין שטוב אַריין — קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס — שאַ! אַט איז די ווייב — וואָס זיצט זיך רואיק אויפן דיוואַן און וואַרפט מיט די שפּיזלען שפּינענדיק אַ סוועטער פאַרן אוראייניקל, וואָס דאַרף די טעג אָנקומען.

דערזעענדיק די ווייב, האָב איך זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ביי לייטן באַראַט מען זיך מיט אַ ווייב איבער אַלע וויכטיקע ענינים. און איך, גולם, גיי און ברעך זיך דעם קאָפּ אומזיסט און אומנישט! כ׳לעבן, כ׳בין ווערט שמיץ. זעץ איך זיך אַ מידער אַוועק נעבן מיין ווייב, נעם זי אַרום, גיב איר אַ קוש אין שטערן — און זאָג:

— ווען מען דענקסטו, מיין טייערינקע, זאָל איך אַוועקשיקן מיין ערשטן טשעק? און בעת מעשה ווייז איך איר דאָס חנ׳עוודיקע ביכעלע מיט די גאָלדענע בוכשטאַבן.

מיין ווייב גיט פון ווינקל אויג אַ שנעלן בליק אויף דעם ביכעלע — ווייל זי האָט מורא, זי וועט פאַרלירן אַן אייגל פון שפּיזל . . . און זי גיט זיך אַזוי אַ זאָג:

— „דעם ערשטן טשעק? פאַרן ערשטן טשעק וואָלסטו מיר געדאַרפט קויפן אַ נייע העט, סע שוין לאַנג צייט, דענקסטו ניט אַזוי?״

איך נעם אַראָפּ די האַנט פון איר טאַליע און זאָג:

— סאַ אַ משל לעמעשקע! וואָס איז מער מצוה: די ר אַ נייע העט — אָדער מיין שוועסטער עלקע, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון האָספּיטאַל און נויטיקט זיך אין „וויטעמענס״ זי אויפצובילדן? האָ? . . .

דאָ האָט שוין מיין ווייב אַוועקגעלייגט די שפּיזלעך, און אָנגעשטעלט אויף מיר אירע אויגן ווי צוויי שפּיזן . . . און מיט לאַנג צעצויגענע ווערטער זאָגט זי פאַרשנירענדיק אירע ליפּעלעך: „אַזוי! דיין שוועסטער עלקע! און וואָס איז דער מער מיט מיין ברודער

סידני, וואָס ליגט מיט אַפּענטיסייטיס און מיט אַ ראָבערנע טרובקע אין בויך שוין 6 חדשים, און די וואונד היילט זיך ניט, כאַטש גיב איר אַ קריינק . . . אים דאַרף מען שיקן אַ טשעק צי ניט? — און וואָס איז מיט מיין שוועסטער טאַלצע? — שלאָג איך איר איבער די רייד, און שריי אויס:

— שאַ, שאַ, עפּן ניט דאָס פּיסקל דיינס. „פּייפּ דאַון" . . .

פלוצלונג שפּרינג איך אויף, גיב אַ פּאַטש מיט די הענט:

— אַיי גאַט איט, אַיי גאַט איט!

איך ווייס שוין וואָס איך האָב צו טאָן! נישט דיין משפּחה און נישט מיינע וועלן האָבן די זכיה צו קריגן מיינעם אַ טשעק — איך ווייס שוין וואָס צו טאָן מיטן געלט — אָ באָי, אָ באָי . . .

מיין ווייב קוקט אויף מיר פאַרדעכטיק — עפּעס ווי זי וואָלט גע־מיינט, אַז איך בין רחמנה לצלן געווירט פון זינען . . . ענדלעך זאָגט זי: וואָס מיינסטו מיט דעם?

שטעל איך זיך אַנטקעגן איר, קוק איר גלייך אין די אויגן:

— וואָס איך מיין? וואָלל סטריט, מיין ווייב! אָט וואָס איך מיין! איך גיי אינוועסטן מיין „קאַפּיטאַל" אין וואָלל סטריט. גע־נוג שוין געשטאַנען ביים וואַרשטאַט און געשטופּט דעם הובל! פּלענטי געווען! — זע די בראָונשטיינס! ערשט נעכטן זיינען זיי געווען בלו־טיקע קבצנים — וואָלל סטריט האָט זיי צוגעשפּילט און די מאַדאַם בראָונשטיין שפּאַצירט אַרום איבער פיפט עוועניו אין אַ מינק קאָוט! ס'פּאַסט איר ווי אַ חזר אַ קרענצל.

מיין ווייב דערהערט, אַז איך רייד פון אַ „מינק קאָוט" — האָט זי צוריק אויפגעהויבן די שפּיזלען און גענומען ציילן די אויגלעך. דערנאָך זאָגט זי, שוין מיט אַ ווייכערן טאָן:

— וואָס איז די גאַייל מיטן שרייבן אַ טשעק עני וויי? מאָרגן איז אויך אַ טאָג!

זי גיט אויף מיר אַ קוק מיט צעשראָקענע אויגן און זאָגט:

— בעסער גיי לייג זיך אָפּרוען — דאָס טשעק ביכעלע דיינס האָט דיר צעשרויפט די נערוון דיינע און דו זעסט אויס ווי אַ מת.

ליגנדיק אין בעט האָב איך פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ דעם געוואַלדיקן כוח וואָס אָט דאָס קליינע טשעק בי־

כעלע פאַרמאַגט. הערט אַ געשיכטע! איך, אלי בער קבצן — זעץ זיך אַוועק, שרייב אָן מיין נאָמען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, עפּעס אַ מין פּרי־קאַז, אַ באַפעל! איך באַפעל מען זאָל געבן אַזוי פיל און אַזוי פיל געלט! ניט אַ פּעני ווייניקער! און — מען גיט! נו, און ראַקעפעלער און הענרי פּאָרד האָט דען מער קראַפט פון מיר? . . . גאָט מיינער, וואו איז געוועזן מיין שכל מיט 40 יאָר צוריק, מיט דרייסיק יאָר צוריק! איך וואָלט דאָך שוין איצט אָנגעשפּאַרט העט העט אין די הויכע פענצ־טער . . . אָבער ווי זאָגט מען: בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל ניט! אַגב בין איך דאָך גאָרניט אַזוי אַלט ווי מען וויל מיר איינריידן — איך בין נאָך יונג גענוג צו מאַכן מיין פּאַרמעגן — אַיי וואָס מען זאָגט, אַז ווען אַ מענטש ווערט אַ גביר ווערט ער אַ דבר אחר? אָבער מאַלע וואָס די וועלט זאָגט! קאַרג נאַרישקייט זאָגט די וועלט, און מען נעמט עס אָן פאַר חכמה? . . . ווען איך האָב אינדערפרי געעפנט די אויגן — האָב איך געפונען מיין ווייב זיצן לעבן מיין בעט מיט רויט פאַרשוואָלענע אויגן פון וויינען. אויפן קאָפּ ביי מיר איז געלעגן אַ גומענער זעקל אָנגעפּאַקט מיט אייז און אַ יונגער דאָקטאָר אין אַ ווייסן כאַלאַט האָט געטאַפּט מיין דפק.

איך קוק זיך ווילד אַרום אין אַלע זייטן — באַ מיין בעט שטייט עפּעס אַ מין בוילער מיט אַ גומענער טרובקע צוגעטשעפּעט — פרעג איך מיין ווייב:

— מירעל, וואו בין איך?

שמאַרעט מירעל מיט דער נאָז און זאָגט:

— אָי וויי׳ז מיר, גאָט צו דאַנקען, וואָס איך הער שוין ווידער דיין קול. מען האָט דאָך שוין געמיינט, אַז סע שוין אַ שעה נאָך דיר.

— מירעל, וואו בין איך, פרעג איך דיך?

— דו ביזט דאָך שוין געוועזן בלוי ווי אַ מילץ. פינצטער איז מיר, נאַ דיר אַ באַנק ביכעל מיט טשעקס — האָסט דאָך שוין געהאַט אַ הונדערט און זעקס פיבער, האָסטע דאָך שוין געהאַט . . .

זעענדיק אַז איכ׳ל שוין ביי איר קיין טאָלק ניט דערגיין, ווענד איך זיך צום דאָקטאָר:

— דאָקטאָר, זאָג איך, ווער אַיי עס? . . .

— אין די אקסעדזשען טענט — ענטפערט דער בחור אין ווייסן

כאַלאַט. יו וואָרק טו האַרד — יו גאַט ניומאָניע . . . יו אַר אין אַ ד . . .

זאָג איך:

— וואָטשיו מין איי גאַט ניומאָניע, אַיי גאַט אַכט הונדרעט באָקס! אין אַ טשעק בוך!

אָבער דער דאָקטאָר האָט אַ וואונק געטאָן צו אַ נוירס, וועלכע איז צוגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט און אַריינגעהאַקט אַ הייפּאָ און באַלד בין איך ווידער אַוועק אין דעם לאַנד וואו מען שרייבט ניט קיין טשעקס נאָר אַלע ביזנעס טראַנזעקציעס ווערן געפירט אין ספּאַט קעש . . .

עיקר שכחתי, מיין ערשטן און לעצטן טשעק — האָט צוגענומען דער האָספּיטאַל, דאָקטוירים און נוירסעס, קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קאָנען . . .

דער שעהנער נעסט

(דערציילונג)

די פרוי איז דער פרוי'ס
גרעסטער שונא.
(שפּריכוואָרט)

אין אַ שיינעם זונטיק נאָכמיטיק קומט מיינער אַ פריינט צו מיר מיט זיין אויטאָמאָביל און זאָגט: קום, וועל איך דיר ווייזן ווי אַ אידיש פּאָר־פאָלק האָט זיך אויסגעבויט אַ נעסט, האָסט נאָך אַזוינס ניט געזען, קום.

פאָרן מיר צווישן אָראַנדזש גערטנער, און ביים סאַמע פוס פון דעם באַרימטן באַרג ווילסאָן, איינגעהילט צווישן פּאַלמען און יוקאַ־ליפּטעס בוימער, שטייט אַ שפּאָגל נייער, ווייס־געפאַרבטער גאַראַדזש מיט אַ רויטן דאַך.

אין דעם גאַראַדזש שטייט ניט קיין אויטאָמאָביל, נאָר דאָרט וואוינט אַ ערשט ניט־לאַנג חתונה געהאַט אידיש פּאָר פאָלק. דער קליינער אַלטער אויטאָמאָביל שטייט נאָך דערווייל אין דרויסן אונטער אַ פּאַלם בוים. דער פּלאַן איז, אַז שפּעטער, ווען דאָס הויז וועט פאַר־טיג ווערן וועט דער אויטאָמאָביל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. אָבער דער־ווייל דינט דער גאַראַדזש פאַר אַ היים ניט נאָר פאַרן פּאָר־פאָלק נאָר אויך פאַר דעם פריצייטיגן גאַסט וואָס האָט זיך אונטערגעאיילט צו קומען, איידער דאָס פּאָר־פאָלק האָט צייט געהאַט פאַרטיג צו מאַכן די אמת'ע נעסט וואָס זיי האָבן געפּלאַנעוועט. איז צוליב דעם אומגע־ריכטן גאַסט איז דער גאַראַדזש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נעסט.

דער יונגערמאַן איז אַן עלעקטריק־אינזשענער. זיין באַשערטע איז אַ הויכשול לערערין.ביידע זיינען שוואַרץ־חנ'עוודיקע, שוואַרץ־אויגיקע, פעסט־געבויטע אַמעריקאַניש־אידישע קינדער. ביידע אַר־בעטן, און ווייסן ווי צו שפּאָרן אַ סענט. דורך אַ גליקלאַכן צופאַל האָבן

זיי שפּאַט־ביליג אָפּגעקויפט אַט דאָס אויסטערליש שיינע שטיקל פּלאַץ ביים סאַמע פוס פון באַרג ווילסאָן, און זיי האָבן זיך ביידע אַ נעם געטאָן בויען דאָ זייער נעסט. פּראַקטיש אויסגערעכנטע אויף יעדער זאַך, האָבן זיי באַשלאָסן ניט לייען קיין געלט אויף צו בויען די הויז און מיט׳ן ביסל געלט וואָס איז דאָ, בויען דערווייל דעם גאַראַדזש וואו מ׳וועט דערווייל קאָנען איבערוואוינען ביז מ׳וועט אָנקלייבן גענוג געלט פאַר אַ שיינער הויז.

נו, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. פאַרטאָג, ווען די גאַנצע וועלט שלאָפט נאָך. מאַן און פרוי טוען זיך אָן אין „קהאַקי הויזן", און מיט דער הילף פון אַ פּאָר יאַפּאַנעזער אַרבעטער, נעמט מען זיך בויען. די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. די נעסט מוז פאַרטיג ווערן צו אַ באַשטימטער צייט. זיי מוזן האָבן אַן אייגענעם דאַך פאַר זייער גאַסט וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז ער קומט.

אין דעם קליינעם גאַראַדזש איז דאָ פּלאַץ פאַר אַן עס־צימער, שלאָף־צימער, ביבליאָטעק און קיך. אין דער קיך, אַ שפּאַן די גרויס, איז דאָ פּלאַץ פאַרן בעסטן עלעקטרישן אויוון, דעם בעסטן פרידזשי־דעיר, די בעסטע מאָדערנסטע געשיר. אַלץ מוז זיין פון דאָס בעסטע און פיינסטע, און איז אַזוי איינגעריכטעט, אַז יעדע זאַך, יעדע שטיקל מעבל, דאָס בעט, דער טיש, די בייינקלאך ווערן צונויפגעלייגט און באַהאַלטן אונטער די ווענט — גאַנץ אויטאָמאַטיש אָן שוועריקייטן, און יעדע זאַך וועט שפּעטער געפינען זיין פּלאַץ אין גרויסן הויז, וואָס מ׳וועט בויען שפּעטער.

דער צוגאַנג צו אַט דער אַזוי זעלטענער מערקווירדיגער נעסט איז אַן אויסטערליש שיינער. פון דעם ברייטן אויטאָמאָביל וועג גנב׳עט זיך אַוועק, אומבאַמערקט צווישן די אָקאַליפּטן ביימער, אַ שמאָל, ווייס־זאַמדיק סטעזשקעלע וואָס איז פון ביידע זייטן אַרומגעשטעקט מיט ווייסע, רונדע שטיינדלאך (דאָס האָבן זייערע אייגענע יונגע הענט געמאַכט), דאָס שמאָלע ווייסע סטעזשקעלע פירט אייך און שפּילט זיך מיט אייך אין אַ זיג־זאַג באַהעלטעניש. און באַלד בלייבט איר שטיין באַ אַט דעם מאָדנעם גאַראַדזש מיט ווייסע ווענט און רויטן דאַך אַרומגערינגלט מיט יונגע פּאַלמען ביימער וואָס זייערע אייגענע הענט האָבן געפלאַנצט נאָך אַ טאָג אַרבעט.

זיי האָבן קוים באַוויזן צוצודעקן דעם דאַך, האָט זיך שוין דער־הערט דער ערשטער אויסגעשריי פון דעם „גאַסט״. אַ צען פונטיקער חברה־מאַן, מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע הערעלאַך אויפ׳ן קאָפּ...

דאָס פּאָר־פאָלק איז פון אָנפאַנג אַביסל צעטומלט געוואָרן. די נעסט איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן פאַרטיג. וואָס האָט ער זיך אַזוי געאײַלט אָט דער גאַסט? . . . אָבער באַלד האָבן זיי זיך אָריענ־טירט. אין דער נייער לאַגע, און דאָס לעבן גייט אַ גאַנג. יעדן טאָג, נאָך דער אַרבעט, באָדט מען דעם חברה־מאַן אין אַ ווייסן צונויפגעג־לייגטן, גומענעם באָד־קעסל. דערנאָך לייגט מען אים אַוועק אַ נאַ־קעטן אויפ׳ן דיוואַן. די יונגע מאַמע מיט׳ן קינד שפּילן זיך און קאַטשען זיך אויפ׳ן ברייטן דיוואַן. אין דער צייט ווען דער טאַטע שטייט פון ווייטן, דרייט אַ הענטל פון אַ קינאָ־מאַשין און נעמט אַראָפּ בילדער פון דער מאַמע מיט׳ן קינד אין די פאַרשידענסטע פּאָזעס. אַזוי יעדן טאָג — שוין צוועלף וואָכן פון זינט דער גאַסט איז געקומען, האָט מען נאָך ניט פאַרפעלט איין טאָג ניט צו נעמען קיין „מואווינג פיקטשור״־בילדער פון דעם קינד מיט דער מאַמען און אָן דער מאַמען, און אַמאָל שטייט די מאַמע ביים מאַשין און דרייט דאָס הענטל און נעמט בילדער פון דעם קינד מיט׳ן פאָטער. דער פאָטער אָנגעטאָן אין „קהאַקי״ האַלט דאָס קינד אַ נאַקעטס, וואַרפט עס אין דער לופט און דרייט זיך מיט דעם קערפּער אַרויף און אַראָפּ, כאַפּט עס צוריק און די מאַמע דרייט דאָס רעדל און נעמט אַראָפּ בילדער און לאַכט. לאַכט מיט איר ברייטן, פולן מויל ווייסע ציין, ציין וואָס ווייזן אַ רײ־זיקן כוח און עקשנות, ציין וואָס סטראַשען און זאָגן, „היט זיך, ניט צו פאַרטשעפּען זיך מיט דער באַזיצערין פון אָט די ציין . . .

נישט נאָר אירע ציין. די שוואַרצע, גרויסע אויגן אירע בליצן אויף צייטנווייז מיט אַן אומהיימליך פייערל וואָס סטראַשען: — היט זיך, אויב דיין לעבן איז דיר טייער . . .

דער יונגערמאַן טראָגט שוואַרצע דיקע אויגן גלעזער און פון די קליינע, קורצזיכיגע, שוואַרצע אויגן קוקט אַרויס אַ באַהאַלטענער טרויער וואָס גרעניצט זיך מיט פּחד. דער יונגערמאַן לאַכט ניט אַזוי פריילאַך און הילכיג ווי די יונגע פרוי. ער גיט אַ שמייכל וואָס ווערט באַלד אָפּגעווישט און דער טונקעלער פּנים פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן.

איך פאַרשטיי, אַז עפּעס איז דאָ ערגעץ אַ וואָרעם וואָס עסט דאָס האַרץ פון אָט דעם שיינעם עפּל . . . ערגעץ ליגט באַהאַלטן אַ רויב־פויגל וואָס צושטערט די רו און פרייד פון אָט די העכט מאָדערנע צוויי פויגעלאַך אין דער אידילישער „נעסט“. אָבער וואו ערגעץ עס שטעקט באַהאַלטן אָט דער וואָרעם . . . דאָס ווייסן, שיינט מיר, נאָר זיי אַליין.

לאַנג זיינען מיר דאָרט ניט געזעסן. עפּעס האָט זיך אונזער גע־שפּרעך ניט געקלעפּט. ספּעציעל איז זי, די יונגע מאַמע געווען קאַלט און טרוקן פאָרמאַל. מיר האָבן זיך געזעגנט און שנעל אַרויס אין דרויסן.

דער באַרג ווילסאָן, כמעט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, שטייט איינגעהילט אין אַ בלוי־זיידענעם דורכזיכטיגן שלאָף מאַנטל און אַרום זיין הויכן קאָפּ שווימען אום קליינינקע געקרייזלטע וואָלקנדלאַך. מיר גייען לאַנגזאַם אויף די געדרייטע שטעגעלאַך און שווייגן. ענדליך ברעך איך די שטילקייט און זאָג:

— יאָ, אַ וואונדערליך שיינע נעסט, אָבער עפּעס איז דאָרט אומ־היימליך. מיר שיינט, אַז דאָס פּאָר־פּאָלק טראָגט אַ באַהאַלטענעם טרויער, ספּעציעל ער — דער יונגערמאַן.

מיין פריינט׳ס פּנים ווערט פּלוצלונג טויט ערנסט. ער צועפּנט ברייט זיינע ברוינע אויגן, בלייבט שטיין אונטער אַ פּאַלם־בוים, דרייט זיך אום צום באַרג ווילסאָן, לייגט צו די האַנט צום רעכטן אויער און הערט זיך איין מיט עפּעס אַ מאָדנעם שרעק אין זיינע אויגן. איך קוק אויף מיין פריינט און ווער אַליין אָנגעשטעקט מיט דעם פּחד וואָס ליגט אין זיינע אויגן און איך זאָג:

— וואָס איז?

אָבער ער לאָזט מיר ניט ריידן.

— ש־ש־ש — שעפּטשעט ער אַרויס געהיימניספול — ש־ש־ש, הער זיך איין צו דעם ווידער־קול וואָס קומט פון באַרג.

לייג איך צו די האַנט צום אויער און איך הער זיך צו. איך הער אַ שוואַך ווידער־קול וואָס קומט אַרויס פון אַ אידישער מאַמע׳ס צע־ווייטאָגט האַרץ, אַ קול דורכגעזאַפּט מיט טרערן, און דאָס קול זאָגט: גרויסער גאָט! באַשעפער פון אַלע וועלטן! „זי“ האָט באַ מיר צוגע־נומען מיין איין און איינציג קינד, מיין זון, מיין אויג אין קאָפּ און זי

לאָזט מיך ניט אַרויף אויף דער שוועל . . . זי לאָזט מיך ניט זען מיין איינציגן זון. איך האָב געאַרבעט און געהונגערט, כדי מיין זון זאָל לערנען און ווערן אַ לייט. האָב געהאָפט צו האָבן אַ טרייסט און אַ שטיצע אויף דער עלטער. איצט בין איך עלנט ווי אַ שטיין, איך האָב נאָך דאָס ליכטיגע פּנים׳ל פון מיין אייניקל ניט געזען. גרויסער גאָט! פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף, פאַרוואָס? . . .

דאָס קול איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן, אָבער מיר שטייען ביי־דע מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם ווי צוגעשמידט צו דער ערד.

ענדליך האָבן מיר זיך באַרוהיגט. מיר לאָזן זיך גיין מיט שנעלע טריט אַרויס צום ברייטן וועג.

— דו ווייסט וואָס פאַר אַ טראַגעדיע עס הייגגט איבער אָט דער שיינער נעסט? — זאָגט שטיל מיין פריינט.

— ניין, איך ווייס ניט.

— ווייל די אַלטע איז געווען געגן דעם שידוך, קאָן די יונגע איר ניט מוחל זיין. טראָגט זי, די יונגע, אַ חיה׳שע שנאה געגן דער אַל־טער. אַ שנאה וואָס ברענט ווי אַ העליש פייער און זי לאָזט די אַלטע ניט צו צו דער שטוב.

די אַלטע פלעגט קומען יעדן פאַרנאַכט און זיך זעצן דאָ אונטער אַ פאַלמען בוים, כדי צו זען איר זון בעת ער קומט פון דער אַרבעט. פלעגט די יונגע אַרויס באַגעגענען איר מאַן און אים פירן דורך, אַ זייטיג וועגעלע אין שטוב אַריין, דער אַלטער צו להכעיס . . .

און די אַלטע פלעגט זיצן און וויינען און אַרויפשיקן צו גאָט אָט די טענה: פאַרוואָס? . . .

ביז איין טאָג האָט מען געפונען די אַלטע אַ טויטע, טאַקע אונ־טער דעם זעלבן בוים. און פון זינט דאַן אָן ברייגגט דער באַרג יעדן טאָג, אין אַ באַשטימטער שעה, דאָס ווידער־קול פון דער אַלטער׳ס שאלה צו גאָט.

— זינט דאַן בין איך דער איינציגער וואָס טרעט אַריבער זייער שוועל. אויסער מיר קומט דאָ קיינער ניט.

מיין פריינט איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך גיי ביי זיין זייט און טראַכט. איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס מען זאָגט: „די פרוי איז דער פרוי׳ס גרעסטער שונא . . .“

מיין האָנאָראַר...

(הומאָרעסקע)

ביי די מיינסטן־טייל שרייבער, איז שרייבן אַ געשעפט! אַבי נאָר איר וועט זיי גוט באַצאָלן — וועלן זיי אייך שרייבן — ווי מען זאָגט: אויף טיש און אויף בענק . . . די בעסט־באַצאָלטע שרייבער זיינען די, וואָס קיצלען די עראָטיק ביים ערב־רב . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס זיינען אַנטיסאָציאַלע ברואים, און עס שפּריצט ג י פ ט אָנשטאָט טינט פון זייער פעדער.

איך האָב אַמאָל געלייענט אַ באַשרייבונג פון אַ לינטשינג־פּאַרטי. דער שרייבער האָט זיך מודה געווען: אַז ער וואָלט געווען געקאָנט ראַ־טעווען דעם קרבן פון די לינטשערס הענט — אָבער ער האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט צו באַשרייבן דאָס לינטשען פון אַ מענטשן מיט אַלע פּיטשטשעווקעס . . . פאַראַן שרייבער, וואָס שטאָלצירן מיט זייערע גרויסע פאַרדינסטן האַנדלענדיק מיט ווערטער . . .

און — אָט בין איך מיר אַ שרייבער — שרייב שוין אָן עין־ערה 50 יאָר און איך שטאָלציר גראָד מיט דעם, וואָס איך האָב די אַלע יאָרן נ י ט ג ע ק ר אָ ג ן אַ פּ ע נ י פאַר מיין שרייבן . . .

אָבער לאָמיך ניט זאָגן קיין ליגן — מיט פערציק יאָר צוריק האָט מיר יאַנאָווסקי ע"ה צוגעשיקט קיין דענווער אין סאַניטאַריום, וואו איך בין געווען אַ תושב, צוויי טשעקס: איינעם פאַר דריי דאָללאַר און איי־נעם פאַר פינף דאָללאַר. און ביז היינטיקן טאָג פאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב די טשעקס ניט צוריקגעשיקט . . .

דערפאַר אָבער — האָב איך איין מאָל געקראָגן ה אָ נ אָ ר אַ ר — ניט פון קיין רעדאַקטאָר אָדער פאַבלישער, נאָר פון מיינעם אַ ל י י ע נ ע ר — וועל איך אָט דעם האָנאָראַר ניט אויסבייטן פאַר מי־ליאָנען מיט גאָלד . . .

ס׳איז אַן אינטערעסאַנטע מעשה און איר מעגט זי אויסהערן.

איך בין איין מאָל שטאַרק קראַנק געווען. און דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרשריבן אַ רעצעפּט — איך זאָל פאָרן פאַר פיר וואָכן אין די בערג — קיין ליבערטי, כדי זיך אַביסל צו דערהאָלן.

געווען איז דאָס אין אַ סוף זומער, ווען אַ קאַלט צפון ווינטל האָט שוין בייז און אומעטיק געבלאָזן און גאָר אָן רחמנות האָט ער אַרונ־טערגעריסן די געלע בלעטער פון די ביימער, זיך געשפּילט מיט זיי אַביסל און דאַן זיי צוזאַמענגעשאַרט אין גרויסע קופּעס כדי דער גאַסנקערער זאָל זיי איבערגעבן צו די שנעל פאַרצערנדיקע פלאַמען.

מאָדנע מענטשן אָט די דאָקטוירים. זיי איז לייכט אַרויסצוזאָגן: „פאָר פאַר עטלעכע וואָכן אין ליבערטי, און — נעם אַרויף עטלעכע לויט פלייש אויף דיינע דאַרע ביינער״. ניכאַי וואָלט אים איינפאַלן אַ פרעג טאָן: צי האָב איך אַ פּענני באַ דער נשמה? . . .

אָבער, אַז אַ מענטש האָט גוטע פריינט — איז עס אָפּט בעסער ווי געלט . . .

מילא, בקיצור, איין שיינעם נאָכמיטאָג, בלייב איך שטיין אויפן קליינעם וואָקזאַל אין ליבערטי מיט מיין וואַליזל אין האַנט און איך אָטעם די פרישע טרוקענע לופט פון די קעטסקיל בערג.

דער וואָקזאַל איז פּוסט — ס׳איז שוין נאָכ׳ן סיזאָן — די זומער באָרדערס זיינען זיך שוין צעפאָרן און — ווער ווייסט, צי וועל איך ערגעץ גאָר געפינען אַ מקום מקלט? דערמאָן איך זיך, אַז מיינע באַ־קאַנטע, אַ פּאָר פאָלק, מיטן נאָמען שאפראן, וואוינען דאָ אין ליבערטי, צוליב זייער שוואַכן געזונט. און כאָטש איך ווייס אַז זיי זיינען זייער אָרעם און קאָנען מיך ניט מכניס־אורח זיין — דאָך אפשר קאָנען זיי מיר אויסהעלפן מיט דעם, וואָס זיי וועלן מיך אַרומפירן אין זייער אַלטן פאָרדל צווישן די באָרדינגהייזער.

און, כאָטש איך בין געווען מיד פון דער לאַנגער נסיעה, דאָך האָב איך זיך ווי עס איז פאַרשלעפּט מיט מיין וואַליזל צו די שאפראנס וואוינונג.

דאָס דאָזיקע פּאָר פאָלק האָט מיך דוקא זייער וואַרעם און פריינטלעך אויפגענומען. און טאַקע באַלד האָבן זיי מיך אַריינגעזעצט אין זייער קליינעם אַלטן פאָרדל און זיך אַרויסגעלאָזט מיט מיר זוכן אַ

מקום מקלט — איידער די זון גייט אונטער און עס ווערט פינצטער— אָבער נעכטיקן האָב איך ניט וואו, ווייל מיינע פריינט פאַרמאָגן ניט מער ווי איין צימער — און אויב איך קריג ניט קיין פּלאַץ צו שטיין — מוז איך נאָך היינט צוריקפאָרן.

מילא, בקיצור, מיר פאָרן פון איין האָטעל צום צווייטן — אָבער אונדזער מי איז אומזיסט — און דאָ אַזוי ווי אויף צו להכעיס יאָגט זיך די קאַלטע זון צו די מערב־בערג — אָט־אָט, און עס וועט ווערן פינצטער און קאַלט. און איכ׳ל דאַרפן פאָרן צוריק אין שטאָט. און דאָ בין איך מיד און צעבראָכן און איך האַלט זיך קוים אויף די פיס.

פלוצלונג רופט זיך אָפּ די פריינדין מיינע צו איר מאַן: „פיליפּ— לאָמיר צופאָרן צו די פרידמאַנס, אפשר, אולי ירחם — אפשר וועלן זיי רחמנות האָבן און אריינגעמען אונדזער קראַנקן סטאָליער אויף אַ פּאָר וואָכן?

פיליפּ האָט גענומען טרייבן דאָס אַלטע פאָרדל אַרויף אַ באַרג. דאָס פאָרדל האָט פּראָטעסטירט, מאַכנדיק אַלערליי קולות און זיך וואַרפנדיק און ציטערנדיק האָט דאָס פאָרדל דאָך אונדז געבראַכט צו די פרידמאַנס גלייך אין הויף אַריין.

אַ ווייס געפּאַרבטע הויז מיט אַ רויטן דאַך, מיט אַ שיינעם הויף — ציכטיק אויפגערעאַמט, און עטלעכע האַלב־נאַקעטע בוימער — דאָס איז געוועזן די פרידמאַנס באַלעבאַטישקייט. אָבער איך בלייב זיצן אין מאַשין. אַ קיל ווינטל בלאָזט פון אַלע זייטן און פילט אָן דאָס קראַנ־קע האַרץ מיט אומעט און יאוש.

די פרידמאַנס, אַן עלטער פּאָר פאָלק — שטייען ביידע אין הויף — מיט עמערס פריש־געמאָלקענע מילך אין די הענט. ער, פרידמאַן, זעט אויס ווי אַ מיטל־יעריקער איטאַליענער, בעת זי, זיין ווייבל, אַן אמת אידעשקע, אַ סך אינגער פון אים. אַ ברונעטקע, גאָרניט קיין מיאוס ווייבל. ציכטיק אָנגעטאָן, אין אַ ווייסן פאַרטוך.

מיינע פריינט גייען צו צו דער פרוי פרידמאַן און הויבן אָן איינ־טענה׳ן מיט איר מכוח אַכצען און דרייצען . . . — אָבער איך זע פון ווייטן ווי זי דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין . . . נו, טראַכט איך, סע ניטאָ קיין מזל! און אַז אַ מענטש האָט ניט קיין מזל, דאַרף ער — אָבער שאַ נאַר! וואָס איז דאָס? איך זע, ווי די פרוי פרידמאַן גייט מיט

שנעלע טריט צו מיר — צום פאָרדל הייסט עס, און מיינע פריינט גייען איר נאָך.

איך קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען! אויף דער פרויס רונדן סימפּאַטישן פּנים ליגט אַ ברייטער שמייכל און אירע שוואַרצע אויגן פינקלען מיט עפּעס אַ מאָדנע ווייכקייט און פרייד. זי קומט צו צום פאָרדל, שטרעקט מיר אויס איר האַנט און זאָגט:

„ברוך הבא — בראָנזווילער סטאָליער! די פריינט אונדזערע, די שאפראַנס, האָבן מיר געזאָגט, אַז איר זייט דער בראָנזווילער סטאָליער, און אַז איר ווילט דאָ פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן. גלויבט מיר, אַז ווען אימעצער אַנדערש וואָלט געקומען און מיר געגעבן הונדערט דאָלאַר אַ טאָג — אסור אויב איך וואָלט אים אַריינגענומען. איך בין זייער אויסגעמאַטערט פון אַ זומער שווערער אַרבעט, און מיין מאַן איז אַ קראַנקער מענטש. און איך דאַרף אים פירן אין שטאָט אין שפּי־טאָל. אָבער ווי קען איך צוריקווייזן דעם בראָנזווילער סטאָליער, וועלכער האָט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל שטונדן פאַרגעניגן מיט זיינע פעליעטאָנען און מעשה׳לעך אין דער פ. א. ש.? קומט, איך בעט אייך, און זייט מיין גאַסט! און איך וועל טאָן אַלעס אין מיינע כוחות אייך צו מאַכן אַזוי באַקוועם און אנגענעם ווי מעגלעך . . .״

נאָך אָט דער דאָזיקער דרשה פון פרוי פרידמאַן, בין איך געבליבן זיצן אָן לשון. איך האָב זיך פּשוט געוואָרגן מיט טרערן וואָס זיינען געבליבן שטעקן ערגעץ אין האַלדז, און איך האָב אַ וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען . . .

מיינע פריינט — שטייען פון וויטן — קוקן אויף מיר און שמייכ־לען. און די פרוי שאפראַן רופט זיך אָפּ:

„איר האָט צו פאַרדאַנקען אייערן אַ פריינט מיטן נאָמען דער „בראָנזווילער סטאָליאַר״, דאָס איז זיין איינפלוס אויף פרוי פרידמאַן — זאָנסט וואָלט איר נאָך היינט געדאַרפט צוריקפאָרן אין שטאָט צום טומל און צו די סאָבוויס — און זי לאַכט און ווינקט צו מיר . . .

באַמערקט האָב איך פון וויטן, אַז בעת די פרוי פרידמאַן האָט מיר אַזוי וואַרעם געדריקט די האַנט, און אירע גוטע שוואַרצע אויגן האָבן כישוף׳דיק געטריבן דעם יאוש פון מיין האַרצן — איז איר אי־טאַליעניש אויסזעענדיקער מאַן געשטאַנען מיט די עמערס מילך אין די

הענט און זיינע קליינע שוואַרצע אויגעלעך האָבן זיך געזשמורעט און האָבן אויסגעדריקט זייער ניט קיין פריינטלעכן ברוך הבא . . . אָבער וועמען אַרט עס! אַבי זי, די ווייב זיינע, טראָגט מיין טשעמאָדאַן אין שטוב אַריין. און זי גיט מיר דאָס שענסטע צימער אין הויז . . .

אַוועקשטעלנדיק דעם וואַליז מיינעם אין מיין צימער, רוימט מיר מיין ג ו ט ע ר מ ל א ך איין אַ סוד אין אויער אַריין: „איר מאַן, זאָגט זי, איז ניט נאָר קראַנק פיזיש — נאָר ער איז — ניט פאַר מיר געדאַכט „אַ לינקער" און איך זאָל וויסן ווי צו האַנדלען מיט אים . . .

אין דריי טעג אַרום בין איך שוין געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פאָר אָוועראָלס, אומגעגאַנגען איבערן הויף מיט אַ זעג און מיט אַ האַמער אין די הענט און פאַרריכט די באַלעבאַטישקייט . . . איך בין געווען גרייט צו טאָן אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט אריינלאָזן זיך אין אַ דעבאַטע מיט דעם חבר פרידמאַן — כאָטש ער, פון זיין זייט, האָט געזוכט דורך אַלערליי טריקס מיך אריינצוציען אין אַ שמועס וועגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד . . . אָנשטאָט דעם פלעג איך ליבערשט זיצן און פאַרברענגען מיט זייערע צוויי געראָטענע טעכטערלעך — זיבן און ניין יאָר אַלט, און איך פלעג זיי לערנען זינגען אידישע פאָלקס־לידער . . . דאָס איז דער חברה פרידמאַן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט מיך געהאָדעוועט ווי אַ גאַנדז צו דער שחיטה . . .

איר ווילט וויסן די אונטערשטע שורה? . . .

די צוויי וואָכן זיינען איבערגעלאָפן ווי אַ וויכער. און איין שיינעם פאַרנאַכט האָבן די פרידמאַנס מיך אַרויסבאַגלייט צו דער באַן. די טעכטערלעך האָבן מיך געפירט אונטער די הענט ווי אַ חתן־בחור... און ווייסט איר, ווער ס'האָט געטראָגן מיין וואַליז? דוקא ער אליין, דער ליבער חבר פרידמאַן . . .

איצט ווייסט איר שוין פאַר וואָס איך האָב זיך אַזוי געפרייט מיט דעם „האָנאָראַר", וואָס איך האָב געקראָגן פאַר אַלע מיינע יאָרן שרייבן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע"? באַ מיר איז דאָס ווערט געווען מער ווי מיליאָנען מיט געלט . . .

איצט ווייסט ער שוין . . .

(אַ קורצע ביאָגראַפיע פון אַ געבוירענעם געמבלער)

יאָ, איצט ווייסט שוין מיסטער הערמאַן „שלעזינדזשער" ווער עס וועט זיין דער ערשטער „תושב" אויף זיין נייעם בית עולם . . .

איצט, ליגנדיג אין שפּיטאָל, אַ חולה מסוכן, און אַ ראַק אין מאָגן פרעסט אים אויף לעבעדיגערהייד, ווייסט ער שוין, אַז טאַקע ער אַליין וועט זיין דער ערשטער — צו ליגן אויף דעם „הייליגן אָרט" וואָס ער האָט געבויט מיט זייער אומהייליקע מיטלען.

אַ לעבן לאַנג האָט מר. שלעזינדזשער געשווינדלט און געדרייט, גענאַרט און אויסגענאַרט געלט פון אָרימע, לייכט גלויביגע מענטשן, וואָס האָבן אים געטרויט זייער געלט — ביז דער מלאך המות האָט אים אַריינגענאַרט אין שפּיטאָל אַריין, וואו ער ליגט און וויינט, האַלט אין איין וויינען.

אַ זייער שלעכטער „געמבלער" איז מר. שלעזינדזשער . . . ער האָט פאַרלאָרן זיין „געים" מיט'ן מלאך המות — וויינט ער . . . די טרערן פון זיינע קרבנות, וועמען ער האָט באַשווינדלט, האָבן אים ניט געאַרט, אָדער ער האָט זיי ניט געוואָלט זען . . .

אַ מערקווירדיגער מענטש איז געווען אָט דער מר. שלעזינדזשער (וועמעס אמת'ער נאָמען איז געווען הערשל „שליטניק" . . .).

די נאַטור האָט אים פון איין זייט באַשאָנקען מיט אַ שיינעם אַריסטאָקראַטישן אויסזען און גלאַטן צינגל; און פון דער צווייטער זייט, אים געשטראָפט מיט אַ שוואַכן ווילן און פאַרדאָרבענעם כאַראַק־טער.

מיט זיין שיינעם אַריסטאָקראַטישן אויסזען און גלאַטן צינגל האָט ער שנעל געוואונען מענטשנס צוטרויען, וואָס ער האָט מיס־

ברויכט, אַזוי אַז ניט איין מאָל איז ער געווען אין געפֿאַר צו גיין אין תפיסה פֿאַר זיינע מעשים . . .

אָבער עפּעס אַזוי ווי אַ קליפּה איז געזעסן אין אים און אים גע־צויגן אויף די וועגן פֿון זינד און פֿאַרברעכן. ער האָט געהאַט אַ וויל־דע הנאה פֿון דער לייכטקייט מיט וועלכער נאַאיווע מענטשן, פלעגן זיך לאָזן פֿון אים באַשווינדלען . . .

דער אמת איז, אַז זיין שיינע אימפּאָזאַנטע פיגור, זיינע טיפע בלויע, אומשולדיגע נאַאיווע אויגן, די זיידענע בלאָנדע האָר, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט אויף זיין שיין פֿאַרמירטן קאָפּ און זיין ווייכע מוזיקאַליש־לאַשטשענדע שטימע, האָבן געקאָנט פֿאַרכישוף׳ן אפילו אַ געניט אויג — אַזוי, אַז אים פלעגט אָפט געלונגען צו באַשווינדלען אַן ערפֿאַרענעם געשעפֿטסמאַן . . . זיינע אומלעגאַלע ריעל עסטייט ספּע־קולאַציעס פלעגט דער חברה־מאַן באַטרייבן מייגסטן דורך פֿאַלשע אַנאָנסן אין די צייטונגען, און פרויען זיינען געווען די מייגסטע פֿון זיינע קרבנות. מיט זיין פֿערזענליכן כישוף און מאַגנעטיזם האָט ער זיי, די פרויען, געקאָנט פֿאַרקויפן דעם „ברוקלין ברידזש" און אים אָפּנעמען ביי זיי צוריק . . . אַזוי לייכט ווי אַ האָר אַרויסנעמען פֿון אַ טאָפּ מילך . . .

דערפֿאַר אָבער, האָבן אַנדערע פרויען מיט דער הילף פֿון ביטערן טראָפּן . . . אים געבראַכט פּריצייטיג אין שפּיטאָל . . .

שלעזינדזשער האָט נאָך אַלס אַ 10־12־יאָריגער אינגל אַרויסגע־וויזן סמנים, אַז ער איז גענויגט צו גיין אויף געפֿערליכע וועגן . . .

ער איז אויסגעוואַקסן אויף אַ פֿאַרם אין ניו דזשוירזי, וואו זיינע עלטערן האָבן זיך באַזעצט, קומענדיג אַהער אין די אַכציגער יאָרן פֿון פֿאַריגן יאָרהונדערט, פֿון רוסלאַנד, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען. ער איז געווען דער עלטסטער פֿון אַ משפחה פֿון 8 קינדער.

בעת זיינע קלענערע ברידער און שוועסטער האָבן אַרויסגע־האָלפֿן די עלטערן מיט דער שווערער אַרבעט אויף דער פֿאַרם, האָט ער, שלעזינדזשער, ניט געוואָלט טאָן קיין זאַך אויסער אַרויס׳גנבֿ׳ענען דעם פֿערד ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפֿן, און זיך אַרומיאָגן רייטענדיג אויף דעם פֿערד ביז אין גרויען פֿאַרטאָג און דערנאָך שלאָפֿן ביז שפּעט אין טאָג אַריין . . . אָט דער קליינער הערשל האָט געהאַט

דעם פּנים פון אַ מלאך און דאָס האַרץ פון אַ שד . . . דער מאַמעס טרערן און דעם טאַטנס קלעפּ האָבן ניט געהאָלפן.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אַלס בחור׳ל פון אַ יאָר 17־18, האָט ער געפעלשט זיין פּאָטער׳ס אונטערשריפט — אַרויסגענומען די לעצ־טע עטלעכע דאָלאַר פון באַנק און איז אַוועק קיין ניו יאָרק.

דאָ האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט עטליכע יאָר, גאַנץ אָפט גע הונגערט — אָבער זיינע ווייבע, פוכקע הענט, האָט ער שטאַרק אָפּגע היט פון אַרבעט . . . דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט אַ לונגען קראַנקן אידן, וואָס האָט צוליב שדכנות געלט דעם בחור „פאַרשליירט״ מיט אַ פאַרמעגליכער משפחה פון דער ניו יאָרקער איסט סייד. ער האָט געקראָגן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר „נדן״ מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן זיינע ווילדע אומלעגאַלע ריעל עסטייט ספּעקולאַציעס.

ניט איינמאָל האָט עס געהאַלטן דערביי, מ׳זאָל אים אַוועקשיקן אין „חד גדיא״ פאַר זיינע ווילדע מעשים, אָבער פון איין זייט זיין „מלאכ׳שער״ פּנים און גלאַט צונגל . . . און פון דער צווייטער זייט זיין שווער׳ס איינפלוס און באַנקביכל האָבן אים געהאָלפן זיך אַרויס־דרייען פון אַלע צרות . . .

זיין אומגליקליכע ווייבל, אַ וואוילע איינפאַכע שטילע אידישע טאָכטער, האָט אים אין 6 יאָר צייט געבוירן 5 קינדער . . . אָבער בעת זי איז געלעגן אין קימפּעט מיט׳ן פינפטן קינד האָט ער שוין זעקס חדשם צייט ניט גערעדט צו איר . . . און דאָס „שטום לשון״ האָט אָנ־געהאַלטן צוואַנציג יאָר — ביז ער איז קראַנק געוואָרן . . .

די אָרימע ווייבל איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום, אָבער איר איז געלונגען צו דערציען די קינדער, און — דוקא לייטישע קינדער . . .

אַזוי, אַז אויב מר. הערמאַן שלעזינדזשער איז ניט געשטאָרבן נאָך מיט עטליכע יאָר צוריק ערגעץ אין אַ הקדש אָדער אין אַ תפיסה, האָט ער דאָס צו פאַרדאַנקען זיין עלטסטן זון, וואָס האָט אין די לעצ־טע פּאָר יאָר געהיט זיין פּאָטער׳ס טריט און אים פיל מאָל געראַטע־וועט פון זיך אַליין . . .

ווען ניט דער עלטסטער זון זיינער, וואָלט מר. שלעזינדזשער דאָס דאָזיגע זומפּיגע שטיקל ריעל עסטייט אין ניו דזשוירזי, וואו ער

האָט געבויט דעם בית עולם אויך געווען פאַרגעמבלט, און די משפּחה וואָלט געדאַרפט אָנקומען צו בעטעל ברויט . . .

איצט ליגט ער אין שפּיטאָל, וואוהין זיין ווילדער, אויסגעלאָסע־נער לעבן האָט אים פּריצייטיג געבראַכט. אַ קענסער אין מאָגן פרעסט און פאַרצערט אים, און ער ליגט און וויינט . . .

ספּעציעל ווען זיין דערשלאָגענע ווייב זיצט לעבן זיין בעט . . . שטומערהייד קושט ער אירע פאַרמאַזאָליטע הענט און באַוואַשט זיי מיט זיינע הייסע טרערן . . . שטומערהייט בעט ער איר מחילה . . . צו שפּעט . . .

ער ווייסט שוין, אַז ער אַליין וועט זיין דער ערשטער „תושב" אויף זיין נייעם בית עולם . . . ער האָט שוין אפילו גערעדט מיט זיין עלטסטן זון וועגן דעם . . .

אָבער ער ווייסט ניט, אַז זיין זון האָט שוין פאַר אים אָפּגעצאַמט דעם סאָמע „אויבענאָן", וואו אויב נישט היינט מאָרגן, וועט אים זיין משפּחה אַרויסבאַלייטן אָן ליבע און אָן טרערן . . .

טיף אין האַרצן האָפט די משפּחה, אַז ער וועט זיין אַ גוטער, מזל'דיגער אָנהויב . . . און זיי וועלן האָבן פּרנסה פון דער ירושה, וואָס ער לאָזט זיי איבער . . .

ס׳איז משיח-צייטן

פון זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין דער פּרעסע און אויף דער ראַדיאָ אַלערליי נביאים און זנאַכערס, הייב איך אָן צו גלויבן, אַז מיר לעבן באמת אין משיחס צייטן.

אין די אַמאָליקע „נאָרמאַלע צייטן" האָבן מיר געהאַט אויסצו־קלייבן פאַר „וועגווייזער" ענטוועדער אַ פעסימיסט אָדער אַן אָפּטי־מיסט, אָדער גאָר אַ סקעפּטיקער. (כ׳האָב ערגעצוואו געלייענט אַ זייער טרעפלעכע דעפיניציע פון אָט די דריי מאָדערנע „נביאים". שטעלט אייך פאָר ווי די דריי פאַרשוינען זיצן ביים טיש און עסן וועטשערע צוזאַמען — זאָגט איינער: „דערלאַנג מיר, זיי אַזוי גוט, דאָס קריגל מיט סמעטענע; זאָגט דער צווייטער: „מעג איך האָבן דאָס קריגל מיט זויערמילך?"; און דער דריטער הייסט זיך דערלאַנגען דאָס קריגל . . .)

דאָס איז אַלץ געווען אין די גוטע נאָרמאַלע צייטן, ווען עס האָט נאָך געגלאַנצט די פּאָליטור פון דעם אַזוי־גערופענעם ציוויליזירטן מענטשן. אָבער פון זינט אָן די נאַציס האָבן פאַרברענט דער וועלטס ביכער און אַזוי אַרום „אָפּגעסמאָליעט"; אַראָפּגעברענט די פּאָליטור און די ווילדע בעסטיע איז געבליבן אין איר שוידערלעכער נאַקעט־קייט, און האָט זיך אַ נעם געטאָן אונטערצינדן די וועלט — איז דער סקעפּטיקער ערגעץ וואו פאַרשוואונדן, און ביים טיש זיצן בלויז דער העל־זעער און דער שוואַרץ־זעער.

דער העל־זעער זאָגט, אַז דאָס איז די **לעצטע מלחמה** און אַז ער זעט אויפן האָריזאָנט דאָס אָנקומען פון אַ הענרי וואָלאַס און גענעראַל סמאָטס, און זיי וועלן ביים פרידנס־טיש לייגן דעם פונ־דאַמענט פאַר אַ מער יושרדיקער וועלט. אָבער אַנטקעגן אים זיצט דער שוואַרצזעער מיט אַ פינצטער פנים און זאָגט: „דאָס איז אַ פּוס־

טער חלום, וואָס קומט פון „ווישפול טהינקינג“. ביי מיר איז דער עולם געווען און געבליבן אַ גולם. איך זע ווי הינטער די קוליסן אַר־בעט שוין ק ע נ י ג ג אָ ל ד, צוזאַמען מיטן פינצטערן וואַטיקאַן, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן מיט אַ „נעגאָשיעיטעד“ פרידן . . . און איך זע אויך, אַז ביים פרידנס־טיש וועלן ניט זיצן די רוזוועלטס, נאָר די האַרדינגס און די קולידזשעס . . .

„וואָס מיינט עס? כעסט זיך דער שוואַרץ־זעער, דער פעסימיסט. דאָס מיינט, זאָגט ער — אַז אָט די דאָזיקע כת־לצים לייגן שוין דעם פונדאַמענט פאַר דער דריטער און לעצטער וועלט־מלחמה“ . . .

און אַז איר פרעגט אים: ווי אַזוי ווייסט ער, אַז די דריטע וועלט־מלחמה וועט זיין די לעצטע? ענטפערט ער אייך: גאַנץ פּראָסט און פשוט — די דריטע וועלט־מלחמה וועט מוזן זיין די לעצטע, ווייל ביידע צדדים וועלן דאָס מאָל אַראָפּוואַרפן דאָס לעצטע ביסל בושה און זיך איינער דעם אַנדערן דערשטיקן מיט גיפט־גאַזן, אַזוי אַז ס׳וועלן מער ניט בלייבן קיין צוויי־פיסיקע ברואים צו פירן מלחמות... און די וועלט וועט בלייבן פאַר די פיר־פיסיקע גאָטס באַשעפענישן, פאַר וועמען דער אויבערשטער האָט אורשפּרינגלעך די שיינע וועלט באַשאַפן . . .

אָבער דער העל־זעער, דער אָפּטימיסט, זעט אויפן האָריזאָנט גאָר אַן אַנדער מין בילד. ער טענהט, אַז די איצטיקע מלחמה איז גאַנץ אַנדערש . . . ער וויל האָבן, אַז דער „עולם“ האָט שוין אויפגעהערט זיין אַ גולם — אַז דער „עולם“ זאָגט ער, האָט געעפנט די אויגן און ער זעט שוין וואָס עס טוט זיך אַרום אים . . .

ער ווייס שוין, ווער עס איז זיין פריינט און ווער — זיין שונא. און ווען עס וועט קומען די גליקלעכע שעה, און די בלוטיקע וואַקכאַ־נאַליע וועט זיך ענדיקן, וועט דער „עולם“ ניט דערלאָזן אַ צווייטן ווערסיילער פרידן. און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט וועט אָוועקגעלייגט ווערן דער פונדאַמענט פאַר דעם לאַנג, לאַנג פאַרשפּעטיקטן צווישן־פעלקערלעכן פרידנס־טעמפּל.

זיץ איך און כ׳הער זיך איין צו די רייד פון דעם העל־זעער, און זיינע ווערטער ווירקן ווי אַ באַלזאַם אויף מיין אָנגעווייטאָקטער נשמה, און מיין ליפּן מורמלען, מורמלען אמן, אמן . . .

איך פרעג דעם פּאָרזיצער, וואו איז ערגעץ אַהינגעקומען אונדזער סקעפּטיקער?

„אָ, זאָגט ער, אונדזער סקעפּטיקער איז אַוועק זיך שלאָגן מיטן פינצטערן פּאַשיזם . . .

באָנטשע-שווייג האָט ס׳לשון באַקומען

דאָ אויף דער וועלט האָט באָנטשי געשוויגן. ערשט ווען ער איז געשטאָרבן און אָנגעקומען פאַרן כסא הכבוד, האָט ער קוים געעפנט ס׳מויל און — געבעטן אַ בולקע מיט פּוטער . . . איצט איז געשען אַ נס, און באָנטשיס נשמה איז מגולגל געוואָרן אין העברי וואָלעס, און באַקומען ס׳לשון אין „ווייסן הויז" . . .

און העברי וואָלעס, אונדזער ווייס־פּרעזידענט, האָט פּראָקלאַ־מירט: דאָס יאָהרהונדערט פון פּשוטן מענטש! דאָס הייסט: אַ יאָר־הונדערט פון באָנטשי שווייג; און ער זאָגט, אַז יעדער מענטש, מאַן, פרוי און קינד, דאַרף קריגן אַ פלאַש מילך אַ חוץ אַ בולקע מיט פּוטער . . .

אין די „הויכע פענצטער" האָט מען זיך צום טויט דערשראָקן פאַר זיין קול . . .און מ׳האָט אים צוגעמאַכט ס׳מויל נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו דערקלערן וואָס ער מיינט מיט זיין לאָזונג: „סענטשורי אָוו דהי קאָמאָן מען!" פון אַ ווייס־פּרעזידענט זיינען אַזוינע רייד נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן — טאַקע ניט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט (איך מיין — די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, פאַר־שטייט זיך).

אָבער אַזוי שנעל ווי מ׳האָט אין די הויכע פענצטער דערהערט די רייד פון אונדזער נאַאיוון ווייס־פּרעזידענט, האָבן זיי אָפּגעלאָזט זייע־רע ליטעראַרישע יאַגד־הינט פון צאַם, און יענע האָבן אויפגעהויבן אַ בילעריי, אַז אונדזער ווייס־פּרעזידענט וויל באַזאָרגן אַלע האָטענטאָטן מיט פרייע פרישע מילך, און אַלע היענעס פון די מדבריות און וועל־

דער, די בלוטזויגער און סתם חיה־רעות, האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער . . .

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט האָט דער זעלבער העגרי וואָלעס דערקלערט, אַז דער עראָפּלאַן האָט דעם גאַנצן גלאָוב (ערד־קיילעך) פאַרוואַנדלט אין איין גרויסע שטאָט; און אַז די מאָדערנע טעכנאָלאָ־גיע ברענגט אזא שפע פון כל־טוב, אַז עס וואָלט געווען די גרעסטע שאַנדע אַז מענטשן זאָלן הונגערן . . .

און ווידער זיינען די אינטעלעקטועלע זשוליקעס און פאַרקויפטע נשמות אַרויס מיט אַ געשריי — גלאָבעלאָניע! „דער וויס־פּרעזידענט אונדזוערער — האָבן זיי געשריען מיט היסטערישע קולות, איז אַ רויטער, אַ קאָמוניסט, ער וויל איינפירן „גלאָובעלאָניע".

די יאַגד־הינט פון די הויכע פענצטער האָבן גלייך דערשפּירט די סכנה, וואָס שטעקט אין אַזעלכע ווערטער ווי „סענטשורי אָוו דהי קאָמאָן מען", און מען האָט אים, וואָלעסן, באַלד צוגעמאַכט ס׳מויל. דאָרט, אין די הויכע פענצטער האָבן זיי נעביך אַזוי אויך, אָן העגרי וואָלעס, געגנוג האַרץ־ווייטיק, און בויך־ווייטיק פון דעם „קאָמאַן מען" . . .

פון זינט די וועלט איז אַ וועלט האָט דער „קאָמאָן מען" געוואוסט זיין פּלאַץ, זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט. זיין עבודה איז אַלעמאָל געווען צו באַדינען די הערן און דאַמען פון די הויכע פענצ־טער און זען, אַז ס׳זאָל זיי גאָרניט פעלן . . .

און כדי עס זאָל דעם „קאָמאָן מען" ניט זיין אומעטיק, האָט מען אָנגערייצט דעם „קאָמאָן מען" פון איין לאַנד אויף דעם „קאָמאָן מען", זיין שכן, פון אַ צווייטן לאַנד, און מ׳האָט זיי באַזאָרגט מיט כלי־זיין, און זיי געזאָגט: לאָזט אייך וואויל גיין, קינדער; ווייזט וואָס איר קענט! . . .

אָבער זינט דער רוח האָט אָנגעטראָגן די מאַשין — איז ביים „קאָמאָן מען" פאַרדרייט געוואָרן דער קאָפּ, און ער איז געוואָרן ווילד. ער האָט באַקומען די חוצפה צו וועלן געניסן פון די פּרוכט פון דער מאַשין — אנשטאָט צו קושן די האַנט פון פּריץ און פּריצטע פאַר יעדן ברעקל, וואָס מ׳פלעגט אים צוואַרפן פון רייכן טיש, ווי אַ קודלע־וואַטן הונט . . .

דער „קאַמאַן מען" איז געוואָרן אַזוי פרעך און ווילד, אַז ער וויל אפילו זאָגן אַ דעה אין דער פירערשאַפט פון דער וועלט! וואו און ווען איז אַזוינס געהערט געוואָרן אויף דער וועלט (דער קאַפּיטאַליס־טישער וועלט, פאַרשטייט זיך)?

איז גראָד אין אַזאַ צייט, ווען אין די הויכע פענצטער פון אַלע לענדער האָט מען אויסגעאַרבעט פּלענער ווי אַזוי אַריינצושטאָפּן אין מויל פון צעווילדעוועטן, צעבאַלעוועטן, „קאַמאַנער" אַזאַ צוים, אַז ער זאָל מער קיינמאָל ניט קאָנען זיך אַ ריר טאָן (די דאָזיקע אייזערנע צוים הייסט אין איין לאַנד „פאַשיזם", אין צווייטן „פאַלאַנגיזם", אין אַ דריטן — „קאָלאַבאָריזם") — קומט צו גיין אַ נאַאיווער פאַרמער פון דער מידל־וועסט און דרייט גאָר אַ ספּאָדיק פון עפּעס אַ יאָר־הונדערט פון פּשוטע מענטשן . . . איז עפּעס אַ וואונדער, וואָס אפילו אונדזער „ליבעראַלער" פּרעזידענט האָט זיך דערשראָקן?! . . .

ער, אונדזער פּרעזידענט, האָט געמיינט, אַז הענרי וואָלעס וועט ביסלעכווייז זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון דעם וואָרט פּ אָ ל י ט י ק אָדער ד י פּ ל אָ מ אַ ט י ע, און אים העלפן פירן דאָס לאַנד אַזוי, אַז פון די הויכע פענצטער זאָל מען דעם „קאָמאָן מען" צוּוואַרפן אַ ביסל אַ גרעסערע שטיק אילוזיע, אַז אויך ער, דער „קאָמאָן מען" וועט זיך מיט דער צייט אַריינכאַפּן אין די הוי־כע פענצטער און זיך דאָרט צעלייגן ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן... ס'איז דאָך עפּעס „דעמאָקראַטיע", ניט אמת?

אָבער ווי עס ווייזט אויס, געהערט הענרי וואָלעס אַליין צו דעם מין „קאָמאָן מען", און ער האָט אָנגענומען פאַר „תורת־לאָקשן" די שיינע רייד פון אונדזער פּרעזידענט. ער פאַרשטייט ניט קיין שפּאַס, דער מיטל־וועסטערן פאַרמער; ער ווייסט ניט, אַז גאָט האָט דעם מענטשן געגעבן ס'לשון, כדי דער בן־אדם זאָל האָבן מיט וואָס צו צו־דעקן זיינע היהשע, חזירישע געדאַנקען — אַרימער הענרי . . .

אָבער נישקשה. איין מאָל האָט באַנטשי־שווייג באַקומען ס'לשון, וועט שוין זיין קול ווערן שטאַרקער און שטאַרקער. מ'דאַרף נאָר גאָט בעטן, אַז אונדזער הענרי זאָל זיך, חלילה, ניט אויסלערנען די חכמת ה ד י פּ ל אָ מ אַ ט י ע . . .

לכבוד 40 יאָר פּליערײ

(כמעט אַ פעליעטאָן)

ביג ביזנעס, צוזאַמען מיט מיליטערלייט און דיפּלאָמאַטן, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין וואַשינגטאָן ביי גֶעדעקטע טישן און געפייערט דעם 40־סטן געבורטסטאָג פון דער פלימאַשין.

אַרום 800 פון די גדולים פון די הויכע פענצטער האָבן זיך געפרייט מיטן דאָזיקן יום־טוב. ווער־זשע, דענקט איר, איז געווען דער טאָוסטמייסטער? ווער, דענקט איר, וואָלט עס גֶעדאַרפט זיין ביי דער פייערונג לכבוד דעם געבורטסטאָג פון עראָפּלאַן? איך וואָלט אויסגעקליבן, אויב ניט וויים־פּרעזידענט וואָלעס, איז כאָטש אונדזער ביבליאָטעקאַר פון קאָנגרעס־לייברערי אַרטשיבאַלד מעקליש . . .

און וועמען האָט ביג ביזנעס אויסגעקליבן צו געבן דעם טאָן, דעם גייסט, די אמתע שטימונג ביי אַזאַ געשעעניש? — ביג ביזנעס האָט אויסגעקליבן — (לאַכט ניט, איך בעט אייך) — ניט קיין אַנדערן ווי דזשעסי דזשאָנס, דעם מולטימיליאָנערסקן באַנקיר און סעקרעטערי אָוו קאָמערס אין דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע פאַר די לעצטע 6־7 יאָר צייט . . .

ווען איך האָב געהערט, אויף דער ראַדיאָ, דעם טרוקענעם, שטאָלענעם קול פון דזשעסי דזשאָנס, זיין חוש פאַר הומאָר, האָב איך געקאָנט שווערן, אַז כ׳הער קאַלווין קולידזש . . . ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז גערעכט איז ביג ביזנעס ניט איך: צו דער פייערונג פון 40 יאָר עראָפּלאַן דאַרף ביג ביזנעס ניט האָבן קיין טאָסטמייסטער וואָס זאָל זיך אָוועקלאָזן אויף זיינע פליגלען פון דער פאַנטאַזיע גלייך קיין אוטאָפּיע אָדער שאַנגראַ־לאַ . . .

דער אמתער אמת איז, אַז ביג ביזנעס האָט אַ קליין ביסל מוֹרא פאַר אָט דער פענאָמענאַלער שאַפונג פון מענטשלעכן גייסט — דעם עראָפּלאַן. עפּעס פּילט זיך ביג ביזנעס ניט היימלעך אין דער קעגנוואַרט פון דעם שטאָלענעם פויגל . . . און ביג ביזנעס האָט באַשלאָסן, פּעסט באַשלאָסן: מעג זיין וואָס עס וויל זיך — אוּנטער אַלע

א ו מ ש ט ע נ ד ן מ ו ז ד ע ר ע ר אַ פ ל אַ ן ב ל ײ ב ן א י ן ד י ה ע נ ט פ ו ן ב י ג ב י ז נ ע ס...

דער קאָפּ ביי ביג־ביזנעס איז ניט אויסגעטריקנט — זיי ווייסן, אַז דער עראָפּלאַן איז געקומען ווי אַ מלאך הגואל צו באַפרייען דעם מענטשן פיזיש, גייסטיק און מאָראַליש. און דער עראָפּלאַן פאַרמאָגט אַזאַ כח פון ק פ י צ ת ־ ה ד ר ך, אַז ער וועט פאַרוואַנדלען די גאַנ־צע וועלט אין איין שטאָט. און ביג ביזנעס ווייסט, אַז דער עראָפּלאַן איז געקומען אויפצוטאָן איינס פון די ביידע: אָדער אָפּצושאַפן מלחמות איין מאָל פאַר אַלע מאָל! אָדער — צוריקפירן דעם מענטשן צום דזשאַנגל . . .

ביג ביזנעס האָט אָנגעשטעלט היטלערן, וועלכער האָט זיי פאַר־שפּראָכן צו פירן די גאַנצע וועלט צום דזשאַנגל, און ביג ביזנעס זאָל גאָרניט שאַטן! זיי וועלן קענען טאָן ביזנעס „עז יוזשועל" . . .

אָבער זיי האָבן זיך דערביי פאַררעכנט, און געכאַפּט, אַז היטלער האָט זיי געבלאָפט! ער האָט זיי אָפּגענאַרט. איצט, אַז זיי האָבן דערלאָזן, אַז היטלער זאָל אונטערצינדן די וועלט אין אַלע פיר עקן, און זיי אַליין שטייען אין געפאַר אונטערצוגיין צוזאַמען מיט דער וועלט, — איצט וואָלטן זיי וועלן כאָטש איין זאַך דערגרייכן — זיי ווילן אונטער אַלע אומשטענדן קאָנטראָלירן דעם עראָפּלאַן, ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון — „קאָמאָן מען" . . . זיי ווייסן, אָט די ממזר־קעפּ, אַז אין אַלע לענדער וועלן אויסברעכן ציווילע מלחמות, אַ בירגער־קריג. אין אַלע לענדער וועט דאָס פאָלק, דער ק אָ מ אָ ן מ אַ ן, פאַרבירן אַראָפּוואַרפן ביג ביזנעס פון זיינע פּלייצעס און פאָדערן אַ חשבון פון ביג־ביזנעס . . .

דערפאַר טאַקע איז מען שוין גרייט איינצושטימען צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי, כלומרשט אויף צו האַלטן אָרדענונג און פרידן אויף דער וועלט. אָבער אין דער אמתן וועט די אינטערנאַציאָ־נאַלע פּאָליציי דינען בלויז איין צוועק: ניט צו דערלאָזן צו קיין רע־וואָלוציאָנערן אויסברוך פון די פאָלקס־מאַסן אין אַלע לענדער . . .

איז זיץ איך ביי דער ראַדיאָ און הער זיך איין צו די סקאַרבאָוװע טרוקענע רעדעס און איך טראַכט, אַז אויב ס'וועט קומען — ווי מיר חלומען — אַ ש ע נ ע ר ע א ו ן ב ע ס ע ר ע װ ע ל ט, און

מ׳וועט פייערן דעם געבורטסטאָג פון דעם עראָפּלאַן, פון דער פלימאַשין, וועלן די געלאַדענע געסט ניט זיין די ביג־ביזנעסלייט און אויך ניט קיין מיליטערלייט. די דאָזיקע מענטשן וועלן שוין האָבן זייערע ראָלעס אין דער וועלט־געשיכטע אָפּגעשפּילט, און צוזאַמען מיט דער פּ ר אָ פ י ט ־ ס י ס ט ע ם וועלן זיי זיין ניט מער ווי אַ טרויעריקע דערינערונג . . .

דער סאַמע ערשטער ערן־גאַסט ביי די צוקונפטיקע יובליי־פייערונגען פון עראָפּלאַן וועט זיין לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, אָן וועמעס פּלענער און צייכענונגען די ראַיט ברידער וואָלטן זייער ערשטע פּלימאַשין ניט געוווען געקאָנט מאַכן. און פאַר טאָוסטמייסטער וועט מען ניט אויסקלייבן קיין דזשעסי דזשאָונס — מיט אַ פאַנטאַזיע און גענייגונג פון אַ ב ע ב י ט פ ו ן מ ע י ן ־ ס ט ר י ט — און די ג ע ל אַ ד ע נ ע ג ע ס ט וועלן ניט זיין באַהערשט פון איין געדאַנק, פון איין באַהאַלטענער כוונה — אַז מיר זאָלן האָבן דעם גרעסטן און שטאַרקסטן מאָנאָפּאָל אויפן עראָפּלאַן.

ביי די יובליי־פייערונגען פון דער צוקונפט (אויב עס וועט ביג־ביזנעס ניט געלינגען די וועלט חרוב צו מאַכן אינגאַנצן און מ׳וועט שוין פאַרשפּאָרן צו פּראַוון יובלייען), — וועט מען אַ סך האָבן צו ריידן וועגן דער אומגליקלעכער צייט, ווען דער וואונדערלעכסטער און גרעסטער טריאומף פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע און געניאַליטעט — דער עראָפּלאַן, וואָס איז געקומען צו באַפרייען די וועלט און די מענטשן צו פאַרברידערן, — איז, אין זיין ערשטער פּעריאָדע, געוווען געצוואונגען צו דינען דער פיל־געשטראָפטער מענטשהייט אַלס מ אָ ר ד ־ א י נ ס ט ר ו מ ע נ ט אין קאַמף צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן מענטש און חיה . . .

דער מענטש האָט ביז איצט געשאַפן אַ היפּש ביסל דערפינדונגען און אַנטדעקונגען, כדי צו מאַכן דאָס לעבן גרינגער און בעסער. אָבער מיר שיינט, אַז עס איז דער גורל פון דער פלימאַשין צו ברענגען אויף דער וועלט דעם נייעם מענטשן, מיט אַ סאָציאַלן אינסטינקט און באַוואוסטזיין. דאָס איז זיין מיסיע!

אויב דאָס זאָל אים חס וחלילה ניט געלינגען, — דאַן האָב איך זייער מורא פאַרן שיקזאַל פון דעם מענטשן אויף דער וועלט . . .

דער מענש פון מאָרגן

(כמעט אַ פעליעטאָן)

איך הייב אָן צו גלויבן, אַז מיר לעבן אין משיחס צייטן. — הערט אַ געשיכטע!

אויף דער ראַדיאָ רעדט אַן אַמעריקאַנער געשעפטס־מענטש, אַ לופטשיף־אינזשעניר, און ער זאָגט, אַז דער מענטש פון מאָרגן וועט זיין „עיר־מאַינדעד" (ווי וואָלט איר דאָס געזאָגט אויף מאַמע־לשון? — לופט־זיניק? אָדער: לופט־באַוואוסטזיניק?), און אַז דער מענטש פון מאָרגן וועט זיין „עיר־מאַינדעד", וועט ער אויך מוזן ווערן „סאָשל־מאַינדעד".

פאַרוואָס עפּעס וועט דער מענטש מוזן ווערן סאָציאַל־באַוואוסט־זיניק? ווער וועט אים צווינגען דאָס צו זיין? . . . אָט איז זיין אויס־פיר, זיין אַרגומענטאַציע:

„דער עראָפּלאַן, זאָגט ער, מער ווי אירגענד וועלכע אַנדערע מאָ־דערנע דערפינדונג אָדער אַנטדעקונג, איבט־אויס אַ רעוואָלוציאָנירנ־דיקן איינפלוס, ניט נאָר אויף דעם עקאָנאָמישן, נאָר אויך אויף דעם גייסטיקן און מאָראַלישן לעבן פון די מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט."

די געוואַלדיקע ענדערונגען אין דער טראַנספּאָרטאַציע־סיסטעם, וואָס דער עראָפּלאַן ברענגט מיט זיך, מוזן אויך נויטווענדיקערווייז ענדערן די סיסטעם פון פּראָדוקציע און דיסטריבוציע; אַזוי האָט ער באַהויפּטעט און האָט ווייטער געזאָגט:

גרויס־קאַפּיטאַל וועט זיין געצוואונגען איבערצוגיין פון אַ סיס־טעם פון פּראָדוצירן וואָס ווייניקער (סקערסיטי), כדי אַרויפצושרויפן הויכע פּרייזן, — צו אַ סיסטעם פון פּראָדוצירן וואָס מער (אַבאַנדענס), כדי ניט צו דערלאָזן אַז דער שטאַט זאָל איבערנעמען דיווירטשאַפט. דאָס פאָלק — זאָגט דער רעדנער אויף דער ראַדיאָ, האָט געלערנט אַ וויכטיקן לעסאָן אין דער איצטיקער וועלט־מלחמה. דאָס פאָלק האָט געלערנט, אַז אויב מיר קאָנען פּראָדוצירן פון כל־טוב צוליב דעסטרוק־

צ״ע, צוליב טויט און פאַרוויסטונג, דאַן וועלן מיר אויך קענען פּראָדו־צירן פון כל־טוב אין צייט פון קאָנסטרוקציע, און ברענגען אַזאַ שפע פון אַלעס גוטן, אַז די וועלט האָט עס נאָך קיין מאָל ניט געזען.

אַזוי אַרום מוז קומען די צייט פון עקאָנאָמישער פאַרזיכערונג (סעקיוריטי). און אַז דער מענטש וועט זיין פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, מוז קומען אַ גייסטיקע און מאָראַלישע ענדערונג אין דעם מענטשנס כאַראַקטער. די מורא פאַרן מאָרגן וועט פאַרשווינדן. ער וועט מער ניט זיין געצוואונגען צו קלייבן, צו שפּאָרן, צו באַהאַלטן, און ער וועט ביסלעכווייז ווערן וואָס ווייניקער חזיר און וואָס מער מענטש . . .

דער מענטש וועט מוזן ווערן „סאָשל־מאַינדעד״, ווייל די סיסטעם פון מאַסן־פּראָדוקציע און מאַסן־דיסטריבוציע צווינגט אים צו פילן און באַגרייפן, אַז זיין אייגן לעבן און וואוילזיין הענגען אָפּ פון דעם לעבן און וואוילזיין פון זיינע מיטמענטשן.

דאָס איז נומער איינס; נומער צוויי, זאָגט דער גרויסער אינזשע־ניער, וועט דער מענטש פון מאָרגן זיין אַ פויגל־מענטש. די גאַנצע וועלט וועט ווערן איין שטאָט, און דער מענטש וועט קריגן פליגלען. דאָס וועט ווירקן אויף זיין פּסיכיק — אַז ער זאָל זיך אויפפירן מיט זיינע מיטמענטשן יעדן טאָג, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען דער לעצ־טער טאָג פון זיין לעבן . . .

און אַז דער מענטש וועט אַנטוויקלען אָט אַזאַ באַציאונג צום לעבן, דאָס הייסט, ער וועט זיך אַזוי אויפפירן יעדן טאָג, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען דער לעצטער טאָג זיינער, — וועלן זיינע מעשים, זיינע האַנדלונגען מיט די מיטמענטשן, אָננעמען אַ גאַנץ אַנדערן, אַ מער הומאַניטאַרן כאַראַקטער.

אגב אורחא, מיין איך, אַז דער מענטש פון מאָרגן, וואָס וועט זיין „לופט־באַוואוסטזיניק״, וועט שוין אויך האָבן זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז מענטשלעכע רעכט שטייט העכער פון פּריוואַטע רעכט — און ס׳וועט שוין זיין גרינגער אָנצוער־קענען, אַז צוערשט קומט דער מענטש, דערנאָך — דער איד — קריסט — אָדער טערק. אויב שוין איצט קען אַ טרוקענער געשעפטסמאַן, אַ פאָרשטייער פון דער דאָגלאַס עיר־פלעין פעקטאָרי, האָבן געגנוג פאַנ־טאַזיע פאָרויסצוזאָגן, אַז דער מענטש פון מאָרגן וועט צוליב דעם

וואָס ער וועט זיין „עיר־מאַינדעד", מוזן ווערן „סאָשל־מאַינדעד", דאַן מעגן מיר דערוואַרטן, אַז דער מאָרגן וועט זיין אַ ליכטיקערער ווי דער נעכטן.

מיר האָבן דאָס רעכט צו דערוואַרטן, אַז ביים קומענדיקן פרידנס־טיש וועט מען געפינען וועגן און מיטלען אַזוי צו צאַמען די מענטש־לעכע בעסטיע, אַז זי זאָל קיינמאָל מער ניט קענען אויפהייבן איר קאָפּ.

„אויב — זאָגט דער דאָזיקער עראָפּלאַן אינדזשעניער — ביי די פאָרשטייער פון גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס וועלן זיצן ביים פרידנס־טיש, איז נאָך ניט אַטראָפירט געוואָרן דער אינסטינקט פון זעלבסט־דער־האַלטונג, דאַן מעגן מיר האָפן, אַז זיי וועלן אָנטוויקלען אַ געזונטן, סאָלידן פונדאַמענט פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן וועלט־געריכט, וואָס וועט האָבן דעם פיזישן און מאָראַלישן כוח צו צווינגען פעלקער צו שליכטן זייערע סכסוכים אויף אַ פרידלעכן אופן.

ווייל אויב דאָס זאָל חס וחלילה ניט געטאָן ווערן, און עס זאָל טאַקע קומען צו אַ דריטער פעלקער־אויסשלאַכטונג — דאַן וועט דער מענטש פון מאָרגן זיין — אַ דזשאַנגל־מענטש . . .

וואָס זאָגט די מאַשין וואָס גראָבט די ערד,

(הומאָרעסקע)

אַז אַ מאַשין זאָל ריידן — איז אַזוינס קיין נייס ניט. מאַנכעס מאָל רעדט זי ניט די מאַשין, נאָר זי שרייט, געוואַלדעוועט מיט אַזעל־כע קולות, אַז מ׳קען משוגע ווערן (אַ סך ווערן טאַקע משוגע . . .)

אָבער דאָס טוט די מאַשין, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן אויף צו צעשטערן, צעברעכן און חרוב מאַכן. נעמט אָבער די מאַשין, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן אויף צו בויען, אויף אַקערן, זייען און פלאַנצן. די מאַשין שרייט ניט, געוואַלדעוועט ניט; נאָר זי רעדט שטיל, רואיק און געלאַסן. און זי רעדט קלאָרע דיבורים — נאָר מיר

ווייזט זיך אויס, אַז די מענטשן הערן ניט וואָס זי זאָגט . . . און די וואָס הערן יאָ אירע רייד, פאַרשטייען ניט איר לשון . . .

מיר איז אויסגעקומען אָט דאָ ערשט ניט לאַנג זיך איינצוהערן צו די רייד פון אַ מאַשין, וואָס האָט צוגענומען דעם לעצטן ביסן ברויט פון מויל פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, „טשאָרני ראַבאָטשיס״, און זי האָט זיי, מיט זייערע פאַמיליעס, פאַראורטיילט צום אונטער־גאַנג — סיידן! סיידן וואָס? . . .

סיידן אָט די אַרבעטער וועלן אַנטוויקלען און שטאַרקן זייער מח, פונקט ווי זיי האָבן אַנטוויקלט און געקרעפטיקט זייערע הענט און זייערע רוקנס . . .

די דאָזיקע מאַשין, וואָס דאַרף מער ניט ווי איין־איינציקן מענטשן, וואָס זאָל נאָך איר — אַזוי צו זאָגן — „אוכאַזשעווען״, טוט אויף די אַרבעט אין אַ שעה, וואָס פינף הונדערט אַרבע־טער האָבן געטאָן אין אַ טאָג! און זי טוט די אַרבעט טויזנט מאָל בע־סער, שענער און קאָרעקטער, און מיט אַ סך ווייניקער ריזיקע ווי דאָס טוט די מענטשלעכע האַנט.

איז וואָס־זשע טוט די דאָזיקע מאַשין? וואָס איז איר באַשעפטי־קונג?

די מאַשין פאַרמאָגט, פונקט ווי דער מענטש, 32 ציין — גרויסע מעכטיקע, שטאָלענע ציין, יעדער צאָן איז איינגעפּאַסט אין אַ באַסקעט (קאָרב) און די אַלע 32 ציין באַוועגן זיך אין דעם שפּאַן פון אַ מעכ־טיקער שטאָלענער קייט, און די ציין בייסן זיך אַריין אין מאַמע ערד, און גראָבן אַ קאַנאַל 3 פוס די ברייט און פערצן פוס די טיף.

די זעלבע ציין, וואָס גראָבן די ערד און שיטן זי אַריין אין די צוגעטשעפּעטע באַסקעטס, ברענגען די ערד אַרויף און שיטן זי אויס ביי דער זייט פון דעם קאַנאַל און גייען ווייטער גראָבן, און זיי גראָבן זיך איין אַלץ טיפער אין דער ערד; און אַזוי שנעל ווי די מאַשין רוקט זיך אָפּ אַ ביסל פון דעם פּלאַץ, וואו זי איז געשטאַנען און געגראָבן, רוקט זיך אונטער אַ צווייטע מאַשין, וואָס טראָגט אויף אַ שטאָלענעם שטריק אַ „סאָוער פּייפּ״ (אָפּפלוס־רער) און לאָזט דאָס אַרונטער אין דעם אויסגעגראָבענעם קאַנאַל. דערנאָך רוקט זיך אונטער אַ דריטע

מאַשין — מיט אַ גרויסער לאָפּעטע (רידל), און פאַרשיט דעם קאַנאַל מיט דער זעלבער אויסגעגראָבענער ערד.

אויף אַ בריקל אויבן, ביי יעדער מאַשין, זיצט אַ מענטש, אָנגעטאָן אין ווייסע „אָוועראָלס״, זיצט זיך רואיק, מיט אַ פּיפּקע אין מויל, און אָפּערירט מיט דער מאַשין.

די גאַנצע אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן פון דער מאַשין, אַן אַרבעט ביי וועלכער ערשט נעכטן זיינען געווען באַשעפטיקט טויזנטער אַרבעטער־הענט! וואו זיינען זיי אַהינגעקומען — אָט די טויזנטער אַרבעטער, וואָס די מאַשין האָט געמאַכט נוצלאָז — פונקט ווי דער „טראַק״ האָט געמאַכט נוצלאָז די לאַסט־פערד? . . .

איך בין אַ בעלן געווען אין אַ שיינער לבנה־נאַכט אַרויסגיין אין גאַס, און זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון דער מאַשינס שטאָלענע ציין, וואָס האָט גלאַט און גרויליק געגלאַנצט אין דעם מאַטן שיין פון לבנה־ליכט. די אויסגעגראָבענע ברוינע ערד האָט אַרויסגעאָטעמט אַ זויערלעכן ריח, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן געזאָלין־ריח פון דער ריזיקער מאַשין. די שטילקייט פון גאַס איז צייטנווייז איבערגעריסן געוואָרן פון אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך געיאָגט צום פּאַציפישן ים. און ווען ס׳איז ענדלעך שטיל געוואָרן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די מאַשין האָט אַ זיפץ געטאָן . . . פרעג איך זי:

— וואָס זשע, דו שלאָפסט ניט? און וואָס זאָל באַדייטן דיין זיפצן — מאַכסט דאָך, גאָט צו דאַנקען, אַ לעבן, צי ניט? . . .

ענטפערט זי מיר:

— איך בין אַנטוישט אין מיין באַשאַפער, דעם מענטש . . .

— איך, זאָגט די מאַשין, בין געקומען ווי אַ ברכה — צו מאַכן גרינגער דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. אָבער דער מענטש האָט דערלאָזט, אַז בלויז אַ פּאָר „חברה־לייט״ זאָלן מיך אַריינכאַפּן אין זייערע הענט. און אַזוי אַרום בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קללה אָנשטאָט אַ ברכה . . .

— אָט די חברה־לייט, רעדט ווייטער די מאַשין, זיינען שונאים פון דער מענטשהייט; זיי זיינען די אמתע פאַשיסטן! זיי ווילן דערטרינקען די וועלט אין אַ ים פון בלוט, איידער זיי ווילן מיך אַרויסלאָזן פון זייערע הענט . . .

איך בין געזעסן און זיך איינגעהערט צו די שטילע רייד פון דער מאַשין, וואָס אַ ווייך־זײדן ווינטל האָט צוגעטראָגן צו מיין אויער.

— אמת, מורמלט ווייטער די מאַשין, — עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען דער מענטש וועט ווערן דער הערשער, און ער וועט וויסן, ווי אַזוי דער מענטש קען לעבן אויף דער וועלט אין האַרמאָניע און אין פרידן מיט זיינע מיטמענטשן. אָבער מיר פאַרדריסט אויף די טויזנ־טער קרבנות, וואָס עס פאַלן איצט, און וואָס וועלן נאָך ווייטער פאַלן, צוליב דער מענטשלעכער רשעות און טפשות . . .

אָט אַזוי האָט גערעדט צו מיר די מאַשין — די ערד־גרעבערקע, מיטן גרויסן שטאָלענעם מויל אין אַ שיינער לבנה־נאַכט . . .

פירט אונדז די מאַשין צו אַ טויבער וועלט? . . .

מיר דאַכט זיך אַז איך הייב אָן צו פאַרשטיין פאַרוואָס ד י ו ו ע ל ט האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף די אַנגסט־געשרייען פון די אידן וואָס היטלער האָט אַזוי חיהיש פאַרטיליקט פון דער וועלט. איך דענק, אַז דאָס איז פשוט דערפאַר ווייל ד י ו ו ע ל ט הייבט אָן צו ווערן טויב . . . דאָס איז ניט קיין שפּאַס: קומט מיט מיר אַרויס אין גאַס און ציילט איבער וויפיל מענטשן, מענער און פרויען עס טראָגן ווייסע אָדער שוואַרצע טרובקעלעך אין די אויערן. איר וועט נשתומעם ווערן פון דער גרויסער צאָל מענטשן, און דווקא ניט אַלע זיינען אַלטע: מיר דאַכט זיך, אַז די מערצאָל זיינען יונגערע — אַרום די מיטעלע יאָרן. צו די טרייבלעך איז צוגעטשעפּעט אַ שוואַרץ אָדער ווייס שנירל, אין דעם שנירל ליגט באַהאַלטן אַ דינער קופּערנער דראָטל וואָס פירט צו אַן עלעקטרישער באַטעריי וואָס ליגט באַהאַלטן ביים טרעגער אין בוזעם. איך מיין, אַז עס איז ניט שווער זיך אָנצו־שטויסן — פאַרוואָס די וועלט ווערט טויב. ווייל ס'איז ניטאָ קיין שום ווינקל, קיין שום אָרט אויף גאָטס ערד, וואוהין איר זאָלט קענען אַנטלויפן אָדער זיך אויסבאַהאַלטן פון רויש און טומל פון דעם אוי־

טאַמאַביל, און טראַמווײַ און עראָפּלאַן. איך בין איבערצייגט, אַז מען קאָן טויב ווערן אפילו פון די קולות און רייסערייען פון אידישע פּאַר־טייען . . . הײַנט פון דעם אַנגסט־געשריי פון די סירענעס פון פייער־אינדזשען אָדער האָספּיטאַל אַמבולאַנס? . . . און ווען גאָט העלפט אייך, און איר ליגט קראַנק אין בעט מיט אַ הונדערט און צוויי פיבער און לעבן אייער פענצטער ווערט קאַליע דער בלאָז־האָרן פון אימעצנס אויטאָמאָביל, און ער צערעוועט זיך ווי אַ ניט־דערקוילעטער אָקס . . . דאַן דערפילט מען ערשט דעם אמתן טעם פון דער מאָדערנער טעכניק און ציוויליזאַציע . . .

איך קאָן אַ איד וואָס איז געוואָרן טויב דווקא ניט פון דער מ אַ ־ ש י ן צ י ו ו י ל י ז אַ צ י ע, נאָר פון עגמת נפש (אַזוי זאָגט ער . . .). ער האָט זיך גענומען שטאַרק צום האַרצן וואָס זיין ווייב האָט אים פאַרלאָזן און אים איבערגעלאָזן מיט צוויי קליינע קינדער . . . (אַזוי זאָגט ער . . .) אָן אַ זיי געזונט . . . אמת — דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק. איצט האָט ער מער קיין פאַראיבל ניט אויף זיין ווייב, ווייל ער ווייסט אַז זי איז געווען אַ אידעאַליסטקע און זי האָט אים איבערגעלאָזט מיט די קליינע קינדער ניט אומזיסט . . . זי האָט געהאַט אַ סך וויכטיקערע אַרבעט צו טאָן ווי וואַשן דייפּערס . . . אַזוי זאָגט זי. זי האָט געדאַרפט גיין העלפן מאַכן די רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד, אַזוי זאָגט ער . . .

אָבער דאָס איז איצט ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דער איד איז טויב ווי די וואַנט און ער דרייט זיך אַרום אויף גאָטס ערד — דווקא מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן . . . ווען איך באַגעגן אים — שמייכלט ער . . .

בין איך דאָך אַ איד, וואָס קען קיין עוולות ניט ליידן — רעד איך אים צו, ער זאָל זיך קויפן אַן אויער־טרייבל — און אַזוי אַרום זיך צוריקשטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער דרויסענדיקער וועלט. ווי לאַנג אין דער שיער צו זיין ברוגז אויף דער וועלט? . . . און ווי גייט עס אַ מענטש אַרום אויף גאָטס ערד און ווייס ניט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, הערט ניט, וואָס די וועלט רעדט? . . .

מילא, בקיצור, דער איד האָט מיך געפאָלגט און אַנגעטאָן אַ טרובקעלע אויפן רעכטן אויער (געטאָן האָט ער דאָס דער ווייב אויף

צו להכעיס, ווייל זי איז אַ לינקע . . .) און איצט — עס איך זיך אויף אַ לעבעדיקער, הלמאי האָט מיך דער נאָר געשטופּט איך זאָל אים צו־ריידן אַנטאָן דאָס טרייבל און זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער דרויסענדיקער וועלט. ווייל אַזוי שנעל ער האָט אָנגעטאָן דאָס טריי־בעלע, איז באַלד דער שטענדיקער שמייכעלע זיינער פאַרשוואונדן פון זיין פּנים . . . אָפּגעווישט געוואָרן ווי מיט דער האַנט!

דער איך דערציילט מיר, אַז באַלד ווי ער האָט נאָר אָנגעטאָן דאָס טרייבל און אַריינגעלייגט דאָס באַטעריי אין בוזעם, און אַ דריי געטאָן אַ שרייפעלע און דערהערט אַ מענטשלעך קול, דערהערט דאָס געוויין פון אַ קינד, דערהערט אויך די מוזיק אַרויסקומען פון אַ ראַדיאָ — האָט ער זיך דווקא זייער דערפרייט מיט דער פאַרבינדונג פון דער דרויסענדיקער וועלט.

אָבער די שמחה האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל צוזאַמען מיט דעם מענטשלעכן קול און דער זיסער מוזיק — קריגט ער אויך אַריין דעם גערויש און דעם רעש און טומל פון דער מאָדערנער מאַשין — און ער קריגט אַזעלכע קאָפּ־שמערצן — זאָגט ער, אַז מען קאָן משוגע ווערן . . . אַ שטיקל גליק וואָס די באַטעריי איז אַזוי געמאַכט, אַז איר גיט אַ דריי אַ שרייפעלע און איר ווערט צוריק פריי פון דער דרויסענ־דיקער וועלט . . . ס׳איז ווידער שטיל, אַ מחיה . . .

מיט אַ וואָך שפּעטער טרעף איך דעם אידן אין גאַס — אָן דעם טרייבל אין אויער — און דער שמייכל אויף זיין פּנים איז ליכטיקער ווי אַלע מאָל . . .

— וואָס־זשע, שריי איך אים אַריין אין אויער: — איר זייט שוין אַזוי גיך מיד געוואָרן צו הערן וואָס די וועלט רעדט? . . .

דער איד גיט אויף מיר אַ ביסטרען קוק און גיט אומגעדולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט — און שרייט אויס מיט אַ טויב קול — ה ע ט, נ י ט אָ ו ו אָ ס צ ו ה ע ר ן . . . „די וועלט רעדט" — קרימט ער איבער מיינע רייד מיט אַ חוזק שמייכעלע — די וועלט איז פּראָסט און פּשוט אַראָפּ פון זינען! די וועלט איז איין גרויס משוגעים־הויז און ניט מער. זעט, וואָס עס איז געוואָרן פון דעם פיל פאַרשריענעם סאַן פראַנציסקאָ קאָנפערענץ . . . זעט וואָס עס טוט זיך אויף דער אידישער גאַס — די אידישע גאַס, וואָס איז איינגעטונקען אין בלוט.

און מען רייסט זיך אַרום און מען קאָן זיך ניט צוטיילן מיטן כבוד, מיט דער ירושה . . .

— ניין, מיין ליבער פריינט — איר דאַרפט מיך ניט באַדויערן וואָס איך בין טויב — גיכער דאַרפט איר מיך מקנא זיין . . . אַמוויג־ציקסטנס בין איך כאָטש באַוואָרנט פון וואַנזין . . .

ער האָט מיר אַ לאַך געטאָן אין פּנים אַריין און איז פאַרשוואונדן. פון זינט דאַן — אַז דער דאַזיקער איד דערזעט מיך פון ווייטן גייט ער אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס . . . און דאָס פאַרדריסט מיך ביז גאָר. ווייל — איך וויל ביי אים זיך פאַנאַנדערפרעגן — וואו ער האָט געקויפט דאָס טרובקעלע? . . .

אָבער מער פון אַלץ פאַרדריסט מיר, וואָס אין דער צוקונפטיקער טויבער וועלט וועט פאַרלאָרן גיין די געטלעכע מוזיק פון באַך, בראַהמס און בעטהאָווען. כאָטש די ליבהאָבער פון דזשעז וועלן קנאַפּ וואָס ליידן דערפון. אַלץ וואָס זיי, די דזשעז־חסידים, וועלן דאַרפן טאָן, איז שענקען מער אויפמערקזאַמקייט דעם דזשעז־מאַסטער און זען ווי אַזוי ער דרייט — זייט מיר מוחל — מיט׳ן פונאונטן, און זיי וועלן לייכט קאָנען כאַפּן דעם ריטם צום טאַנצן . . .

דער משפּט איבער וועלט־פאַרברעכער

מ׳גייט באַלד משפּטן מ ל ח מ ה ־ פ אַ ר ב ר ע כ ע ר. דער משפּט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, מיטן אַלטן עובר בטלדיקן פּעטען, אָבער, אַזוי ווי ביי אַ גרויסן פּרייז־פייט, איז דאָס דאָך בלויז „פּרע־ל מינערי" איבונגען... די אמתע קולאַק־העלדן דאַרפן ערשט קומען...

די ענגלענדער זיינען נאָך צוטומלט פון דער פּאָליטישער ע ר ד ־ צ י ט ע ר נ י ש, וואָס האָט איינגעשלונגען טשווירטשילן . . . און שוין האָט זיך פראַנקאָס שיפל אַ טרייסל געטאָן, און פּיער לאַוואַל איז אַרויסגעפאַלן . . . ס׳איז געבראַכט געוואָרן אַלס „עדות" קעגן פּעטענען אָט דער שורקע, לאַוואַל, די העסלעכסטע באַשעפעניש נאָך היטלערן.

דאָס סאַמע גערדיכטע וועט ערשט קומען, ווען מען וועט באַשליסן וויפיל דייטשלאַנד וועט דאַרפן צאָלן רעפּאַראַציעס, און מען וועט בע־מען זוכן — וואו איז אַהינגעקומען דאָס פאַרמעגן פון ד ר י ט ן ר י י ך ? . . .

אָט דאָ וועט זיך אָנהויבן די רעכטע שפּיל . . .

מיר האָבן אַלע געוואוסט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלן זיינען דאָס יענע „גיפט־קוואַלן", פון וואַנען עס שטראָמט אַרויס דער פאַשיזם — אָבער שטעלט זיך נאָר פאָר, אַז מ׳וועט נעמען זוכן דעם דייטשישן קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעכאַפּט פון „דערהיים" און האָט זיך אַריינגעכאַפּט ניט נאָר קיין שוועדן און דער שווייץ, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און אַרגענטינע, נאָר אויך אפילו קיין ענגלאַנד און אַמעריקע . . .

שיין וועט זיין, ווען עס וועלן אויפגעדעקט ווערן אונדזערע איי־גענע פיינע רעספּעקטאַבעלע אולטראַפּאַטריאָטן, וואָס האָבן אין דער צייט פון מלחמה געטאָן ביזנעס דווקא מיט די דייטשע קאַרטעלן . . . די ענגלישע וואַלן און דער זיג פון דער אַרבעטער פּאַרטיי האָט אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז דער דאָזיקער ספּעקטאַקל זאָל געשפּילט ווערן וואָס שנעלער, כאָטש איידער די לצים קריגן די מעגלעכקייט צו פאַלסיפי־צירן די פאַקטן . . .

איצטער ווערט קלאָר פאַרוואָס די „כת לצנים" האָט זיך אַזוי דערשראָקן פאַר טשוירטשילס מפּלה, און זיי האָבן געמאַכט אַזאַ גע־וואַלט!

דער רוח האָט זיי ניט גענומען. זיי ווייסן גאַנץ גוט אַז קלעמענט עטלי, מיט זיין לייבאָר פּאַרטי, פּונקט ווי רעמזי מעקדאָנאַלד, אין זיין צייט — וועט ח״ו ניט אָנרירן אויף אַ האָר דאָס פּריוואַט אייגענטום און דעם עצם פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם . . . זיי האָבן זיך דערשראָקן פּשוט דערפאַר ווייל . . . מ׳האָט ניט דערלאָזט אַז טשויר־טשיל זאָל פאַרענדיקן דעם בלוטיקן דזשאַב . . . וועלכן דזשאַב? טשוירטשילס דזשאַב איז געווען אַ צווייענדיקער: ערשטנס, צו ראַ־טעווען די קרוינדלעך פון עטלעכע קליינינקע קעניגלעך, כדי זיין איי־גענעם „ מ ע ד ז ש ע ס ט י " זאָל זיין היימלעכער צו זיצן אין דעם באקינגהעם פּאַלאַץ. און צווייטנס, איז געווען זיין אויפגאַבע

אַזוי צו פאַרענדיקן דאָס בלוטיקע מלחמה־שפיל, אַז די וועלט זאָל זיך ניט דערוויסן ווער פון אונדזערע פיינע לייט איז ק אָ מ ע ר צ י ע ל געשטאַנען די גאַנצע צייט פאַרבונדן מיט די נ אַ צ י ס און אפילו מיט די „יאַפּאַנצעס“. און ביי זיי, ביי אָט די פ י י נ ע לייט, ליגט איצט פאַרשטעקט אוודאי דייטשלאַנדס גאָלד־אוצרות, דייטשלאַנדס פאַרמעגן . . .

וואָס . . . מ׳האָט זיך ניט געריכט, אַז טשוירטשיל זאָל קריגן זיין פאַרדינטע מפּלה — ניט אַזוי שנעל און ניט אַזוי שווער יעדנפאַלס; און מ׳האָט טאַקע קיין צייט ניט געהאַט דורכצופירן אַ ריכטיקן „ה א ו ז ק ל י נ י נ ג“ . . . ס׳איז פונקט אַ שטייגער ווי אַ משוגע געוואָרענער פאָליציי־קאַפּיטאַן נעמט פּלוצלונג און פאַלט איבער אַן אַריסטאָקראַטישן געמבלינג רעזאָרט . . .

אָבער מיר שיינט, אַז דעם דייטשן אינדוסטריאַליסט און אַמוניציע פאַבריקאַנט איז דאָך געלונגען צו אַנטלויפן דורך אַ הינטערטיר צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַל און די ווערט־פּאַפּירן . . .

אָבער דאָס אז דאָך ניט וויכטיק . . . וויכטיק איז דאָס שפּיל, דאָס טעאַטער שפּיל, וואו מ׳וועט משפּטן „מלחמה־פאַרברעכער“ . . . מ׳קאָן פּלאַצן פון געלעכטער! פון ווען אָן איז מלחמה געוואָרן אַ פאַרברעכן? . . . אויב מלחמה איז אַ פאַרברעכן — דאַרף מען דאָך אַרונטערייסן די אַלע וואונדערלעכע מאָנומענטן, די בראָנזענע און מאַרמאָרנע סטאַטועס פון די גרויסע גענעראַלן און אַדמיראַלן און מאַרשאַלן, וואָס דעקאָרירן די בולוואַרן און די פייערלעכסטע סקווערן פון די רעזידענץ־שטעט . . .

אָבער פונדעסטוועגן — שרעקט זיך ניט, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער . . . אפשר וועט מען צואוואַרפן דעם „מאב“ עטלעכע קליינע פישלעך . . . אָבער די גרויסע העכט, די אמתע מ ל ח מ ה ־ פ אַ ר ב ר ע כ ע ר, זיי זיצן זיך רואיק אין אַלע לענדער — זייער צאָל איז צו גרויס . . . זיי קאָן מען ניט כאַפּן, זיי זיינען אַ גאָר גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע משפּחה וואָס זיינען צווישן זיך אַזוי קונציק פאַרבונדן און פאַרפּלאָנטערט און פאַרדרייט, אַז דער טייוול אַליין וועט זיי ניט פאַנאַנדערבינדן . . .

וואַזשנע עדות, יוריסטן גרויסע, וועלן אויפן פּראָצעס באַווייזן,

אַז מלחמה איז דער נאַטירלעכער שטייגער פון מענטשלעכן, פון געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס . . . זיי וועלן באַווייזן, אַז אפילו די גע ט ע ר אַליין פירן מלחמות . . . „וויסנשאַפטס״־לייט וועלן אויפטרעטן און באַווייזן, אַז פון זינט די וועלט איז אַ וועלט — פירן מענטשן מלחמות, און עס איז צו פאַרדאַנקען טאַקע אָט די מלחמות, וואָס עס איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ ה ע כ ע ר ע מענטשלעכע ראַסע . . . ווייל די געזונטע, די שטאַרקע האָבן אויסגעהרגעט די שוואַכע און די טויגעניכטסן . . .

פאַרנעמט אייערע פּלעצער, חברים, און לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון דער בינע — די גרעסטע איבערראַשונג, דעם גרעסטן „ ט ה ר י ל ״ וועלן מיר קריגן, ווען גאַנץ אומדערוואַרטעט, גאַנץ אומגעריכט — וועלן אויפטרעטן עדות פון מאַידאַנעק און פון בוכענוואַלד און פון דאַכאַו . . .

אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז די אמתע מלחמה־פאַרברעכער וועלן דאָרט פאָרט ניט זיין . . .

די קאַליפאָרניער זון איז קראַנק

געוועזן אַמאָל אַ צייט ווען אונדזער „קאַמערץ־קאַמער״ פון קאַליפאָרניע, און איבערהויפּט פון לאָס אַנדזשעלעס, פלעגט פאַראַדירן איבער גאַנץ אַמעריקע מיט אירע 365 זוניקע טעג אַ יאָר.

איצט שווייגט זי, די „טשעמבער אָוו קאַמערס״ אונדזערע. און דאָס קומט פון צוויי אורזאַכן.

ערשטנס: ווייל זי איז צו „ביזי״ מיט דער מלחמה־פּראָספּעריטעט (ביזנעס — „יו נאָו״ — איז נאָך פיל, פיל בעסער ווי „יוזשועל״ . . .)

און צווייטנס: שעמט זיך די קאַמערץ־קאַמער אויסצוזאָגן, אַז די אייביק־שיינענדיקע זון ליגט נעבעך אַ טויט־קראַנקע באַהאַלטן אונטער אַ טונקעלן, שווער באַכמאַרעטן הימל.

דער פאַקט איז, אַז מיר האַלטן שוין, גאָט צו דאַנקען, אין מיטן זומער, און די זון איז ניטאָ. איר עפנט די אויגן יעדן אינדערפרי, און

איר דערזעט אַ פאַרכמאַרעטן הימל — פונקט ווי איר וואָלט געווען אין לאָנדאָן און ניט אין קאַליפאָרניע . . .

אמת, עס פאַסירט אַז נאָכמיטאָג טשוכעט זי — די זון, מיין איך — זיך אויס אַ ביסל, און זי באַווייזט זיך דורך אַ פון טומאַן פאַר־שטעלטן הימל. זי, די זון, גיט אַ קראַנקן שמייכל, און פאַרשווינדט — אָן אַ זיי־געזונט . . .

עס זיינען פאַראַן אַלערליי „אַפּאָלאָגעטן" פאַר דער זייער ניט פיינער באַנעמונג, און ניט זומערדיקער פירונג, פון אונדזער קאַלי־פאָרניער זון. אייניקע טענהן, אַז שולדיק איז דער באַלדער־דעם. פון זינט אָט דער פענאָמענאַלער באַלדער־דעם איז אויפ־געבויט געוואָרן, איז פאָרגעקומען אַ קלימאַטישע ענדערונג אין גאַנץ קאַליפאָרניע. אַזוי אַרגומענטירן געוויסע בעאָבאַכטער. (מענטשן וואָס האַנדלען ניט מיט ריעל עסטייט, און פאַלגלעך איז ביי זיי דער פּאַט־ריאָטיזם פאַר קאַליפאָרניע בלויז „סקין דיפּ" . . .)

דערפאַר אָבער געפינען זיך אַנדערע „טעאָרעטיקער", וואָס ווילן האָבן, אַז די זון איז פּראָסט־פּשוט קראַנק, ווייל זי קען ניט צוזען ווי די מענטשן האָבן חרב ונחרב געמאַכט איר שיינע וועלט. דאָס אַלץ . . .

די זון קען ניט צוזען ווי אַזוי די מענטשן האָבן אונטערגעצונדן די וועלדער פון אַפריקע און אַזיע, די דזשאַנגלס פון די פּאַסיפישע אינדזלען, און אומגעבראַכט זייערע אומשולדיק־פרידלעכע איינוואוי־נער — די חיות און פויגלען. ווייל דער אמת איז דאָך, אַז טאַקע נאָר צוליב די חיות און די פויגלען אויף דער ערד, און די פיש אין ים, האָט גאָט די וועלט באַשאַפן — זיכער ניט אין זכות פון דער ווילד־משוגענער באַשעפעניש, דעם מענטש, וואָס צעשטערט מיט די אייגענע ידיים די פיינע, אָבער אין שלעכטע הענט אַריינגע־פאַלענע וועלט . . .

די זון איז קראַנק געוואָרן, צוזעענדיק ווי אויף די שלאַכטפעלדער גיסן זיך טייכן בלוט, און אין שטאָט טאַנצט מען און מען הוליעט אויף וואָס די וועלט שטייט. די רעסטאָראַנען זיינען געפּאַקט און מען פרעסט און מען זויפט, און עס גיסט זיך שאַמ־פּאַניער ווי וואַסער.

די מענטשן טראָגן זיך אַרום מיט פולע קעשענעס מלחמה־געלט, און ס׳איז — חי געלעבט! אויף יעדן שריט — אַ „ליקער סטאָר״, אויף יעדן טראָט אַ „קאָקטייל סטודיאָ״, פון וואַנען עס טראָגן זיך אין גאַס אַריין האַלב־פאַרשטיקטע, הייזעריקע, ווילד־אויסגעלאַסענע קולות און געלעכטער. פון מעין סטריטער קראָמען און קרעמעלעך שימער־רירן פון די ליכטיקע פענסטער דימענטן און ברילליאַנטן — אמתע און פאַלשע. און די גאַסן זיינען געפּאַקט מיט ווייבער — יונגע און אַל־טע. מען לויפט און מען קויפט, צי מ׳דאַרף און צי מען דאַרף ניט — ס׳איז חי געלעבט!

נו, איז אַ וואונדער וואָס די זון האָט פאַרשטעלט איר ליכטיקן פּנים?! . . .

זי, די זון, ווייסט דאָך, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט די דאָזיקע וואַקכאַנאַליע פון בלוט־פּראָספּעריטי זיך ענדיקן און עס וועט קומען דער קאַצן־יאָמער: עס וועט געפאָדערט ווערן אַ חשבון פאַר יעדן פאַרברעכן, פאַר יעדער שווינדעריי!

אויף די גאַסן וועלן זיך באַווייזן פאַרקריפּלטע יונגע לייט אויף קוליעס, מיט ליידיקע אַרבל. די האָספּיטעלער וועלן זיין געפּאַקט מיט טויזנטער גייסטיק־קראַנקע — יאָ, די זון ווייסט דאָס.

די זון האָט פאַרשטעלט איר ליכטיקן פּנים, ווייל זי האָט מורא פאַר דער טויטער שטילקייט, וואָס וועט קומען אויף דער וועלט נאָך דעם ווי די קאַנאָנען און די באָמבעס וועלן ענדלעך פאַרשטומט ווערן, און די טויטע שטילקייט וועט דריקן אויף די טויבע אויערן פון דער וועלט. און דערנאָך — אַז ס׳וועלן אויפגעדעקט ווערן דער וועלטס וואונדן, וועט ניט זיין ווער עס זאָל די וואונדן פאַרבאַנדאַזשירן — אָט פאַרוואָס די זון האָט זיך באַהאַלטן . . .

אַ רחמנות אויף קאַליפאָרניע . . .

געווען אַמאָל אַ צייט ווען די קאַמערן־קאַמער פון דער שיינער, זוניקער דרום־קאַליפאָרניע פלעגט פאַרשווענדן פאַבלהאַפטע סומען מיט געלט אויף רעקלאַמירן איבער דער גאַנצער וועלט, פּראָקלאַמירן

די גרויסע מעלות פון יענעם טייל קאַליפאָרניע און רופן מענטשן זאָלן קומען און געניסן פון אירע ברכות. איצט וואָלט דיזעלביקע אַגענטור — ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט — אַרויסגעלאָזט אַן אַלאַרם: גע־וואַלד, מענטשן, היט זיך! לויפט ניט קיין קאַליפאָרניע, איר ווערט ניט האָבן וואו איבערצונעכטיקן אַ נאַכט! מענטשן שלאָפן דאָ אויף די בענק פון באַן־וואָקזאַל, אין די קינאָ־הייזער, אין די פּאַרקן און מאָ־טאָר טראָקס. אָבער דאָס שרעקט די מענטשן ניט אָפּ און מען קומט, מען פאָרט קיין קאַליפאָרניע בלינדערהייט, עפּעס אַזוי ווי מענטשן וואָלטן אַנטלאָפן פון אַ געפאַר, פון אַ קאַטאַסטראָפע וואָס רוקט זיך אויף זיי אָן . . .

די דאַון־טאַון גאַסן אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן ווי די ניו־יאָרקער סאָבווייס אין די „ראַש־שטונדן". עס מאַכט דעם איינדרוק ווי עס וואָלט געווען אַ מין פּאַראַד, מען מאַר־שירט, און אַנשטאָט מוזיק ווערט דער פּאַראַד באַגלייט פון די אויטאָ־מאָביל בלאָזערס, די אַמבולאַנס סירענס און דער פּאַרטויבנדיקער קלינגעריי פון דעם טראַמוויי, און איבער אַלעס דעם פילט זיך אין דער לופט עפּעס אַן אומרו, אַ נערוועזיטעט, אַן אַנגעצויגנקייט — עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט געווען ערב אַן ערדציטערניש אָדער עפּעס אַן אַנ־דער קאַטאַסטראָפע, פון וואָס די מאַרשירנדיקע זיינען גרייט צו לויפן, צו פליען איינער איבערן צווייטן . . . און איבעראַל שטייט מען אין „ליין" — ביי די קאַפעטעריעס, די קינאָס, די דעפּאַרטמענט־סטאָרס — איבעראַל שטייען „ליינס", און וואָלט מען געוואָלט ערגעץ אַנט־לויפן, דאַרפט איר שטונדן־לאַנג שטיין אין „ליין" צו קויפן אַ באַן־בילעט . . . עס האַלט שוין דערביי, אַז אפילו ביים אַריינגאַנג צו די בית־עולמס ווערן שוין אויך פאַרמירט — ל י י נ ס . . .

אָבער דער גרעסטער און שענסטער ספּעקטאַקל ווערט געשפּילט פון די לצים וואָס באַטייליקן זיך אין דעם ריעל־עסטייט „בום", און אויך ביי די ספּעקולאַנטן פון בוי־מאַטעריאַלן. דאָ הערשט אַן אמתע וואַקכאַנאַליע! הייזער ווערן געקויפט און פאַרקויפט, גייען אַריבער פון האַנט צו האַנט, און מען מאַכט געלט, מען שליסט קאָנטראַקטן, און נאָך איידער דער טינט ווערט פאַרטריקנט, פאַרקויפט מען דעם קאָנטראַקט און מען מאַכט ווידער געלט! מען איז פאַרשיכורט פון

געלט מאַכן . . . אָבער ס'איז ווייניק: די אָ־פּי־איי, ניט געדאַכט זאָל ווערן איר נאָמען, שטייט אין וועג. אַך, ווען מע שאַפט אָפּ די אָ־פּי־איי, דאַן וואָלט מען ערשט געקענט מאַכן געלט . . .

פּאָר אַ ליידיקן אַפּאַרטמענט צאָלט מען ניט קיין הונדערטער, נאָר טויזנטער דאָלאַרן, אַן אַזוי גערופענעם ב אָ נ ו ס . . . און ווען מענטשן קומען זיך צוזאַמען אויף אַ שמחה און עס הייבן זיך אָן די לחיימס און די ווינטשעוואַניעס, ווינטשט מען זיך: „גאָט זאָל אייך העלפן איר זאָלט קריגן אַ צימער אָדער אַן אַפּאַרטמענט" . . .

איך קאָן אַן אַלטן אידן, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר, און ער איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. אָבער ער לויפט אום טאָג און נאַכט מיט קאָנטראַקטן אין די קעשענעס און מאַכט געלט . . . דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ זייער הויכן בלוט־דרוק, אָבער ער האָט קיין צייט ניט; ער איז ביזי: ער „בומט" מיט ריעל עסטייט! און ער שילט די אָ־פּי־איי — מיט טויטע קללות: „אַך, ווען מען באַגראָבט די אָ־פּי־איי — און מען וואָלט געקענט אַ הייב טאָן די דירה־געלט — דאַן וואָלט מען ערשט געקענט מאַכן אַ לייכטן טוללער" . . .

איך האָב אַנומלטן געהערט אַ ראַביי האַלטן אַ דרשה וועגן דער וואונדערלעכער אַרבעט, וואָס עס טוט די הסתדרות אין פּאַלעסטינע. אָט די קערפּערשאַפט נעמט די פּליטים, און מאַכט פון זיי פּראָדוקטיווע אַרבעטער. דער ראַביי פאַרמאָגט אַ פלאַם־פייערדיקע צונג — וואו נעמט מען עטלעכע אַזעלכע ראַביייס וואָס זאָלן מיט זייער פייערדיקער צונג שמייסן אונדזערע מנחם־מענדלס וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן „מאַכן געלט" אין די אַלערליי שוואַרצע מערק און אין ריעל עסטייט!? — זיי גיסן דאָך אויל אויפן אַנטיסעמיטישן פייער, אָט די מנחם־מענדלס אונדזערע, און עמעצער וואָלט זיי געדאַרפט אָנווייזן אויף דער געפאַר! . . . אָבער עס וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס . . . די מענטשן זיינען פאַרכישופט פון דעם שפּיל — די אויגן בליצן מיט פייער־גאָלד.

עס גיסט זיך, ווי די וואַסערן אויפן ניאַגאַראַ פאַלס, דער גאָלדענער שטראָם. געלט איז ביליק—די א י נ פ ל אַ צ י ע א י ז ש ו י ן ד אָ ! און דער עולם לאָזט זיך וואויל גיין, מען שיכורט און מען

הוליעט און מען דרייט זיך וואָס ווייטער אַלץ מיט אַ שנעלערער טעמ־פּאָ, ביז — ערגעץ ווער עפּעס פּלאַצן און עס וועט קומען אַ קראַך! אַן עקספּלאָזיע וואָס וועט באַגראָבן די גאַנצע כאַאָטישע סיסטעם אונ־טער אירע חורבות. און עס וועלן דאַן פאַלן קרבנות, ווי פליגן.

וואָס זשע טוט מען?

וואָס הייסט וואָס מען טוט? איר ווייסט דען ניט?! — מען הויבט זיך אויף — און מען פאָרט קיין קאַליפאָרניע . . .

אומזיסט געכאַפּט פּעטש

(אַ טרויעריקער שפּאַס)

איך בין אַלט געווען 8 יאָר ווען מיין פאָטער ע״ה האָט מיך אַוועק־געשטעלט ביים וואַרשטאַט לערנען די מלאכה פון סטאָלעריי. דאָס סאַמע ערשטע וואָס דער בייזער, כעסדיקער טאַטע מיינער האָט גע־וואָלט איך זאָל קאָנען איז מאַכן אַ שטיקל געצייג: אַ הובל, אַ דלאָט, אַ האַמער, אַ זעג, א. אז. וו.

„אַז דו וועסט קאָנען מאַכן אַ שטיקל געצייג — פלעגט מיין פאָ־טער שרייען אויף מיר — וועסטו אַלץ קאָנען מאַכן! שגץ מיינער!...״

אָבער פּעטש פלעג איך קריגן פון אים, דעם פאָטער מיינעם, בעת ער פלעגט מיך לערנען שאַרפן אַ זעג. שאַרפן אַ זעג איז געווען ביי אים די העכסטע מדרגה פון פאַך־קענטעניש. און ווען שפּעטער מיט יאָרן שוין דאָ אין אַמעריקע, איך האָב געאַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק און פון 1500 אַרבעטער, האָט מען מיך אויסגעקליבן אַלס דעם אָפיציעלן זעגן־שאַרפער פון אַלע מאַשינען אין שאַפּ, און מ׳האָט מיר טאַקע באַלד געהעכערט מיינע שכירות מיט גאַנ־צע 3 דאָלאַר אַ וואָך . . .

איז — הלמאי זאָל איך לייקענען — כ׳האָב זיך געפילט זייער געשמייכלט און עפּעס אַ געוויסן שטאָלץ האָב איך געפילט בעת מיינע מיטאַרבעטער פלעגן זיך סוד׳ן ווען זיי האָבן מיך געזען פאַרבייגיין. . .

פלעג איך שטיין און שאַרפן זעגן און בעת מעשה טראַכטן — אַז ווער ווייס, אפשר האָבן טאַקע דעם טאַטנס פּעטש געהאָלפן איך זאָל קענען אָנשאַרפן אַ זעג ווי עס דאַרף צו זיין? . . .

אָט אין דעם נאַרישן געדאַנק האָב איך זיך געהאַלטן אַלע מײַנע יאָרן ביז — איך האָב דערזען אַ מאַשין וואָס ש אַ ר פ ט ז ע ג ן.

ווען כ׳האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען, האָב איך געפילט — ווי זאָל איך אײַך זאָגן — מיר שײַנט, אַז פונקט אַזוי האָט געמוזט פילן אַ לויף־פערד (אַ רעיס האָרס) ווען ער האָט געזען צום ערשטן מאָל אַן אויטאָמאָביל . . .

אָדער ווי אַ ווילדער בושמאַן וואָס שטאָלצירט מיט זײַן פײַלנבויגן ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אַ ביקס . . .

איך בין געשטאַנען לעבן דער מאַשין וואָס שאַרפט זעגן אויטאָמאַטיש און מיט אַ גענויער פּינקטלעכקייט, וואָס קיין מענטשלעכע האַנט קען דאָס ניט מאַכן; און איך האָב זיך געפילט אויפן העכסטן גראַד באַליידיקט . . . מײַן שטאָלץ און מײַן זעלבסט־רעספּעקט האָבן מוראדיק געליטן . . .

הערט אַ געשיכטע! אָט דאָס קאַלטע טויטע שטאָל; אָט די אומצייליקע רעדלעך און שרײַפלעך, און פּאַסקעלעך, טוען אַן אַרבעט שטיל און באַשיידן — און אַזוי פּערפעקט; אַן אַרבעט, אויף וועלכער אַ מענטש דאַרף זיך לערנען ווער ווייס ווי לאַנג, און ער דאַרף זיך אַרויסנעמען די אויגן (שאַרפן אַ זעג מיט קליינע ציינדעלעך איז אַ גאָר גרויסע אָנשטרענגונג פאַר די אויגן). שטיי איך און באַטראַכט די מאַשין פון אַלע זײַטן, פון אויבן ביז אַראָפּ. איך באַטאַפּ יעדעס שרײַפעלע און יעדן טיילכל, און איך קען זיך ניט אָפּוואונדערן פון דער געניאַליטעט פון דעם באַשאַפער פון דער מאַשין.

כ׳האָב זיך פּשוט ניט געקענט אָפּרײַסן פון איר. איך ווייס אַזוי, אַז אָט די מאַשין וואָס שאַרפט זעגן, איז ניט די איינציקע געניאַלע מאַשין. איך האָב געזען טויזנטער מאַשינען, וואָס האָבן רעוואָלוציאָנירט דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס; מאַשינען אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער אַרבעט און אַ מאַסן־פּראָדוקציע, וואָס שטײַגט אַריבער די מענטשלעכע פאַנטאַזיע.

אָבער קיין אַנדער מאַשין האָט אויף מיר ניט געהאַט אַזאַ דערשיטערנדיקע ווירקונג, ווי אָט די מאַשין וואָס שאַרפט זעגן: איך שעם זיך ניט אויסצוזאָגן, אַז כ׳האָב דערפילט ווי עס רינען מיר טרערן פון די אויגן, און אימעצער האָט מיר געשעפּטשעט אין די אויערן: „עלי־

בער, האָסט אומזיסט געכאַפּט פעטש . . . האָסט אומזיסט געכאַפּט פעטש, עלי־בער! . . . ״

איך גלויב אין אַ וועלט-געוויסן

איך ווייס, אַז עס זיינען פאַראַן סקעפּטיקער און פּעסימיסטן, וואָס גלויבן ניט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַ וועלט־געוויסן. איך גלויב, אַז — ניט נאָר איז עס פאַראַן דער וועלט־געוויסן, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איך זע סימנים פון זיין לאַנגזאַמען דערוואַכן. דער וועלט־געוויסן איז פון זינט די וועלט איז אַ וועלט געלעגן אין אַ טיפן שלאָף. אים האָבן פאַרשלעפּערט די גלחים און אַלערליי כישוף־מאַכער, וואָס האָבן זיך געפּילט אַ סך באַקוועמער, ווען דער וועלט־געוויסן שלאָפט . . . איצט שיינט מיר, אַז די אַטאָמישע באָמבע האָט אים אויפגעוועקט . . . איך זע, ווי ער, דער וועלט געוויסן, טשוכעט זיך, רייבט די אויגן, גענעצט און ציט זיך אויס די גלידער — וואָס זיינען אים נאָך שטייף פון אַזאַ לאַנגן שלאָפן . . .

ער הערט, שיינט מיר, די קולות און די געשרייען און די גוואַלדן פון די מיליאָנען אומגליקלעכע באַגזלטע און באַראַבעוועטע. ער זעט די מיליאָנען הרוגים — אָבער ער איז נאָך ניט געקומען צו זיין פולן באַוואוסטזיין. ער איז נאָך צעטומלט.

ווען עס איז אין אַ גוטער און אַ מזלדיקער שעה געקומען די אַטאָמישע באָמבע, און זי האָט אַרויסגעשלאָגן די מלחמה כלי־זין פון מענטשנס הענט — האָב איך גלייך דערפילט, אַז דער וועלט־געוויסן לעבט — לעבט צום טראָץ פון די אַלע סקעפּטיקער און פּעסימיסטן, וואָס שרייען, אַז די אידייע פון אַ דערוואַכטן וועלט־געוויסן איז אַ פּוסטע אילוזיע פון פאַנטאַזיאָרן און דאָן־קיכאָטן . . .

מיר ווייזט זיך אויס, אַז מיר האָבן אַ רעכט צו האָפן און דערוואַרטן אַז דער וועלט־געוויסן וועט קומען צו זיין פולן באַוואוסטזיין — ווען עס וועט אין ניורענבערג דערעפנט ווערן דער משפט פון די מלחמה פאַרברעכער. און ער, דער וועלט־געוויסן, וועט פאַלן אין אַ טויט חלשות . . .

דער דאָזיקער ספּעקטאַקל, וואָס מען גרייט צו אין דער באַרימטער דייטשער שטאָט ניורענבערג, וואו היטלער האָט אויסגעאַרבעט זיינע טייוולשע פּלענער אויף אומצוברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק — אָט דער ספּעקטאַקל וועט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט אויפ־דעקן דעם פולשטענדיקן באַנקראָט ניט נאָר פון דער עטאַבלירטער קריסטלעכער קירכע, ניט נאָר פון אונדזערע שולן און אוניווערזיטעטן, נאָר אויך פון אַלע אונדזערע קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען מאָראַליש דורכגעפוילט און פאַרדאָרבן דורך און דורך.

די פראַגע איז נאָר — צי וועט ענגלאַנד און אַמעריקע און פראַנק־רייך דערלאָזן, אַז דער גאַנצער אמת, דער פולער אמת זאָל אַרויסגע־בראַכט ווערן, זאָל אויפגעדעקט ווערן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט אין דעם ניורענבערגער געריכטס־הויז? . . . ווייל מיר שיינט, אַז ווען דער מלחמה־פאַרברעכער־משפט וועט דערעפנט ווערן, וועלן די דייטשע אָנגעקלאָגטע פאַרברעכער קאָנען זאָגן צו ענגלאַנד און צו אַמעריקע און צו פראַנקרייך:

„ווער פון אייך, דזשענטלמען, ס'איז פריי פון זינד — זאָל וואַרפן דעם ערשטן שטיין . . ."

זיי, די דייטשן, וועלן פאָדערן דאָס רעכט צו שטעלן פראַגן די אָנקלעגער . . . און צו קרייץ־עקזאַמינירן די עדות, און אַזוי אַרום קאָ־נען אַרויסגעבראַכט ווערן פאַקטן און געשעענישן וואָס זאָלן זייער ניט געפעלן, זייער ניט גוט שמעקן די אָנקלעגער און אַריינזאָגן זיי דאָס בלוט אין פּנים אַריין — רחמנא־לצלן . . .

אָבער ווי די מעשה זאָל ניט זיין, די אויגן פון דער גאַנצער וועלט וועלן זיין צוגעשמידט צו דעם געריכט־הויז אין ניורענבערג, אין דער קעגנוואַרט פון דעם דערוואַכטן וועלט־געוויסן . . .

דער *דערוואַכטער וועלט־געוויסן* קאָן ניט צוזען ווי עס ליידן און מאַטערן זיך די הונדערט און פופציק טויזנט אידן וואָס וואַלגערן זיך אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן. און ער זוכט פאַר זיי אַ מקום מקלט און — קאָן ניט געפינען . . .

אין וועלכער טיר, דער וועלט־געוויסן, קלאַפּט אָן, קומט מען צו דער טיר מיט אַ ביקס אין האַנט . . . איז ליגן זיי, אָט די הונדערט און פופציק טויזנט היימלאָזע און *פרעסן אויפן וועלט־*

ג ע װ י ס ן אַזוי, אַז איך האָב מורא, דער װעלט־געװיסן זאָל ניט קריגן אַ ס י ר ע ב ר י ע ל ה ע מ אָ ר י ד ז ש און צוריק אַרײַנ־פאַלן אין הינער־פּלעט . . .

דערפאַר טאַקע װאָלט עס געװען זײער װינשנסװערט, אַז אונדזע־רע אולטראַ־נאַציאָנאַליסטן זאָלן אַ ביסל װײניקער טומלען און אַ ביסל װײניקער זיך אַרומרײסן צװישן זיך און זאָלן זײ בעסער קאָנצענטרירן זײערע קולות און גװאַלדן אויף אָפּצושרײען דעם װעלט־געװיסן, ער זאָל ניט צוריק אײַנשלאָפן.

אויב מענטשן שטײען העכער פון חיות — מוז זײַן אַ װ ע ל ט־ג ע װ י ס ן . . .

צום װײנען און צום לאַכן

(הומאָרעסקען)

אַ מעקסיקאַנער, װאָס שעצט אָפּ אַ אידישן בוך . . .

יעדן פרימאָרגן פונקט 7 אַזײגער װעקט מיך פון שלאָף מײַן מעק־סיקאַנער שכן, װעלכער פּעדלט מיט דזשאַנק, און צו זײַן פערד און װעגעלע איז ערגעץ װאו צוגעטשעפּעט אַ טויבער גלאָק מיט אַ בלע־כענעם קלאַנג, װאָס גרילצט אין די אויערן.

און װײסט איר װעלכע גאַס „טאָוני״ באַערט מיט זײַן אָנװעזנ־קײט? דװקא די אידישע, װאָס הײסט בײ אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס: „בױעל הײטס״.

און אַז טאָוני קומט אין בױעל הײטס, זוכט ער מיט בײדע אויגן אַ הויז װאו עס שטײט אַ גרױסער טראָק, און די אײנװאױנער ציען זיך אַרויס פון „בױעל הײטס״ קײן „האָליװאוד״ . . . אָדער גאָר קײן „בעװערלי הילס״ . . .

װען אים טרעפט אַזאַ גליק, קריגט ער ניט נאָר אַ פולן װאָגן מיט סחורה — נאָר ער קריגט נאָך אַ פּאָר דאָלער קעש פאַר אויסרײניקן דאָס הויז און דעם קעלער. אַמאָל טרעפט, אַז טאָוני ברענגט אַ קאָסטן

אָדער אַ פּאַס מיט ביכער, און לאָזט דאָס אַראָפּ אין הויף נעבן דעם אַלטן אייזן, וואָס ליגט אָנגעוואָרפן אין הויף. אין אַזאַ פאַל רופט מיך טאָוני (דורכן פענצטער) און איך העלף אים אָפּקלייבן די אידישע פון די ניט־אידישע ביכער, און פאַר מיין טרחה רעכנט מיר טאָוני ניט מער ווי אַ ניקל אַ בוך — פאַר די ביכער וואָס איך קלייב אָפּ פאַר זיך.

אָבער די לעצטע עטלעכע וואָכן איז עפּעס געשען מיט מיין טאָוני, און — ניט נאָר רופט ער מיך מער ניט, אים העלפן סאָרטירן די ביכער, נאָר ווען איך האָב איין מאָל אַליין אים אָנגעבאָטן מיין הילף, בעת ער איז געשטאַנען אין הויף, און געשוויצט איבער אַ גרויסן קאַסטן מיט ביכער . . . האָט ער מיר גאַנץ גראָבלעך געלאָזט וויסן, אַז ער קאָן זיך ספּראַווען מיט די ביכער אָן מיר . . .

דורכן פענצטער פלעג איך זען, ווי דער מעקסיקאַנער שטייט אָפּ שטונדן לאַנג און בלעטערט די ביכער, וויסנדיק, אַז ער קען ניט לייע־נען אַ וואָרט אפילו . . . און דאָך שטייט ער געדולדיק און בלעטערט אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט . . .

אָבער איין שיינעם זונטאָג פרימאָרגן, קלאַפּט טאָוני אין מיין טיר, און טאָוני קומט אַריין, שמייכלט לעקישעוואַטע אונטער די דיקע שוואַרצע וואָנצעס. די קליינע שוואַרצע אויגעלעך זיינע ציינן, אַז ער איז היפּשלעך פאַרשנאַשקעט. און איך האַלט זיך פון אים פון וויטן, כדי אָפּצוהיטן מיין נאָז פון זיין ריח . . .

טאָוני דערלאַנגט מיר אַ אידישן בוך, און ער בעט מיך, איך זאָל אים זאָגן, וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן? איך נעם דעם בוך אין האַנט, זע אַז דאָס איז אַ יאָרגאַנג „צוקונפט" פון דעם יאָר 1909.

נעם איך און דערלאַנג אים אַ ניקל פאַרן בוך. טאָוני כאַפּט שנעל דעם בוך אַרויס פון מיין האַנט און רוקט זיך אונטערוויילעכץ צו דער טיר, און דרייענדיק מיטן שיכורן קאָפּ, זאָגט ער: „נאָוסע, נאָוסע, מי נאָו סעלע דעטע בוק, מי נאָוסעלע דעטע בוק! דעטצע מאַיי בוק . . ."

געפעלט מיר דווקא זיין האַנדלונג . . . רוק איך אים אונטער אַ בענקל און בעט אים ער זאָל זיך זעצן. אָבער טאָוני האַלט שוין אין האַנט די קליאַמקע פון טיר, און האַלט אין איין דרייען מיטן קאָפּ און מורמלען: „מי נאָו סעלע דעטע בוק" . . . מיר איז דאָך געלונגען אים צו באַרואיקן, דערקלערנדיק אים, אויף ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך

געוועזן, וואָס פֿאַר אַ בוך דאָס איז און אַז ער קען אים האַלטן געזונ־טערהייט.

ערשט דאַן האָט ער מיר גענומען דערציילן אין זיינע צעבראָכענע ענגלישע ווערטער, פֿאַרוואָס ער וויל זיך ניט שיידן פֿון אָט דעם אי־דישן בוך . . . אָט איז זיין לשון . . .

„נאָו סי, זאָגט טאָוני, מי גאָו בויל הייטס, מי סי אַ נייס ביג ביג פיונעראל, מי עסק: האו דאַיי? דיי סיי — נייס אָלד דזשו דאַיי. מי נאָ! די טשילען (די קינדער) גאָן עפּטע מאָוף . . . מי קאָם עגעען, עגען, שור טינג! מי סי די ביגע דע טראָק . . . מי גאָטע לאָטסע בוקס — דיסע בוק (ער דריקט דעם בוך צום האַרצן), מי אָפען אָפּ — אַי סי — וואָן דאָלערע ביל! ענאָטער סייד — וואָן דאָלערע ביל . . . סאָ מי סי, סיקסטי סיידעס, סיקסטי דאָלער ביל . . . ״ און ער נעמט אַרויס פֿון בוזעם קעשענע אַ לעדערנעם בייטל און ווייזט מיר די 60 איינציקע דאָלאַרן וואָס ער האָט געפֿונען ליגן צווישן די בלעטער פֿון דעם בוך . . . ער צערטלט דעם בוך מיט ביידע הענט און זאָגט: „מי נאָו סעלע דעטבוק, מי גאָטע גוד לאַק דעטע בוק . . .״

פֿון דעמאָלט אָן, האָט מיך שוין טאָוני ניט צוגעלאָזן צו זיינע ביכער ביז ער האָט ניט פֿריער אַליין איבערגעטרייסלט יעדן בלעטל . . . אַנומעלטן שטיי איך אין טאָוניס דזשאַנק־יאַרד און מיט אַ וויי־טאָק אין האַרצן קוק איך אויף אַ בערגל אידישע ביכער וואָס טאָוני האָט געלאָזט ליגן צווישן אַלטע אייזן און שמאַטעס.

פֿאַר מיר איז קלאָר, אַז די ביכער קומען פֿון אַ ראַדיקאַל־אידי־שער הויז . . . אַלטע בראָשורן פֿון די אַלטע גוטע צייטן . . .

אָט איז פייגענבוים, נעטטער, אב. קאהאן, און נאָך און נאָך . . . פּלוצים שלעפּ איך אַרויס אַ בוך פֿון אונטער די שמאַטעס און — איך פֿיל אַזוי ווי איך וואָלט דערזען אַן אַלטן באַקאַנטן, וועמענס נאָמען כ׳קען זיך ניט דערמאָנען . . . אַך, יאָ! דאָס איז דאָך „הובל־שפּענער״ פֿון . . . איך שטיי און פֿינטל מיט די אויגן און ווייס ניט צי זאָל איך וויינען אָדער לאַכן . . .

◆

בלינד און צו פעט

צוויי טעג און צוויי נעכט האָט דער רעגן געגאָסן אָן אויפהער, און ווען די זון איז אויפֿן דריטן טאָג אַרויסגעקומען אַ ליכטיק־פרישע מיט אַן אויסגעוואַשן פּנים — זאָגט מיין אייניקל: „זיידע, קום לאָמיר אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר".

די גאַס לויפט באַרג אַרויף און דער שמאָלער טראָטואַר פון גלאַטן אַספאַלט איז נאָך נאַס און גליטשיק — גיי איך לאַנגזאַם און פאָרזיכ־טיק אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן. אָבער דער קליינער חברה־מאַן לויפט אין פאָרויס אונטערטאַנצנדיק אַנטקעגן דער גאָלדענער זון.

פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ, דער אייניקל מיינער, בויגט זיך איין צום טראָטואַר, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס געפונען, — נאָר ער האָט מורא דאָס צו נעמען אין האַנט.

— „זיידע, זיידע!" הייבט ער אָן שרייען און מאַכן מיט דער האַנט. „זיידע: קום גיכער ווערסטו עפּעס זען". איך קום צו און זע אַ מערקווירדיקע סצענע.

אויפן טראָטואַר ליגט אַ קורצער פעטער וואָרים, וועלכער ווערט ווילד אַטאַקירט פון אַ גאַנצער אַרמיי רויטע מוראַשקעס פון ביידע זייטן טראָטואַר.

דער וואָרים דרייט זיך אין אַלע זייטן מיט אַן אָפּן מויל. אָבער די מוראַשקעס זיינען זייער פלינק — זיי שטעכן און בייסן אים, דעם וואָרים, און זיי אַנטלויפן איידער דער וואָרים גיט זיך אַ ריר. די אַטאַקע ווערט געפירט מיט אַן אויסטערלישער סטראַטעגיע . . . ווען דער פעטער וואָרים האַלט דעם קאָפּ מיטן אָפן מויל אויף דער לינקער זייט — באָמבאַרדירן זיי אים פון דער רעכטער זייט . . . און אַז דער וואָרים דרייט זיך מיט גרויסע שוועריקייטן (ווייל ער איז צו פעט...) אויף דער רעכטער זייט — לויערט אויף אים אַ צווייטע אַרמיי פון דער לינקער זייט . . .

דער אייניקל מיינער קוקט אַ לענגערע צייט אויף דער דאָזיקער זעלטענער סצענע — ניט אַרויסרייסנדיק קיין וואָרט. דאַן הייבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט מיך אָן מיט זיינע גרויסע ליכטיק־בלויע אויגן און זאָגט: „זיידע, וועלן זיי אים טויטן? . . ."

— וועל, זאָג איך, כ׳ווייס ניט צי זיי וועלן אים טויטן, אָבער עס זעט אויס, אַז זיי וועלן אים אַזוי אויסמאַטערן, אַז ער וועט דאָך שטאַרבן פון ערשעפּונג . . .

— „זיידע, פאַרוואָס שלאָגט ער זיי ניט צוריק, פאַרוואָס לאָזט ער זיך אַטאַקירן? . . .״

— „יו סי, — מיין קינד, דער וואָרים איז צו פעט — אָבער ער־גער פון אַלץ איז, וואָס דער וואָרים איז נעבעך שטאָק בלינד און קאָן ניט זען זיינע שונאים . . .״

◆

מיין „פאַרמולע״ פאַר אריכות ימים . . .

(הומאָרעסקע)

זיצנדיק אַנומלטן אין הויז פון מיינעם אַ פריינט און שמועסנדיק מיט אַ גרופּע אינגערע חברים מיינע וועגן דעם טרויעריקן מצב פון אונדזער האַלב־חרוב׳ער וועלט, וועלכע וואַרפט זיך אין שווערע קאַנ־וואולסיעס פון סטרייקס און לאַקאַוטס, אַ וועלט אין וועלכער עס ווערט וואָס וויַיטער אַלץ שווערער און אַנגעשטרענגטער דער לעבנס קאַמף, ספּעציעל פאַר די לוין־אַרבעטער, און צו דעם טראַגישן בילד איז איצט צוגעקומען אַ קאָמישער מאָמענט מיט דעם וואָס די באַלע־באַטים פון לעבן, די געלט־זעק, שטייען און ציטערן טאָמער קומט דער ס אָ וו ע ט ן פ אַ ר ב אַ נ ד אַרויס מיט אַן ערקלערונג, אַז ער האָט שוין גאָט צו דאַנקען אויך פאַרטיק ד י אַ ט אָ מ י ש ע ב אָ מ ב ע . . . און זעענדיק ווי מיינע אינגערע חברים נעמען זיך זייער שטאַרק צום האַרצן אָט די טרויעריקע וועלט־לאַגע — רוף איך זיך אָפּ צו זיי, זאָג איך:

— הערט זיך איין, חברים און חברות. דער טייפל איז ניט אַזוי שוואַרץ, ווי מען מאָלט אים . . . לויט מיין מיינונג, האָבן מיר לחלוטין ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר דער אַטאָמישער באָמבע, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז ביז די רוסישע וויסנשאַפטסלייט וועלן זיין פאַרטיק מיט זייער אַטאָמישער באָמבע און נעמען סטראַשען די קאַפּיטאַליסטי־

שע וועלט — וועלן אונדזערע וויסנשאַפטסלייט, וועלכע שלאָפן אויך ניט — שוין האָבן פּאַרטיק דעם „ראַקעט“, וואָס וועט פליען צו דער לבנה און אַנדערע גאָענטע פּלאַנעטן. אַזוי אַז די קאַפּיטאַליסטן וועלן זיך זוכן צו ראַטעווען זייער אייגענע שקורעס און זיי וועלן זיך אַהין אַריבערקלייבן — מיטנעמענדיק מיט זיך זייערע ד י פּ ל אָ מ אַ ט ן . . . און אויב דאָס זאָל ווירקלעך געשען! דאַן פאַרזיכער איך אייך, אַז אָן די קאַפּיטאַליסטן און אָן די דיפּלאָמאַטן וועלן מיר גאַנץ לייכט קאָנען אויסקומען מיט׳ן סאָוועטן פאַרבאַנד, דאַנט יו טהינק סאָו, חברים? . . .

די חברים מיינע קוקן אויף מיר מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און איינער פון מיינע חברים רופט זיך אָפּ:

— כ׳לעבן, זאָגט ער, ס׳איז מקנא צו זיין דעם אַלטן סטאָליאַר... אָט קוקט אים נאָר אָן: דאַכט זיך, ער שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר — און מיט דעם צווייטן — אויף אַ באַנאַנע שאָלעכץ . . . און דאָך גלוסט זיך אים נאָך שפּאַסן און לוסטיק מאַכן אפילו פון אונדזער טראַגישער וועלט לאַגע . . . אפשר וואָלט געווען אַ סברה ער זאָל אונדז מגלה זיין דעם סוד פון זיין אָפּטימיזם און זיין אריכות ימים.

— אָך, זאָג איך, מהיכי־תיתי, מיטן גרעסטן כבוד, פּאַרוואָס דען ניט, אדרבא, נישט מער, וואָס איר נאַרט זיך, ווען איר מיינט, אַז מיין הויכע עלטער און מיין אָפּטימיזם האָב איך דערגרייכט דורך מיין חכמה אָדער בריהשקייט. ס׳הויבט זיך גאָרניט אָן. אגב אורחא: וואו שטייט עס געשריבן, אַז ווען אַ מענטש דערשלעפּט זיך צו די אַכציקער יאָרן, איז ער שוין אַן אַלטער מאַן? מיר ווייזט זיך אויס, אַז מיר אידן שלעפּן אויף זיך אַרויף די עלטער, מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אַ איד באַטראַכט זיך שוין פאַר אַ „זקן“, ווען ער איז אַ בן־שישים און ער חלומט שוין פון לויתן און שור הבור . . .

די איינציקע צייט, ווען אָט דער „זקן“ דערפילט זיך ווידער יונג — איז ווען ער קומט שבת אין שול, און מען גיט אים ניט קיין מפטיר . . . דאַן איז ער פייאיג צו געבן פעטש גאַנץ קהל . . .

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן איז, אַז לויט מיין מיינונג, דאַרף מען גאָר ניט זיין קיין גרויסער חכם צו דערגרייכן אַ הויכע עלטער. דאָס קאָן באַווייזן יעדער טאָם, דיק

און הערי . . . אַלעס וואָס אַ מענטש דאַרף טאָן, איז זען זיך אויס־קלייבן — געזונטע און רייכע טאַטע־מאַמע . . . דאָס אַלץ! דאַן זייט איר כמעט ווי פאַרזיכערט מיט אריכות ימים — פונקט ווי ווען איר ווילט מאַכן אַ לענגערע נסיעה — זעט אַז איר זאָלט קריגן אַ גוטן אויטאָמאָביל . . . און אַז איר ווילט שוין האַלטן אין אויסקלייבן טאַטע־מאַמע, איז ראָט איך אייך, ווי גאָט איז אייך ליב, קלייבט אויס ניט קיין אידישע . . . איר וועט זיך איינשפּאָרן אַ היפּש ביסל עגמות נפש . . . אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט די הויפּט זאַך: די הויפּט זאַך איז צו זיין אייביק פאַרליבט . . . אַ מענטש וואָס איז כסדר פאַרליבט — קאָן ניט אַלט ווערן! איבערהויפּט ווען ער איז פאַרליבט אין זיינע מיטמענטש ן און אין פ ר י י ה י י ט און אין יושר, און איז גרייט צו קעמפן דערפאַר. דאַן פאַרזיכער איך אייך, אַז איר וועט אייביק יונג זיין. דער אמת איז, אַז מיר האָפן, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען דער מענטש וועט געבוירן ווערן מיט אַ ס אָ צ י אַ ל ן א י נ ס ט י נ ק ט . און ער וועט האָבן אַ געזונטן געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט. אָבער ביז דאַן — מוז מען דעם מענטשן לערנען צו אַנטוויקלען אַ סאָציאַלן באַוואוסטזיין און אַ געפיל פאַר יושר. און דער מענטש, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַט דער אַרבעט, קאָן זיין אייביק יונג, און דערגרייכן אַ הויכע עלטער. עס וואָלט ניט געשאַדט, אַז אַט דער מענטש זאָל ווי ווייט מעגלעך — זינגען און לאַכן. אַ מענטש, וואָס קען ניט לאַכן, איז עפּעס דער מער מיט אים. איך וואָלט מורא געהאַט צו נעכטיקן אונטער איין דאַך מיט אַ מענטשן, וואָס קען ניט לאַכן.

נאָך אַ זאַך דאַרף אַ מענטש זיך לערנען אויסצומיידן, נעמלעך: ער דאַרף אויסמיידן צו טראָגן שנאה אין זיין האַרצן. דעם מענטשנס גרעסטער שונא איז — שנאה. דאָס איז זייער אַ געפערליכער גיפט, וואָס פאַרדאַרבט דאָס אייגענע האַרץ. און עס מוז אַלט ווערן פאַר דער צייט . . .

איך האַלט, אַז כדי צו בלייבן אייביק יונג — דאַרף דער מענטש אויפשטיין יעדן פרימאָרגן מיט אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט פאַר גאָטס שיינער וועלט — און אַלע זיינע באַשעפענישן. ער דאַרף זיין פאַר־ליבט אין דער פענאָמינע פון אַ זון־אונטערגאַנג. און דאָס צוויבערפולע

פויגל געזאַנג אין וואַלד — איידער די זון גייט אויף — דאַרף אַנפילן זיין האַרץ מיט אומבאַשרייבלעכער פרייד. און ווען ער זעט אַ שטור־רעם אויפן ים אָדער דעם כישוף, וואָס די לבנה גיסט אויס אויפן ווייסן זאַמד אין דעם מדבר, אָדער, ווען ער הערט קינדערשן געלעכטער, אָדער די צויבערלעכע טענער פון יאַשאַ חפץ׳ס פידל — דאַרף ער זיך אַראָפּ־לאָזן אויף די קני און פאַרלייגן די הענט און אויסדריקן דאַנק צו דעם באַשעפער, וואָס האָט אים געגעבן אַ אויג צו זען, אַן אויער צו הערן, אַ האַרץ צו פילן.

אַ מענטש דאַרף קיין מאָל ניט מיד ווערן פון קוקן אויף דעם סודותפולן אויסגעשטערנטן הימל. און — אויך אויף די פונקט אַזוי געהיימניספולע מענטשלעכע פנימער . . . אויב זיי האָבן נאָך ניט פאַרלוירן דעם קינדערשן שמייכל . . . .

איך האָב זייער ליב צו קוקן אויף די אָפענע גוטמוטיקע פנימער פון קינדער (קליינע און גרויסע קינדער). איך וואַרעם זיך אָן — אריינקוקנדיק אין זייערע גרויסע טיף־בלויע אויגן דורך וועלכע עס קוקט אַרויס אַ ליבע, אַ גוטע נשמה.

איך ווייס ניט, ווי איר, נאָר איך, האָב זייער ניט ליב קיין מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר „גרויסע״ און שטאָלצירן מיט זייער גרויסקייט און קוקן אויף אייך פון אויבן אַראָפּ . . . אָט די דאָזיקע מענטשן האָט גאָט אַליין אויך פיינט . . .

בלויע אויגן איז מיין פייוואָריט. איך ווייס דוקא, אַז שוואַרצע אויגן, אויב זיי זיינען נאָר ווייך און וואַרעם — קאָנען אויך זיין זייער שיין. אָבער איך וואָלט צוליב אַ פּאָר שוואַרצע אויגן זיך ניט אויפגע־האַנגען . . . כאָטש איך קאָן אַן אומגליקלעכן מענטשן, וואָס האָט דאָס יאָ געפּרובירט טאָן . . . ער האָט איין מאָל אַריינגעקוקט טיף אין אָט די שוואַרצע אויגן און — ער האָט דאָרט דערזען — דעם גיהנום . . . אָבער די זעלבע שוואַרצע אויגן זיינען געווען אַזוי.שאַרף, אַז זיי האָבן איבערגעשניטן דעם שטריק . . . אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

איך האָב אייך דאָ פּרובירט איבערגעבן מיין פאָרמולע, מיין „רע־סיפּ״ פאַר אריכות ימים — צי דאָס איז מיר געלונגען — ווייס איך ניט. אויב איר האָט אַ בעסערע פאָרמולע פון מיינער — אדרבא, . . . זייט אַ פיינער מענטש און — נעמט ניט אַרויס קיין פּאַטענט דערויף.

היטלער מאַכט אָן אַ חורבן אין מיין אינטערנאַציאָנאַלער משפּחה

ניין. דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. קיין מענטש־לעכע פאַנטאַזיע קאָן אַזעלכע מעשיות ניט אויסטראַכטן. ניט אומזיסט זאָגט דער אַמעריקאַנער אַ ווערטל: „לאַיף איז סטרענדזשער דען פיקשען״ . . . ניט נאָר האָט היטלער ימח שמו חרוב געמאַכט מיין אינטערנאַציאָנאַלע משפּחה. ער האָט מיר אויך צעשטערט מיין שלום בית. און איך שעם זיך פאַר זיך אַליין. איך — דאַרפט איר וויסן — פּונקט ווי אַ סך אַנדערע אימיגראַנטן פון מיט 50 יאָר צוריק, בין אַלע מיינע יאָרן געווען אַ אידעאַליסט און געגלויבט, אַז אַלע מענטשן זיינען ב ר י ד ע ר און „דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם״ וועט ברענגען די גאולה פאַר אַלע אונטערדריקטע מענטשן קינדער, און אונדז אידן בתוכם. דערפאַר טאַקע האָב איך מיינע דריי זין און צוויי טעכטער ניט געגעבן קיין רעליגיעזע דערציאונג. איך האָב גערעכנט, אַז ווען זיי, די קינדער, וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי מיט זייער אייגענעם שכל געפינען דעם וועג צו גאָט און זיי וועלן אים דינען ווי זיי פאַרשטייען.

אַזוי האָט מיך געלערנט מיין באַגריף פון טאָלעראַנץ און שכל הישר. געגלויבט האָב איך זייער שטאַרק אין דעם כוח פון „אויפקלערונג״. ס׳איז מיר דאַן צו יענער צייט, אפילו ניט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז אַ מענטש קאָן זיין „אויפגעקלערט״ און אין דער זעלבער צייט זאָל ער זיין אַ באַרבאַר און אַ קאַניבאַל . . . אָבער ניט דאָס בין איך אויסן . . . איך וויל בלויז זיך מורה זיין, אַז ווען מיינע קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, און אַלע דריי זין מיינע האָבן חתונה געהאַט מיט ניט קיין אידישע מיידלעך, האָב איך אין דעם געזען אַ דערנענטערונג פון דער אַזוי שטאַרק געגאַרטער מענטשנפאַרברידערונג . . .

איך האָב געקראָגן דריי ניט אידישע מחותנים פון דריי פאַרשידענע נאַציעס. מיין עלטסטער זון האָט מיר געגעבן אַ רוסישן מחותן אַ קאָמוניסט. דער צווייטער — אַ איטאַליענער, וואָס איז אַ פרומער קאַטאָליק. און דער דריטער זון מיינער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ

מחותן, וואָס איז אַן איירישער און די מחותנתטע איז דוקא אַ סקאָטש־ער איז אַ קאַטאָליק און זי איז גאָר אַן אפיקורסטע, וואָס „אינגערסאָל" איז איר גאָט . . . אָבער גליקלעכערווייזע האָבן זיי ביידע ליב דעם זעלבן סאָרט שנאַפּס — און דאָס העלפט אָנצוהאַלטן דעם שלום בית... דאָס איז נאָר בדרך אגב. שיין איז געווען, וואָס די ערשטע צייט איז דעם איירישן מחותן ניט אָנגעשטאַנען דער שידוך . . . אָבער ווען עס האָט פּאַסירט, אַז דריי חדשים נאָך אונדזערע קינדערס חתונה האָט זיין גרעסטע טאָכטער געבוירן אַ צווילינג . . . איז דער איירישער מחותן מיינער געוואָרן אַזוי באַגייסטערט פאַר מיין זונס בריהשקייט, אַז ער האָט זיך געלאָזט לייכט איבערבעטן און מיר האָבן געטרונקען לחיים.

אָבער דאָס אַלץ איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס די צוויי טעכטער מיינע האָבן דוקא חתונה געהאַט מיט אידישע יונגעלייט. און די איראָניע פון מיין שיקזאַל איז נאָך געווען אַזוי, אַז איינער פון מיי־נע אידישע מחותנים איז געווען אַ רב . . . אמת, ניט קיין גאַנצער רב . . . ער איז געווען אָנגעשטעלט אין אַ קליינעם אידישן ישוב אויף דער פּראָווינץ אַלס רב, שוחט און חזן. און שטילערהייט פלעגט ער פאַר־קויפן שנאַפּס און ווײַן אויף פּסח . . . עס איז געווען אין צייט פון פּראָהיבישאָן. דער צווייטער אידישער מחותן מיינער איז געווען אַ ציין דאָקטאָר, דוקא אַ גאַנץ פיינער איד, נאָר ער איז אַ פאַרברענטער קאָמוניסט . . . אַז אָט די אַלע פינף אינטערנאַציאָנאַלע מחותנים מיי־נע פלעגן זיך אַמאָל צוזאַמענקומען באַ מיר אין הויז, פלעג איך איינ־נעמען חרפּות בזיונות פון אָט די צוויי אידישע מחותנים, וואָס פלעגן זיך אַרומרייסן ווי די קעץ, בעת די דריי קריסטלעכע מחותנים פלעגן זיצן, טרינקען ביר און שווייגן און גרויס הנאה האָבן פון דעם ספּעק־טאַקל ווי צוויי אידן קריגן זיך, זידלען זיך איינער דעם צווייטן מיט די ערגסטע עפּיטעטן. און אַלץ לשם שמים . . . איבערהויפּט איז זיי־ער שווער געווען צו פירן אַ געשפּרעך מיט מיין רב׳נישן מחותן, וואָס פלעגט האָבן אַ מיאוסע טבע — ענטוועדער אַרויסכאַפּן ווערטער פון אייער מויל . . . אָדער נאָכזאָגן יעדעס וואָרט וואָס איר רעדט אַרויס . . . אָדער פּרובירן טרעפן אַפריער, וואָס איר ווילט זאָגן . . . אַזוי, אַז ער פלעגט ניט ווילנדיק און ניט וויסנדיק אַרבעטן אויף אייערע נערוון

און אייך אַרויסברייינגען פון די כלים . . . מילא, בקיצור, איכ׳ל אייך לאַנג ניט ברייען, מיר איז ווי עס איז געלונגען אָנצוהאַלטן די האַרמאָ־ניע און שלום בית אין מיין אינטערנאַציאָנאַלער משפחה — ביז עס איז אין אַ בייזער שעה געקומען — היטלער ימח שמו וזכרו. און ער האָט מיר אָנגעמאַכט אַ חורבן און צעשטערט אַלע מיינע איליוזיעס, אַ ניכפּע אויף אים. גיי, ריכט זיך, אַז פּלוצלונג וועלן מיינע דריי אַסי־מילירטע קינדער, די זין מיין איך, ווערן באַוואוסטזיניקע פרומע אידן? נישט נאָר דאָס אַליין. זיי האָבן נאָך טענות צו מיר, הלמאי האָב איך זיי ניט געלערנט קיין אידישקייט — איר הערט כאָטש וואָס דאָ טוט זיך? מיינט איר דאָך אַז דערמיט האָט זיך שוין געענדיקט מיינע צרות. קריג איך איין שיינעם טאָג אַ בריוול פון מיין אינגסטן זון דזשאָדזש, דער וואָס האָט חתונה געהאָט מיט דער איירישער שיקסע. שרייבט ער מיר, אַז ער בעט מיך צו קומען צו זיין זונ׳ס, מיין איי־ניקל׳ס, הייסט עס, בר מצוה פּאַרטי.

און ווען אַ שטייגער דענקט איר קומט אים אויס צו מאַכן די בר־מצוה פּאַרטי, דוקא אום קריסטמעס! און דער זון מיינער בעט מיך איך זאָל קויפן די „וואטשע מעקאָלעם" וואָס מען טוט אָן אויפן קאָפּ, די תפילין, הייסט עס. און אויך אַ טלית׳ל זאָל איך קויפן און דאָס וועט זיין מיין ק ר י ס ט מ ע ס פּ ר ע ז ע נ ט פאַרן אייניקל, וואָס ווערט בר מצוה . . .".

אויך לאָזט ער מיר וויסן, אַז „דזשוניער׳ס" צווייטער גרענד פּאָ־טער האָט אים געקויפט אַ גאָלדן צלמ׳ל אַ בוירטהדיי מתנה. און ער, דער צווייטער גרענדפּאָ האָט אויסגעלערנט ס׳אייניקל אַ בר מצוה ספּיטש, וואָס איז אַ מאַסטער פּיס! (זיין צווייטער גרענדפּאָ איז אַ הויך־שוללערער).

מילא, בקיצור, כ׳האָב אַוועקגעלייגט מיין אינטערנאַציאָנאַליזם אָן אַ זייט, גענומען ס׳ווייב און געגאַנגען צו דער בר מצוה פּאַרטי. אָבער דער אמת איז, אַז ס׳האַרץ איז מיר געווען שווער . . . מיינע צוויי אי־דישע מחותנים זיינען ניט געקומען. געקומען זיינען די גויאישע. מיין איטאַליענער מחותן האָט מיטגעבראַכט דעם אמתן איטאַליענישן זויערן וויין אַ פּאָר גאַלאָן, און מיין רוסישער מחותן האָט מיטגעבראַכט די אמתע וואָדקאַ, און מיר האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין ביז אין וייסן

טאָג אַריין. דאָס אייניקל מיינס האָט שטאַרק אויסגענומען מיט זיין בר מצוה ספיטש, וואָס ער האָט געהאַלטן שטייענדיק אָנגעטאָן אין די תפילין מיטן זיידענעם טליתל און מיטן גאָלדענעם צלמל אויפן האַלדז . . . איך האָב אויך געהאַט צוגעגרייט אַן אינטערנאַציאָנאַלן ספּיטש לכבוד מיין אייניקל׳ס בר מצו פּאַרטי. אָבער צוליב דעם וואָס מיין רוסישער מחותן איז אַ קאָמוניסט, דער איטאַליענער — אַ האַלבער פאַשיסט און דער איירישער מחותן מיינער איז אַ וואַרד־פּאָליטישן, וואָס לאַכט זיך אויס פון אַלע „איזמען״, האָב איך באַשלאָסן בעסער צו שווייגן און ניט אַרויסרופן קיין בייז בלוט אין מיין אינטערנאַציאָנאַלער משפחה. און ווען מיין זון האָט מיך גערופן צום „וואָרט״, האָב איך זיך אַנטשולדיקט אונטער דעם אויסרייד, אַז די איטאַליענישע ספּאַגעטי און די רוסישע פּיראָזשקי און דער איירישער סטיו, וואָס איך האָב געגעסן, האָבן מיר פאַרשאַדט און איך האָב אַ חוץ האַרצווייטיק אויך בויך־ווייטיק, ניט פאַר אייך געדאַכט.

◆

אַ אידיש בריוול פון מיין טאָכטער

(זי איז דריי יאָר געגאַנגען אין שלום עליכם שול)

(הומאָרעסק)

ליבער אָלדמען:

דו מיר שרייבסט, איך שוד ניט פאַרגעסן אַז סאַם אָוו דיס דייעס, וועלן קוממען די יאָמים נאָראָנים — בעגענונג מיט ראש אשאָנע און ענדיגן מיט סימקעס תורה. און דו ווינשט מיר איך זאָל דערלעבן אוועראָיי יעיר, און איך זאָל קאָסענע האָבן, בעקאָז דו און מאָמע ווילט דערלעבן אָביסל נאָכעס פון מיר.

ליבער אָלדמען. מיר דאָכט זיך אַז איר ביידע זייט שוין גרוי און אַלט געוואָרן פאַר דער צייט — אַלץ צוליב דעם נאָקעס וואָס איר האָט פון די אַנדערע קידס — סאָ האָט איר נאָך אַלץ ניט גענוג? און איר מיינט, אַז איך וועל זיין אַזאַ דעם פול און אָוועקלייגן אַלע אַרבעט,

און גיין קאַסענע האָבן דזשוסט ביקאָז איך זאָל אייך געבן מער נאַקעס — נאַטהינג דואינג — נאַט מי ! ! ! איך האָב דזשוסט נאָר וואָס פאַרטיק געוואָרן מיט קאָכן ברעקפעסט, און טריקענען די דישעס, און איך גרייט זיך גיין צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איך מוז אומבעדינגט אויסשניידן דאָס פלייש פון מיין דאַיעט — אַז ניט וועט קיין טיר ניט זיין ברעט גענוג פאַר מיר. סילי — איזנט הי?

דו, ליבער אָלדמען, ביזט געוואָרן אין קייז אויף מיר און ביזט אַרויס פון די דישעס (כלים) אַלמיי איך גיי אין קאלעדזש נעמען אַ קורס אין שאָרט סטאָרי רייטינג. דו זאָגסט אַז איך בין אַ דזשעק־עסס. און אַז איך פרעג דיך פאַר אַ ריזן, זאָגסטו אַז דו האָסט נאָך ניט געהערט אַז אַ נאַכיטגאַל זאָל זיך גייען לערנען זינגען. און אַז איך זאָג דיר אַז דו רעדסט נאָנסענס — ענטפערסטו מיר אַז ווען — טשעכאָוו, אָדער מאָפּאַסאַן, אָדער גאָרקי, זאָל געווען זיך לערנען די קונסט פון שאָרט סטאָרי רייטינג — וואָלטן זיי געווען געשריבן פאַר דער סאַטערדיי איווינינג פּאָוסט, אָדער די טרו סטאָרי מאַגאַזינס. — דאַרויף ענטפער איך דיר: ס אָ   ו ו ה אַ ט ? האַו מאַטש מאָר — קריגסטו פאַר דיין שרייבן אין דער פ. א. ש. — אָלדמען? וועל, עס קוקט מיר אויס, אַז מירביידע קאָנען אפילו ניט אַגריען, צו דיסאַג־ריען און ניט זיין דיסאַגריעבל. באָט ליסן אָלדמען. נעכטן האָב איך גענומען מיין צווייטן לעססאָן אין שאָרט סטאָרי רייטינג, און דער טיטשער האָט פאַר אונדז געלייענט אַ שאָרט סטאָרי וואָס הייסט: „באָנטשי די סיילענט“ פון אַ אידישן אָוטאָר מיטן נאָמען פערעץ. דיד יוא עווער היר אָוו הים דעדי? דער טיטשער זאָגט, אַז באָנטשי די סיילענט ווערט אָנגענומען אַלעס איינע פון די 15 בעסטע שאָרט סטאָריס אין דער וועלט ליטעראַטור. — איז דאָס אמת, דעדי?

אָבער די פאָן אָוו איט איז, אַז ווען דער טיטשער האָט געפינישד לעזן האָט ער באַ אונדז געפרעגט: אין וואָס עס באַשטייט די גרויס־קייט פון באָנטשי דעם סיילענט? איך האָב ניט געקאָנט אָפּמאַכן מיין מיינד, ווייל עס איז ניט געווען קליר גענוג פאַר מיר צו דעסיידן — צו דער אָוטאָר, פערעץ, האָט מורא געהאַט אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“ זאָל ניט מאַכן דעם האַט ראָל און באָטער — פאַר דעם הויפט ציל אין לעבן? אָדער — האָט ער געוואָלט ווייזן ווי אַזוי

ווילד און האַרצלאָז עס זיינען די מענטשן — צום פּראָסטן אַרבעטער — וואָס רעזעמבלד אַ ביסט אָוו באָרדן? אויב איך קאָן מיין אָלדמען — וועסטו מיר ווידער אָנרופן דזשעק־עסס. אָבער איך בין ווילעק צו רייזיקירן דזשאָסט צו הערן פון דיר ווהאָט יוא טהינק אָוו איט?

גיב דער מאַמעלע אַ גוטן „האָג“ פון מיינעטוועגן ענד עז פּאָר יו אָלד מען: איך ראַט דיר זאָלסט ניט פּאַרלירן דיין טעמפּער אַזוי אָפט און ניט אַרויס פו די דישעס, ווייל דו קאָנסט נאָך קריגן היי בלאָד פּלעזשער — און דאָס איז ניט גוט פּאַר דיר, — איך שיק דיר מיין לאָוו עז עווער, דיין טאָכטער.

פּ.ס. עס קאָן זיין, אַז סאַם אָוו די טעג וועל איך דיר צושטעלן אַביסל נאַקעס עפּטער אָלל. ווייל עס שאַדקענט זיך צו מיר אַ גאַנץ פיינער קאַטוילעשער בחור . . .

מיין גרויסער גאַסט

איך בין געזעסן אין אַ שפּעטער אָוונט שטונדע ביי מיין ראַדיאָ און זיך איינגעהערט צו בעטהאָווענ׳ס זיבעטע סימפאָניע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן פון דעם פילאַדעלפיער אָרקעסטער.

איך בין זיך מודה, מיינע ליבע פריינטלעכע לעזער, אַז אין דעם מאָדערנעם קולטור טעמפּעל, וואו די מענטשן ליגן אויף די קני און דינען צו די פאַרשיידענע געטער, ווי למשל, מוסאָליני, סטאַלין, היטלער א. אז. וו., זיך איך ליבערשט ביי די פיס פון אַ בעטהאָווען און לאָז זיך אויף זיינע פליגל אַוועקטראָגן ווייט ווייט פון דער העסלעכער משוגע געוואָרענערווירקליכקייט.

ס׳קאָן זיין, אַז איר וועט אָט דאָס אַנטלויפן מיינס פון דער ווירקלעכקייט באַטראַכטן אַלס אויך אַ משוגעת פון דער היינטיקער צורודערטער צייט, אָבער אַזוי איז עס. און איך וויל אייך דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט.

אָט דאָ ניט לאַנג צוריק, ווען איך בין אין אַ שפּעטער שטונדע געזעסן אין מיין לעהנשטול ביי דער ראַדיאָ און זיך איינגעהערט צו

בעטהאָווענ׳ס זיבעטע סימפאָניע — ווען ס׳האָט זיך פּלוצים געעפנט מיין טיר און עס האָט זיך באַוויזן די נידעריקע, פעסט געב:יטע געשטאַלט פון — יאָ, דאָס איז ער, כ׳האָב אים גלייך דערקענט — לודוויק פאַן בעטהאָווען.

כ׳האָב געוואָלט אויפשפּרינגען פון אָרט, כדי אים צו באַגריסן און געבן אים מיין באַקוועמען לעהנשטול, אין וועלכן איך בין געזעסן, אָבער, פון גרויס איבעראַשונג בין איך ווי פאַרגליווערט געוואָרן און זיך ניט געקענט רירן פון אָרט.

מיין גרויסער גאַסט איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו מיין ראַדיאָ, האָט צוגעלעגט דעם אויער צו דעם מאָדערנעם אינסטרומענט און זיך איינגעהערט ווי ניקאָלאַי סטאָקאָווסקי מיט זיין פילאַדעלפיער אָרקעסטער שפּילט זיין אומשטערבליכע קאָמפּאָזיציע — די זיבעטע סימפאָניע.

אַ צוטומלטער און דערשראָקענער האָט ער גענומען באַטראַכטן דעם אינסטרומענט פון אַלע זייטן און געזוכט פון וואַנען די מוזיק קומט? . . . וואו זיינען ערגעץ באַהאַלטן די שפּילער? . . .

איך בין באַלד צו זיך געקומען פון מיין ערשטער איבעראַשונג און בין אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט, צוגעגאַנגען צו דעם אָנגעלעגטן גאַסט און אים גענומען דערקלערן דאָס גרויסע וואונדער פון דער ראַדיאָ . . .

— איך ווייס ניט, גרויסער מייסטער, צי קענסטו דאָס פאַרשטיין . . . אָבער דו מוזט וויסן, מיין טייערער, זאָג איך, אַז די גרעסטע גייסטער און דזשעניען פון דעם צוואַנציגסטן יאָר־הונדערט האָבן זיך אָפּגעגעבן הויפּטזעכליך מיט טעכנישע דערפינדונגען. און, אַז אַ דאַנק דעם זיינען אויף דעם געביט אויפגעטאָן געוואָרן וואונדער איבער וואונדער. צו פאַרדאַנקען אָט די גרויסע, געניאַלע מוחות, וועלכע פלעגן אַמאָליקע יאָרן שרייבן מוזיק אָדער שרייבן ביכער און פּאָעזיע גיבן זיי זיך איצט אָפּ מיט טעכנישע דערפינדונגען, ווערענד מיט ליטעראַטור, פילאָזאָפיע און פּאָעזיע באַשעפטיקן זיך איצט שניידער, שוסטער און סטאָליאַרעס . . .

דער גרויסער בעטהאָווען קוקט אויף מיר מיט גרויסע צושראָקענע אויגן, און איך זע ווי ער רוקט זיך הינטערווייל׳עכטס אָפּ פון מיר,

אָבער איך מאַך זיך ניט וויסנדיג און רעד ווייטער מיט באַגייסטערונג.

— שטעל זיך פאָר, זאָג איך, דעם גוואַלדיקן פּאָרטשריט וואָס מיר האָבן געמאַכט אויף אַלע געביטן פון דער טעכניק און דערפינדונג, אַז אַ 10־יאָריג קינד קאָן זיך אויפהויבן צום הימל אין אַן עראָפּלאַן און אַראָפּוואַרפן „שטינק באָמבעס" וואָס קאָן דערשטיקן אַ וועלט מיט מענטשן . . .

— אונזער אויטאָמאָביל אליין — שריי איך אויס מיט שטאָלץ — הרג'עט אויס יעדן יאָר אַרום פופציג טויזנט מענטשן . . . יעס, סער! זאָג איך, און איך זע ווי דער אָרימער גאַסט מיינער קוקט אויף מיר ווי אויף אַ משוגענעם . . . שאַט, זאָג איך, וואָס דאַרפט איר מער? מיר פּראָדוצירן מיט דער הילף פון דער מאָדערנער טעכניק אַזוי פיל שפּייז, אַז אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג גייט אויס פון הונגער . . . סאָ העלפּ מי גאָד ווי איך זאָג דיר דעם אמת.

אָבער מיין גרויסער גאַסט גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און לעגט צו דעם אויער צו דער ראַדיאָ פון וואַנען עס הערט זיך זיין זיבעטע סימפאָניע און עס שיינט אַז עס געפעלט אים, ווייל דער טיפער טרויער און מעלאַנכאָליע, וואָס איז געלעגן אויף זיין ברייטן טונקעלן פּנים, איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן און זיין פּנים איז באַלויכטן געוואָרן פון אַן אינערליכער גרויסער פרייד.

דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל די מוזיק איז פּלוצ־לונג געשטערט געוואָרן דורך אַ רויער האַרטער מענער שטימע, וועלכע האָט זיך ברוטאַל אַריינגעריסן אין סאַמע מיטן פון די עדעלסטע און צאַרטעסטע טענער פון דער סימפאָניע, און די שטימע האָט געזאָגט: פונקט אַזוי ווי בעטהאָווען'ס סימפאָניע האָט צו זיך קיין גלייכן אין דער וועלט פון מוזיק, פונקט אַזוי האָט דער „אלעקסיר סיגאַרעט" קיין גלייכן אין דער סיגאַרעטן וועלט . . . און ווער עס וויל אייביק יונג בלייבן און לעבן ביז הונדערט יאָר, דער זאָל נאָר רויכערן אונדזער „אלעקסיר סיגאַרעט" . . .

ווי געביסן פון אַ שלאַנג האָט דער מוזיק מייסטער אַ שפּרונג גע־טאָן און זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר שרייענדיג:

— טייפל און העלע! דאָס איזט דאך אַ דול הויז, דאָנער וועטער, אַ דול הויז!

קוים מיט צרות איז מיר געלונגען אים צו באַרוהיקן, האָב אים אַריינגעזעצט אין מיין באַקוועמען לענשטול, וואו ער איז געזעסן און געציטערט מיט אַלע אברים און ער האָט געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן — מיין מוזיק ווערט באַנוצט צו פאַרשפרייטן סיגאַרעטן גיפט, מיין מוזיק? . . . ווי זאָל איך דאָס באַגרייפן? . . .

— באַרוהיקן זיי זיך, גרויסער מייסטער, זאָג איך. באַרוהיקן זיי זיך, דאָס איז דאָך בלויז אַן אַדווערטייזמענט, דאָס איז דאָך ביזנעס יו נאָו . . . מיר שעצן זיך דאָך גליקלעך וואָס מיר האָבן די אַדווערטייזמענטס, זאָנסט וואָלטן מיר קיין סימפאָניע, מוזיק איבערהויפּט ניט געהאָט . . . זי מוסן ניט פאַרגעסן, זאָג איך, אַז ווען די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך געענדיגט איז די גאַנצע מענטשהייט געשטאַנען און „געשימיט". דערנאָך האָט די מענטשהייט אָנגעהויבן צו „דזשעזעווען" און זי דזשעזעוועט נאָך—דערפאַר טאָקע זיינען מיר דאַנקבאַר וואָס די געשעפטסלייט האָבן איינגעשפּאַנט אונדזערע קינסטלער אַרומצוטראָגן זייערע אַנאָנסן כדי מיר זאָלן קענען געניסן פון זייער קונסט . . .

דער מייסטער איז געזעסן און געקוקט אויף מיר אַזוי ווי אויף אַ צודרייטן . . . און כדי אים נאָך מער צו באַרוהיקן האָב איך אַ דריי געטאָן דאָס רעדל פון ראַדיאָ און עס האָט זיך דערהערט ראָזאַ פּאָנסעל'ס זיסע שטימע. אָבער אַזוי ווי דער גרויסער מייסטער איז געווען ניט פאַר אייך געדאַכט, אַביסל טויבלאך, האָב איך אים געהאָלפן זיך אויפהויבן און אים צוגעפירט צו דער ראַדיאָ, וואו ער האָט צוגעלעגט דעם אויער און — ווידער איז זיין דונקעלער כמורנער פּנים באַלויכטן געוואָרן פון פרייד. ער האָט געדרייט מיט'ן קאָפּ און געמורמלט: מיין גאָט, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע שטימע, וואָס פאַר אַ געטליך געשאַנק!

אָבער פּלוצלונג האָט זיך ווידער אַריינגעריסן די זעלבע מענער שטימע און די שטימע האָט געזאָגט:

— פּונקט ווי זיס און געשמאַק עס איז ראָזאַ פּאָנסעל'ס געטליכע שטימע, אַזוי זיס און געשמאַק איז אונדזער „קאַסטאָריע" נאָך וועלכער אייערע קינדער וויינען און בייינקען בייטאָג און ביינאַכט . . .

און ווידער איז דער גרויסער בעטהאָווען אָפּגעשפּרונגען ווי אַן

אונטערגעשאָסענער פון דער פאַרפלוכטער ראַדיאָ. דאָס מאָל האָט ער זיך געלאָזט לויפן גלייך צו דער טיר.

איך האָב אים קוים איינגעבעטן, ער זאָל כאָטש נאָך איין מאָל הערן עפּעס אויף דער ראַדיאָ. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כחות אים צו דערקלערן, אַז ניט אַלעס איז דורכגעפּרעסן פון דעם פאַרדאַרבענעם קאָמערציאַליזם . . . אַז עס איז נאָך פאַרבליבן ביי די מענטשן אַביסל אידעאַליזם אויך . . .

מיין גאַסט האָט זיך אַביסל באַרוהיגט און איך האָב ווידער אַ דריי געטאָן דאָס רעדל פון מיין ראַדיאָ. עס האָט זיך דערהערט אַ גע־זאַנג פון טויזנטער העלזער אויסגעמישט מיט אַפּלאָדיסמענטן. באַלד איז געוואָרן שטיל און עס האָט זיך דערהערט אַ הייזעריקע שטימע, וועלכע איז געווען אַזוי האַרט ווי שטאָל און אַזוי שטעכיק ווי אַ שפּיז. און די שטימע האָט גערעדט:

— ברידער און שוועסטער! אויב איר ווילט באמת גליקליך מאַכן אונדזער משיח, אונדזער דערלייזער, אַדאָלף היטלער, דאַן זאָלט איר זען אונדזער שטאָלצן רהיין רויט מאַכן מיט דאָס יודען־בלוט, דאַן זאָלט איר אויף יעדן לאַמטערן אויפהענגען יודען, דאַן זאָלט איר זען, אַז אונדזער פאַטערלאַנד זאָל פריי זיין פון די פאַרדאַמטע שמוציקע יודען . . . וואָס האָבן רואינירט אונדזער לאַנד . . .

מיין גאַסט, דער גרויסער מייסטער בעטהאָווען, האָט געעפנט מויל און אויערן און זאָגט צו מיר:

— גאָט מיינער, איז דאָס אַ חלום? אָדער איז ער וואָר? . . . איז דאָס ניט אַ דול הויז? . . .

— אָך, ניין, ניין, זאָג איך, מיין געהערטער גאַסט, דאָס איז ניט קיין חלום. ניט קיין דול־הויז — דאָס איז דער „פּראָגרעס פון צוואַנ־ציגסטן יאָרהונדערט״, נאָר אויב דו ביזט ניט אין דער שטימונג צו הערן די דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט אויף דעם געביט פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט . . . אין דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, דאַן וועל איך דיר ווייזן מיט וואָס אונדזער מענטשהייט אַמוזירט זיך אויף דעם חשבון פון עקס־לאַקס, גרינער זייף און קאָס־מעטיקס, און איך האָב אים געוויזן אַ סעמפּל פון „מיקי מאַוז״, „רודי וואַלי״ און „איימאָס און ענדי״ און נאָך, און נאָך „ליבלינגע פון פאָלק״

. . . אָבער מיין גאַסט איז געוואָרן ווילד און האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין ראַדיאָ, זי אַ שליידער געטאָן צו דער ערד און מיט אַ דרייפּאַכן פלוך איז ער אַרויסגעלאָפן פון מיין שטוב . . .

פון דעם קלאַפּ וואָס ער האָט געטאָן מיט דער טיר האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

דאָס בין איך אַראָפּגעפאַלן פון ביינקל זיצענדיג שפּעט ביינאַכט ביי דער ראַדיאָ.

נאָכן סטרייק

(דערציילונג)

געשריבן אין 1902.

דאָס איז געווען אין אַ כמורנעם פּראָסטיקן פרימאָרגן אין דע־צעמבער.

נאָך אַ צען־וואָכיגן סטרייק האָבן מיר אַלע — הונגעריגע, אָפּגע־ריסענע, מיט געבויגענע קעפּ, זיך אויסגעשטעלט ביים טויער פון דער גרויסער פעקטאָרי, און געוואַרט אויפ׳ן סופּעראינטענדענט, ער זאָל אונדז צוריק אַרויפנעמען צו דער אַרבעט.

געווען זיינען מיר אונגעפער אַ הונדערט מאַן.

דער פייפער האָט שוין געפייפט זיבן אַזייגער. עס איז נאָך ניט רעכט טאָג. די לופט איז פייכט און קאַלט און עסט זיך איין אין די ביינער. בלויז אייניגע טראָגן אַלטע, אויסגעריבענע אויבער־רעק. די קעלט דרינגט אונדז אַלעמען דורך, און מיר שטייען און ציטערן, צוגע־דריקט איינער צום אַנדערן אַזוי ווי שאָף.

ביים אַנדערן טויער פון דער מיטן פון דער פעקטאָרי, דורך וועלכן מען לאָזט אַרונטער די פאַרטיגע אַרבעט, שטייען דריי גרויסע וועגן. צו יעדן וואָגן זיינען צוגעשפּאַנט צו דריי גרויסע שוואַרצע, גוט אָפּגע־פּאַשעטע פערד. זיי, די פערד, זיינען ביז אין האַלז איינגעדעקט מיט וואַרעמע וואָלענע דעקעס, ווערענד מיר שטייען האַלב נאַקעט, די

הענט אַרייַנגעשטעקט אין די אַרבל, און פרירן, קוקנדיג אויף די גליק־ליכע פערד, ווען מיר זיינען מקנא . . .

עס לויפן די מינוטן; דער סופּעראינטענדענט, מר. גריי, קומט ניט אַרונטער. דער עולם ווערט אונרוהיג. די אויסגעצויגענע בלאַסע פּנים׳ער פון די דערשלאָגענע ווערן פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן. זייער בליק איז פינסטער און פאַרצווייפלט — דער ווינטער סטראַשעט מיט הונגער און קעלט. אַלע שטייען שטום, דערשלאָגן און מען הערט זיך איין צו דעם געררויש פון די מאַשינען, וואָס קלינגט איצט אין אונדזערע אויערן, ווי די רייכסטע מוזיק, און ביי יעדן ציטערט דאָס האַרץ: — וועט מר. גרעי אַרונטערקומען? ווער וועלן זיין די גליקלעכע, ווען ער וועט אַרויפנעמען צו דער אַרבעט אין שאַפּ, וואו עס איז וואַרים און ליכטיג, און עס שמעקט דער פרישער ריח פון דאָס געשניטענע האָלץ? . . .

מר. גרעי איז ערשינען פּאַר אונדז פּלוצלונג. קיינער האָט גאָר ניט באַמערקט פון וואַנען ער האָט זיך געיאַוועט. דעם ערשטן מאָ־מענט זיינען מיר געבליבן שטיין גלייך ווי סאָלדאַטן. זיין געזיכט איז געווען פינסטער און ווי פון שטאָל. די גרויסע שוואַרצע אויגן זיינע האָבן געברענט מיט אַ ווילדן פייער. און אַזוי איז ער געבליבן שטיין מיט זיין גרויסן שטאַרקן קערפּער באַוועגלאָז קעגן אונדז. ער האָט אונדז באַטראַכט ווי מיר וואָלטן געווען בהמות צום פאַרקויפן.

מיר אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געשוויגן.

אַ שמייכל פון נקמה האָט געשפּילט אויף זיין גזלנישן פּנים, עס האָט אויסגעזען אַז ער קען זיך גאָר ניט זאַט אָנעסן מיט זיין שנאה און נקמה.

ענדליך דערהערט זיך זיין שאַרפער טרוקענער קול, אַזוי ווי פון אַ פּוסטע פאַס אַרויסקומענדיג:

— וועלל, וואָס ווילט איר? ווהאָט דו יו וואָנט?

די מאַסע, וואָס איז געשטאַנען ענג צוזאַמענגעדריקט, האָט זיך עפּעס ווי אַ ריר געטאָן, און אימיצער האָט פאַרשטיקט אַרויסגע־מורמלט:

— אַרבעט!

מר. גריי האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף דעם איינציגן טרעפּל,

וואָס פירט צום שאַפּ, האָט אַ סעקונדע באַטראַכט יעדן סטרייקער, און אַריינשטעקנדיג די הענט אין די הויזן־קעשענעס האָט ער אויסגערופן: „הו וואָנטס טו גאָ טו וואָרק?" — ווער וויל אַרבעטן?

פון צווישן דער מאַסע האָט זיך אַרויסגערוקט אַ הויכער מאַן פון אַ יאָר פערציג, מיט אַ צעשרויפטן קערפּער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע אברים זיינען עפּעס צעדרייט און צעשרויפט, אַז אָט־אָט צעפאַלט ער אין שטיקלעך.

ער האָט זיך שטיל, אָן ווערטער, דורכגעשטופּט צו מר. גרעי׳ן און איז אַרויף אין שאַפּ.

באַלד הערט זיך ווידער גרעי׳ס האַרטע שטימע.

— דזשים! ער שלעפּט אַרויס די רעכטע האַנט פון קעשענע און מאַכט אַ באַוועגונג אויף שטום־לשון: ער זאָל אַרויפגיין.

און אַזוי האָט ער אויסגעקליבן אַרום פופציג אַרבעטער, און אָן אַ וואָרט צו די איבערגעבליבענע, צו די צום הונגער פאַראורטיילטע, איז ער פאַרשוואונדן.

אין שאַפּ רוישן ווילד די מאַשינען. די אַרבעטער שטייען שטום, מיט געבויגענע קעפּ, און אַרבעטן. עס הערט זיך פון קיינעם קיין וואָרט ניט. עס איז ערשט נאָך מיטאָג. מר. גרעי דרייט זיך אַרום איבער׳ן שאַפּ מיט אַ שטעך־העלצל אין מויל. דער קאַלטער צוקנייטש־טער שמייכל ליגט נאָך אויף זיין פּנים — די אויגן זיינען ביסטרע און שטעכיג. מיט אַ מאָל דערהערט זיך פון דעם ווייטסטן ווינקל פון שאַפּ אַ שאַרפער געשריי, אַ געשריי נאָך הילף, וואָס קלינגט אָפּ אי־בער׳ן גאַנצן שאַפּ, און אַלע בלייבן אויף אַ מאָמענט פאַרגליווערט.

מר. גרעי האָט זיך געלאָזן גיין מיט גרויסע טריט אין דער ריכ־ט נג, פון וואַנען דאָס קול האָט זיך געהערט.

די מאַשינען זיינען האַסטיג אָפּגעשטעלט געוואָרן, און באַלד איז מר. גרעי צוריק געגאַנגען, האַלטענדיג אונטער זיין אָרעם אַ הויכן שלאַנקן יונגן־מאַן. פון זיין רעכטע האַנט האָט געטריפט בלוט.

דער יונגער־מאַן איז ערשט היינט אָנגעקומען אין שאַפּ אַרבעטן — ער איז געקומען פון אַ פאַרם. זיין געזיכט איז געווען פון אַ זעלטן־שיינער איידעלער צאַרטקייט, כמעט אַ מיידעלש פּנים האָט ער געהאַט.

די מאַשין האָט אים אַ פינגער אָפּגעריסן, און דער אָפּגעריסענער פינ־גער איז נאָך געהאַנגען אויף אַ שטיקל הויט.

דאָס בלוט האָט געטריפט אין שווערע גרויסע טראָפּענס, וואָס האָבן זיך צושפּרייט איבער׳ן דיל. מר. גרעי האָט צוגעהאַלטן דעם יונגען מאַן, ווערענד דער בוכהאַלטער האָט מיט פליסיגקייט געזוכט איינצוהאַלטן דאָס בלוט, און מיט אַ טוך פאַרבינדן די האַנט, צוזאַמען מיט דעם אָפּגעהאַקטן פינגער.

די טוידט־בלאַסקייט פון דעם יונגן מאַן איז פאַרשוואונדן נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען אַ היבשע גלעזל שנאַפּס, וואָס דער בוכהאַלטער האָט איהם געגעבן. זיינע מיידעלשע צאַרטע באַקן זיינען טונקל־רויט געוואָרן. און קוקנדיג אויף מר. גריי׳ס פּנים, וואָס האָט נאָך אַלץ געשמייכלט, האָט ער אויך ווײמוטיג אַ שמייכל געטאָן, באַ־מערקענדיג, אַז ער פילט קיין שמערצן ניט מער, ער פילט גאַנץ גוט; בלויז אַ ביסל קאָפּ־שווינדל.

די מאַשינען האָבן ווידער געררוישט און געגרילצט אין די אויערן. די האַמערס האָבן ווידער געקלאַפּט, און מר. גרעי האָט געהייסן איינעם פון די אַרבעטער נעמען אַן עמער וואַסער און מיט אַ בעזים אָפּרייבן די טונקל־רויטע בלוט־פלעקן פון דיל . . .

2

היינט האָב איך איבערגעציילט צוויי־און־דרייסיג מענטשן, וואָס זיינען אַרויפגעקומען פרעגן אויף אַרבעט.

אַ טייל פון זיי זיינען אַלטע „הענד״, וואָס האָבן דאָ אָפּגעאַרבעט יאָרן, יעצט, נאָכ׳ן סטרייק, האָט מען זיי אויסבראַקירט. די איבריגע זיינען געווען פרעמדע.

און יעדעס מאָל וואָס איינער קומט אַריין אין אָפיס פרעגן אויף אַרבעט, זיצט מיסטער גרעי ביים צייכנונגס־טיש, מיט זיין פינצטערן ערנסטן פּנים אריינגעטאָן אין אַ בלויע צייכנונג, און הערט זיך גלייכ־גילטיג איין צו דעם אַלטן לידל: קען מען דאָ קריגן אַ דזשאַב? און ער ענטפערט מיט אַ דריי מיט׳ן קאָפּ, ניט אַ קוק טוענדיג אפילו אויף דעם אָנפרעגער.

אַט קומט אַרויף אַ אידישער פּראָלעטאַריער. ער בלייבט שטיין מיט צושראָקענע אויגן ביי דער טיר פון אָפּיס, און קוקט זיך ווילד אַרום אין אַלע זייטן. מר. גרעי קומט גראַדע אין דעם מאָמענט אַרויס פון אָפּיס מיט אַ צייכנונג אין דער האַנט, די ברילן, געפּאַסט אין אַ שוואַרצער ראַם, ליגן אויפ׳ן צוקנייטשטן שטערן, און ער בלייבט שטיין און באַטראַכט מיט זיינע שטעכיגע אויגן דעם אידישן אַרבעטער. דער אַרבעטער כאַפּט שנעל אַראָפּ זיין אַלטן צודרייטן הוט און פאַרבויגט זיך חניפה׳דיג פאַר׳ן באָס, האַלטנדיג דעם קאָפּ אַביסעלע אָן אַ זייט. מר. גרעי שאַרט אים אַוועק מיט זיין געוויינלעכן דריי מיט׳ן קאָפּ און גייט זיך זיין וועג. דער אַרבעטער שטייט אַ ווייל און קוקט צעשראָקן אויף די מאַשינען, אויף די באַשעפטיגטע אַרבעטער, און ער איז זיי מקנא. ער קען זיין בליק ניט אָפּרייסן, פּונקט ווי אַ קו ווען זי זעט היי, און זי קען ניט צוקומען צו דעם איבער די אייזערנע גראַטעס.

אַט קומט אַרויף פּריץ, אַ דייטש פון אַ יאָר דרייסיג, אַ יונג מיט ביינער און אַ גוטער אַרבעטער, אָבער אַ שיכור, און דערפאַר וויל אים מיסטער גרעי ניט צונעמען צו דער אַרבעט. פאַר׳ן סטרייק האָט פּריץ פאַרמאָגט אַ גאָלדענעם זייגער, שיינע מלבושים — איצט זעט ער אויס ווי אַ טרעמפּ. און אויב עס וועט זיך אים ניט מאַכן — אַזוי זאָגט ער — עפּעס אָן חולמנה׳כן אָדער אָן עלטערעס מעדכען אויף וועמעס חשבון ער זאָל קענען איבערווינטערן, וועט ער זיך אַוועקלאָזן טרעמפּעווען נאָך סאַן פראַנציסקאָ.

אַט קומט אַרויף נאָך איינער, אָבער, אָה, ניין, דער קומט ניט פרעגן אויף אַרבעט! דאָס איז געוויס אַ קאָנטראַקטאָר. זיין זויבע־דער שוואַרצער אַנצוג, זיין פעסטער זיכערער טראָט, דער מונטערער אויסדרוק אויף זיין רויטן פרישן פּנים, דער סיגאַר אין מויל — דאָס אַלעס רעדט דייטליך אַז ער קומט ניט פרעגן אויף אַרבעט . . .

אַט איז דער אַלטער שווייד — האַנס. אויף אים איז אַ רחמנות צו קוקן. זיין גאַנצער איינגעבויגענער קערפּער טרייסלט פון קעלט און שוואַכקייט. זיין גרויע לאַנגע באָרד איז פאַרשטעקט און פאַר־שפּילעט אין דעם אָפּגעבלאַקירטן רעקל.

האַנס האָט דאָ אין דעם שאָפּ אָפּגעאַרבעט פינף־און־צוואַנציג יאָר! זיין ווייב איז שוין לאַנג טויט. צוויי טעכטער האָט ער, איז

איינע פֿארהייראַט צו אַ קוילן־גרעבער, ערגעץ אין די קאָלאָראַדער בערג און די צווייטע — אַך, פֿון דער צווייטער רעדט האַנס ניט גערן — דען זי איז אַוועק אויפֿ׳ן קורצן שלעכטן וועג. ער מוז אַרבעטן אום צו לעבן, אָבער קיינער וויל אים קיין אַרבעט ניט געבן. האַנס איז צו אַלט. דאָ אַהער, צו דעם שאַפּ, ציט עס אים. ער איז שוין דאָ געוועזן אונצייליגע מאָל, און ער קומט ווידער און ווידער.

מר. גרעי אַז ער דערזעט האַנס׳ן אַרויפֿקומען, באַהאַלט ער זיך פֿאַר אים — ער קען אים פֿאַר רחמנות ניט אָנקוקן . . . דאָס מאָל איז געווען אַ מאָדנע געיעג: האַנס איז אַרויף אויפֿ׳ן דריטן פֿלאָר זוכן דעם באָס, איז דער באָס אַראָפּ אונטן דורכ׳ן עלעווייטאָר; איז האַנס אַראָפּ אונטן, איז דער באָס אַרויף אויבן. ענדלעך האָט ער אים געכאַפּטביים אָפּיס פּנים אל פּנים — קוקט מר. גרעי פֿון אויבן אַראָפּ אויף דעם אַלטן האַנס׳ן און לאַכט; דער אַלטער שטרענגט זיך אָן אויסצוגלייכן זיין געבויגענעם רוקן, פּרובירט איינהאַלטן די הענט זאָלן זיך ניט טרייסלען און — לאַכט אויך . . . האַנס בעט אַרבעט: מיר זיינען דאָך אַלטע באַקאַנטע, בעט זיך דער אַלטער, און איך קען נאָך מאַכן אַ טאָג אַרבעט אַזוי גוט ווי די יונגע . . . אָבער מר. גרעי לאַכט און דרייט מיט׳ן קאָפּ: ווירקליך, האַנס, ניטאָ וואָס צו טאָן! זעסט דאָך, אַ העלפֿט פֿון די וואַרסטאַטן שטייען ליידיג.

האַנס לאָזט זיך אַראָפּ די טרעפּ נידערגעשלאָגן, די אַלטע גרויע אויגן פֿאַרלויפֿן מיט טרערן און ער בעט שטי״ל דעם טויט אויף זיך.

דער יונגער מאַן וואָס האָט זיך אָפּגעהאַקט אַ פֿינגער קומט אַרויף. זיין האַנט איז אין גאַנצן פֿאַרבאַנדאַזשירט און עס פֿאַרשפּרייט זיך אַ ריח פֿון יאָדאָפֿאָרם. דער שאַרפֿער ריח איז אַלעמען באַקאַנט — כמעט אַלע אין שאַפּ האָבן אָפּגעהאַקטע פֿינגער. זיין פּנים איז פֿאַרשוואָלן און די אויגן רויט, פֿון ניט־שלאָפֿן. ער בלייבט שטיין ביים אָפּיס און קוקט דורך די גלעזערנע טיר אום צו זען אויב מיסטער גרעי איז אין אָפּיס.

אין אַן אַנדער צייט וואָלטן דעם יונגנמאַן אַרומגערינגלט אייניגע אַרבעטער, זוכנדיג אים צו טרייסטן, אויפֿצומונטערן. דער מאַכט אַ שפּאַס, יענער זאָגט אַ גלייכוועטל, אַנאַדערער וואַרפֿט אַריין אַ ציניש גראָבן וויץ — איצט אָבער, נאָכ׳ן פֿאַרלוירענעם סטרייק, רירט

זיך קיינער פון אָרט ניט, מען האָט מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן, אַ וואָרט אַרויסצורעדן, מען פילט זיך קליין, נישטיג און באַזיגט. דער איינציגער וואָס וואָגט צוצוגיין צום יונגענמאַן איז אַ סקעב, — דער סקעב איז דוקא אַן אַמעריקאַנער, אַ סאָוטערנער איז ער. דאָס איז אַ נידעריגע, געמיינע בריאה, אַ גרויסער קאַליקע צו דער אַרבעט און ווען ניט זיין סקעבעריי וואָלט מען אים אַ טאָג ניט געהאַלטן. אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאָלפן ברעכן דעם סטרייק איז ער אַ גאַנצער תקיף ביים באָס און גייט אַרום שטאָלץ ווי אַ פּאַווע.

אָט קומט אַרויף פרענק, אויך אַ שוועד, אַן אַלטער שכור, פון אַ יאָר פופציג. דורך דעם סטרייק האָט ער כמעט דאָס גאַנצע געצייג זיינס ביסלעכווייז פאַרקויפט און פאַרשכור׳ט. ער גייט וואַקלענדיג צו זיין געצייג־קאַסטן און נעמט פון דאָרט אַרויס די לעצטע צוויי שטיקלעך געצייג און לאָזט זיך גיין, ניט זאָגנדיג קיינעם אַ וואָרט.

מר. גרעי שטייט ביים עלעווייטאָר, קוקט אים נאָך און שמייכלט.

פרענק גייט פאַרביי מיר, שטעלט זיך אָפּ און גיט מיר די האַנט, וועלכע איז קאַלט און טרייסלט זיך פון צופיל טרינקען.

— פרענק, זאָג איך ווייך און סימפּאַטיש, פאַרקויף ניט דיין לעצטע ביסל געצייג. ווי וועסטו קענען ערגעץ אַרבעטן אָן געצייג?

אַ סעקונדע באַטראַכט ער מיך, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און פינטלט מיט די גלעזערנע אויגן. עט! זאָגט ער, מיר איז אַלץ איינס! לעצטע נאַכט האָב איך געמוזט שלאָפן ביי דער סאַלוויישאָן אַרמי. די ווייב האָט אים ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב, און אַז איך האָב גענומען שטאַרק קלאַפּן אין טיר, איז אַרויס דער עלטסטער זון מיינער און מיך אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ.

באַלד איז צוגעקומען אונדזער ליבער סופּעראינטענדענט און גע־אָרדערט פרענק׳ן צו גיין זיין וועג און ניט „באַדערן“ קיינעם.

◆

אונדזער סינטעטישער פּלעזשור . . .

(פעליעטאָן)

איר האָט שוין מסתמא באַמערקט, אַז ביג־ביזנעס צוזאַמען מיט דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע, האָבן זיך שטילערהייט אַריינגע׳גנב׳עט אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער קאָמפּליצירטן מאָדערנעם מענטש־לעכן צוזאַמענלעבן (כ׳האָב שיער ניט געזאָגט: צוזאַמענ־שטאַרבן...) און זיי האָבן אַלעס ס י נ ט ע ז י ר ט , אפילו אונדזערע פּ אַ ר־ג ע ב י ג ע נ ס , אונדזער „פּלעדזשור" איז סינטעזירט געוואָרן — אַזוי, אַז ווען איר גייט איצט אַריין אין אַ מעכאַנישן קונסט־טעמפּל, (איך מיין די קינאָ), קריגט דאָרט יעדער וואָס זיין האַרץ גלוסט — פון אַ טענצל ביז אַ פּויסט־געפּעכט, פון אַ לידל ביז אַ ראַמבאַ.

עס איז אמת, אַז פאַר אונדזערן אַ מענטשן, איז שווער צו פאַר־דייען אָט דעם סינטעטישן טשאַפּסיו פון אונטערהאַלט. אָבער איך זע ווי דער יונגער דור באַלעקט זיך מיט דעם מאכל . . . אַז איך גיי פאַרביי אַמאָל אַזאַ קונסט־טעמפּל און זע, ווי עס שטייען הונדערטער מענטשן אין ליין שטונדן לאַנג, כדי צו געניסן אָט דעם פאַרגעניגן— ווערט מיר עפּעס קאַלעמוטנע אויפן האַרצן . . . און איך הויב אָן צווייפלען אין דעם פּראָגרעס פון אונדזער צייט . . .

איך ווייס, אַז אויף פילע עקאָנאָמישע געביטן האָט דער סינטעז געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן וואונדערלע־כע סינטעזירטע מאַטעריאַלן, וואָס וועלן אַ סך בייטראָגן צו דער באַ־קוועמלעכקייט פון לעבן. אָבער ווען מען ברענגט אַריין דעם ס י נ־ט ע ז אין אונדזער גייסטיקן מאָראַלישן און עסטעטישן לעבן — ווייס איך ניט צי איז דאָס אַ ברכה, אָדער אַ קללה . . . .

אָט נעמט למשל — די מוזיק. איר באַצאָלט, זאָגן מיר, צוויי דאָלאַר פאַר דעם פאַרגעניגן צו הערן אַ קלאַסישע סימפאָניע — און צוזאַמען מיט בעטהאָווען אָדער בראַמס — טראָגט מען אייך אונטער אַ ביסעלע מאָדערנע מוזיק, אין וועלכער עס הערט זיך דער קלאַנג פון דער מאַשין — דער קלאַנג פון שטאָל און אייזן, דער פייף פון לאָקאָ־מאָטיוו און דער גרילץ פון דער סירענע פון אַמבולאַנס — איז, מילא, נעם איך דאָס אָן אַלס אַ סימבאָל פון אונדזער צייט. אָבער ווען מען

נעמט אָט די טעזע און די אַנטיטעזע, און מען סינ־טעזירט דאָס מיט דעם ריח פון ראָבער . . . גומע . . . ווערט ניט גוט, צום חלושן.

איך מיין צו זאָגן, אַז ווען אין מיטן פון בעטהאָווענס סימפּאָניע — רייסט זיך אַריין דאָס קול פון דעם סיילסמאַן פון ראָבער טראָסט, פּילט איר אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט . . . און עס רייסט אייערע נערוועז . . .

אָדער, ווען די טעלעפאָן קאָמפּאַניע טראָגט אייך אונטער דעם גרויסן פידל ווירטואָז, יאַשאַ חפץ, און איר זיצט באַ דער ראַדיאָ אַ געשפּאַנטער, צו הערן עפּעס אַ קונסטפולע קאָנצערט שטיק — וואָס נאָר אַ חפץ קען אַרויסברענגען, און ווען דער מאָמענט קומט, און איר הערט ווי דער אַנאָנסער וואָס האָט אַ קול פון אַ בעל עגלה און וואָס ווייס אַזוי פיל פון מוזיק, וויפיל אַ פּאָליטישן פון ערלעכקייט — אָט דער אַנאָנסער הויבט אָן לויבן דעם קינסטלער און דאָס גרויסע מייס־טערווערק, וואָס ער גייט פאַר אונדז שפּילן, און עס לאָזט זיך אויס, אַז ער שפּילט די באָמבל־בין אָדער עפּעס אַנאַנדער מוזיקאַלי־שע צוקערקע — ווערט אייך זייער אומעטיק אויפן האַרצן . . .

אָט דאָ ניט לאַנג צוריק האָט אָלען דאַונס, דער באַוואוסטער מוזיק־קריטיקער, גערעדט אויף דער ראַדיאָ פינף מינוט איידער די ניו יאָר־קער פילהאַרמאָניק הויבט אָן שפּילן זיין זונטיק־קאָנצערט. האָט ער, דער קריטיקער, באַדויערט, וואָס באַ אונדז איז אַזאַ דוחק אויף אַמערי־קאַנער געבוירענע אָרקעסטער־קאָנדוקטאָרן. און ער האָט פּרובירט אָנווייזן אויף דעם איבל, וואָס דער קאָמערציאַליזם האָט זיך ווי אַ קענסער אַריינגעכאַפּט אין אונדזערע קונסט אָרגאַניזאַציעס . . .

אָבער ווייסט איר, וואָס עס האָט פּאַסירט? אַזוי שנעל, ווי אלאַן דאַונס האָט נאָר אַרויסגעלאָזט פון מויל דאָס וואָרט „דער קאָמערצי־אַליזם" — האָט אים דער ראָבער טראָסט אַנאָנסער גלייך אָפּגעהאַקט די רייד . . . ער האָט עס געטאָן אַזוי קונציק, אַז מיר שיינט, זייער ווייניק צוהערער האָבן דאָס באַמערקט . . .

פון דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּעראָ קאָמפּאַניע פילט זיך דער ריח פון אַ געוויסער אויל־קאָמפּאַניע . . . און פון דער באַרימטער "באָס־טאָן סימפּאָניע" הערט זיך דער קלאַנג פון אַ שטאָל־טראָסט . . .

דער קאָמערציאַליזם האָט ווי דער אָ ק ט אָ פּ ו ס מיט זיינע צאָלרייכע לאַפּעס אַרומגעכאַפּט אונדזער גאַנצן לעבן און דאָס אַזוי ס י נ ט ע ז י ר ט, אַז עס וועט מיט דער צייט ווערן אינגאַנצן אָפּהענגיק פון אָט די מעכטיקע לאַפּעס, און יעדער מאַניפעסטאַציע פון אייגן אינדיווידועלן לעבן וועט אַטראָפּירט ווערן. אונדזער קונסט, מוזיק און ליטעראַטור הויבט אָן צו ווערן די דינסט מויד פון אונדזערע סופּער טראָסט און קאַרטעלן אין דעם לאַנד פון פרי ענטערפּרייז . . . און מעפּיסטאָ שטייט און לאַכט . . .

ביי די „רולעט"-טישן

ס׳איז אַ הייסער טאָג, אַ ברענענדיקער זונטיק נאָכמיטיק.

די באַרימטע „קאַסינאָ", דער פּרעכטיקער פּאַלאַץ, וואָס שטייט אַרומגערינגלט מיט פּלאַנצן און בלומען אין סאַמע מיטן פון אַ מעקסיקאַנישן מדבר, ביים גרעניץ פון סאַן דיעגאָ, איז פול געפּאַקט מיט מענטשן, מענער און פרויען, און — מען שפּילט מיט׳ן לעבן . . .

אַרום די רייד־דעקאָרירטע רולעט־טישן שטופּן זיך מענטשן פון אַלע זייטן. מענער און פרויען, מיט טויט־ערנסטע פּנים׳ער, מיט שאַרף־בליצנדיקע אויגן, שטייען מיט בערגלעך זילבער־געלט אין די הענט, און — מען שפּילט. מיט פעסט־צונויפגעפּרעסטע ליפּן שפּילט מען מיט די לעצטע פּאָר סענט.

עס הערן זיך ניט קיין קולות, קיין פריילעכע אויסגעשרייען פון קינדער. מ׳רעדט שטילערהייט, גלייך מען וואָלט געווען אין אַ קירכע, אָדער גאָר אין אַ „פיונעראַל־פּאַרלאָר" . . . דער גרויסער זאַל רוישט מיט דעם קלאַנג פון די רולעט־רעדלעך און אַנדערע שפּיל־מאַשינען, און די אָנגעשטעלטע—יונגע, שטאַרקע מענער, מיט גלאַנציקע גלאַטפּאַרקעמטע האָר, אָנגעטאָן אין שוואַרצע פראַקן, טאַקע ווי די „אָנדערטייקערס", — שטייען מיט שטעקעלעך אין די הענט. מיט איין האַנט טרייבן זיי דאָס רולעט־רעדל, און מיט דער צווייטער שאַרן זיי צונויף דאָס זילבער־געלט, וואָס ליגט פאַר זיי אין הויכע סטאָסעס, אַזוי ווי פריש־אָנגעהאַקט האָלץ אין אַ וואַלד . . .

צווישן דעם גרויסן עולם פון יום־טוב׳דיק געקליידעטע מענטשן דרייט זיך אַרום, גאַנץ אומבאַמערקט, אַן אַלטע מעקסיקאַנישע פרוי, אָנגעטאָן אין אָרעמע, שוואַרצע, אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושים, מיט אַ שוואַרצן טוך אפן קאָפּ. אין דער רעכטער האַנט האַלט זי אַ קליין אָפּגעריבן בייטעלע, וואָס זי עפנט אויף אַלע ווײַלע, קוקט אַרײַן מיט אירע האַלב־בלינדע, רויטע אויגן, טוט אַ זיפץ און מאַכט עס פאַרזיכ־טיק צו. אירע ציטערנדע הענט זײַנען רויט און צעקנייטשט פון כסדר׳דיקן ווייקן אין וואַסער.

די אַלטיטשקע האָט שוין אײַנגעשטעלט דריי „דיימס" און אַלע דריי פאַרשפּילט . . .

דרייט זי זיך אַרום מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אירע ליפּן שעפּטשן עפּעס שטילערהייט — אַ תפילה. אין בייטעלע געפינען זיך נאָך צוויי „דיימס", זוכט זי אַ מזל׳דיקן רולעט־טיש, אָבער זי קאָן אים ניט געפינען . . . און זי גייט ווײַטער פון טיש צו טיש און זוכט, און אירע ליפּן מורמלען עפּעס שטילערהייט; זיי מאַכן זיך ניט צו.

די אָנגעשטעלטע באַמערקן זי און וואַרפן איר צו אַ שטעכיקן, בייזן בליק: דרייט זיך אַלעמען אונטער די פיס . . .

ענדלעך שטעלט זיך די אַלטיטשקע אָפּ בײַ אַ טיש, וואָס איז בײַ־לאַגערט מיט מענטשן, מער ווי אַלע אַנדערע טישן: זי נעמט אַרויס אירע לעצטע צוויי „דיימס", האַלט זיי אין האַנט אַ לענגערע צײַט און מורמלט עפּעס צו זיי . . . און מיט אַ קרעכץ שטופּט זי זיך דורך צווישן צוויי מענער און לייגט אַוועק ביידע „דיימס" מיט אַ מאָל! אַף צוויי נומערן.

אירע לעצטע צוויי „דיימס" — אַף גאָט׳ס באַראָט.

דאַן האָט זי מיט ביידע הענט זיך צוגעהאַלטן דאָס האַרץ און מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט און — געציטערט. ס׳זײַנען אַריבער אַ פּאָר סעקונדן. מיט אַמאָל האָט דער אָנגעשטעלטער אַ שאָט געטאָן פאַר דער אַלטיטשקער׳ס אויגן אַ הויפן מיט „דיימס" — פערציק שטיק, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, און איז אַוועק צוריק צו זײַן פּלאַץ ביים רעדל.

אַ רגע איז די אַלטיטשקע געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל אָן ציין. איר קערפּערל האָט גענומען ציטערן, ווי אין אַ פיבער. דאַן

האָט זי זיך עטלעכע מאָל איבערגע׳צלם׳ט, און מיט ציטערנדע הענט צוזאַמענגעשאַרט איר „אוצר“ און אָפּגעטראָטן פון טיש. זיך וואַקלנ־דיק, ווי זי וואָלט געווען שכור, איז זי קוים צוגעגאַנגען צו אַ רייכן, מיט זייד־אויסגעבעטן שטול, אין וועלכן זי האָט זיך אַריינגעזעצט און אויסגעשאָטן דאָס געלט אָפן שויס.

אָף איר דאַרן, צעקנייטשטן פּנים האָט געשפּילט אַן אומבאַשרייב־לעכער שמייכל. מענטשן זיינען געשטאַנען פון ווייטן און געקוקט אָף איר, ווי זי האָט באַטראַכט יעדע גלאַנציקע מטבע באַזונדער, איבער־געציילט נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל און עס געדריקט צום האַרצן, אָבער — זי האָט קיינעם ניט געזען . . .

ענדלעך האָט זי אַריינגעלייגט דאָס געלט אין בייטעלע, און עס אַריינשטופּנדיק טיף אין בוזים אַריין, האָט זי זיך ווידער אַמאָל איבער־גע׳צלם׳ט, אַרומגעקוקט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. גלייך צו דער טיר.

זי איז מער געלאָפן ווי געגאַנגען; עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט מען זאָל באַ איר דאָס געלט צוריק ניט צונעמען . . . אָדער ווי אימיצער וואָלט זי געטריבן פון דאַנען.

באַ דער טיר איז זי געבליבן שטיין, און אירע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט. שנעל, שנעל האָבן די ליפּן אירע געציטערט. מיט די הענט האָט זי געטאַפּט איר בוזים, וואו זי האָט געפילט ליגן דאָס ביי־טעלע. דאַן האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ אָף צוריק — צו דעם טיש, וואו זי האָט איר „גליק“ געפונען, און מיט לאַנגזאַמע טריט זיך געלאָזט גיין צוריק — צום רולעט־טיש . . .

אַ יום-טוב אין מאָהאַווי-מדבר

ווי נאָר דער גרויסער מיט פּאַסאַזשירן באַלאָדענער „באָס“ איז אַרויס פון די רוישיקע גאַסן פון לאָס אַנדזשעלעס האָט ער זיך געלאָזט לויפן 60 מייל אַ שטונדע, אָף דעם ברייטן שפּיגל-גלאַטן בולוואַרד, וואָס ציט זיך צווישן אומענדלעכע אָראַנזשען־גערטנער, כמעט ביז דעם „מאָהאַווי־מדבר“.

דער אַנטרייבער איילט זיך אומיסטן, כדי וואָס גיכער אַריבערצו־לויפן אַט דעם שרעקלעכן „מאָהאַווי״, איידער די זון פאַנגט אָן שיטן אירע גליִענדע שפּיזן, וואָס שאַפן דאָרט אַ היץ ווי אין גיהנם. די פּאַסאַזשירן זיינען פריילעך און אויפגעלייגט. קינדערשער געלעכטער מישט זיך אויס מיט די פּלאַפּלערייען פון פרויען, וועלכע זיינען די מערצאָל אין דעם גרויסן וואַגאָן, וואָס גליטשט זיך מיט אַ מעכטיקער קראַפט, און די לופט איז אָנגעפּילט מיט דעם פאַר׳שיכור׳נדן אַראָמאַט פון די בליִענדע אָראַנזשן־גערטנער.

ווען דער באַס האָט זיך גענומען דערנענטערן צו דער „מאָהאַווי״ וויסטעניש, האָט זיך דערהערט אַ מאָדנע קלאַפּעריי וואָס איז געקומען פון דעם ריזיקן מאָטאָר. דער אַנטרייבער האָט ביסלעכווייז איינגע־האַלטן די מאַשין און איז געפאָרן אַ היבש ביסל לאַנגזאַמער. אַנשטאָט דעם צווייט פון די אָראַנזשן, איז די לופט אָנגעפּילט געוואָרן מיט שטיקנדן גאַז, און עס איז געוואָרן פּלוצלונג הייס, שטיקנד הייס.

די קלאַפּעריי ווערט שטאַרקער און שטאַרקער און דער טרייבער איז געצוואונגען צו פאַרקירעווען דעם „באַס״ אָן אַ זייט פון וועג און זיך אָפּשטעלן. ער גייט אַרויס, עפנט אויף דעם צודעק פון מאָטאָר און פאָרעט זיך דאָרט אַ היבשע ווילע. די פּאַסאַזשירן זיצן שטיל, די פריילעכע שטימונג איז פאַרשוואונדן . . . ס׳איז ניט קיין פריילע־כער אַרויספאָר . . . דער דאָזיקער „באַס״ דאַרף אונז ברענגען קיין דענווער, איידער מיר בייטן אים איבער אַף אַ צווייטן, און דאָ איז שוין קאַליע דער מאָטאָר,איידער מען איז אָפּגעפאָרן הונדערט מייל.

נאָך אַ גליק וואָס דאָס האָט פּאַסירט איידער מען איז ווייט אריינגעפאָרן אין דעם מאָהאַווי־מדבר. דער טרייבער קומט אַריין מיט אַ פאַרזאָרגטן פּנים און פאַרשלאָסענע ליפּן. ער זעצט דעם מאָטאָר אין באַוועגונג, און מיר פאָרן ווייטער.

אָבער, ניט ווייט . . . די קלאַפּעריי הערט זיך שטאַרקער ווי פריי־ער, און ווידער בלייבט מען שטיין אַרונטער פון הויפּט־שליאַך, און דער טרייבער זאָגט אונדז אָן די בשורה, אַז מיר קאָנען ווייטער ניט פאָרן; דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן. אָבער מיר דאַרפן זיך ניט שרעקן. עס דאַרף באַלד אָנקומען אַ „באַס״ פון אַנטקעגן, ד. ה. פון דעם מאָ־

האַווי־מדבר, וועלן מיר זיך איבערזעצן אין דעם צווייטן „באָס" און פאָרטזעצן אונזער רייזע.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך פון ווייטן באַוויזן דער דער־וואַרטעטער „באָס". די פּנים׳ער פון די פּאַסאַזשירן זיינען פריילעכער געוואָרן.

ווען דער באָס איז צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלטביים אַנדערן, כדי אַריבערצעוואַרפן דעם באַגאַזש פון די דעכער, האָט פון אים גע־זעצט אַ היץ ווי פון אַ צעברענטן אויוון . . .

און איצט האָבן זיך ביידע טרייבער אַ נעם געטאָן פאַרריכטן דעם מאָטאָר, כדי ווי עס איז צוריקצוברענגען דעם „באָס" קיין לאָס אַנדזשעלעס מיט די עטלעכע געציילטע פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען גע־פאָרן אַהין.

דערווייל רוקט זיך דער זייגער, און ביז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן מאָטאָר, אַריבערגעטראָגן דעם באַגאַזש א. א. וו., איז אַוועק אַ היבשע פּאָר שטונדן, און עס וועט אויסקומען צו פאָרן אין דעם מדבר אין דער ערגסטער צייט פון טאָג און כמעט אַ גאַנצע נאַכט.

מילא, פאַרפאַלן!

אונזער נייער „באָס" איז געווען שמוציק און די לופט האָט גע־שמעקט מיט ציגאַרעטן־רויך און אַנדערע ניט זייער פרישע ריחות. אָבער ס׳איז נאָך אַלץ בעסער ווי בלייבן שטעקן אין מיטן מדבר מיט אַ צובראָכענעם „באָס".

ענדלעך, אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג פאָרן מיר ווייטער — פון ווייטן זעט זיך שוין דער מאָהאַווי־מדבר. אַזוי ווי אַ ווייסע סטענגע ציט זיך דער שמאָלער אַספאַלט־וועג, ערטערווייז פאַרשאָטן מיט זאַמד אין דער אומענדלעכער וויסטעניש וואָס צווישן קאַליפאָרניע און אַריזאָנע.

די היץ ברענט און בראָט, ווי אין אַ קאַלך אויוון אָדער ווי אין גיהנם.

די לופט איז קלעפּיק־הייס. עס ברענט, עס שרפה׳ט יעדער אָטעם־צוג.

עס הערשט אַ דערדריקענדע שטילקייט, ווי אַף אַ בית־עולם, רונד־אַרום, ווי ווייט דאָס אויג קאָן דערלאַנגען — זאַמד, זאַמד און

זאַמד. פון ביידע זייטן וועג הויבן זיך פון ווייטן ריזיקע זאַמד־בערג וועלכע דער רעגן, ווינט און שטורעם האָבן אויסגעפורעמט אין מייס־טערהאַפטע פאַנטאַסטישע פיגורן, וואָס יאָגן אָן אַ שרעק און פאַרכאַפּן דעם אָטעם.

שאַ, שטיל, אַ טויטע שטילקייט. קיין בוימל, קיין גרעזל; קיין פויגל שניידט ניט דורך דעם הימל. קיין חיה, קיין אינזעקט באַרירט ניט די ערד. ווײַ איז דעם וואַנדערער, וואָס בלייבט שטעקן דאָ אין אָט דער וויסטע, אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם מדבר! עס דערוואַרט אים אַ זיכערער טויט.

רייזנדע זוכן אויסצומיידן דעם מדבר באַטאָג, און זיי פאָרן באַ־נאַכט ווען די ברענענדע זון באַהאַלט זיך אונטער די בערג אין מערב זייט. און די היץ איז ניט אַזוי שרעקלעך.

אונז איז גראָד אויסגעקומען צו פאָרן דורך דעם מאַהאַווי־מדבר באַטאָג, און מיר האָבן געקראָגן צו פאַרזוכן דעם טעם פון גיהנם . . .

און איך האָב בעת מעשה געטראַכט: אָט דאָ האָט אודאי געמוזט, אין די ששת ימי בראשית, שטיין גאָט׳ס וואַרשטאַט . . . וואו ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן; און ווען ער האָט געזען, ווי קין האָט דער׳הרג׳־עט זיין ברודער הבל׳ן, האָט ער פאַרשאָלטן דאָס דאָזיקע אָרט און איז אַרויף אפן הימל מיט אַ קללה אַף די ליפּן . . . פון זינט דאַן הערשט דאָ גאָט׳ס קללה און עס ברענט דאָ דער גיהנם אָן אויפהער.

און עס ליגט דער מאַהאַווי־מדבר אַ פאַר׳חלש׳טער, אַ פאַרשאָל־טענער, זעט ניט קיין לעבעדיק וועזן: ניט קיין פויגל, ניט קיין מענטש.

און אַז דער מענטש מוז דאָרט דורכפאָרן, יאָגט ער זיך מיט אַלע כוחות, וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דעם גיהנם . . .

אָבער אין זעלטענע מאָמענטן, ווען דער באַשעפער איז אויפגעַ־לייגט, איז אין אַ יום־טוב׳דיקער שטימונג, קריגט ער רחמנות אַף דעם פאַרשאָלטענעם „מאַהאַווי״, און שיקט אַראָפּ דעם רעגן און דעם ווינט, און דאַן ווערט דער מדבר אויפגעלעבט. עס קומט אַ יום טוב אין „מאַהאַווי״! אַ זעלטענער צויבער יום טוב.

ווינט און רעגן גיבן זיך ביידע אַ נעם צו דער אַרבעט אויסצופוצן דעם מדבר אין יום טוב׳דיקע מלבושים. בעת דער רעגן גראָבט לע־כעלעך אין דעם זאַמד, קומט דער ווינט און דרייט אויס שמאָלינקע

פֿאַלדן, און ווי דורך אַ כּישוף ווערט דער גאַנצער מדבר באַדעקט מיט וואונדערלעך סימעטריש־געשטיקטע און געפֿאלדעוועטע טעפּיכער, וואָס פֿאַרכאַפּן דאָס אויג! טעפּיכער וואָס קיין קעניגלעכער פּאַלאַץ פֿאַרמאָגט עס ניט . . .

דאַן הערט אויף דער רעגן און דער ווינט צו אַרבעטן און עס ווערט שטיל, טויט־שטיל. רעגן און ווינט רוען זיך אָפּ. דער גאַנצער הימעל איז באַצויגן מיט אַ שווערן וואָלקן און עס ווערט נאַכט — שטאָק־פֿינצטער, אַן אויג אַרויסצונעמען. דער ווינט זאַמעלט ווידער צונויף זיינע כּוחות און הויבט ווידער אָן אַרבעטן מיט אַ מורא־דיקער קראַפֿט. עס דוכט זיך אויס, אַז אָט, אָט, הויבט ער אויף דעם גרויסן „באָס״ אונזערן, און ער טראָגט אים אַריין אין דער שאול תּחתּיה . . .

דער ווינט אַרבעט אַזוי לאַנג, ביז ער צערייסט די וואָלקנס, וואָס האָבן באַדעקט דעם הימעל. צעררייסט און צעברעקלט די וואָלקנס אין מיליאָנען שטיקער און עס קומט אַרויס אַ וואונדערלעכע שטראַלנדע לבנה; אַ לבנה וואָס איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. טאַקע נאָר אין דעם מאַהאַווי־מדבר קען מען זען אַזאַ לבנה!

און עס הויבט זיך אָן דער יום טוב אין „מאַהאַווי״. די ליכטיקע שיינענדע לבנה שווימט אום צווישן די מיליאָנען שטיקער און שטיקלעך וואָלקנס און די דאָזיקע שטיקלעך אָפּגעריסענע, צעפּליקטע וואָלקנס וואַרפֿן זייער שאָטן אָף די בעגרייזלטע דעליקאַט־געשטיקטע טעפּיכער, וועלכע ווינט און רעגן האָבן אויסגעפֿאלדעוועט, און עס הויבט זיך אָן אַ קאַרניוואַל פֿון טויזנטערליי חיות און פֿויגל, וואָס פֿויזן אום אָף די טעפּיכער, דער מדבר איז ווי דורך אַ כּישוף פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גן־עדן.

דער גאַנצער מדבר איז באַגאָסן מיט אַ בלענדענד־ווייסן ליכט, און די שטיקער וואָלקנס וואַרפֿן זייער שאָטן אָף די זילבער־ווייסע געפֿאלדעוועטע טעפּיכער, פֿון וועלכע עס שפּיגלען זיך אָפּ פֿיגורן פֿון חיות, פֿויגל און שלאַנגען, גרויסע און קליינע. אָט באַווייזט זיך אַ ריזיקער קראָקאָדיל מיט אַ ברייט־צעעפֿנט מויל מיט זילבער־ווייסע ציין . . . אָט באַווייזט זיך אַ געוואַלדיק גרויסער עלעפֿאַנט און אָף זיין רוקן זיצט אַן אינדיאַנער, אויסגעפּוצט יום טוב׳דיק, מיט אַ קרוין פֿון לאַנגע, זילבערנע פֿעדערן אָף זיין קאָפּ. עס הויבט אַזש אָן צו שווינד־

לען פאַר די אויגן. אַלערליי פאַנטאַסטישע פיגורן באַווייזן זיך און פאַרשווינדן — אַ קאַליידאָסקאָפּ פון חיות, פויגל און פלאַנצן. אָט איז אַ ריזיקער אָדלער מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, וועלכע זיינען באַ די ברעגן אויסגעשטיקט מיט זילבער־ווייסע שפּיצן . . .

פון ווייטן, אויף די נאַקעטע זאַמד־בערג, באַווייזן זיך וועלדער; צווישן וועלכע עס זעען זיך אָן די זילבער־באַגאָסענע שפּיצן פון קיר־כעס און פּאַלאַצן — אָ, עס איז אַ בילד פאַר די געטער!

דאָס אויג קאָן ניט אַלץ פאַרכאַפּן און ווייסט ניט וואו פריער צו קוקן. די זעלטענע פּאַנאָראַמע פאַרכאַפּט אייך דעם אָטעם, דאָס האַרץ הויבט אָן קלאַפּן. איר ווערט אַרומגעכאַפּט פון אַן עקסטאַז, פון וועלכן איר קענט זיך קוים איינהאַלטן, ניט אויסצושרייען: „גאָט, ווי וואונדערלעך זיינען דיינע מעשים!“

דער „מאַהאַווי“ איז אין אַ גן־עדן פאַרוואַנדלט געוואָרן. די לופט איז פריש און זיס און אָנגעפילט מיט די זעלטנסטע ריחות פון פלאַנצן און בלומען.

אָט איז אַ פעלד, אַף וועלכן עס פּאַשען זיך אומצייליקע שאָף מיט ווייסע געקרייזלטע האָר.

אָט ציען זיך לאַנגע מיט זילבער באַגאָסענע טייכן. עס הויבט זיך אויף אַ ווייך, זיידן ווינטל, וואָס טרייבט אונטער אָט די אַלע פּי־גורן און מאַכט דעם קאַרניוואַל לעבעדיקער, רירעוודיקער . . .

עס איז יום טוב אין דעם מאַהאַווי־מדבר!

ווען גאָט איז אויפגעלייגט, קריגט ער רחמנות אַף דעם פאַרשאַל־טענעם מדבר און שיקט אַרונטער ווינט, רעגען און לבנה, און עס ווערט דער מדבר פאַרוואַנדלט אין אַ גן־עדן, אַן אמת׳ער גן־עדן. און דער מדבר קריגט זיין תקון . . .

מיין אייניקל גייט העלפן בויען ארץ ישראל

(אָט דער דיאַלאָג איז פאָרגעקומען צווישן מיר און מיין אייניקל מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין צייט פון דעם שפּאַנישן בירגער־קריג).

— זיידע, ווען דו וואָלסט געווען איצט אַ יונגערמאַן, וואָס וואָלסטו געטאָן: צו וואָלסטו געגאַנגען העלפן ראַטעווען שפּאַניע פון די פאַשיסטן, אָדער וואָלסטו געגאַנגען העלפן בויען ארץ ישראל?

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז ווען אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער קאָנען קיין צען קלוגע אים ניט אַרויסנעמען.

אָבער מיין אייניקל, אַ 16־יאָריקער בחורל, איז דוקא ניט קיין נאַר, און זיין האַרץ איז אויפ׳ן ריכטיקן אָרט. אָבער ער קען זיך נעבאך ניט פאַרנאַנדערקלייבן אין די וועלט־געשעענישן, וואָס זיינען געווען קאָמפּליצירט צו פאַרטומלען דעם מוח פון אַ סך אַן עלטערן פון מיין אייניקל. זעט איר, מיט פופציק יאָר צוריק, וואָס זאָג איך מיט פופציק — אַפילו נאָר מיט 25 יאָר צוריק, וואָלט פאַר מיר גאָר ניט שווער געווען צו ענטפערן אויף דער פראַגע, ווייל דאַן בין איך נאָך געווען אונטער דעם איינפלוס פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונגס מוזיק וואָס האָט אונדז איינגעשלעפערט ווי אַ נאַרקאָטיק . . . דער אמת איז, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָס האָט געדאַרפט אָט, אָט אָנקומען, האָט געטראָגן ווי אין אַ זאַק די רפואה צו אַלע סאָציאַלע מכות — אַנטיסעמיטיזם איינגעשלאָסן. טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, האָבן אונדזערע געוועזענע רביים: די פייגענבוימס און די ראַזענצווייגס, איינגעפּלאַנצט אין אונדזערע הערצער אַזאַ פּסיכאָפּאַטישן אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט זעלבסט־דערנידערונג. מיין פאַרוואָלקנטע וויזיע האָט מיר פאַרגעשטעלט אַ פאַרברידערטע „מענטשישקייט", און איך בין געווען זיכער, אַז אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע, וועט דער דייטש ווערן אויס דייטש, און דער איטאַליענער, אויס איטאַליענער. אַלע פעלקער וועלן ווי דורך אַ כישוף איבער נאַכט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן באַגאַזש פון „נעכטן" און באַלד זיך אויסלערנען די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך וואָס הייסט „עספּעראַנטאָ". און מיר וועלן

אַלע לעבן ווי איין גרויסע מענטשלעכע משפחה! איז׳ט סימפּל?...

און ווייל איך בין צו מיין אומגליק אַ איד, און צוליב אַט דער אַסימיליאַטאָרישער דערציאונג וואָס איך האָב געקראָגן, טראָג איך מיין אידישקייט, ווי אַ קללה, ווי אַ האָרב אויף די פּלייצעס, אַט אַ שטייגער ווי דער ניגער טראָגט זיין שוואַרצע הויט אויך ווי אַ קללה פון גאָט . . . דערפאַר טאַקע, מוז איך זען וואָס שנעלער צו ברייננגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע — כדי איך זאָל קאָנען וואָס גיכער אַראָפּ־וואַרפן דעם אידישן האָרב פון מיינע פּלייצעס, און פּטור ווערן פון מיין גייסטיקער און קולטורעלער ירושה אַלס איד . . .

אַי, פאַרוואָס זע איך ניט, אַז אַלע אַנדערע פעלקער זאָלן אויך טאָן דאָס זעלבע? . . . די פראַגע צו שטעלן האָט ניט געסטייעט קיין שכל . . .

אָבער בעת אַט די געדאַנקען לויפן דורך מיין מוח, שטייט מיין אייניקל און קוקט אויף מיר מיט זיינע יונגע ליכטיקע אויגן, וועלכע מאָנען ביי מיר אַן ענטפער אויף זיין פראַגע: וועמען וואָלט איך אָוועקגעגעבן מיינע יונגע כוחות: שפּאַניע אָדער ארץ ישראל?

איך ווייס, אַז דער חברהמאַן סימפּאַטיזירט מיט זיין גאַנצן האַרצן מיט דער פיל געשטראָפטער בלוטענדיקער שפּאַניע, אָבער אין דער זעלבער צייט, איז מיין אייניקל פריי פון אַט דעם אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס פון וועלכן איך האָב געליטן. און זיין האַרץ טוט אים ווי פאַר זיינע אייגענע ברידער און שוועסטער, וועמען דער חלף ליגט אויפ׳ן האַלדז אין גאַנץ אייראָפּע. און ער ווייס, אַז דערווייל איז ארץ ישראל דאָס איינציקע לאַנד וואו די אידן קאָנען זיך ראַטעווען פון היטלער׳ס גיהנום.

ער, דאָס אייניקל מיינס, וואָלט וועלן העלפן די שפּאַניער. מיי־נענדיק אַז מיט זיין הילף וועלן די שפּאַניער זיגן און דאָס וועט געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם אייראָפּעאישן פאַשיזם, אָבער אין דער זעלבער צייט פילט ער, אַז זיינע אייגענע ברידער נויטיקן זיך אין זיין הילף פּונקט אַזוי ווי די שפּאַניער, אויב ניט נאָך מער . . .

מיין אייניקל פאָרמולירט די פראַגע אַט אַזוי: „עס איז אַ גרויסע שריפה, אי ביי אונדז, אי ביי די שפּאַניער, וועמען זאָל ער גיין העלפן לעשן די שריפה?“ . . .

מ׳זאָגט אים, אַז ווען מ׳וועט בויען נייע היימען, וועט מען דעם אידן אויך ניט פאַרגעסן . . . אָבער איך זע אין זיין פנים, אַז ער איז אין דעם ניט זיכער, אַז ער איז סקעפּטיש. ער שטייט נעבאַך אַ פאַר־ווירטער, און ווייסט ניט ווען אַוועקצוגעבן זיינע כוחות, אָדער אַפילו זיין לעבן!? . . .

— הער זיך איין, מיין קינד, — זאָג איך צו מיין אייניקל, — דו האָסט מיר געשטעלט אַ פראַגע און איך בין דיר שולדיק אַ קלאָרן ענטפער. טאָ הער־זשע זיך צו נאָר מיט קאָפּ.

—ווען איך וואָלט איצט געווען אַ יונגערמאַן, און איך וואָלט ביי זיך אין האַרצן געפילט און געווען זיכער, אַז נאָך דעם ווי איך וועל העלפן באַפרייען די שפּאַניער פון זייערע באַדריקער, וועלן די שפּאַ־ניער מיר העלפן ראַטעווען מיינע ברידער אידן, וואָלט איך ניט גע־טראַכט קיין מינוט און וואָלט זיך אָנגעשלאָסן אין דער שפּאַנישער בריגאַדע!

מיין אייניקל קוקט אויף מיר מיט זיינע ליכטיקע נאַאיווע אויגן און ער זאָגט:

— גרענד פּאַ, וואַט דו יו מין? איך פאַרשטיי דיך ניט!

— הערסטו, — זאָג איך, — אָבי איך האָב געמיינט אַז איך גיב דיר אַ קלאָרן ענטפער. טאָ הער־זשע זיך איין, מיין קינד. דו דאַרפסט וויסן, אַז מיר אידן האָבן זיך אַלעמאָל אָפּגערופן און געבראַכט גרויסע קרבנות אויף יעדן שלאַכטפעלד ווי נאָר עס האָט זיך וועגן פרייהייט און יושר געהאַנדלט. ווי נאָר ערגעץ האָט אַ פאָלק אַרויסגעלאָזט אַ נויט־געשריי, זיינען מיר אידן, געווען די ערשטע צו לויפן העלפן און זיך וואַרפן אין פייער. הייַנט זאָג־זשע מיר מיין קינד, האָסטו ווען עס איז געהערט אָדער געזען, אַז ניט־אידן זאָלן אָרגאַניזירן אַ בריגאַ־דע כדי צו גיין העלפן די אידישע קרבנות פון היטלער׳ן אָדער פון די פּאָליאַקן? האָסטו געהערט, אַז ניט־אידן זאָלן אויפהויבן אַ פּראָטעסט קעגן די בלוטיקע רציחות אויף אידן? ניין, מיין קינד, ליידער הערט קיינער ניט דעם אידענ׳ס נויט־געשריי, קיינער וויל ניט אַריינטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער צו העלפן דעם אידן.

מיין אייניקל לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שווייגט אַ ווייל, און דאַן זאָגט ער שטילערהייד:

— יעס, גרענד־פּאַ, דאָס איז אמת, און דאָס איז זייער טרויעריק, זייער שווער אַראָפּצושלינגען . . .

— יעס, — זאָג איך, — ס׳איז טרויעריק, אָבער לײדער איז פאַראַן עפּעס וואָס איז נאָך טראַגישער.

— וואָס איז דאָס, גרענד־פּאַ?

— טראַגישער פון אַלץ איז, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל אידן וואָס זיינען פּונקט אַזוי גלייכגילטיק צו זייערע ברידער׳ס ליידן ווי די ניט־אידן . . .

מיין אייניקל קוקט אויף מיר אַ ווײלע און זאָגט:

— גרענד־פּאַ, איך גיי ווערן אַ חלוץ און איך װ ע ל ה ע ל פ ן ב ו י ע ן א ר ץ ־ י ש ר א ל.

— גיי, מיין קינד, און זיי מצליח!

ס׳עט ניט זיין ווער ס׳זאָל לאַכן . . .

עס שיינט מיר, אַז פאַר אַט דעם געדאַנק — אַז עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל לאַכן — האָבן אַפילו די געטער אַליין אויך מורא . . . אָבער — אַזוי זעט עס אויס.

צוויי מאָל אין פינף און צוואַנציק יאָר האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער גרויס־קאַפּיטאַל פאַרטרונקען די וועלט אין אַ ים מיט בלוט און פאַרניכטעט און צעשטערט די גרעסטע פיזיש־גייסטיק און מאָראַלישע אוצרות, וואָס דער מענטשהייט האָט עס גענומען טויזנטער יאָרן אויפצובויען. און אַלס רעזולטאַט פון אַט דעם שדים־טאַנץ האָבן זיי געבראַכט דעם וויסטן הונגער אויף דער וועלט — וואָס דאָס אַליין איז די גרעסטע שאַנדע פאַר אַ וועלט מיט אַזאַ טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון פּראָדוקציע. גרויס־קאַפּיטאַל וואָס האָט נאָך גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו זיך צו קומען פון דעם טויט־שרעק פאַרן היטלעריזם — ווען ער אַליין האָט אַזוי זאָרגפעלטיק געניאַנטשעט, דער זעלבער מאָנסטערהאַפטער גרויס־קאַפּיטאַל האָט שוין ווידער שטילערהייט גענומען שפּייזן און שטאַרקן דעם פאַשיזם אין אַלע לענדער, איינשליסנ־

דיק אונדזער אַמעריקע — אַלץ צוליב דעם טויט שרעק פאַרן „קאָמו־ניזם". אָט דער ווילדער שרעק פאַר דער קאָמוניסטישער ס ט ר אַ־ ש י ד ל ע פלעגט דעם „גרויס־קאַפּיטאַל" תמיד מאַכן אויסזען לע־כערלעך אין די אויגן פון קריטישע באַאָבאַכטער. אָבער איצט — ווען גרויס־קאַפּיטאַל דענקט נאָך אַלץ אַז דער פאַשיזם קאָן אים ראַטעווען פון דעם גייסט פון דער נייער צייט — דאַן איז שוין ניטאָ פון וואָס צו לאַכן...

ביי מיר איז קיין שום צווייפל ניטאָ, אַז אָט די אַלע „סטרייקס", וואָס זיינען פאָרגעקומען ביז איצט זינט די מלחמה האָט זיך געענ־דיקט, זיינען אין דער אמת'ן ניט מער ווי לאָק־אויטס. ווייל דער אמת איז דאָך, אַז די סטרייקס וואָלטן געקאָנט געשליכטעט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן און אין אַ קורצער צייט און ניט לאָזן אָפּשטעלן די פּראָדוקציע אויף חדשים לאַנג אין אַ צייט, ווען עס איז אַזאַ דוחק אויף נויטיקע פּראָדוקטן און מכשירים. אָבער גרויס־קאַפּיטאַל האָט שטי־לערהייט באַשלאָסן אויסצוהונגערן די אַרבעטער און אויסצולייזיקן די יוניאָן־קאַסעס — דאָס וועט ביים אַרבעטער אַראָפּשלאָגן זיינע פליג־לען צו פליען אין די הימלען... (און אַרונטערברענגען זיין לעבנס־סטאַנדאַרד ביז צו אַ מינימום...) און ווען איר זעט מיט וועלכע טייוואָלאָנישע מיטלען גרויס־קאַפּיטאַליסטן פּלאַנעווען צו האַלטן פעסט די לייצעס פון הערשאַפט אין זייערע הענט — ווערט דער טייוול אַליין דערשראָקן און עס גלוסט זיך אים ניט לאַכן...

עס הייבט אָן צו ווערן קלאָר, אַז — גרויס־קאַפּיטאַל וועט לאָזן דערטרינקען די גאַנצע וועלט אין בלוט — כדי ניט צו דערלאָזן אַז — אַרבעט זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל — אויפהערן זיין אַן אַרטיקל — וואָס מען קויפט אין מאַרק!... (כאָטש עס איז שוין צייט דערפאַר). ג ר ו י ס ־ ק אַ פּ י ט אַ ל וועט פיל פריער חרוב מאַכן די וועלט — איידער ער וועט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז מענטשלעך לעבן איז חשוב־ער ווי פּריוואַט אייגנטום... און עס איז קאָמיש — עס איז ביז אין העכסטן גראַד קאָמיש צו זען, ווי דער ס י מ ב אָ ל פון גרויס־קאַפּיטאַל — דער אַזוי גערופענער „ר אַ ג ע ד א י נ ד י ו ו י ד ו־ אַ ל י ס ט, וועמען דער געבאָט פון דער צייט, דער געבאָט פון דער מאָדערנער טעכניק און וויסנשאַפט — האָט אַריינגעטריבן אין אַן

אייזערנער שטייג — ווי ער וואַרפט זיך און דרייט זיך ווי אַ וואָרעם און ער קריצט מיט די ציין פון כעס און רציחה . . . ווי אַ ריזיקער בלינדער מאָנסטער — טרייסלט ער די אייזערנע שטייג — אין וועל־כער ער געפינט זיך, און ער רעוועט ווי אַ געקוילעטער אָקס:—„פריי־וועט ענטערפרייז!" נישט אַזוי שטאַרק קאָמיש — איז, וואָס „דער העגט ניט געוואַשענער"—האָט באַשאַפן אַזוי פיל געוויסענלאָזע הארצ־לאָזע און שכללאָזע ברואים, וואָס דינען אים — אַט דעם אומגעלומ־פערטן בלינדן מאָנסטער — די פאַרקויפטע פרעסע — די פראָסטיטו־אירטע ראַדיאָ און די קינאָ. זיי העלפן אים צעשמעטערן די וועלט.

די לעבן געבליבענע — צוריקגעקומענע סאָלדאַטן, וועמען מען האָט צוגעזאָגט „אַ נייע וועלט" — אויב זיי וועלן צעשמעטערן דעם היטלעריזם . . . אַט די ג ע ו ו ע ז ע נ ע ה ע ל ד ן זיינען צוריק־געקומען פון שלאַכטפעלד, און אַנשטאָט אַ נייע וועלט האָבן זיי ניט וואו איבערצונעכטיקן אַ נאַכט . . . האָבן ניט וואו דעם קאָפּ אַוועקצו־לייגן! זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז די מ אָ ד ע ר נ ע ט ע כ נ י ק קאָן פאַרפלייצן די וועלט מיט פרע־פאַבריצירטע הייזער, זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז גרויס־קאַפּיטאַל האָט באַשלאָסן צו סאַבאָטאַזשעווען און ניט פּראָדוצירן קיין זאַך, אַפילו ניט קיין ציווילע קליידער פאַר די סאָל־דאַטן — כדי צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ אַט ד י ט ר ו י מ ע ר פ ו ן אַ נ י י ע ר ו ו ע ל ט . . . כדי אַרונטערצוברענגען דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון אונדזערע „צעבאַלעוועטע" אַרבעטער אַזוי, אַז עס זאָל זיך זיי ניט גלוסטן קיין העכערע אַמביציעס פון אַ זיכערן, אַ גרינגערן לעבן אין אַ נייער וועלט . . . וואַלגערן זיי זיך אַרום אַט די „געוועזענע העלדן" אונדזערע אַנטוישטע, צעבראָכענע און פאַרביטער־טע.

אַ סך פון זיי האָבן ווייבער מיט קינדער — וואַלגערן זיי זיך אין רעגירונגס־הייזער — וואָס זיינען ניט בעסער פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן . . . און — עס וואַקסן די צאָל פון פאַרברעכנס. און עס האָט זיך פאַרגרעסערט אויף פופציק פּראָצענט די אומגליקפאַלן פון דעם אויטאָמאָביל־פאַרקער. און דאָס ש י כ ר ו ת וואַקסט ווי אויף הייוון — דאָס אַלץ געפעלט דוקא גרויס־קאַפּיטאַל . . .

„גוט אַזוי", טראַכטן די מאָנסטערס, „זאָלן די מענטשן זיך באָדן

אין שמוץ, ענגשאַפט און אָרעמקייט און נויט — וועלן זיי זיך ניט איינריידן קיין פייגעלעך אין בוזים . . . וועלן זיי ניט חלומען פון אַ בייער וועלט״ . . . און שטילערהייט בויט מען צוריק אויף דעם פּאַשיזם אין יעדן לאַנד! זיי וועלן מיט אַלע כוחות זוכן אָנצוהאַלטן דעם דוחק אויף לעבנסמיטל און קאָמפאָרט. — „ליידן זאָלן זיי הונגער און נויט״, אַבי גרויס־קאַפּיטאַל זאָל זיצן אין זאָטל און באַהערשן די וועלט. זייער אַנטשלאָסנקייט אָנצוהאַלטן די ממשלה איבער דער וועלט אין אָנגעזיכט פון דער אַטאָמישער באָמבע — האָט אָפּגעווישט דעם שמייכל פון שטנ׳ס פּנים . . .

פון געלעכטער פון דעם מענטשנ׳ס טיפּשות — איז פּלוצלונג געוואָרן ערנסט . . . ער, דער שטן, האָט פּלוצלונג דערזען, אַז אַ סברה, עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל לאַכן — „בעליוו איט אָר נאָט״ . . .

אַ פּאָר ווערטער וועגן הומאָר

עס קאָן זיין, אַז אימיצער וועט פאַראיבל האָבן אויף מיר הלמאי, אין סאַמע מיטן פון דעם שרעקלעכסטן אידישן חורבן, זעץ איך זיך גאָר אַוועק שרייבן וועגן ה ו מ אָ ר . . . מען וועט זאָגן, אַז איך בין געגליכן צו קעניג נעראָ, וואָס האָט „געשפּילט פידל״, בעת רוים האָט געברענט . . .

גלויב איך, אָבער, אַז דוקא אין אַזאַ שווערער טרויעריגער צייט, שאַדט ניט אַמאָל אַ שמייכל צו טאָן, ווייל, ווי זאָגט דער אוקראַאינער פויער: „יאַק בי טי סיבי ניע פּאַטישאַוו, טאָ בי טי סיביע פּאָווישאַוו״ . . . אין פּראָסט אידיש הייסט עס: „אויב מען זאָל ניט אַמאָל אַ שפּאַס טאָן, וואָלט מען זיך געדאַרפט אויפהענגען״.

איך האָב ערגעץ געלייענט אַ גלייכוווערטל, וואָס זאָגט: „ווייז מיר דעם הומאָר פון אַ פאָלק און איך וועל דיר ווייזן די מדרגה פון דעם פאָלק׳ס ציוויליזאַציע״ . . .

און לאָרד בייראָן זאָגט ערגעץ אַזוי:

„לאַך ווען נאָר דו קאָנסט! דאָס איז אַ מעדיצין, וואָס קאָסט ניט טייער.״ די פילאָזאָפיע פון מונטערקייט ווערט ניט גוט גענוג פאַרשטאַנען און אָפּגעשעצט. דאָס איז די זוניקע זייט פון אונדזער עקזיסטענץ.

נאָך אַ ווערטל זאָגט:

„ווייז מיר פון וואָס אַ מענטש לאַכט, און איך וועל דיר ווייזן זיין גייסטיקן מצב״ . . . עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט, אַז מענטשן שעצן ניט גענוג אָפּ די געוואַלדיקע ראָלע וואָס הומאָר שפּילט אין אונדזער לעבן. גרויסע מענטשן זאָגן, אַז דאָס געלעכטער און דאָס געוויין האָבן די געטער געשענקט בלויז צום מענטשן אַליין. דאָס זיינען צוויי גאָט׳ס מתנות, דורך וועלכע דער מענטש דריקט אויס, און עס ווערן געלייטערט אַלע זיינע עמאָציעס, אַלע זיינע איבערלע־בונגען. די העכסטע פרייד און דער טיפסטער טרויער געפינען זייער

אויסדרוק דורך טרערן און געלעכטער. מיר שיינט, אַז אויך די חיות באַזיצן ביז אַ געוויסן גראַד די זעלבע גאָט׳ס מתנה, וועלכע זיי מאַניפעסטירן אין שפּיל און אין שטומען טרויער.

יאָ — דער חוש פון הומאָר ווערט באַטראַכט פאַר איינע פון די שענסטע מתנות, וואָס די געטער האָבן געשענקט צום מענטש.

ליידער אָבער זיינען נאָר יחידה סגולה באַשאָנקען מיט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר. איך האַלט, אַז ווען אַלע מענטשן וואָלטן פאַרמאָגט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר, וואָלט שוין אפשר לאַנג צוריק משיח געקומען . . .

איך באַטאָן: אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר, ווייל צום באַדויערן איז אויך פאַראַן אַ ק ר אַ נ ק ע ר חוש פאַר הומאָר. דידאָזיקע מענטשן ווערן אָנגערופן צ י נ י ק ע ר . זייער געלעכטער איז ניט נאָר אַ קראַנקער, נאָר אויך אַ שעדלעכער. דער ציניקער איז גייסטיג קראַנק און ער לאַכט אָפּ פון אַלץ און פון אַלעמען. ביים ציניקער זיינען ניטאָ קיינע הייליגטימער. איך וואָלט געזאָגט, אַז זיין חוש פאַר הומאָר א י ז ט מ א ה ג ע ו ו אָ ר ן . . .

אָבער נאָך ערגער פון דעם ציניקער איז געשטראָפט געוואָרן ד ע ר מענטש, וועמען עס פעלט אינגאַנצן דער חוש פאַר הומאָר, און ווען אָט אַזאַ מענטש קריגט די מאַכט צו הערשן איבער זיינע מיט־מענטשן, דאַן איז אַן אָך און וויי צו די מיט־מענטשן . . . ווען די דייטשן וואָלטן פאַרמאָגט אַ חוש פאַר הומאָר, וואָלט די וועלט איצט געהאַט אַן אַנדער פּנים.

דייטשלאַנד׳ס גרעסטע טראַגעדיע איז, וואָס די דייטשן זיינען אַ הומאָרלאָזעס פאָלק. דאָס איז דער אורטייל פון גאָר אַ סך גרויסע מענטשן, אָנהויבנדיק פון דעם ענגלישן היסטאָריקער טאָמעס הענרי באָקל ביז דזשאָרדזש עליאָט.

„טאָמער האָבן די דייטשן פאַרמאָגט איין גרויסן הומאָריסט״, זאָגט דזשאָרדזש עליאָט, „איז ער אויך געווען אַ איד — און דאָס איז העניריך היינע״.

ווען די דייטשן וואָלטן פאַרמאָגט אַ חוש פאַר הומאָר — וואָלטן זיי זיך אַליין געקאָנט זען אין אַ קרומען שפּיגל . . . און דאָס וואָלט זיי אָפּגעהאַלטן פון קריגן אַזעלכע געשוואָלענע קעפּ . . .

ביי מיר איז קיין צווייפל ניט, אַז די וועלט־געשיכטע וועט בראַנדמאַרקן די דייטשן אַלס די גרעסטע באַרבאַרן פון אַלע צייטן, און פון איצט אָן און ווייטער, וועלן די דייטשן אומוואַנדערן איבער דער וועלט ווי די ציגיינער מיט קין׳ס צייכן אויפ׳ן שטערן . . .

מען דאַרף אויך האָבן אין זינען, אַז, ווען אַ מענטש גיט אַמאָל אַ לאַך — מיינט עס נאָך ניט, אַז ער האָט אַ חוש פאַר הומאָר, פונקט ווי דער מענטש וואָס האַלט אין איין לאַכן, ווייל — ווי דאָס ווערטל גייט — „דער נאַר שטופּט אים" . . . קאָן אויך האָבן אַ קנאַפּן באַגריף פון הומאָר. זיי קאָן מען צורעכענען צו די מענטשן, וואָס זיינען קאָליר בלינד. אָדער די, וואָס זיינען געשטראָפט מיט אַ טויבן אויער פאַר מוזיק.

מיר שיינט, אַז אַכציק פּראָצענט פון די פּראָגראַמען אין טעאַטער און קינאָ און אויף דער ראַדיאָ, זיינען אימשטיינס געזאָגט, „קאָמעדיעס" און „הומאָריסטישע" מאַכערייקעס, אָבער דאָס רוב פון זיי זיינען אַזוי גראָב און רוי, אַזוי גייסטיק אָרעם, אַז אַ מענטש מיט אַ ביסעלע אינטעליגענץ און גוטן געשמאַק קאָן דאָס ניט פאַרדייען . . .

זייער הומאָר איז אפילו ניט קיין „נואַנסענס", ווייל קינדערשער נאַאיוויער „נאָנסענס" פאַרמאָגט אַ געוויסן חן, אַן אומשולדיקע שפּאַסהאַפטיקייט, וואָס ברענגט איינעם אַריין אין אַ גוטער שטימונג.

2

איך שטעל מיר פאָר, ווען און וואו עס איז דערהערט געוואָרן דער ערשטער געלעכטער, דאָס האָט אודאי געמוזט זיין אין הימל, בעת דער ר׳ב׳נ׳ש האָט געגומען אדמ׳ס תכשיט — קין, אויפן „קאָרפּעט", אַזוי צו זאָגן, און האָט אים אַ פרעג געטאָן: „זאָג נאָר, דו פיינער בחורל, וואו איז ערגעץ דיין ברודער הבל?" . . . און ווען קין האָט געעפּענט זיין פה קדוש, און אַזוי אומשולדיק, ווי אַ לעמעלע, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „השומר אחי אנוכי!? . . . " צי בין איך מיין ברודער׳ס שומר? האָט דער שטן אויסגעשאָסן אַזאַ געלעכטער, אַז דער כביכול איז שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון זיין כסי הכבוד — רחמנה ליצלן . . .

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז אין דעם שווערן קאַמף פאַרן לעבן — דער קאַמף מיט די בייזע נאַטור עלעמענטן, און מיט דער חיה, האָט דער ווילדער אור־מענטש נאָר דאַן געלאַכט, ווען ער האָט באַזיגט די חיה. אָדער דורכגעפירט אַן אַקט פון נקמה איבער זיין שונא. אָבער דאָס האָט געמוזט זיין אַזאַ מין שוידערלעכער געלעכ־טער, וואָס דער מאָדערנער מענטש קאָן זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלן — סיידן אפשר אין אַ מ ש ו ג ע י ם ה ו י ז — קאָן מען הערן אַזאַ ווילדן געלעכטער . . . אָבער ביסלעכווייז, אין דעם לויף פון די יאָרן האָט דער געלעכטער אָנגעהויבן זיך „אויסמענטשלען". די ערשטע „פראָפעסיאָנעלע" הומאָריסטן זיינען אוודאי געווען די פּאַיאַצן און באַפאָנען, וואָס פלעגן אונטערהאַלטן די מלכים און הויפלייט, פאַר וועמען זיי פלעגן זיך קוליען און מאַכן אַלערליי גרימאַסן און ווילדע שטיק כדי אַרויסצורופן געלעכטער ביי זייערע ברויט געבערס. און גאַנץ אָפט פלעגט פּאַסירן, אַז די זעלבע קלאָונען האָבן אָפּגע־חוזק'ט אין אַ פאַרשטעלטער פאָרמע, פאַרשטייט זיך, טאַקע פון זייערע הערשער און באַדריקער אַליין . . . און אַזוי איז דער פרימיטיווער הומאָר, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מענטשלעכע אַטריבוטן, דורכגע־גאַנגען אַ היפּש ביסל גלגולים און סטאַדיעס, ביז ער איז אויסגעליי־טערט און ראַפינירט געוואָרן און אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם לעבן פון דעם ציוויליזירטן מענטשן.

עס איז, דאַכט זיך מיר, ניט פאַראַן קיין איין צווייג פון דעם מענטשנ'ס גייסטיקן און אינטעלעקטועלן לעבן און שאַפן, אין וועלכן הומאָר זאָל ניט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. צי דאָס איז מוזיק, פּאָעזיע, ליטעראַטור, טעאַטער, סקולפּטור, מאָלעריי — מיט איינעם וואָרט: אין יעדער פאָרמע פון קונסט שפּילט הומאָר די זעלבע ראָלע, וואָס זאַלץ און פעפער און אַלערליי געווירצן שפּילן אין די הענט פון אַ גוטער קעכין ביים פאַרפערטיגן אַ גוטן מאָלצייט . . .

3

איך וואָלט אָט די גאָט געבענטשטע מתנה — ה ו מ אָ ר — פאַרגליכן צו אַ בוים מיט אַ סך צווייגן, און יעדע צווייג טראָגט איר

אייגענעם נאָמען, ווי אַ שטייגער: פאַבעל, משל, סאַטירע, סאַרקאַזם, איראָניע, פּאַראָדיע, פאַרס, בורלעסק, גראָטעסק, קאַלאַמבור, קאַריקאַ־טור, עפּיגראַם, אַנעקדאָט, וויץ, אַפאָריזם א. ז. וו.

איך האָב דערמאָנט די פאַבעל אַלס איינע פון די ערשטע צווייגן אויפ׳ן בוים פון הומאָר דערפאַר, ווייל די פאַבעל און דער משל זיינען, אַזוי שיינט מיר, געווען די ערשטע פאָרמען, אין וועלכע הומאָר האָט זיך אַנטוויקלט אַלס אַ וואָפע, אַ כלי זין, צו קעמפן אַנטקעגן טיפּשות און רשעות.

אָט איז אַ ביישפּיל:

אונדזער אומשטערבלעכער יהואש האָט איבערזעצט אַ ביבלישע פאַבעל, וואָס הייסט: „דער האָהן און די פלעדערמויז". דער דאָזיגער פאַבעל איז אַזוי רייך אין הומאָר און אַזוי פריש אין געדאַנק, אַז אפילו איצט, אין אונדזער ציוויליזירטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דינט דער פאַבעל דעם צוועק פאַר וועלכן ער איז געשאַפן געוואָרן מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק.

דער האָהן און די פלעדערמויז

(איבערזעצט פון יהואש)

אין אַ ווינקעל פון אַ דאַך אינמיטן נאַכט
געשטאַנען איז אַ האָהן און האָט געוואַכט,
און אומגעקוקט זיך שטאַרק געשפּאַנט
אויף אַלע זייטן נאָכאַנאַנד
און זיפצענדיק געפרעגט (אין מאָנאָלאָג):
„ווען וועט שוין אַמאָל אָנקומען דער טאָג?"

ערוואַרטענדיק דעם גליקלעכן מאָמענט
שוין האָט ער זיינע פליגלען אָנגעגרייט
אַרויסצופּאַטשען פאַר דער וועלט זיין פרייד.
און אַזש פון אומגעדולד געברענט . . .
און פון זיין גאָרגעל האָט זיך אַזש געריסן
דער אָנזאָג פון דעם מאָרגענליכט דעם זיסן.

און פלוצלונג פון אַ בוים דערבײַ
זיך הערט אַ פליגעל קלאַפּערײַ.
און צו דעם האָהן אין האַסט
געקומען איז אַ פלעדערמויז צו גאַסט.

„איך ליג אַזוי מיר״ — זאָגט דער גרויער עוף —
„און קלער און קלער און ס'נעמט מיך ניט קיין שלאָף:
„ווען וועט אַמאָל שוין נעמען טאָגן? —
„קענסטו פרײַנט קוקורעקו, מיר ניט זאָגן?״

„אַוועק דו שרץ״ — האָט געזאָגט דער האָהן מיט צאָרן
און רויט פון כעס איז אים די קאָפּ געוואָרן —
„וואָס גייט דער טאָגן אָן דיר? דו מויז
„וואָס האָט גע'גנב'ט פליגלען
„אום זיך מיט זיי צו שפּיגלען
„און שטעלסט זיך כלומרשט פאַר אַן עוף אַרויס? . . .

„איך וואַרט אויף טאָג ווײַל כ'האָס די נאַכט,
„אָבער דו — דײַן גאַנצע מאַכט
„איז בלויז אין שאָטן:
„דײַן לעבן קאָן געראָטן
„נאָר דאַן, ווען אַלע זײַנען בלינד.
„און דו קאָנסט טאָן בסתר דײַנע זינד.
„און דו אַליין מיט דײַנע טײַפעלבליקן
„קאָנסט זען דעם קרבן, וואָס דו ווילסט דערשטיקן . . .
„אַוועק, דו נבזי'ניק פון מײַן געזיכט
„פון טאָג און פון העלן ליכט
„ניט וואָגן זאָלסטו ריידן
„דו מיאוס'ער נפש — וואָס די נאַכט איז דײַן גן עדן״ . . .

איך האָב אויבן פאַרגליכן הומאָר צו זאַלץ און פעפער און אַנדערע געווירצן, אָן וועלכע ס'עסן האָט ניט קיין טעם. מיר שײַנט, אַז מען

קאָן הומאָר פאַרגלייכן אויך צו אַ בליץ־לאָמפּ, צו באַלייכטן אַ פינסטערן ווינקל, אין וועלכן אונדזער לעבנס־וועג פירט אונדז אָפט אַריין.

איך האָב אַנומלעט געלייענט אין אַ צייטונג וועגן אַ געשפּרעך וואָס אַ שרייבער האָט געהאַט מיט אַ שליח, וואָס איז געקומען פון דעם דייטשן גיהנום אָפּגעבן אַ באַריכט פון דער לאַגע פון דאָס ביסל פאַרבליבענע אידישע היטלער קרבנות. דערציילט דער שרייבער, אַז דורך די פיר שעה צייט, וואָס דער געשפּרעך האָט געדויערט, האָט דער שליח — נאָך גאָר אַ יונגער מענטש — קיין איין מאָל ניט אַ שמייכל געטאָן! פון האַרציק לאַכן — איז שוין אָפּגערעדט. דאָס איז דערפאַר, ווייל, דאָס וואָס זיינע אויגן האָבן געזען, דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט — האָט אַזוי געווירקט אויף דעם אומגליקלעכן מענטשנ׳ס פּסיכיק, אַז עס וועט נעמען אַ לאַנגע צייט, ביז ער וועט צוריק באַקומען זיין נאָרמאַלן פּסיכישן גלייכגעוויכט, ד. ה. אויב ער וועט איבערהויפּט ניט פאַרבלייבן אַ מעלאַנכאָליקער זיין גאַנצן לעבן.

יעדער געזונטער נאָרמאַלער מענטש איז גענויגט צו לאַכן. פאַראַן מענטשן, וועמען עס איז אַ פאַרגעניגן צו הערן ווי זיי לאַכן. זייער געלעכטער שטעקט אייך אָן מיטצולאַכן . . . אַנדערע ווידער, לאַכן אין זיך — שטילערהייט. און אַנדערע גיבן קוים אַ שמייכל . . . באַדויערנסווערט זיינען די, וואָס קאָנען גאָר ניט לאַכן. עפּעס איז דער מער מיט זייער פּסיכיק. דער גוטער און פריינטלעכער מענטש לאַכט אָפט און ווערט פעט פון לאַכן . . . דאָס לאַכן פאַרהיילט אַלע פּסיכישע וואונדן. דער קולטורעלער מענטש קאָן זיך פאַנאַנדערקלייבן, וועלכער וויץ אָדער גלייכווערטל איז אמת׳ער שאַרפזין — רייך אין איידעלן געדאַנק, מיט אַנדערע ווערטער, דער קולטורעלער מענטש קאָן אונטערשיידן פון אַ העכטן דימאַנט ביז אַ פּראָסטע שטיקל געשליפענע גלאָז . . .

די פראַנצויזישע דעספּאָטן האָבן געציטערט מער פאַר וואָלטער׳ס סאַטירע, ווי פאַר די אַרמייען פון זייערע גרעסטע שונאים . . . די סאַטירע דינט פונקט ווי דעם כירורג׳ס מעסער, אויף אויסצוקורירן אַ געשוואָלענע קאָפּ . . . וואָלטער׳ס „קאַנדיד“ איז אָט אַזאַ

מין סאַטירע. אויך גאָגאָל׳ס „ר ע ו ו י ז אָ ר ״ איז אָט אַזאַ סאַטירע.

איך האַלט, אַז אויב עס איז פאַראַן עפּעס אַ פאַקטאָר אין דער וועלט, וואָס וועט העלפן אַנטוויקלען דעם ס אָ צ י אַ ל ן - א י נ ־ ס ט י נ ק ט ביים מענטשן, איז דאָס דער חוש פאַר „הומאָר״.

דער ח ו ש פ אַ ר ה ו מ אָ ר העלפט דערמאָנען דעם מענטשן, אַז דער איינציקער וועג ווי אַזוי צו לעבן גליקלעך איז, אַז דער מענטש זאָל זיך אַזוי אויפפירן יעדן טאָג, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען ד ע ר ל ע צ ט ע ר טאָג פון זיין לעבן . . . אָט דער געדאַנק צוזאַמען מיט אַנדערע מאָראַלע אידעען העלפן אַנטוויקלען דעם סאָציאַלן אינסטינקט ביים מענטשן.

4

דער דאָקטאָר

אויב אַ חוש פאַר הומאָר איז איינע פון גאָט׳ס שענסטע מתנות צום מענטשן אין אַלגעמיין, איז דאָס פאַר׳ן דאָקטאָר און פּסיכיאַטער פּשוט אַ לעבנסנויט. ווייל אַז אָך און ווי איז דעם פּאַציענט, וואָס פאַלט אַריין אין די הענט פון אַ דאָקטאָר, ווענען עס פעלט דער חוש פאַר הומאָר . . . איך וועל דאָס אילוסטרירן מיט אַ ביישפּיל פון מיין אייגענער דערפאַרונג. אין דעם יאָר 1907 בין איך געווען אַ פּאַציענט אין דענווער סאַניטאַריום. שטיי איך איין שיינעם טאָג אין דעם דאָקטאָר׳ס אונטערזוכונגס צימער האַלב נאַקעט און דאָקטאָר צעדערבוים ע״ה שטייט לעבן מיר מיט אַ הילצערן העמערל אין האַנט. און ער קלאַפּט מיין ברוסט און בעת מעשה מאַכט ער חוזק פון די דאָקטוירים וואָס האָבן מיך געשיקט אין דענווער . . . פּלוצלונג — ווערט די טיר אויפגעפּראַלט און אַ יונגע שיינע פרוי מיט אַ פּנים פון אַ מת — און ציטערענדיק ווי אַ בלאַט אויפ׳ן ווינט, פאַלט זי אַריין צום דאָקטאָר אין די הענט — און הויבט אָן מיט אַ היסטעריש געוויין צו שרייען:

„דאָקטאָר, אוי דאָקטאָר, איך האָב געשפּיגן מיט, בלוט! אוי ווי איז מיר, כ׳האָב געשפּיגן מיט בלוט״ . . . און זי פאַרוואַרפט מיט׳ן קאָפּ אויף צום חלושן.

דאָקטאָר צעדערבוים — אַליין אַ קראַנקער מענטש, גיט איר באַלד אַ כאַפּ אונטער די הענט און לייגט זי אַוועק אויפ׳ן טיש און שרייט אָן אויף איר כלומפּערשט . . . און זאָגט:

„דו נאַרישע ווייבל, דו טיפּוש איינער, וואָס דו ביזט, וואָס האָס־טו געוואָלט שפּייען מיט דיימענדס? . . . הער אַ געשיכטע! זי שפּייט מיט בלוט — איך שפּיי אויך מיט בלוט, נו, איז וואָס? קומט מיר דערפאַר די קאָרענע קיטקע? . . . דאָס ווייבל איז געלעגן און געקוקט אויפ׳ן דאָקטאָר. אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן זיך געבאָדן אין טרערן. איר בלאַסער פּנים האָט זיך גענומען רויטלען . . . און זי האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען, בעת דער דאָקטאָר איז געשטאַנען לעבן איר געגלעט אירע הענט און מיט זיינע ווייכע קלוגע רייד אַרויסגע־ריסן דעם ווילדן שרעק פון דער ווייבל׳ס האַרץ . . .

מיין בייזער מזל האָט אַזוי געוואָלט, אַז איך זאָל זיך צוועלף יאָר מוטשען מיט אַ קראַנקער פרוי און האָבן צו טאָן מיט אומצייליגע דאָקטוירים און איך בין איבערצייגט, אַז — אויב ערגעץ איז פאַראַן אַ גרויסער באַרימטער דאָקטאָר, איז ער קודם כל אַ גרויסער פּסיכאָלאָג און ער פאַרמאָגט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר. צום באַדויערן זיינען ניטאָ קיין סך אַזעלכע דאָקטוירים. און — נאָר איין גאָט ווייס, וויפיל קרבנות די טיפּשים אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע לייגן אַוועק יעדן טאָג אויף די בית עולמ׳ס . . . (איך רעד שוין ניט פון דאָקטוירים שאַרלאַטאַנעס), אָבער ניט דאָס בין איך אויסן . . .

5

סאַטירע

סערוואַנטעס׳ דאָן קיכאָט און דזשאָנעטן סוויפט׳ס גוליעוור׳ס רייזעס ווערן באַטראַכט אַלס די צוויי גרעסטע סאַטירישע ווערק אין דער וועלט ליטעראַטור. אָבער מיר שיינט, אַז כדי צו געבן דעם דורכ־שניטליכן לייענער אַ באַגריף, וואָס סאַטירע מיינט, אָדער וואָס סאַר־קאַזם מיינט — קאָן מען דאָס אילוסטרירן דורך אַ פאָלקס וויץ אָדער גלייכווערטל.

מען קאָן, שיינט מיר, דורך אילוסטראַציעס אָנווייזן, וועלכער עס איז אמת העכטער הומאָר, וואָס ווירקט אויף אויסצואיידלען דעם מענטשלעכן געשמאַק, און פון וועלכן איר האָט אָן אמת גייסטיקע הנאה, און וואָס איז — פּראָסט און גראָב און אָפּשטויסנדיק פאַר דעם ראַפינירטן געשמאַק.

אָט, למשל, איז אַ ביישפּיל, וואָס עס הייסט סאַרקאַזם. אַ פרוי זוכט אין איר מאַנ׳ס קעשענעס, פון וועלכע עס איז אַרויסגעפאַלן אַ זייער איידל־גראַווירטע וויזיט־קאַרטאָטשקע, אויף וועלכן דער נאָמען: „עטי גרין״ איז געווען זייער חנ׳עוודיק אויסגעצאַצקעט, און אונטן איז געווען מיט קליינע בוכשטאַבן דער טעלעפאָן נומער: גרעמערסי 5165.

ווען דער מאַן איז אַהיים געקומען פון געשעפט, ווייזט אים די פרוי זיינע די קאַרטעטשקע, און קוקנדיק אויף אים מיט צוויי שטעכיקע דורכדרינגענדע אויגן זאָגט זי: „ווער איז דאָס די מאַדאַם „עטי גרין? . . . דאַכט זיך, צווישן אונדזערע באַקאַנטע איז ניטאָ אַזאַ נאָמען?״ . . .

דער מאַן האָט זיך דוקא ניט פאַרלוירן . . . און מיט אַ געמאַכטער רואיקייט זאָגט ער: „נאַרישע ווייבל, באַלד ווערסטו אייפערזיכטיק און מיינסט גאָט ווייס וואָס. עטי גרין איז דאָך דאָס רייס־פערד, אויף וועלכן איך האָב זיך אַנומלט געוועט. און געוואונען עטלעכע הונדערט דאָלער.

— אַזוי, — זאָגט די פרוי מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכעלע, „אַ רייס־פערד״ מיט אַ טעלעפאָן נומער . . . פון זינט ווען ריידן פיר פיסיקע פערד אויפ׳ן טעלעפאָן?

דער מאַן דערזעט דעם טעלעפאָן אויף דער קאַרטאָטשקע — ער גיט אַ לייכטן ציטער, אָבער נאָך אַלץ רואיק זאָגט ער: „מיין גאָט, סאַראַ מאָדנער מענטש דו ביזט. דאָס איז דאָך דער טעלעפאָן נומער פון דעם „בוקינג־אַגענט״, וואָס אַראַנזשירט די רייסעס.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער רופט די פרוי אָפּ איר מאַן ביי אים אין אָפיס און זאָגט אים אָן די בשורה, אַז זיין „רייס־פערד״, עטי גרין האָט אים נאָר וואָס אָפּגערופן אויפ׳ן טעלעפאָן . . . לויט איר שטימע איז דיין רייס־פערד אַ גאַנץ פיינע שקאָפּע . . .

וואָס מיינט איראָניע?
פאַראַן ביי אונדז אַ פאָלקס ווערטל, וואָס זאָגט:
„דער מענטש טראַכט — און גאָט לאַכט . . .“
לצים זאָגן: דער מענטש טראַכט — און דער טייפל לאַכט . . .

אָבער וואָס מיינט דאָס דאָזיקע ווערטל? עס מיינט, אַז ווי קלוג דער מענטש זאָל ניט טראַכטן, איבערטראַכטן און אויסטראַכטן! זיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט, קומט דער שיקזאַל אָדער דער שלימ־מזל און מאַכט צונישט אַלע זיינע פּלענער . . . דאָס איז „איראָניע“. דאָס וואָרט „איראָניע“ איז אַ נאָמען פון א גריך, וואָס האָט געהייסן „איראָן“ און אָט דער גריך פּלעגט אַרומגיין אין די גאַסן פון דער גריכעשער הויפּט־שטאָט, אַטענס, און פּונקט ווי סאָקראַטוס פּלעגט ער ליב האָבן שמועסן מיט מענטשן און אָפּלאַכן, חוזק מאַכן פון זייערע פּלענער, אַמביציעס און חלומות . . .

אָט, למשל, איז אַ פּאַסענדע אילוסטראַציע וואָס „איראָניזירן“ מיינט: די צייטונגען האָבן געמאָלדן ערשט ניט לאַנג צוריק, אַז „די אידישע קהילה אין שטאָקהאָלם, שווידן, האָט געבעטן די שוועדישע רעגירונג ניט אריינצולאָזן קיין אידישע פּליטים אין לאַנד, ווייל דאָס קאָן אַרויסרופן אַ כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם . . .

עס דערלאַנגט אייך אַ שטאָך אין האַרצן, בעת איר לייענט אָט די שרעקלעכע נייעס . . . אָבער דאָ קומט אייך זייער שטאַרק צוניץ אייער ח ו ש פ אַ ר ה ו מ אָ ר , וועלכער רעדט צו אייך און זאָגט: „נאַרישער מענטש, וואָס ערגערסטו זיך — דאָס איז די א י ־ ר אָ נ י ע פון בייזן אידישן שיקזאַל . . .

ווען טאַטע מאַמע בויען זייערע פּלענער פאַר דער דערציאונג פון זייערע קינדער און זיי פּ ל אַ נ ע ו ו ע ן אַז זייער געראָטענער זון זאָל זיין אַ ר ב , און נאָך דעם ווי זיי האָבן געבראַכט גרויסע קרבנות, זייער ציל צו דערגרייכן — גייט דער זון און שמד׳ט זיך אָדער ער אַנטלויפט מיט אַ שיקסע . . . דאָס איז אַן איראָנישער שפּיצל, וואָס זייער שיקזאַל האָט זיי אָפּגעטאָן . . .

די סאַטירע איז די סאַמע איידלסטע פאָרמע פון הומאָר אין דעם קאַמף פאַר אמת און יושר.

זאָגט ערגעץ אונדזער פּרץ אַ סאַטיריש ווערטל:
— שקר שטייט „אין לו רגלים״ —
אָבער אמת — ער האָט פיס.

אָבער וואָס קומט אַרויס אַז דער שקר פאָרט אין קאַרעטן און דער אמת — גייט צופוס . . .

אָבער פּרץ׳ס גרעסטער בייטראג צום קאַמף פאַר אמת און יושר איז זיין סאַטירישע מייסטערווערק „באָנצי־שוויַיג״.

איך געדענק אַ גלייך־ווערטל, וואָס האָט צירקולירט ביי אונדז אין שטעטל אין אוקראַינע וועגן „יאָסל דעם וואַסער־טרעגער״, וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט 50 רובל און געבראַכט דאָס געלט צו „מרדכי פּי־פּעק״ (דעם גרעסטן גביר פון שטעטל), ער זאָל דאָס געלט פאַר אים באַהאַלטן . . . געווען איז דאָס אין אַ פרימאָרגן, ווען דער פיינער ר׳ מרדכי איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין טלית און טפילין און געדאַוונט. און ר׳ מרדכי גיט אַ געשריי: „וואָס איז יאָסל, וואָס ווילסטו?״

יאָסל, דער וואַסער־טרעגער, גיט אַ ציטער, און טרייסלענדיק זיך פאַר שרעק און גרויס דרך ארץ זאָגט ער, שטאַמלענדיק:

„איך וויל אייך בעטן וויל איך אייך, אַ גרויסע טובה, פּאַני מרדכי, איך האָב אָפּגעשפּאָרט פּופּציק קערבלעך האָב איך אָפּגעשפּאָרט (ער וואַרגט זיך מיט די ווערטער . . .) איז וויל איך אייך בעטן איר זאָלט אַזוי גוט זיין און זיי בּאַ מיר צונעמען און פאַר פּראָצענט וועל איך אייך טראָגן וואַסער . . .

פּרץ האָט גענומען אַט די כשרה גאָט׳ס באַשעפענישן, די יאָסעלס, און זיי סימבאָליזירט אין דעם אומשטערבלעכן באָנצע־שוויַיג . . .

איינער פון די סימנים פון פּראָגרעס איז וואָס דער מאָדערנער באָנצע־שוויַיג האָט שוין באַקומען ס׳לשון . . . און ער בעט שוין מער ווי אַ בולקע מיט פּוטער . . . נאָך מער! ער בעט ניט. ער פאָדערט זיין חלק, וואָס אים קומט על פּי יושר און ער הויבט אָן פאַרשטיין דעם כוח פון אָרגאַניזירט צו זיין כדי צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן....

און אַז דער באַלעבאָס גיט אָן פוילע תירוצים, אַז ער קאָן נעבעך ניט צאָלן מער שכירות, הייסט זיך באָנצע־שוויַיג ווייזן די ביכער . . .
אַ זייער פיין סאַטיריש ווערטל האָט בערל דער „שטריק־מאַכער״

געלאָזט אויפשרייבן אויף דעם פענצטער פון זיין געשעפט. און עס לייענט זיך אָט אַזוי:

„קליינע גנבים הענגט מען —
די גרויסע — לאָזט מען לויפן —
ניחיי וואָלט עס פאַרקערט געווען,
וואָלט איך אַ סך מער שטריק פאַרקויפן . . . “

אַ וואונדערלעך סאַטירישע פאָלקס־ליד האָט געשריבן אַלעקסעי טאָלסטאָי, וואָס הייסט „דער אמת“. אונדזער מאַני לייב האָט די דאָזיקע פאָלקס־ליד איבערזעצט אין אַ געשמאַקן אידיש, וואָס לייענט זיך אַזוי:

(מאַני לייב האָט מיר דערלויבט זיין איבערזעצונג צו דרוקן).

דער אמת

אך, דו וואַרער אמת, אמת אונדזערער,
שטייסט דאָ אין דיין גאַנצער גרויס און ברייט!
הויבסט זיך ביז אין הימל מיט די הויכע בערג,
מיט די ברייטע סטעפּעס ליגסטו אויסגעשפּרייט,
מיט די בלויע ימ׳ען שטראָמסטו נאָכאַנאַנד,
מי די ווילדע וועלדער וואַקסטו אין דיין גרויס,
מיט די שטעט און מענטשן ביזטו אויסגעפּוצט!
דיך אַרומפאָרן — דאַרף מען הונדערט יאָר,

נאָר איין קוק אויף דיר — שווינדלט אַזש דער קאָפּ!
זיינען זיבן ברידער, ברידער טייערע,
זיבן בראַווע לייט אויף דער וועלט אַרויס,
אויף דעם אמת נאָר אַ קוק צו טאָן,
ווי דער אמת לעבט זיך אויף דער ווייסער וועלט.
אַז מען האָט פון אים אַזוי פיל אָנגערעדט,
און אין ביכער אָנגעשריבן וועגן אים,
און אַזוי פיל אויסגעטראַכט און אָנגעלייגט.

לאָזן זיך אין וועג די אַלע זיבן לייט,
אַלע זיבן ברידער, אַלע בראַווע לייט,
און זיי קומען צו דעם אמת אָן,
קומען זיי פון זיבן זייטן אָן;
און פון זיבן זייטן זעהען זיי
ווי דער וואַרער אמת זעט דאָ אויס.

קוקן זיי, די זיבן בראַווע לייט,
קוקן, און זיי שאָקלען מיט די הויכע קעפּ.
און זיי קערן זיך צוריק אין זייער לאַנד.
און אַז זיי קומען אָן אין זייער לאַנד, —
נעמט דערציילן יעדער פון זיי
פון דעם אמת, ווי ע ר האָט געזען:
ווער עס זאָגט — דער אמת איז אַ באַרג;
ווער עס זאָגט — ער איז אַ האַנדל־שטאָט;
ווער עס זאָגט — אַז ער איז גאָר אַ ים;
ווער עס זאָגט — אַז ער איז גאָר אַ וואַלד;
און ווער עס זאָגט — אַז ער איז גאָר אַ סטעפּ.

האָבן זיך די ברידער שטאַרק צוקריגט,
און די שאַרפע שווערדן ציען זיי,
און זיי נעמען שניידן, שניידן ביז'ן טויט;
און זיי שעלטן זיך און זידלען זיך;
און אַ ברודער רופט אַ ברודער אָן
ליגנער, פעלשער, בייזער אויסטראַכטער.
ביז די זיבן ברידער, אַלע בראַווע לייט,
האָבן אַלע זיבן טויטע זיך צולייגט.
נאָר די אַלע ברידער האָבן פאַרן טויט
אין דער גסיסה אָנגעזאָגט די זין

שניידן ביזן טויט און שטאַרבן שטאָלץ
פאַר דעם אמת פאַר דער וואַרער וואר.

נו, איז שניידן זיך ביז היינט די אייניקלעך
פאַר דעם אמת פאַר דער וואָרער וואָר,
זיך אַליין נאָר צו פאַרטיליגן . . .

אונדזער משל — ניט אויף צו דערצערן,
ניט צו שטראָפן — נאָר זיך צו פאַרקלערן,
און אַז גוטע מענטשן זאָלן קליגער ווערן.

פונקט אַזאַ שיינע סאַטירע איבער דעם נאַרישן „שטאָלץ" האָט געשריבן דער זעלבער פּאָעט, און מאָני לייב האָט דאָס איבערזעצט. אָט איז עס:

דער שטאָלץ

אָנגעבלאָזן קומט דער שטאָלץ שפּאַצירן פון דערווייטן,
גייט ער, וויגט ער זיך אין גדלות ברייט אויף אַלע זייטן.

און די גרויס איז ער — איין אייל, איין אייל נאָר מיט אַ דריטל,
אָבער ווי אַ קלאָפּטער הויך איז אויף זיין קאָפּ די היטל.

און דער בויך איז ביי דעם שטאָלץ באַפּוצט מיט פּערל בינטען,
און מיט גאָלד מיט רייכן איז ביי אים געפּאַרבט דער הינטן.

און צו־גאַסט צו טאַטע־מאַמע וואָלט דער שטאָלץ געקומען —
איז ביי זיי דער ברייטער טויער ניט געפּאַרבט אין בלומען;

וואָלט ער אין גאָט'ס הויז געקומען, גאָט'ס גענאָד צו פילן —
זיינען אין גאָט'ס הויז פאַרמיסטיגט און פאַרשפּייט די דילן.

גייט דער שטאָלץ און זעט: אין הימל שיינט אַ רעגנבויגן,
קערט דער שטאָלץ זיך אָפּ,

ווייל ער וויל זיין קאָפּ
אונטער דעם רעגנבויגן־ראָד — ניט בויגן . . .

וואָס מיינט פּאַראָדיע?

פּאַראָדיע מיינט: נאָכמאַכן, נאָכקרימען די ווערק אָדער די רייד פון אַ באַוואוסטן קינסטלער אָדער אַקטיאָר. אָט איז למשל אַ פּאַראָדיע אויף „פרייע ליבע", וואָס איך האָב ערגעץ געלייענט אָבער איך געדענק ליידער ניט דעם נאָמען פון שרייבער:

„געדענקסטו געליבטע די גליקליכע שטונדן
ווען דו האָסט די ליבע אין האַרצן געצונדן,
ווי ליב איז געווען דיין שמייכל, דיין מינע,
געדענקסטו, געליבטע, געדענקסטו דאָס לינאַ?
מיר זיינען מיט יעדן טאָג נעענטער געוואָרן
און האָבן זיך אייביקע ליבע געשוואָרן.
אויב לעבן אָדער שטאַרבן — דאַן זאָלן מיר ביידע,
געדענקסטו, געליבטע, געדענקסטו דאָס קיידי? . . .
געדענקסטו ווי איך האָב דיר געקוקט אין די אויגן,
די באַקן געגלעט און די ליפּן געזויגן,
פאַרלייכטערט האָסטו מיינע שטונדן די שווערע.
געדענקסט דאָס געליבטע, מיין טייערע סערע?

וואו זייט איר איצט לינאַ און קיידי און סערע
און קלאַרע און גאָסי און דאָרע און מערי,
און אַנדערע ווער קאָן זייערע נעמען געדענקען,
אַך ווי טוט וויי מיר מיין האַרץ, און עס טוט מיר בענקען.

איצט בין איך פאַרליבט אין סאָפי'ן שוין גאַנצע צוויי וואָכן,
און באַלד וועט אויך די ליבע ליגן צעבראָכן.
איך שפּיל זיך גוט אָן, איידער איך גט זי,
אָבער ווער קומט נעקסט — מאַטילדע צי בעסי? . . .

אַ צווייטע פּאַראָדיע אויף פרייע ליבע האָט, שיינט, מיר געשריבן מיכל קאַפּלאַן, וואָס הייסט „מיט אַ שלייף":

„איך האָב זי געליבט, מיט אַ שלייף —
האָב זיך ניט געוואָלט פאַרקניפּן.

און קוועלן פלעגט דאָס האַרץ אין מיר
ביים קושן אירע ליפּן.
איך האָב געטראַכט:
קוים וועט די ליבע מער ניט גליען —
נעם איך דעם שלייף פאַרן עק
און אים פאַנאַנדערציען . . .
און ווידער וועל איך מיר
פראַנק און פריי די גאַנצע וועלט אומלויפן
און מיט אַ פריש מיידעלע
פון דאָס נייע זיך פאַרשלייפן . . .
אַזוי האָב איך געטראַכט —
ביז די צייט איז געקומען —
אָבער פאַר גרויס איילעניש
האָב איך דעם פאַלשן עק אָנגענומען . . .
איך גיב אַ צי און זאָג — אַדיע, געליבטע.
אָבער אַן אומגליק האָט געטראָפן
און געבליבן זיינען מיר פאַרקניפּטע . . .

אַן אמת סאַטירישער וויץ איז ווי אַזוי איינער האָט זיך אָפּגע־ר'עכנט מיט זיינעם אַ פריינט, וועלכער האָט ליב געהאַט אָפּצוטאָן „שפּיצלעך" צו זיינע פריינט און באַקאַנטע.

איין מאָל איז ער זיך מישב, דער איבערגעשפּיצטער „חכם" — לאָמיר אים רופן מר. רובין, — אַזוי ווי ער ווייס, אַז זיין פריינט איי־זעקסאָן איז זייער אַ קאַרגער, נעמט ער און שיקט אים אַ טעלעגראַמע (קאָלעקט — ד. ה. אַז זיין פריינט וועט דאַרפן באַצאָלן פאַר דער טע־לעגראַמע), וואָס לויטעט אַט אַזוי:

„איך לאָז אייך וויסן, אַז איך בין געזונט ווי אַ שטיין. אייער פריינט רובין."

אין אַ פּאָר טעג אַרום קריגט רובין צוגעשיקט דורך עקספּרעס אַ פּעקל, פאַר וועלכן ער דאַרף באַצאָלן 4 דאָלער מיט פערציק סענט. ווען ער האָט געעפנט דאָס פּעקל, האָט ער דאָרט געפונען אַ היפּשן שטיין מיט אַ צעטעלע וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„דערהאַלטן דיין טעלעגראַמע, וואָס לאָזט מיר וויסן, אַז דו ביזט געזונט ווי אַ שטיין — דאָ געפינסטו דעם שטיין, וואָס איז מ י ר אַראָפּ פון האַרצן . . .

עס איז גוט באַוואוסט, אַז די אַם ערגסטן באַצאָלטע אַרבעטער זיינען די שול־לערער, און דער איינציקער וועג ווי אַזוי די לערער קאָנען אויסלאָזן זייער כעס צו די שטאָט טאַטעס איז — דורך שאַפן אַ וויץ . . . אַ וויץ וואָס ענטהאַלט אַ בייסענדע סאַטירע.

די לערערקע דערלאַנגט דעם קאַסירער פון באַנק איר טשעק, וואָס זי קריגט יעדן חודש, אירע שכירות. דאָס מאָל גיט איר דער קאַסירער אַלטע פאַרשמירטע שטאַרק צעקנייטשטע פּאַפּיר געלט, און מיט אַ שמייכל זאָגט ער:

„איך האָף, אַז איר האָט ניט קיין מורא פאַר קיין . . . מיקראָבן?

— איך, ניין, — ענטפערט די שול־לערערין, — אויף מיינע שכירות קאָן אפילו אַ מיקראָב ניט לעבן . . .

אַ באַזונדער חן פאַרמאָגט דער ספּעציפיש אידישער הומאָר. ווען איך זאָג — ספּעציפיש אידישער, מיין איך דעם אידישן הומאָר, וואָס אַ ניט איד קאָן שווערלעך באַנעמען און קנאַפּ וואָס הנאה האָבן פון דעם . . . אָט איז אַ ביישפּיל:

אין דעם אָנגעפּאַקטן סאָבוויי־וואַגאָן אין ניו יאָרק, שטייט אַ הויכער הדרת־פּנים׳דיקער איד מיט אַ לאַנגער באָרד, ער טראָגט אַ רונדן רב׳נשן קאַפּעליוש. די קורצזיכטיקע דיקע אויגן גלעזער, איינגעפּאַסט אין אַ שוואַרצן ראַמל, מיט איין האַנט האַלט ער דעם לעדערנעם רימען און אין דער צווייטער האַלט ער אַ בלאַט צייטונג און ער לייענט.

רוקט זיך צו צו אים אַ קליין אידעלע מיט אַ בלאָנד בערדל און ער טראָגט פּונקט אַזאַ רונדן רב׳נישן קאַפּעליושל ווי דער הויכער איד. דאָס קליינע אידעלע הויבט זיך אויף די שפּיץ פינגער צו דערגרייכן צום לעדערנעם רימען, אָבער ער קאָן ניט . . . טאַפּט ער אָן דעם הויכן אידנ׳ס באָרד, כאַפּט זי אָן — און לאָזט שוין ניט אָפּ . . . דער הויכער איד — שווייגט . . . ער איז צו שטאַרק פאַרטיפט אין לייענען . . . גייט אַוועק אַ פּאָר מינוט און ווען דער וואַגאָן האָט זיך געטאָן אַ שאַרפן דריי, און דאָס קליינע אידעלע האָט אַ צו שטאַרקן צי געטאָן

דעם לאַנגען אידנ׳ס באָרד, קוקט ער אַראָפּ צו דעם קליינעם אידעלע און זאָגט:

— פּעטער לעבן: אפשר וואָלט געווען אַ סברה איר זאָלט אָפּלאָזן מיין באָרד? . . .

קוקט דאָס קליינע אידעלע אַרויף צום הויכן אידן מיט אַ הכנעה׳־דיקן שמייכעלע און ער זאָגט:

—„וואָס זשע, איר דאַרפט דען דאָ אַראָפּגיין?" . . .

און אַזוי איך האָלט שוין באַ העכט אידישע וויצן — אָט איז נאָך אַ פיינער עקזעמפּלאַר:

דער לאָנדאָנער רב הכולל קומט מיט אַ וויזיט צום פּאַריזער רב. זיצן זיי ביידע ביים טיש און שמועסן געמיטלעך. עפנט זיך שטיל די טיר און עס קומט אַריין אַ קליין שוואַרץ מיאוס ווייבעלע, שטעלט אַוועק כיבוד אויפ׳ן טיש און זי שאַרט זיך שטילערהייט אַרויס.

זאָגט דער לאָנדאָנער גאַסט: „אַזוי רבי, איר האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט, איר האָלט שוין אַ דינסט?"

געפינט זיך דער פּאַריזער רב באַליידיגט און זאָגט: „גייט שוין גייט, אַזאַ מיאוסקייט וועל איך נעמען פאַר אַ דינסט? — באַשער איר האָט ניט דערקאָנט מיין ווייב?"

איך האָב אויבן געבראַכט אַ פּאָר אידישע וויצן — וויל איך דאָ ברענגען אַ ביישפּיל פון אַ ניט אידישן וויץ:

סעם: — ווער האָט דאָס דיר אַזוי פיין אונטערגעשלאָגן די אויג?

דזשאָו: — דער חתן דזשים דערפאַר, ווייל כ׳האָב אַ קוש געטאָן זיין כלה.

סעם: — וואָס הייסט? דאָס איז דאָך אַן אַלטער מנהג?

דזשאָו: — יאָ, אָבער דאָס איז געווען צוויי יאָר נאָך זייער חתונה . . .

און אָט איז נאָך אַ ניט אידישער וויץ:

אין קירכע. גלח: — „אַלע מענער וואָס האָבן צרות פון זייערע ווייבער זאָלן זיך אויפשטעלן".

אַלע שטעלן זיך אויף אַחוץ איינעם וואָס איז געבליבן זיצן. . .

— אַזוי, — ווענדעט זיך צו אים דער גלח — דו ביזט דאָס דער איינציקער גליקלעכער מאַן?

— ס׳הויבט זיך ניט אָן — ענטפערט ער, — מיינע פיס זיינען פּאַראַליזירט . . .

דער לייענער וועט דאָ געפינען אַ קאָלעקציע פון געקליבענע וויצן און אַנעקדאָטן, וואָס איך האָב אויף מיין לעבנ׳ס וועג געקליבן, און אַ טייל פון זיי האָב איך אַליין געשליפן און געהובלט.

איך האַלט, אַז פון אַ גוטן שאַרפזיניקן וויץ קאָן מען — אַ חוץ די הנאה — אויך עפּעס לערנען. אָט איז למשל אַ וויץ, וואָס באַווייזט, אַז ווען אַ מענטש פאַרמאָגט אַ ביסעלע טאַקט — קאָן ער אויסמיידן עגמת נפש און אָנהאַלטן דעם שלום־בית.

אַ יונגער באַלעבעסל קומט פון דער אַרבעט און ער קושט זיין יונגע ווייבל, וואָס האָט אים נאָר וואָס געבוירן איר ערשטלינג, אַ מיידעלע.

זאָגט די ווייבעלע צום מאַן, זאָגט זי: — „דאַרלינג, איך האָב באַשלאָסן אַז אונדזער טעכטערל זאָל הייסן ציפּקע . . . גלייכסטו דעם נאָמען?״

„דאַרלינג״, גלייכט ניט דעם נאָמען ציפּקע . . . אָבער טאַקע גאָרניט! ער האָסט דעם נאָמען! אָבער זאָגן זאָגט ער: „יעס, מיין ליבענקע, דער נאָמען געפעלט מיר זייער!״

„דער פאַקט איז, אַז מיין ערשטע געליבטע האָט געהייסן — ציפּקע . . . ״

דער ווייבל׳ס פּנים ווערט פאַרוואָלקנט און זי זאָגט: „אויב אַזוי, וועלן מיר זי רופן זלאַטקע — אַ נאָמען נאָך מיין באָבען . . . ״

וואָס מיינט „בורלעסק״?

אָט איז אַ וויץ, וואָס גרעניצט זיך מיט בורלעסק:

משה: — „דו ווייסט, חיים, איך האָב היינט געדאַרפט בענטשן גומל.״

חיים: — „וואָס איז געשען?״

משה: — „שטעל דיך פאָר מיין שרעק — ווען איך כאַפּ זיך אויף באַנאַכט און איך זע, ווי אימיצער שטייט לעבן מיין שאַפע אָנגעטאָן אין ווייסן. אָבער באַלד בין איך צו זיך געקומען און אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אויסגעשאָסן. דערנאָך דריי איך אויף די געז און

דערזע אַז דאָס איז גאָר געווען מיין אייגענע אויבערהעמד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער שאַפע.״

חיים: — „אָבער פאַרוואָס דו האָסט געדאַרפט בענטשן גומל, ווייס איך ניט!״

משה: — „חכם, וואָס טו איך, אַז איך פאַרגעס אויסטאָן די העמד?״ . . .

אַפאָריזמען אויפ׳ן חשבון פון דער פרוי.

פ אָ ר װ אָ ר ט

ניט אַלע גרויסע שריפטשטעלער, דענקער און פילאָזאָפן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין דער וועלט־ליטעראַטור זייערע אַפאָריזמען און גלייכווערטלעך בנוגע דער פרוי, האָבן דיזעלבע סימפּאַטישע באַציאונג צו דער פרוי.

מיר שיינט, אַז אַ סך פון זיי זיינען געווען פול מיט פאָראורטיילן קעגן דעם שיינעם געשלעכט. נעמט, למשל, אַזאַ שאַרפן מוח ווי שאָפּענהויער; איז ניט זיין מיינונג וועגן דער פרוי לעכערלעך און אַבסורד?

איך בין געווען אַ בעלן צוזאַמענצוקלייבן אַ היפש ביסל פון די עפּיגראַמען, אַפאָריזמען און גלייכווערטלעך, ווייל איך האַלט, אַז זיי זיינען ניט נאָר אינטערעסאַנט און אונטערהאַלטענדיג, נאָר אויך באַלערענדיג.

איינער פון די שענסטע אַפאָריזמען איז דער וואָס זאָגט, אַז „די פרוי שטייט אין אַלע הינזיכטן העכער פון דעם מאַן. דערפאַר טאַקע זען מיר, ווי מענער זוכן צו הייראַטן די סאַמע נאַרישסטע פרויען...״ (אַנאַטאָל פראַנס.)

פרויען זיינען דעם מאַנ׳ס פאַרברעכן. זיי טראָגן אויף זייער לייב און זייער נשמה סימנים פון זעקס טויזנט יאָר שקלאַפעריי און אומגערעכטיקייט. (וויקטאָר הוגאָ.)

דער פרוי׳ס האָפנונגען זיינען געוועבט פון זונשטראַלן; דער מינדסטער שאָטן צערייסט זיי.

פאָלג אַלעמאָל דער פרוי׳ס ערשטע עצה — ניט דער צווייטער.

קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט אַזוי שווער צו היטן ווי אַ פרוי.

פרויען קאָנען אפשר ניט זען אַזוי ווייט ווי מענער; אָבער דאָס וואָס זיי זעען יאָ — דערזעען זיי שנעלער ווי דער מאַן.

וואָס ווייניגער עס זיינען פאַרנומען אירע הענט, אַלץ מעהרער פאַרנומען איז איר האַרץ.

דזשאָרדזש עליאָט זאָגט וועגן איר אייגענעם געשלעכט אָט אַזאַ מין ווייזהייט:

ווען מענער וואָלטן געקאָנט לייענען דער פרוי׳ס געדאַנקען, וואָלטן זיי געוועזן טויזנט מאָל אַזוי חוצפה׳דיג ווי זיי זיינען.

אַנאַטאָל פראַנס זאָגט:

אַ שיינע פרוי איז אַ חיות פאַר׳ן אויג; אַ גוטע פרוי איז אַ פרייד פאַר׳ן האַרצן. די ערשטע איז אַ שטיקל צירונג; די צווייטע — אַן אוצר.

אין דעם גײַיעג נאָכ׳ן טייוול לויפט די פרוי שנעלער פון דעם מאַן מיט טויזנטער שפאַן.

געטהע זאָגט:

פרויען זיינען נאָר דעמאָלט שטאַרק, ווען זיי באַוואָפענען זיך מיט זייער שוואַכקייט.

קיין פרוי איז ניט מיאוס געגוג, ניט צו דערוואַרטן אַ קאָמפּלי־מענט פון אַ מאַן.

אַ שפּאַניש ווערטל זאָגט:

אין דער פרוי׳ס אויגן — צוזאַמען מיט אירע טרערן — ליגט מער כח ווי אין אַ פאָלק סאָלדאַטן.

דער פאַר אָבער זאָגט אפּריב לעסינג:

איך האָב אַלעמאָל געהאַלטן די פרוי פאַר דער קרוין פון גאָט׳ס מייסטערווערק; און כאָטש צוליב דער פרוי האָבן מיר פאַרלוירן דעם גן־עדן, געפינען מיר אים אָפט צוריק אין אירע אָרעמס.

פרויען, קעץ און פויגל פאַרשווענדן די מערסטע צייט אויף טואַלעט.

צו פאַרגרעסערן איר שיינקייט וועט די פרוי אַריבערטראָגן די גרעסטע ווייטאָגן.

פרויען זאָגן אַלעמאָל דעם אמת, נאָר ניט דעם גאַנצן אמת.

שווער צו טרייסטן דעם מאַן ווען ער פֿאַרלירט זיין ערשטע ליבע;
דער פרוי איז שווער צו טרייסטן, ווען זי פֿאַרלירט איר לעצטע ליבע.

אַ געהיימע ליידנשאַפֿט עפֿנט שנעלער דער פרוי׳ס האַרץ ווי אַ מאָראַלער פּרינציפּ.

ניט־שעמעוודיגע פרויען זיינען אָפֿט די טוגנטהאַפֿטסטע.

ביי שעקספּיר׳ן זיינען ניטאָ קיין העלדן, נאָר העלדינס.

פרויען דאַרפֿן ניט אַלעמאָל זיין שיין; עס איז גענוג וואָס זיי האָבן מאָמענטן, וועלכע מען קאָן ניט פֿאַרגעסן.

פרויען זיינען דער וואונדער פֿון גרויסע ווידערשפּרוכן.

„טייוול!" שרייט אויס אַ פרוי צו אַ חוצפּה׳דיגן מאַן; און מיינען מיינט זי אָפֿטמאָל: „מלאך מיינער."

פרויען, וואָס האָבן ניט קיין שיינע ציין, לאַכן מיט די אויגן.

אַ צוריקגעוויזענער געליבטער זאָל ניט פֿאַרצווייפֿלען; אַ פרוי האָט צייט חרטה צו האָבן.

די פרוי וועט אַנצינדן דיינע עמאָציעס; און ווען דער שכל דער־וואַכט, איז שוין צו־שפּעט.

בילדונג פֿאַר אַ מאַן בלייבט פּרוכטלאָז; בילדונג פֿאַר אַ פרוי איז אַ ברכה פֿאַר די צוקינפֿטיגע דורות — אַזוי זאָגט עמערסאָן;

און באַלזאַק פֿאַרגינט זיך צו זאָגן:

פֿאַר אַ מיאוס׳ער פרוי איז ניט שווער צו בלייבן אַ צנועה.

סאָפֿיע אַרנאָלד, אַליין אַ פרוי, זאָגט וועגן אירע שוועסטער:

אַ פרוי איז אַן איבערגעוואַקסן קינד, וואָס אַמוזירט זיך מיט שפּילצייג און ווערט פֿאַר׳שיכור׳ט פֿון חניפֿה און פֿאַלשע פֿאַרשפּרע־כונגען.

די קאָקעטקע איז געפֿערליכער ווי די קורטיזאַנקע.

וואָס מער אַ פרוי ריזיקירט, אַלץ מער איז זי גרייט אויף קרבנות.

דער גרויסער וואָלטעיר, וועלכער האָט קיינמאָל ניט חתונה גע־האַט, זאָגט:

די פֿעלקער, וואָס אונטערדריקן די פרויען, זיינען באַרבאַרן.

אַ צווייטער פראַנצויז, לאַבריער, זאָגט:

אַ שיינער פרוי, מיט אַ נאָבעלן כאַראַקטער, איז די פּערפֿעקסטע באַשעפֿעניש פֿון דער נאַטור.

אַ יונגע דינסטמיידל — ווען עס קומט צו ליבע — איז פאַרציג־ליכער ווי אַן אַלטע קעניגין.

די פרוי, וואָס איז צו־שטאַרק פאַרנומען מיט איר אויסזען, פאַר־נאַכלעסיגט איר היים. (דאָס האָט געזאָגט בען דזשאָנסאָן.)

די געטער האָבן דער פרוי געגעבן ווייניגער געניאַליטעט, כדי צו קאָנען קאָנצענטרירן איר גאַנצן פייער אין האַרצן.

די שריפטשטעלערין באַגייט אַ טאָפּעלטן פאַרברעכן. זי פאַרגרע־סערט די צאָל ביכער און פאַרקלענערט די צאָל פרויען. (אַנאַטאָל פראַנס.)

פרויען זעען אפילו ווען זיי קוקן ניט; מענער קוקן און זעען גאָר־נישט.

די דערמאָנטע סאָפיע אַרנאָלד שעמט זיך ניט צו זאָגן: פרויען גיבן זיך ערשט דעמאָלט איבער צו גאָט, ווען דער טייוול פאַרבראַקירט זיי.

געוויס קאָן אַ פרוי ניט האַלטן קיין סוד; איך קען אָבער אויך אַ סך ווייבערשע מענער.

פרויען זיינען בלומען, ווען פאַרפיום איז אַמליבסטן אין שאָטן.

פּונקט ווי עס זיינען פאַראַן בלומען וואָס שמעקן ניט, אַזוי זיינען פאַראַן פרויען וועמעס ליבע איז קיין ליבע ניט.

קיין זאַך וועט ניט אַזוי וויי־טאָן אַ פרוי, ווי ווען איר זאָגט איר, אַז זי איז אַלט.

יונגעלייט, וואָס שדכנ׳ען זיך צו אַ רייכער כלה, קימערן זיך וויי־ניג וועגן איר טוגנט.

די איטאַליענער שעמען זיך ניט צו זאָגן:

צו פרויען, אייזלען, און ניס, פאָדערט זיך אַ שטאַרקע האַנט.

אונדזער טאָלסטוי האָט אויסגעפונען:

עס איז אַ גרויסע אילוזיע צו מיינען, אַז ווען אַ פרוי איז שיין איז זי אויך קלוג. זי פלאָפּלט שטות׳ערייען, און מיר מיינען, אַז עס איז תורת־לאָקשן.

אַזאַ באַרימטע פרוי ווי זשאָרזש זאַנד זאָגט:

אַ פרוי קאָן ניט גאַראַנטירן פאַר איר האַרץ, אפילו ווען זי האָט דעם פּערפעקטסטן מאַן.

עס ליגט אין דער נאַטור פון דער פרוי צו וועלן געפעלן יעדן וואָס האָט אַ פּאָר אויגן.

וואָלטעיר מיינט:

די פרוי, וואָס וואַרפט זיך אויף אַ מאַנ׳ס קאָפּ, געפינט גיך אויס, אַז זי ליגט גאָר ביי זיינע פיס.

אַ פרוי קאָן אַמאָל אָפּנאַרן איר געליבטן; אָבער קיינמאָל ניט איר פריינד.

אַ פּעכער איז זייער נויטיג פאַר אַ פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן איר בושה.

באַלזאַק מיינט:

אַ פרוי, וואָס זאָל האָבן פולשטענדיגן צוטרוי צו איר געליבטן— דאָס איז אַ שרייבערשער חלום.

די קלוגע כינעזער פאָדערן פון דער פרוי בלויז פיר מעלות: אַ באַשיידן קאָפּ, אַ טוגנדהאַפט האַרץ, אַ זיס מויל און הענט כסדר פאַר־נומען מיט אַרבעט.

נאַרישע מענער באַקלאָגן זיך: די פרוי איז זייער זעלבסטזיכטיג. זיי וויסן ניט, אַז דעם דאָזיגן פייער האָבן זיי אַליין צעבלאָזן.

אַפילו דער אַלטער סערוואַנטעס, דער מחבר פון „דאָן קיכאָט״, ווינצלט זיך אויף דער פרוי׳ס חשבון און זאָגט:

צווישן דער פרוי׳ס יאָ און ניין איז ניט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר אַ שפּילקע אַריינצושטעקן.

וויקטאָר הוגאָ שרייט אויס:

היט זיך מענער ווען אייער פרוי הויבט אָן ווערן צערטליך; עס שמעקט מיט שקלאַפעריי.

כדי זיך אויסצוצייכענען זוכט די פרוי צו אימיטירן דעם מאַן; דאָס איז איר גרעסטער טעות.

דער פרוי׳ס טוגנט איז אַן איידעלער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, וואָס שפּילט אַמבעסטן הינטער פאַרשלאָסענע טירן.

די רעוואָלוציע, וואָס די באָסטאָן טי־פּאַרטי האָט אָנגעהויבן, האָט

פריער געדאַרפט זיין אין דער מאַמע׳ס מילך, איידער זי איז אַריין אין דעם בלוט פון די מענער. (האַלמס.)

די קלוגע דזשאָרדזש עליאָט זאָגט:

פרויען שלינגען אַרונטער מיט איין שלונג דעם ליגן פון חניפה; דערנאָך טרינקען זיי לאַנגזאַם טראָפּן נאָך טראָפּן די ביטערקייט פון אמת.

מיר נויטיגן זיך אָפּט אין דער פריינדשאַפט פון דער פרוי מער ווי אין דער פריינדשאַפט פון דעם מאַן.

ווען אַ פרוי ווערט אַלט דרייסיג יאָר, ווערט ביי איר אָפּגעשוואַכט דער זכרון; ווען זי ווערט פערציג, פאַרלירט זי אים אינגאַנצן.

ווען פרויען זאָלן אַפילו לעבן אייביג, וואָלטן זיי ניט געקאָנט פאַראויסזען זייער לעצטן געליבטן.

פריער אָדער שפּעטער וועט די צייט טויטן די ליבע; די פריינדשאַפט אָבער באַזיגט די צייט.

די ליבסטע פרוי איז די, וואָס ווייס ווי ליכטיג צו מאַכן די טרויעריגסטע מאָמענטן פון דיין לעבן.

באַלזאַק מיינט:

די פרוי, וואָס ליבט, וועט דיר מוחל זיין אַפילו אַ פאַרברעכן; ליבט זי ניט, זעט זי ניט אַפילו דיינע גרעסטע מעלות.

די וואָס שפּייט אין מיין פנים ווען איך בין דאָ, וועט פאַלן צו מיינע פיס, ווען איך וועל שוין דאָ ניט זיין. (מאָנטען.)

די באַוואוסטע מאַדאַם די סטאַל האָט געשאָפן אָט דעם חנ׳עוודיגן שפּרוך וועגן איר געשלעכט:

עס פרייט מיך, וואָס איך בין ניט קיין מאַן; ווען ניט וואָלט איך דאָך געדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ פרוי.

אַ קאָקעטקע האָט ניט קיין האַרץ; זי זוכט באַוואונדערער, ניט קיין ליבהאָבער.

די פרוי וואָס פאַרמאָגט אַ קאָפּ אינטערעסירט אונדז ניט אַזוי ווי די, וואָס פאַרמאָגט האַרץ.

די ווייסע רויזן זיינען ניט אַזוי אָנציִענדיג ווי די רויטע.

אַ מאַן קאָן גיכער האַלטן יענעמ׳ס סוד איידער זיין אייגענעם: מיט אַ פרוי איז פונקט פאַרקערט.

דער פרוי׳ס ערגסטער שונא איז די פרוי.

די וואונדן אין האַרצן היילן זיך זייער שווער און לאַנגזאַם, און קאָנען זיך זייער לייכט צוריק עפענען.

אַ מאַן, וואָס קאָן טיף און אויפריכטיג ליבן, איז זעלטן ווערט צו פאַראַכטן.

דער גרויסער חסרון פון אַ מאַן איז, וואָס ער קאָן קיינמאָל ניט זיין אין דער לאַגע פון דער פרוי וואָס ער פאַראורטיילט.

(מאַדאַם דע עפינאַו.)

דער מאַן קאָן בעסער פילאָזאָפירן; אָבער דאָס מענשליכע האַרץ קען די פרוי בעסער ווי דער מאַן. (ראַסעל.)

אַ שיינע און טוגענדהאַפטע פרוי איז גאָט׳ס מייסטערווערק; דער שטאָלץ פון די מלאכים; דער ערד׳ס גרעסטער נס; דער וואונדער פון דער וועלט. (עמערסאָן)

דער פרוי׳ס האַרץ איז ווי דעם ליטאָגראַפער׳ס שטיין; וואָס איז איינמאָל אָנגעשריבן קאָן קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן. (טאָלסטאָי.)

אויב דיין ווייב איז קלענער פון דיר בויג זיך איין ווען דו רעדסט צו איר. (פון תלמוד.)

דער סוד פון אַ פרוי׳ס יונג אויסזען איז: לויזע שיך, אַ לויזער קאָרסעט און לויזער געוויסן.

וואו שטאָלץ קומט אַריין, דאָרט פאַרשווינדט די ליבע.

די מיידל, וואָס רופט אַרויס דעם פּאָעט׳ס אַ זיפץ, איז אַ גאַנץ אַנדער באַשאַף ווי די, וואָס קאָכט זיין וועטשערע. (היינע.)

דאָס האַרץ פון אַ פאַרהייראַטער קאָקעטקע איז ווי אַ רויז; די געליבטע רייסן אָפּ די בלעטלעך, און די שטעכעלקעס בלייבן פאַר איר מאַן.

ווען אַ פרוי קאָן קיין נקמה ניט נעמען, טוט זי דאָס וואָס אַ קינד טוט — זי וויינט.

דער מאַן, וואָס האָט גענומען אַ פרוי, פאַרדינט די קרוין פון גע־דולד; דער, וואָס האָט גענומען צוויי פרויען, פאַרדינט צוויי קרוינען — פון רחמנות.

אייפערזוכט איז די שוועסטער פון ליבע, פונקט ווי דער טייוול איז דער ברודער פון מלאך־המות.

מענער שיטן־אָפּ די פרוי מיט קאָמפּלימענטן, וואָס זי פאַרדינט ניט.

אין יעדער אמת׳ער פרוי איז פאַראַן אַ געטליכער פונק, וואָס לייכט און שטראַלט אין צייט פון נויט.

ווען אַ מאַן זאָגט, אַז ער האָט אַ ווייב, מיינט עס, אַז די פרוי האָט אים.

אַ פרוי איז מער אויסגעהאַלטן אין האַס, ווי אין ליבע.

אַ פרוי שטאַרבט צוויי מאָל: ווען זי הערט־אויף לעבן, און ווען זי הערט־אויף ליבן.

ליבע איז די פאַראייניגונג פון צוויי פאַר׳ן נוצן פון אַ דריטן. (גרעפין נאַטאַליאַ.)

די ביבעל זאָגט: אַז גאָט האָט באַשאַפן די פרוי צולעצט. הפּנים דאַס האָט געמוזט זיין שבת־צו־נאַכט — ווייל זי טראָגט די סימנים פון מידקייט. (אַלעקסאַנדער דיומאַ.)

דריי זאַכן האָב איך אַלעמאָל געליבט און ניט פאַרשטאַנען — מאַלעריי, מוזיק און פרויען. — (אַריסטאָטעל.)

אין צדקה גיט דער מאַן בלויז זיין געלט; די פרוי גיט־צו אויך איר סימפּאַטיע.

טוגענט איז אַ וואָרט לייכט אַרויסצוזאָגן, אָבער שווער צו פאַר־שטיין. — (וואָלטעיר.)

די שבועה, וואָס אַ פרוי גיט דעם געליבטן, מעג פאַרשריבן ווערן אין שניי, אָדער אין אַ שנעל לויפנדיג וואַסערל.

די פרוי איז אַ מייסטער צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון דעם, אַן ווענמען זי איז אַפּהענגיג מיט איר לעבן. — (געטהע.)

די איינציגע זאַך, וואָס מען האָט דער פרוי געקאָנט אויסלערנען, איז — צו טראָגן דעם חן פון דעם פייגנבלאַט, גע׳ירש׳ענט פון דער מוטער חוה. — (דידעראָ.)

אַ פרוי איז ווי אַ דין צווייגל, וואָס בויגט זיך פון יעדן ווינט, אָבער דער גרעסטער שטורעם קאָן ניט איינברעכן.

אַ פרוי איז ווי אַ שיין־געדעקטער טיש, אויף וועלכן מען קוקט מיט אַנדערע אויגן נאָכ׳ן מאָלצייט, ווי פאַר׳ן מאָלצייט.

פרויען זיינען קלוג, ווען ניט־צוגעגרייט; נאַריש ווען זיי דענקען נאָך. — (איטאַליעניש שפּרוכוואָרט.)

אַ מוטער האָט קיינמאָל קיין מורא ניט פאַר זכרונות; זיי ווערן אַלעמאָל צעשמאָלצן אין דעם קינד'ס שמייכל. — (דזשאָרדזש עליאָט.)

די נאַטור האָט געזאָגט צו דער פרוי: זיי שיין אויב דו קאָנסט; זיי טוגענהאַפט אויב דו ווילסט — סימפּאַטיש מוזסטו זיין! — (באָמערשע.)

אַלע ליידענשאַפטן שטאַרבן־אָפּ מיט די יאָרן; זעלבסטליבע שטאַרבט קיינמאָל ניט. — (וואָלטעיר.)

אַ קורצע אָפּוועזענקייט מאַכט שטאַרקער די ליבע; אַ לענגערע אָפּוועזענקייט דער'הרג'עט איר. — (מיראַבאָ.)

אויב מיר מענער פאַרלאַנגען פון די פרויען מער פּערפעקטקייט ווי פון זיך אַליין, טוען מיר זיי אָן גרויס כבוד. — (דזשאָנסאָן.)

מענער ריידן מער שלעכטס אויף פרויען ווי זיי דענקען; מיט פרויען איז דאָס פּונקט פאַרקערט.

פרויען, גלחים און הינער האָבן קיינמאָל ניט גענוג.

אַ פרוי איז צו־ווייכהערציג צו האַסן אַלעמאָל. אויב הונדערט מענער האָבן איר אָפּגענאַרט, וועט זי פּרובירן מיט דעם הונדערט־און־ערשטן.

די פרוי איז אָדער אַ ברכה, אָדער אַ קללה פאַר דער פאַמיליע.

אַ מאַן זאָל זיך אויסקלייבן אַ ווייב מיט די אויערן, אַנשטאָט מיט די אויגן.

אַ העלפט פון דער פרוי'ס צרות וואָלטן געקאָנט פאַרמידן ווערן, ווען זי וואָלט ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל די ווערטער, וואָס זי האָט באַשלאָסן ניט צו זאָגן. — (דזשאָרדזש עליאָט.)

דער וואָס איז שטענדיג פאַרליבט איז קיינמאָל ניט פאַרהייראַט.

פרויען דערפילן מיט'ן ערשטן בליק מיט וועמען זיי ריידן; עפּעס אַ מין רעליגיעזער געפיל דערהויבט זיי צו אַ הויך, צו וועלכער מענער קאָנען קיינמאָל ניט דערגרייכן. — (עמערסאָן.)

פרויען קענען איינע די אַנדערע דורך־און־דורך; און גאַנץ אָפט מוזן מיר שעצן יענע פרוי, וועלכע זיי, די פרויען, פאַרדאַמען. — (מאַדאַם דע סטאַל.)

פרויען זיינען דער וואונדער פון דערהויבענדיגע ווידערשפּרוכן.

איידער דו גייסט אין מלחמה, זאָג אַ תּפילה; איידער דו גייסט מאַכן אַ רייזע אויפ׳ן ים, זאָג צוויי תּפילות; און איידער דו גייסט חתונה־האָבן, זאָג דריי. — (פראַנצויזיש שפּריכוואָרט.)

אויב דיין זיווג איז באַשטימט אין הימל — האָסטו דאָרט געהאַט זייער ווייניג פריינד. — (סאָקראַטעס.)

אַ פרוי קאָן גרינגער פאַרטראָגן מען זאָל ריידן פון איר אַביסל רכילות, ווי ווען מען זאָל איר אינגאַנצן איגנאָרירן.

אַ פרוי איז זעלטן אַזוי צערטליך צו איר מאַן, ווי באַלד נאָכדעם ווי זי האָט אים אָפּגענאַרט.

אַ שיינע פרוי איז קיינמאָל ניט נאַריש; זי באַזיצט די איינציגע חכמה, וואָס דער מאַן זוכט — שיינקייט.

די גאַנצע רעזאָנירונג פון דעם מאַן איז ניט ווערט איין סענטימענט פון דער פרוי. — (וואָלטעיר.)

ליבע פּרעזערווירט שיינקייט; און דער פרוי׳ס לייב ווערט געשפּייזט פון צערטליכקייט, פּונקט ווי די בין פון בלומען. — (אַנאַטאָל פראַנס.)

דער פרוי׳ס לעבן קאָן איינגעטיילט ווערן אין דריי עפּאָכן; די ערשטע — פון חלומות וועגן ליבע; די צווייטע — פון דערפאַרונג; די דריטע — פון חרטה.

אַ פרוי׳ס שיינקייט איז שפּייז פאַר׳ן אויג און טרויער פאַר דעם מאַנ׳ס נשמה. — (דייטשער שפּריכוואָרט.)

פרויען זיינען עקסטרעמיסטן: זיי זיינען אָדער בעסער אָדער ערגער ווי דער מאַן.

פרויען זיינען דעם מאַנ׳ס פאַרברעכן; זיי טראָגן אויף זייער לייב סימנים פון זעקס טויזנט יאָר שקלאַפעריי און אומגערעכטיגקייט. — (וויקטאָר הוגאָ.)

ווער עס האָט געלייענט דאָס בוך וואָס הייסט „פרוי", דער האָט מער געלערנט ווי דער, וואָס איז גרוי און אַלט געוואָרן זיצענדיג אין אַ ביבליאָטעק. — (באַלזאַק.)

מיט דעם כּעס פון אַ פרוי קאָן מען שרעקן דעם גרעסטן שונא.

קיין צירונג אין דער וועלט איז ניט אַזויפיל ווערט ווי אַן ערנ־האַפטע, באַשיידענע פרוי. — (סערוואַנטעס.)

אַ פרוי׳ס ווידערשטאַנד איז מער אַ פאָלגע פון ערפאַרונג איידער פון טוגענט.

ליבע איז געגליכן צו דער לבנה: אויב זי ווערט ניט גרעסער, ווערט זי קלענער.

עס זיינען פאַראַן בלויז צוויי גוטע פרויען אין דער וועלט; איינע איז טויט, די צווייטע קאָן מען ניט געפינען. — (דייטשער שפּריכ־וואָרט.)

פרויען ווייסן, אַז וואָס געהאָרכזאַמער זיי זיינען, אַלץ בעסער קאָנען זיי הערשן.

די פרוי איז — אי דער עפּל, אי דער שלאַנג.

אין אַן אמת ליבענדיגן האַרץ וועט ענטוועדער די ליבע טויטן די אייפערזוכט, אָדער פאַרקערט. ,

אוי, גאָטעניו! הלואי וואָלט אדם געווען געשטאָרבן מיט אַלע זיי־נע ריפּן אין קערפּער. — (אַ פראַנצויז.)

זאָג אַ פרוי, אַז זי איז שיין, און דער טייוול וועט עס איר איבער־חזר׳ן צען מאָל.

פריינדשאַפט צווישן פרויען איז דאָס קישעלע, וואו זיי שטעכן אַריין זייערע שפּילקעס.

אַ פרוי אָן שיינקייט ווייס נאָר פון אַ האַלב לעבן. — (מאַדאַם דע מאָנטעריי.)

אין דער ליבע איז די פרוי ווי אַ לירע: אירע סודות וועט זי נאָר אַנטדעקן צו דעם, וואָס ווייס ווי אַנצורירן אירע סטרונעס. — „ (באַלזאַק.)

דער וואָס פאַרמאָגט אַ שיין ווייב, דער דאַרף האָבן מער ווי איין פּאָר אויגן. — (אַנאַטאָל פראַנס.)

אַ פרוי׳ס האַרץ ווערט קיינמאָל ניט אַלט; הערט עס אויף צו ליבן, הערט עס אויף צו לעבן.

אַ פרוי קאָן לייכטער פאַרטיידיגן איר טוגענט קעגן מענער, ווי איר רעפּוטאַציע קעגן פרויען.

צוויי מאָל איז אונדז די פרוי טייער: ווען זי קומט אין שטוב, און ווען זי גייט אַוועק.

אַ פרוי איז ווי אונדזער שאָטן: לויפט איר זי נאָך, אַנטלויפט זי; אַנטלויפט איר, וועט זי אייך נאָכלויפן.

וועלכן מאַנ׳ס רעדנער־קונסט קאָן מאַכן אַזאַ טיפן איינדרוק, ווי דער פרוי׳ס שווייגן.

אַ כלל־טוערקע פאַרלירט איר באַשיידנקייט, איר הויפּט־חן אַלס פרוי. — (מרס. וואָרד ביטשער.)

דער מאַן, וואָס קאָן באַהערשן אַ פרוי, דער קאָן באַהערשן אַ פאָלק, אַ נאַציע. — (באַלזאַק.)

דער מאַן זאָגט, אַז דער פרוי קאָן מען ניט טרויען ווען זי איז צו־ווייט; די פרוי זאָגט, אַז דעם מאַן טאָר מען ניט טרויען ווען ער איז צו־נאָהנט.

הלואי וואָלט די פרויען־ראַסע קיינמאָל ניט עקזיסטירט — אַחוץ פאַר מיר אַליין. — (יוריפּידעס.)

שוטים זיינען די, וואָס פאַרטרויען זיך צו פרויען. דער טויט איז אין זייער מויל און דער גיהנום אין זייער שמייכל. — (טעססאַ.)

צו זעכציג יאָר הייראַטן מיט אַ זעכצן־יעריג מיידל איז ווי קויפן ביכער פאַר פריינד צו לייענען. — (ריקאָרד.)

פרויען באַזיצן אַזאַ שרעקליכן כח־הדיבור, אַז זיי קאָנען ניט זאָגן דעם אמת, אַפילו ווען זיי זאָלן עס וועלן.

די פרוי פילט, אַז מען האָט זי ליב, נאָך איידער מען זאָגט עס איר.

ניט אַלעמאָל אַכטן די מענער די פרוי, וואָס זיי ליבן; פרויען קאָנען ניט ליבן אַ מאַן אָן אים צו אַכטן.

איך קאָן ניט צושטימען, אַז פרויען זיינען כאַראַקטערלאָז; זיי האָבן אַ נייעם כאַראַקטער יעדן טאָג. — (היינריך היינע.)

די איינציגע פּערזאָן, וואָס קאָן דיך אויסהיילן פון די וואונדן פון אַ פרוי, איז — אַ פרוי.

טוגענט אין אַ פרוי איז אַ זייער שיינע מידה — ווען זי פּאַראַדירט ניט מיט דעם.

דעם מאַנ׳ס פריינדשאַפט קאָן אָפּט זיין אַ שטיצע; דער פרוי׳ס — אַ טרייסט.

אַ פרוי, וואָס איז אַנטשלאָסן צו זיין רעספּעקטירט, קאָן דאָס אויספירן אַפילו צווישן אַ פאָלק סאָלדאַטן. — (סערוואַנטעס.)

אַ מאַן, כדי צו בלייבן טוגענטהאַפט, דאַרף בלויז באַקעמפן זיין אייגענעם פאַרלאַנג; די פרוי, זי מוז אויך קעמפן קעגן די אַטאַקעס פון מאַן.

ווען קלעאָפּאַטראַ׳ס נאָז וואָלט געווען אַביסל קירצער, וואָלט די וועלט געהאַט אַן אַנדער פּנים. — (פּאַסקאַל.)

אויב דו ווילסט, אַז דיינע שיך זאָלן זיך ניט אויסטראָגן, מאַך די פּאָדעשוועס פון אַ פרוי׳ס צונג.

דו ביזט אַלעמאָל אַ פרוי׳ס ערשטער געליבטער.

אויב אַ פרוי בלייבט גלייכגילטיג צו דיין קאָמפּלימענט, ביזטו אַ גרויסער אייזל.

אַ פרוי האָט די גרעסטע אַכטונג פאַר דעם מאַן, וועמעס פריינד־שאַפט זי זוכט. און אַז אָך און ווי איז שוין דעם מאַן, וועמען זי אָפּפערט איר פריינדשאַפט.

די דומסטע פרוי איז אַ זשעניע אויף צו טאָן צו׳להכעיס.

מענער ווייסן, אַז די פרוי שטייט העכער פון זיי. דערפאַר טאַקע נעמען זיי די שוואַכסטע און די אומוויסענדיגסטע. — (דזשאַנסאָן.)

פרויען האָבן זייער ליב בראַווע מענער; אָבער חוצפּה׳דיגע נאָך מער. — (מעדעם דע סטאַל.)

אַ מאַן איז אין אַלגעמיין מער צופרידן פון זיין פרוי׳ס גוטן, גע־שמאַקן מאָלצייט, ווי פון איר גריכיש ריידן.

קריגסטו אַ גוטע פרוי, האָסטו אַ זיכערע פעסטונג קעגן אַ שטור־רעם; קריגסטו אַ שלעכטע — ברייגסטו דעם שטורעם אַריין אין דיין פעסטונג.

איך האָב ליב מענער, ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען מענער, נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט קיין פרויען. — (קעניגין קריסטינע.)

די מענער זיינען דער פרוי׳ס שפּילצייג; די פרוי — דעם טייוועל׳ס. — (וויקטאָר הוגאָ.)

עס זיינען ניטאָ קיין מיאוס׳ע פרויען; עס זיינען נאָר דאָ פרויען, וואָס ווייסן ניט ווי צו זיין שיין.

ניט צוליב אַ גוטער פרוי האָבן מענער געפירט מלחמות און פאַר־גאָסן בלוט. — (מרס. קליפאָרד.)

דער, וואָס רעדט נאָר גוטס פון פרויען, דער קען זיי ניט גוט גע־נוג; דער וואָס רעדט נאָר שלעכטס — קען זיי איבערהויפּט ניט. — (אַ פראַנצויז.)

די פרוי פירט דעם מאַן אין גיהנום דורך די טויערן פון גן־עדן.

מיט אַ גוט ווייב, איז מען באַוואָרענט פון אומגליק.

אַ וויציגע פרוי איז אַן אוצר.

אַ וויציגע שיינע פרוי איז אַ געפערליכער כוח.

דער פרוי׳ס צונג איז בלויז דריי צאָל לאַנג; אָבער זי קאָן מיט איר דערשטעכן דעם גרעסטן מאַן. — (יאַפּאַנעזיש שפריכוואָרט.)

מאַמעניו, וואָס מיינט חתונה־האָבן?

חתונה־האָבן, מיין קינד, מיינט דריי זאַכן: האָרעווען, האָבן קינ־דער און — וויינען.

הימל און ערד, גן־עדן און גיהנום ליגן אין דעם איינציגן וואָרט — פרוי.

שיינקייט איז דער פרוי׳ס בעסטער רעקאָמענדיר־בריוו.

אַ האָר פון אַ פרוי איז שטאַרקער פון אַ שטאָלענער קייט.

ווייב און קינדער זיינען אַ דיסציפּלין פאַר׳ן מאַן.

ווען די פרוי וואָלט געווען באַשיידענער, וואָלט דער מאַן געווען עהרליכער.

די שענסטע פריינדשאַפט קאָן זיין צווישן מיידלעך; די העס־ליכסטע שנאה — צווישן פרויען.

מענער ווייסן ווי צו ריידן שלעכטס וועגן פרויען.

פרויען זיינען ערגער ווי די מענער ווייסן.

קינדערשע חכמות

לערער — זאָג מיר משה׳לע, ווען איך וואָלט געזען ווי אַ פאַרמער שלאָגט מערדערליך זיין אייזל, און איך וואָלט אָט די מערדעריי אָפּגע־

שטעלט, וואָס וואָלסטו אָנגערופן מיין האַנדלונג?
משה׳לע — אַן אַקט פון ברודער־ליבע.

לערער: — זאָג מיר באַסי, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין וועסט־אינדיע?

בעסי: — איך ווייס ניט.

לערער: — אַנו בעסי. גיב נאָר אַ טראַכט, וואו נעמט דיין מאַמע צוקער?

בעסי: — ביי דער שכנה.

„לערער: — בענילע, זאָג מיר, וואו איז דער בעסטער פּלאַץ צו האַלטן מילך, כדי עס זאָל ניט זויער ווערן?

בעני: — ביי דער קו אין בויך.

לערער: — סעמי, קום נאָר אַהער און דערלאַנג מיר וואָס דו האָסט דאָרט אין מויל!

סעמי: — איך קען ניט.

לערער, מיט כעס: — וואָס הייסט דו קענסט ניט? וואָס האָסטו דאָרט באַהאַלטן?

סעמי: — אַ ציין־ווייטאָג.

אין שטאָדט איז געווען אַ ערדציטערניש. און די פיינשטיינס האָבן זיך דערשראָקן און אַוועקגעשיקט זייער 6־יאָריגן בן־יחיד צו אַ קרוב אויף דער פּראָווינץ.

אויפ׳ן צווייטן טאָג קומט אָן אַ טעלעגראַמע פון די קרובים אויף דער פּראָווינץ, וואָס לויטעט:

„מיר שיקן אייך צוריק אייער תכשיט — שיקט אונדז די ערד־ציטערניש“.

בעני זיצט און שוויצט איבער זיין „היימאַרבעט“.

— פּאָפּאָ, ווי ווייט איז דער נאָענטסטער שטערן פון דער ערד?
פּאָטער: — איך ווייס ניט, מיין קינד.
בעני: — זעסט שוין פּאָפּאָ, איז צוליב דיין עם־הארצות וועל איך מאָרגן קריגן שמיץ.

— פּאָפּאָ, האָסטו מורא פאַר אַ קו?
— ניין, מיין קינד.
— האָסטו מורא פאַר אַ דונער אָדער אַ בליץ?
— ניין, מיין קינד?
האָסטו מורא פאַר אַ בער?
— ניין, מיין קינד.
דאָס קינד פּאַטשט מיט די הענטלעך פאַר שמחה.
— אַי, גוט פּאָפּאָ, ווי גוט, דו האָסט פאַר קיינעם ניט קיין מורא נאָר פאַר מאַמע.

—סעמי, גיי קוש די נוירס אַ גוטע נאַכט.
סעמי: — ניין, מאַמע, כ׳האָב מורא.
— פאַר וואָס האָסטו מורא?
— פּאָפּא האָט נעכטן געקושט די נוירס אַ גוטע נאַכט, האָט זי אים געגעבן אַ פּאַטש.

חיימקע האָט זיך פאַרזינדיגט, און ער איז געשטאַנען אין קונע. דערנאָך זאָגט ער צו דער מוטער: מאַמע, דו ווייסט, אַז בעת איך בין געשטאַנען אין קונע, האָב איך שטילערהייד גאָט געבעטן.
מוטער: — זייער גוט האָסטו געטאָן, מיין קינד, אפשר וועט גאָט העלפן און דו וועסט זיך בעסערן און מער ניט זיין אַזוי ווילד.
חיימקע: — ניט פאַר מיר האָב איך געבעטן מאַמע, נאָר פאַר דיר!
— וואָס האָסטו געבעטן פאַר מיר, מיין קינד?
חיימקע: — כ׳האָב געבעטן גאָט ער זאָל דיר געבן כוח זאָלסט קאָנען פון מיר אויסהאַלטן.

פאָטער: — קינד מיינס, מיין ניט אַז איך שמייס דיך ווייל איך האָב דיך פיינט, — ס׳איז פונקט פאַרקערט.

קינד: זיפצט.

פאָטער: — וואָס זיפצסטו?

קינד: — איך זיפץ וואָס איך בין ניט שטאַרק גענוג דיר אָפּצאָלן מיט דער זעלבער ליבע . . .

די באָבע ליגט אין בעט אַ חולה מסוכן. די טאָכטער שיקט איר 15־יעריקע טעכטערל שלאָפן. — גיי מיין קינד שלאָפן, און בעט גאָט אַז די באָבע זאָל געזונט ווערן כדי זי זאָל ווערן זייער, זייער אַלט.

אייניקל: — ניין, מאַמע, די באָבע איז שוין אַלט גענוג. איך וועל בעטן גאָט ער זאָל זי צוריק יונג מאַכן.

קליינער בעני: — וואָס מיינט עטיקעט?

קליינע דזשעני: — עטיקעט מיינט: — זאָגן טהענקיו, ווען דיר ווילט זיך אויסשרייען: גיב מיר נאָך!

פאָטער: — זאָג נאָר הערשל, פאַר וואָס, ווען דער טשאַיניק הויבט אָן צו זידן, גייט אַ פּאַרע פון פּיסקל?

הערשעלע: — דאָס איז כדי די מאַמע זאָל קענען עפענען און לייענען דיינע בריוו איידער דו קומסט אַהיים.

— מאַמע, וויפיל צאָלט מען פאַר אַ פונט־בייבי?

מוטער: — נאַריש קינד, מען פאַרקויפט ניט בייביס אויפן פונט!

בעס: — טאָ פאַרוואָס־זשע וועגט מען די בייביס ווען זיי ווערן געבוירן?

— ווי גלייכסטו דיין נייע שוועסטערל?

— איך האָב זי פיינט!

— פאַר וואָס?

— נאָר זי וויינט.

— פאַרוואָס־זשע שיקסטו זי ניט צוריק?

דער 4־יעריקער חברה׳מאַן קוקט פאַרטראַכט. — ניין, מען קען זי שוין ניט שיקן צוריק, מיר האָבן זי געיוזט 4 טעג.

פּאָליציימאַן, צו אַ פאַרלאָרן געגאַנגענע מיידעלע: — פאַרוואָס האָסטו זיך ניט אָנגעהאַלטן אין דיין מאַמעס קליידל?

קינד: — כ׳האָב דאָס ניט געקאָנט דערלאַנגען.

דער לערער, וועלנדיק זיינע שילער זאָלן זיך אָפּלערנען מוסר השכל פון דער געפאַר פון גיין זיך גליטשן אויף אייז, דערציילט זיי מיט גרויס פּאַטאָס ווי זיינער אַ שילער איז געגאַנגען מיט אַ שליטעלע זיך גליטשן, האָט ער זיך פאַרקילט און איז געשטאָרבן. די חברה־לייט שווייגן א ווײַלע, דאַן רופט זיך איינער אָפּ: — לערער, אפשר ווייסט איר וואו מען קען קריגן זיין שליטעלע?

פּאָטער: — זאָלסט שוין די מינוט צוריק לייגן די צוקערקעס וואָס דו האָסט גע׳גנבֿ׳עט!

סעמי: — שאַ, שאַ, שריי ניט אַזוי. זאָלן דיינע געסט ניט וויסן ווי פיין דו האָסט מיך דערצויגן!

דער קליינער בעני הערט זיך צו צו דאָס געוויין פון דעם ניי־געבוירן שוועסטערל, דאַן זאָגט ער:

— מאַמע, די בייבי קומט פון הימל?

— יאָ, מיין קינד.

— קיין וואונדער וואָס זיי האָבן דאָס פון דאָרט אַרויסגעטריבן.

דער דאָקטאָר איז אַרויס פון זיין קאַנטאָר אויף אַ ווײַלע און געלאָזן זיין 10־יעריקן זון מיט זיינעם אַ חבר צו ענטפערן דעם טעלעפאָן. דער חבר, אַ ווילדער בחור, שלעפּט אַרויס פון שאַפע אַ סקעלעט, און מיט שרעק פרעגט ער זיין חבר: — וואָס דיינקסטו איז דאָס?

דער זון קוועטשט מיט די פּלייצעס און זאָגט: — ווער ווייס, אפשר איז דאָס מיין טאַטנס ערשטער פּאַציענט?

אין קאָנגרעס: — פּאָפּאָ, ווער איז דער מאַן, וואָס שטייט דאָרט אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט פאַרלייגטע הענט?

פּאָטער: — דאָס איז דער גלח, מיין קינד.

— בעט ער גאָט פאַר די קאָנגרעסלייט?

— ניין, מיין קינד, ער בעט גאָט פאַר'ן פאָלק.

— פּאָפּאָ, וואָס איז אַ פּאָליטישן?

— אַ פּאָליטישן איז אַ מענטש מיט אַ לויזער צונג.

— און וואָס מיינט אַ שטאַטסמאַן?

— אַ שטאַטסמאַן, מיין קינד, איז דער זעלבער פאַרשוין נאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט צו קאָנטראָלירן זיין צונג.

— זאָג מיר, בערעלע, ווען אימעצער גיט דיר הונדערט דאָללאר צו באַהאַלטן, און ער שטאַרבט פּלוצלונג אַוועק, וואָלסטו גאָט געבעטן פאַר אים?

בערעלע, פינטלט מיט די אויגן און זאָגט: — יאָ, לערער, איך וואָלט גאָט געבעטן ער זאָל מיר צושיקן נאָך אַזעלכע גוטע מענטשן.

די זעקס־יאָריקע בעסי האָט זיך פאַרזינדיגט, און אַלס שטראָף האָט זי געמוזט עסן אין קיך איינע אַליין. נאָכ'ן עסן בענטשט זי און זאָגט: — אַ דאַנק דיר גאָטעניו, וואָס דו האָסט צוגעגרייט מיין מאָל־צייט — באַזונדער פון מיינע שונאים.

— ווי אַזוי האָסטו געמאַכט דיין פאַרמעגן?

— כ'האָב געמאַכט שותפות מיט אַ רייכן מאַן. ער האָט אריינגעלייגט זיין געלט, און איך — מיין דערפאַרונג.

— נו, און איצט?

— נו, איצט האָט ער מיין דערפאַרונג און איך — זיין געלט!

— יעדער איינער שטופּט זיין נאָז אין מיין געשעפט.

— וואָס איז דיין געשעפט?

— איך מאַנופעקטשור — נאָזטיכלעך.

— מיין זון, אַז דו ווילסט זיין אַ סוחר, מוזטו אָפּהיטן צוויי פּרינ־ציפּן: ערליכקייט, און איבערלייגונג.

זון: — וואָס איז ערליכקייט? ,

פאָטער: — ערליכקייט מיינט, אַז דו מוזט האַלטן וואָרט.

זון: — און וואָס מיינט איבערלייגונג.

פאָטער: — מוזט זיך אַלעמאָל איבערלייגן — ניט צו געבן דיין וואָרט.

— פאַרוואָס עפּעס זאָגט מען: „רעד מאַמע־לשון״? פאַרוואָס ניט „טאַטע־לשון״?

— דאָס איז דערפאַר וואָס, ווען דער טאַטע דערזעט די מאַמע, נעמט אים אָפּ ס׳לשון.

זי צו אים: — יעדעס מאָל וואָס איך זע דיך, דערמאָנסטו מיך אין אַ זייער גרויסן מענטשן.

ער, אויפגעלעבט: — טאַקע, ווער איז דער גרויסער מענטש?

זי: — דאַרווין . . .

ער, מיט כעס: — איך האָב מער פאַרגעסן, ווי דו וועסט ווען עס איז געדיינקען!

זי: — און איך וואָלט בעסער וועלן געדיינקען דאָס, וואָס דו האָסט פאַרגעסן, אָדער דאָס, וואָס דו ווייסט.

— איך וואָרן דיך, אַז דיין בעסטער פריינט גייט אַרום און רעדט אָן אויף דיר די גרעסטע ליגנס.

— אויב ער רעדט נאָר ליגנס, אַרט מיר ניט. זעסטו, ווען ער וועט אָנהויבן זאָגן אָף מיר דעם אמת — דאַן לאָז מיר וויסן, וועל איך אים אָנברעכן די ביינער.

אויף אַ רייכער חתונה: פרעגט אַן עלטערער גאַסט אַ יונגן מאַן:

— ביזטו דער חתן?

— ניין, ענטפערט ער, — איך בין איינער פון די פאַרבראַקירטע.

ער: — איך ווייס, אַז איך בין ניט קיין גרויסער פּאַרשוין, אָבער...
זי שלאָגט אים איבער די רייד: — נו, מילא, סיידוי ווערסטו דאָך אַ גאַנצן טאָג זיין אין שאַפּ ביי דער אַרבעט . . .

נאָך דעם ווי מען האָט געבראָכן טעלער, און דער חתן האָט זיך געהאַלטן אין איין קושן אפשר אַ האַלבע שעה צייט, און ווען ער האָט זי אָפּגעלאָזן, האָט זי זיך צעוויינט.
פרעגט ער זי: — וואָס וויינסטו?
ענטפערט זי: — דו האָסט מיך מער ניט ליב!
שרייט ער אויס: — מכשפה, לאָז מיך אָפּכאַפּן דעם אָטעם!

ער: — וואָס אַ שטייגער וואָלט איך דיר געדאַרפט געבן פאַר איין קוש?
זי: — כלאָראָפאָרעם.

ער: — מיין טייערינקע, ווייסטו כאָטש, אַז די גאַנצע צייט וואָס איך וועל זיין אַוועק פון דיר, וועל איך זיין זייער מיזעראַבל?
זי: — אַך, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דאָס וועט טאַקע אַזוי זיין ווי דו זאָגסט — איך וואָלט זיך געשעצט זייער גליקלאַך!

ער, נעמט זי אַרום: — מיין טייערע, איך ליב דיך זייער שטאַרק, וואָלסטו געוואָלט איך זאָל פריהער ריידן מיט דיין מוטער?
זי: — ווי גאָט איז דיר טייער, טו דאָס ניט. מיין מוטער איז אַן אלמנה.

זון: — פּאַפּאַ, ווי אַזוי כאַפּט מען משוגעים?
פּאַפּאַ: — מיט שמינקע שיינע קליידער און אַ זיסן שמייכל.

איין מיידל צו דער צווייטער: — אַזוי, הייסט עס, אַז דו און שמולעק גייען טאַקע חתונה האָבן? אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז צווישן אייךביידן איז בלויז אַ אומשולדיקע פלוירט!
זי: — יאָ, שמואליק האָט אויך אַזוי געדיינקט.

— פרויען טראָגן רינגלעך, אַ סימן אַז זיי זיינען חתונה געהאַטע. פאַר וואָס טראָגן ניט די מענער עפּעס אַ סימן?

— די מענער דאַרפן ניט — מען דערקענט שוין אויף זייער פּנים.

זי: — ס׳אַליגן! איך גלויב עס ניט! די צייטונג זאָגט, אַז דער פּרויִ׳ס וואָקאַבולער באַשטייט פון 500 ווערטער. דאָס איז אַן אַבסורד!

ער: — עס לייגט זיך אויפ׳ן שכל, כאָטש עס זעט אויס ניט קיין גרויסער רעזערוואַר. אָבער דערפאַר — זע ווי אָפט זי באַנוצט זיך מיט אים.

משה: — וואָס זיינען ביי דיר די הענט אַזוי שוואַרץ האָסט אויס־געקערט דעם קוימען?

— ניין, איך האָב אַרויסבאַגלייט מיין ווייב אין קאַנטרי, אויף וואַקיישאַן.

— סאַ משל לעמעשקע! וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיינע שוואַר־צע הענט?

— איך האָב געגלעט דעם לאָקאָמאָטיף.

דער טעות

אַ יונגע לערערקע פון אַ קינדער גאַרדן, פאָרט אין טראַמוויי און זי באַגריסט אַ מאַן וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. אָבער ווען דער מאַן האָט בלויז אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ צו איר, האָט זי זיך געכאַפּט אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות. האָט זי זיך אַנט־שולדיגט זאָגנדיג, אַז איר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער איז דער פאָטער פון צוויי פון אירע קינדער . . . (אין איר קינדערגאַרדן.)

פאָלקסטימליכע גלייכווערטלעך — פרעמדע און אייגענע

(געזאַמלט אין פאַרלויף פון יאָרן)

אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ לאָמער איז נאָכגעלאָפן אַ שטומען, וואָס האָט געשריען צום טויבן: — היט זיך, דער טייך ברענט! (דאָס דאָזיקע גלייכווערטל איז אַביסל צוגעהובעלט געוואָרן.)

ווען עס זאָל אַפילו רעגענען מיט רענדלעך, וואָלט דער פוילער אַלץ געפונען אַ תירוץ פאַר זיין פוילקייט.

אַז דער רשע עפנט דאָס מויל — צינדט זיך אָן דער גיהנום.

מען שטאַרבט ניט פון הונגער, נאָר פון גדלות.

פון אַ סך רייד קומט אַרויס רכילות.

אָפּגעשפּאָרט פון דער קישקע און אָוועקגעגעבן דעם דאָקטאָר.

אַז מען האָט אייגענעם ברויט איז מען אומעטום אַ גוטער אורח.

אַ למדן קאָן ניט זיין קיין הייסער חסיד; אַן עם־הארץ קאָן ניט זיין קיין אַפּיקורס.

אַ קינד קאָן דיר שטעלן מער פראַגן אין אַ מינוט ווי דו קאָנסט ענטפערן אין אַ טאָג.

פון אַ מיאוס'ער מויד קאָן אָפּט ווערן אַ שיינע אלמנה.

איין קראַנקע שאָף שטעקט־אָן אַ גאַנצע טשערעדע; איין לאָמער סאָלדאַט האַלט־צוריק דעם פּאַראַד.

אויב, גאַטעניו, דו מוזסט מיך שטראָפן און פייניגן, טאָ וואַרף־זשע מיך כאָטש צווישן די מייניגע.

אַז גאָט גיט דיר אַ ווייב אַ גוטע און געטרייע,\
אין שטוב איז זויבער, ליכטיג, אַ מחיה;\
ס'ביסל בראָנפן שטייט אויפ'ן טיש.\
ס'פאַרכאַפּט דעם אָטעם די געפילטע פיש;\
אין טעפּל קאָכט זיך פלייש צי דראַבעס;\
אָבי דו נעמסט אַן אורח אויף שבת.\
דו נעמסט אויף די הענט דאָס קינד פון וויגעלע\
און זינגסט זיך אונטער אַ שבת'דיג ניגעלע —\
אָט דאָס מיינט אַ שמח בחלקו.

אַז וועה איז דעם חולה, וואָס דאַרף שוין אָנקומען צו תהלים.
אַז וועה איז דעם גערעכטן.
אַ טשערעפּ לעבט־איבער אַ גאַנצן טאָפּ.
דער נאַר ווערט נתעשר פון זיינע מחשבות.
אויף וואָס פאַר אַ וואָגן מען פאָרט, אַזאַ לידל דאַרף מען זינגען.
קיינער באָדט זיך ניט צוויי מאָל אין דעמזעלבן וואַסער.
לייג זיך שלאָפן מיט אַ הונט, וועסטו אויפשטיין מיט פליי.
ווען פון גוטע וואונשן וואָלטן געוואָרן שפּאָרן, וואָלטן אַלע בעט־לער געפּאָרן.
קליינע גנבים הענגט מען, די גרויסע טוט מען באַפרייען; ווען עס וואָלט פאַרקערט געווען, וואָלט קיין שטריק ניט סטייען.
ווילסט האָבן אַ פּאַר שיך, וואָס טראָגן זיך אייביג גוט און גרינג — מאַך די זיילן פון אַ פרוי'ס צונג.
ווען דאָס האַרץ האָט אַ שטאַרקן באַגער — איז קיין זאַך ניט צו־שווער.
מען דאַרף שטרעקן נאָך די עקן.
פון טרערן אין די אויגן קריגט די נשמה דעם קאָליר פון רעגענ־בויגן.
וואָס עס זאָל ניט אַריינפאַלן אין נעץ — איז עס פיש.
ליב מיך צוביסלעך — וועט עס דויערן לייגער.
ווער עס פאַרמאָגט נאָבעלע געדאַנקען — דער איז קיינמאָל ניט אַליין.
צוערשט פאַרלירט מען דעם שטאָלץ, דערנאָך די בושה.
דער טויט גלייכט־אויס אַלע חשבונות.
גוטע רייד שאָדען קיינמאָל ניט דער צונג.
איינער ווערט רייך פון זינד; אַ צווייטער ווערט פאַראַרימט פון זיין טוגענד.
ערשט צו כח דאַרף מען שכל.
אַ גרויסער מענטש האָט גרויסע חסרונות.
פרעמדע צרות איז ניט שווער צו טראָגן.
די שטים פון ליבע גלעט דעם אויער.
דער ערפאָלג פון אַ וויץ ליגט אין זיין קורצקייט.

דער טייוול באַנוצט אַפילו די ביבעל פאַר זיינע צוועקן.
מען גנב'עט שיינקייט גיכער ווי גאָלד.
פון איינעם וואָס איז גלייכגילטיג צו קינדער, מוזיק און לאַכן — פון אַזוינעם זאָלסטו וויכן.
ס'איז ביטער צו זען פרייד מיט פרעמדע אויגן.
צווישן פוילע עפּל איז ניטאָ וואָס צו קלייבן.
פאַר אַ פריינטליך פּנים זיינען אַלע טירן אָפן.
לערן זיך צו טראָגן דיינע צרות מיט שטאָלץ.
דער וואָס טראָגט דעם אמת האָט אַ שטיל, גרינג האַרץ.
אַ שטיקל ברויט אינדערהיים איז בעסער ווי לעקעך אין דער פרעמד.
קיין זאַך איז ניט מיינס, נאָר דער טויט.
די נאַטור לערנט די חיה ווי אַזוי צו דערקענען אַ פריינד.
ווי נאָר די זאָרג קומט אַריין, טרעט באַלד אָפּ דער שלאָף.
דער זכרון איז דעם פאַרשטאַנד'ס שומר.
די וויציגסטע מענטשן זיינען אָפט מעלאַנכאָליקער.
טוגענט און עשירות זיינען זעלטן אַ גלייכע פּאָר.
היט זיך פאַר'ן מענטשן וואָס האָט אַ סך געדולד.
קלייב אַ בוך, ווי דו קלייבסט אַ פריינד.
דער טויט פירט דיך אין דעם לאַנד פון פרידן.
דער טויט שטייט ביי דיין וויגל פּונקט ווי ביי דיין גסיסה.
מאַכן אַ טעות איז מענטשליך; פאַרגעבן אַ טעות איז דערהויבן.
אַ קללה אויף אַלע געזעצן, אַחוץ די וואָס שטאַמען פון ליבע.
ווער עס איז ניט ראַדיקאַל אין דער יוגנט — איז עפּעס דער מער מיט זיין האַרץ.
ווער עס איז ניט קאָנסערוואַטיוו אויף דער עלטער — איז עפּעס דער מער מיט זיין קאָפּ.
בעסער די אויסגאָבן פון דאַנקבאַרקייט — איידער די איינגאַמען פון ראַכע.
פריינדשאַפט איז ליבע — נאָר אָן פליגל.
דער וואָס האָט ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ליידן — קאָן ניט פילן די זיסקייט פון פריידן.

קהל׳שע געלט איז קלעפּיג; אַ קהל׳שע קליאַמקע קאָן זיין שטילער פון וואַסער און נידעריגער פון גראָז.

היט זיך פאַר דער צונג וואָס טריפט האָניג.

דער וואָס זוכט ירושה — דער מוז אָפּט באַצאָלן פאַר דער קבורה.

אַ נאַר איז קראַנק אויף אַלע רמ״ח אברים.

אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע קראַנקע געזונט ווערן — נאַר ניט דער נאַר.

אויב מען דאַרף דעם מענטשן באַוויינען — איז ביים געבוירן ווערן, ניט ביים שטאַרבן.

אַ קליינער שוך איז אַ גרויסער וויטאָג.

די צונג פון רכילות ווערט געשאַרפט אויפ׳ן שטיין פון קנאה.

וואָס דאָס אויג זעט ניט — אויף דעם טוט דאָס האַרץ ניט וויי.

אַלטע לייט ליגן אין טאָל; יונגע ציט צום באַרג.

אַז מען פליהט צו־הויך — הויבט אָן מישן אין מוח.

נייגעריגקייט איז די מוטער פון קענטעניש.

פוסטער שטאָלץ פאָרט אַרויס מיט אַ קנאַק — און קומט צוריק מיט אַ געשוואָלענער באַק.

די יוגנט פאַרשווינדט אין מאַכן פעלערן; די עלטער—אין חרטה.

קלוג איז דער, וואָס לערנט פון פרעמדע מפּלות.

קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפן; גרויסע — לאָזן ניט לעבן.

האָלט ערליך דיין ווייב — וועסטו האָבן גוטע קינדער.

שכל, ליבע און פריינדשאַפט קריגסטו ניט פאַר געלט.

האָסט ניט קיין זכרון? — אַ רחמנות אויף דיינע פיס; אויף אַ ליידיגן מאָגן וועסטו קיין משא ניט טראָגן.

די פלאַש וויין איז מילך פאַר דער ליבע.

ווען די געטער האָבן ליב — די שטאַרבן יונג.

נאַר אַ חכם דערקענט אַ חכם.

אמת׳ע ליבע — דאָס איז דער „גייסט״ פון וועמען אַלע ריידן און קיינער האָט ניט געזען.

אויף דער זון און אויפ׳ן טויט קאָן מען ניט קוקן מיט אַ קלאָר אויג.

מיר זיינען מוחל לויט דעם גראַד וואָס מיר ליבן.

די געפֿאַר פֿון אַ שאַרפֿן וויץ ליגט אין איבערכאַפּן די מאָס.

פֿאַראַן רפֿואות, וואָס זיינען ערגער ווי די קרענק.

דאָס מזל איז ווי גלאָז; וואָס מער עס גלאַנצט, אַלץ מער ברעכט זיך עס.

געלט איז גרינגער צו קריגן, ווי צו האַלטן.

וואָס דו ווילסט ניט זאָגן דיין שונא — זאָג אויך ניט דיין פֿריינד.

דער וואָס איז גענייגט צו טאָן שלעכטס, קריגט אַלעמאָל די געלעגנהייט דערפֿאַר.

די הייראַט איז אַ צויבער־שלאָס: די דרויסנדיקע ווילן אַריין, די אינעווייניקסטע ווילן אַרויס.

דער וואָס דערלאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ, האָט האַלב געוואונען דעם קאַמף.

ראַדיקאַליזם איז די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון דער לאָגיק.

געניאַליטעט קריגט איר יניקה אין פֿאָלק׳ס פּראָסטן שכל.

נאַראָנים גרייטן־צו די סעודה, די קלוגע געניסן איר.

זיי זיינען דערפֿאַר גרויס, ווייל מיר שטייען פֿאַר זיי אויף די קני.

גאָט גיט אונדז קרובים; אונדזערע פֿריינד קלייבן מיר אַליין.

די דערוואַרטונג פֿון דעם פֿאַרגעניגן איז אָפֿט זיסער פֿון דעם פֿאַרגעניגן אַליין.

נאָך פֿון אדם הראשונ׳ס צייטן זיינען די טפּשים די מאַיאָריטעט.

אַ פּוסטע פֿאַס מאַכט־אָן מער טומל ווי אַ פֿולע.

דאָס ליכט נויטיקט זיך ניט אין באַווייזן.

די יוגנט האָט מער כּח ווי מוח.

די אויגן האָבן מורא; אָבער די הענט טוען די אַרבעט.

דער וואָס איז אַריבערגעשוואומען דעם גאַנצן ים און טרינקט זיך ביים ברעג — שענקט אים אַ טרער; זיין מזל איז פֿון אים אַוועק.

אויב דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן — זוך ניט צו ברענגען קיין באַווייזע דערפֿאַר.

אויב דו האָסט דיין געגנער שטום געמאַכט, מיינט נאָך ניט, אַז דו האָסט אים געוואונען אויף דיין זייט.

ווי׳לסטו איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פֿון אַ נסיון — גיב נאָך.

פרוביר ניט טאָן אויפאַמאָל צוויי זאַכן—מען וועט פון דיר לאַכן.
אַ גוטער חבר אונטערוועגס איז ווערט אַ פאַרמעגנס.
געדולד איז אַ רפואה צו אַ סך קריינק.
אַפילו איין־איינציגער האָר קאָן אויך וואַרפן אַ שאָטן.
גאַנץ אָפט שטעלט זיך דער בייזער מזל ניט צופרידן מיט איין אומגליק; און אַמאָל שמייכלט צו דיר דער מזל און — נאַרט דיך פאַרט אָפּ.
גאַנץ אָפט פּראָפיטירט די נשמה פון גוף׳ס ווייטאָגן.
ס׳איז אַ סך געזינטער צו שמייכלען און פאַרגעסן, איידער אייביג טראָגן אַ טרויער אין האַרצן.
דאָס לעבן איז אַ רעטעניש, וואָס נאָר דער טויט קאָן לייזן.
די צונג וואָס טריפט מיט האָניג באַהאַלט ערגעץ אַ שטאָך.
ביכער און פריינד דאַרף מען ניט קיין סך, נאָר גוטע.
איין טראָפּן גיפט איז גענוג איבערצופירן אַ טאָפּ האָניג.
יעדער שוטה געפינט אַ גרעסערן, וואָס זאָל אים באַוואונדערן.
די מורא פאַר׳ן טויט איז ערגער ווי דער טויט אַליין.
מיר גאַרן צו האָבן מייסטן דאָס, וואָס מיר דאַרפן ניט.
ווער עס ווייסט ניט ווען צו ריידן, ווייסט אויך ניט ווען צו שווייגן.
עס פּאַסירט, אַז אַ דערפאָלגרייכער פאַרברעכן ווערט אָנגענומען פאַר אַ טוגענט.
איינציגע טראָפּנס וואַסער וועלן אויסגראָבן אַ גרוב אין אַ שטיין.
נאָר אַ שוטה וועט אַרויסלאָזן איין פויגעלע פון האַנט פאַר צוויי אין וואַלד.
וואָס איז כאַראַקטער: — כאַראַקטער איז דאָס, וואָס בלייבט ווען דער מענטש פאַרלירט אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. (שעקספּיער.)
ערגעץ וואו שיינט אַלעמאָל די זון.
ס׳איז גרינגער צו קריטיקירן, ווי צו זיין גערעכט.
קיינעם איז ניט אַזוי גרינג אָפּצונאַרן, ווי זיך אַליין.
עס איז ניטאָ קיין טויט; עס איז נאָר דאָ טראַנספאָרמאַציע.
איין מאָמענט פון שנאה צעשטערט יאָרן פון ליבע.
זינד פאַרמאָגט אַסך געצייג, וואָס נאַראָנים געברויכן אַם מייסטן.

עגאָאיזם איז דעם מענטשנ׳ס גרעסטע קללה.
דיין גרעסטער זיג ליגט אין קאַמף מיט זיך אַליין.
זיין בראָוו וועט קיינמאָל ניט אַרויס פון מאָדע.
אמת׳ע איידעלקייט איז אַ מתנה פון גאָט.
דער וואָס האָט ליב אַ מענטשן, קאָן ניט פיינט האָבן גאָט.
ווי ביליג דו האָסט ניט געקויפט אַן אומניצליכע זאַך, האָסטו אַלץ צו־טייער באַצאָלט.
דאָס לעבן איז אַ חלום; דער טויט — די דערוואַכונג.
היט זיך ווען דו גייסט צום פאָלק מיט אַן אמת.
דער מענטש וואָס פאַרטאַכלעוועט זיין לעבן, ווייסט ניט דעם ווערט דערפון.
שיינקייט איז אַ פרוכט, וואָס דאַרף ניט קיין באַפּוצונגען.
פאַרשטיין מיינט פאַרגעבן.
היט זיך פון דעם, וואָס האַלט זיך אין איין שווערן.
וואָס גרעסער דער נאַר, אַלץ הילכיגער זיין געלעכטער.
ווען דער בוים פאַלט, לויפן אַלע מיט די העק.
דער מענטש וואָס ווערט ניט מיד, וועט אויסמאַטערן זיין שלים מזל.
אויף יענעמ׳ס צרות טריקענען שנעל דיינע טרערן.
נאָר אַ נאַר מאַכט צוויי מאָל דעמזעלבן טעות.
פאַרדאַמען איז גרינגער ווי פאַרשטיין.
דער, וואָס וויל פאַרזאָרגן די וועלט, דער פלעכט אַ שטריק פון זאַמד.
ווי פייער פּרובירט גאָלד, אַזוי פּרובירט די נויט דעם מענטשן.
דער געיעג נאָך פאַרגעניגן איז דער שונא פון דער טוגענט.
דער, פאַר וועמען אַלע ציטערן, האָט אָפט מורא פאַר זיין אייגענעם שאָטן.
רכילות האָט צוויי פּאָר פליגל.
לעב און האַנדל אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען דיין לעצטער טאָג אויף דער ערד.
אין דיינע רייד שפּיגלט זיך אָפּ דיין געדאַנק.

דער אמת הענגט נאָך אַלץ אויף דער תליה, און שקר רעגירט די וועלט.

ווען יעדער מענטש וועט הערשן איבער זיך אַליין, וועלן פאַר־שווינדן די הערשער פון דער וועלט.

אַ צו־שנעלער באַשלוס איז אַ זיכערע חרטה.

אויב דו ווילסט אַז אימיצער זאָל האַלטן אַ סוד, פּרוביר דאָס טאָן אַליין.

דער גוטער לערער גיט ניט איבער דעם קינד אַלץ וואָס ער ווייס.

דער וואָס גיט זיין צונג, דער פּאַרזייט; דער וואָס גיט זיין אויער, דער שניידט.

פאַרלעבן מער ווי מען פאַרדינט, מיינט פלעכטן אַ שטריק אַרום דעם אייגענעם האַלז.

קיין זאַך איז ניט אַזוי שיין ווי דער אמת; און קיין זאַך איז ניט אַזוי גרינג אָפּצוניצן, ווי פריינדשאַפט.

די יוגנט לערנט ווי צו פאַרטראָגן צרות; די עלטער — ווי זיי אויסצומיידן.

צו־פריע רייפקייט מיינט צו־פריע פוילקייט.

אין דער קלענסטער שטוב איז דאָך פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר אַ פּאָר געליבטע.

אין דעם לאַנד פון די בלינדע איז דער איין־אויגיגער אַ קעניג.

אויף וואָס די אויגן זעען ניט, טוט דאָס האַרץ ניט וויי.

פאַר'ן אמת שלאָגט מען.

דער חכם, וואָס פון נאַטור'ס געזעץ לאַכט זיך אויס, קומט באַלד קרעכצן און וויינען אויף איר שויס.

אויפ'ן ערלעכן וועג צו גיין איז שווער; אויף דעם וועג איז כאַ־ראַקטער דאָס שטאַרקסטע געווער.

גרויסע נשמות ליידן אין דער שטיל.

גליקליך איז דער מענטש, וואָס קאָן צונויפבינדן דעם אָנהויב מיט דעם סוף פון זיין לעבן.

דער היסטאָריקער איז אַ נביא, וועמעס אויגן זיינען געווענדט צום עבר.

יונגע מענשן קאָנען שטאַרבן; אַלטע מוזן שטאַרבן.

אַ מענטש, וואָס האָט קיינמאָל קיין צייט ניט, טוט קנאַפּ וואָס אויף.

די זיסטע וויינטרויבן הייגען אויפ׳ן סאַמע שפּיץ פון בוים.

די גרעסטע חכמה ליגט אין אמת.

ליידיג־אומגיין איז דער שליסל צו דער טיר פון אָרימקייט און זינד.

מזל און פרויען האָבן ליב אַ נאַר.

דער זיגער איז אַלעמאָל גערעכט.

ווער עס איז געבוירן צו ווערן געהאַנגען, ווערט קיינמאָל ניט דערטרונקען.

ווער ס׳האָט ניט ליב וויין, ווייב און געזאַנג, דער בלייבט אַ נאַר זיין לעבן לאַנג.

ווער עס האַלט זיך פאַר אַ גרויסן חכם, דער באַגייט די גרעסטע נאַרישקייט.

דער, וואָס טראָגט אַ שלעכטע בשורה, קומט קיינמאָל ניט צו־שפּעט.

יעדנ׳ס פריינד, איז קיינעמ׳ס פריינד.

אויב דער פאָטער איז אַ קמצן, איז דער זון אַן אויסברייגער.

אַז דער מזל שפּילט, איז מען אַ גוטער טענצער.

ווען אַ שיינע פרוי שמייכלט צו דיר — היט די קעשענע.

דער שקר מעג זיין ווי פלינק — סוף־כל־סוף וועט אים דער אמת דעריאָגן.

ווער עס טראָגט מלחמה אין האַרצן, קאָן ניט ווייזן קיין פרידליך פּנים.

אַ שלעכטער אָנהויב, איז אַ מיאוס׳ער סוף.

האָסט ניט קיין געלט אין קעשענע — האָב כאָטש האָניג אויף דער צונג.

ווער עס אַטאַקירט אַ לייב פונדערווייטנס, ציטערט פאַר אַ מויז, וואָס איז נאָענט.

אויב דו ווילסט קריגן אַ פאַרטאַטשקע שטיקל אַרבעט, טאָ באַצאָל דערפאַר אין פאָראויס.

נעם אַראָפּ אַ גנב פון דער תליה, וועט ער דיר איבערשניידן דעם האַלז.
צו אייזלען, ניס און ווייבער דאַרף מען אַ שטאַרקע האַנט.
ווער עס ווערט ניט קיין מיזאַנטראָפּ אויף דער עלטער, דער האָט די מענטשן קיינמאָל ניט ליב געהאַט.
אַ כיטרער פוקס טשעפּעט ניט שכנ׳ס עופות.
אַ גוטע טאַט איז די, וואָס פאָדערט קרבנות.
דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון זיינע אייגענע מעשים.
אַ בוך איז אַ פריינד, וואָס וועט דיר קיינמאָל ניט באַטריגן.
פון חזר׳שע האָר קאָן מען קיין שטריימל ניט מאַכן.
פרעמדע צרות איז ניט שווער צו טראָגן.
זאָל זי אויסזאָגן, איז איר ביטער; זאָל זי שווייגן, איז איר פינסטער.
דיינקען — איז קריינקען.
ערפאַרונג איז דער בעסטער לערער.
אַ גרויסער מענטש האָט גרויסע חסרונות.
אַז דער דלות קומט אַריין דורך דער טיר, אַנטלויפט די ליבע דורכ׳ן פענסטער.
ווענט האָבן אויערן; גאַסן האָבן אויגן.
ער האָדעוועט אַ שלאַנג אין בוזעם און ווייסט עס ניט.
ס׳איז אַ רחמנות אויף דער הון, וואָס שטייט הילפלאָז ביים ברעג און זעט ווי אירע קינדערלעך (קאַטשקעלעך) שווימען אַוועק.
דאָס פּנים איז אַ מוסר.
דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגן; דער געזונטער קאָן ניט מיטפילן מיט׳ן קראַנקען.
חיים שמייע איז פאַרנומען: ער גיסט וואַסער אין ים אַריין און פלעכט שטריק פון זאַמד.
אַ מיידל דאַרף מען היטן ווי אַ שפּיגעלע.
ער האָט שלעכטע שכנים.
ער רייסט זיך דורך אַן אָפענער טיר.
אַז מען דערמאָנט דעם מלאך, קומט דער גלח.
עס קלעקט ניט די חלה אויף דער המוציא.

חרטה איז ניט מעשה סוחר.

אַז עסן חזיר, זאָל רינען איבער דער באָרד.

אַ חיי־שעה איז אויך גוט.

נויט ברעכט אייזן.

מען קאָן ניט דינען אי גאָט, אי דעם טייוול.

ווער עס וויל פאַרדעקן אַ פעלער מיט אַ ליגן, דער מאַכט אַ לאָך אויפ׳ן אָרט פון אַ פלעק.

אַלע זעען ווען דו לאַכסט, קיינער וויל ניט זען דיינע טרערן.

דעם מענטשן דערקענט מען בכיסו, בכוסו און בכעסו (ווען ער איז שיכור, ווען ער שפּילט אין קאָרטן און ווען ער איז אין כּעס).

אַלע מעלות אינאיינעם איז ניטאָ ביי קיינעם.

די פרוי מיט אַלע מעלות, איז ביי גאָט (ער האָט איר נאָך אויף דער־וועלט ניט אַראָפּגעשיקט).

לויבן אַ מענטשן אין די אויגן דאַרף מען, נאָר מיט אַ מאָס.

קיין שונא קאָן דיר ניט טאָן דאָס, וואָס דו טוסט זיך אַליין.

חתונה האָבן, קנעלן און שטאַרבן פאַרשפּעטיגט מען ניט.

חתונה האָבן געדויערט אַ שעה, צרות טראָגט מען דעם גאַנצן לעבן.

איינער בויט זיין גליק אויפ׳ן צווייטנ׳ס אומגליק.

איינער בויט און דער צווייטער וואוינט; איינער בויט און דער צווייטער צעשטערט.

ווען פרייט זיך אַ קבצן? — אַז ער פאַרלירט און געפינט.

די געווינערין ליידט די יסורים; דער מאַן פּראַוועט דעם ברית.

אַרויסגעשפּרונגען ווי אַ נאַר פון באָד אַרויס.

ווי וואָלט מען געוואוסט, אַז ער איז אַ נאַר, ווען ער וואָלט אַליין דאָס ניט אויסגעזאָגט?

ווען פרייען זיך די חדר־אינגלעך? — ווען די רבי׳צין ליגט אין קימפּעט.

ווען פרייט זיך אַ הויקער? — ווען ער זעט אַ גרעסערן פון זיך.

שפּיי ניט אין דעם ברונעם, פון וועלכן דו האָסט געטרונקען; וועסט אפשר דאַרפן טרינקען נאָך.

אַ גוטער נאָמען איז בעסער ווי געלט.

מען קען ניט אַ מענטשן ביז מען וואוינט און מען האַנדלט מיט אים.

דער דאָקטאָר פאַרשטייט אַ קריינק; ער נאַרט אי זיך אי יענעם.

זאָרג שפּרייט זיך צוערשט אויס אויפ'ן פּנים.

אַ פערד האָט אַ גרויסן קאָפּ — זאָל ער זאָרגן.

דער מענטש זינדיגט, און דער האָן איז די כּפּרה.

שׂכל אָן דערפאַרונג, איז אַ ניט־געשליפענער דימענט.

רייד ניט איבער, ביז דו שפּרינגסט אַריבער.

אַז דער מזל איז קליין — כאַטש זעץ זיך און וויין.

גם זו לטובה — צעבראָכן נאָר איין פוס.

אַ האַלב לעבל ברויט איז בעסער ווי גאָרנישט.

דער גביר עסט ניט קיין גאָלד; און דער קבצן עסט ניט קיין שטיינער.

אויפ'ן בית־עולם זיינען אַלע גלייך.

דאָרט איז גוט, וואו מיר זיינען ניטאָ.

לאָמיך אָנהויבן האַנדלען מיט תּכריכים, וועט מען אויפהערן שטאַרבן.

אים אַרט ניט אַזוי וואָס ער האָט ווייניג, נאָר למאי האָט יענער צו־פיל.

ווער עס האָט קינדער אין די וויגן, זאָל לאָזן לייטן צופרידן.

מיט וואָס דער טאָפּ ווערט אָנגעברענט, מיט דעם שטינקט ער.

קיינער איז ניט אַזוי בלינד, ווי דער, וואָס וויל ניט זען.

ער וויל שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס.

זי וועט אים קאָכן קדחת אין אַ קליין טעפּעלע.

קדחת איז דוקא אַ גוטע קריינק — ווען יענער האָט עס.

די ווייב עסט גוט — אין קימפעט; דער מאַן עסט גוט — אין סוכּה. ביידע עסן קדחת — ביי זיך אויף אַ שׂמחה. ביידע עסן גוט — ביי יענעם אויף אַ שׂמחה.

גיי זוך אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי.

אַ גרויסער שטורם — אַ קנאַפּער רעגן.

איינס מיט'ן דריטן איז ניט קיין מחותּן.

גע'גנב'עטע פּרוכטן זיינען זיס.

וואָס די ערד דעקט צו — מוז ווערן פאַרגעסן.

אויס׳ן אויג — אויס׳ן האַרצן.

אַז מען גנב׳עט אַרויס דאָס פערד — פאַרשליסט מען די שטאַל.

קאָנסט ברייגנען דאָס פערד צום ברונעם, אָבער זיי אַ בריה און מאַך אים טרינקען.

ער האָט זיך איינגערעדט אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז.

די גאַנצע וועלט איז איין שטאָדט.

אויף אַן אַלט פערד זיצן אַלע פליגן.

אַז מען גנב׳עט ניט — האָט מען ניט.

אַ מלאכה דאַרף מען קאָנען; יושר דאַרף מען האָבן.

די מלאכה האָט ליב צו מאַכן אַ ברכה.

ער רעדט זיך איין פויגעלעך אין בוזעם.

אַ קוה איז געפלויגן איבער׳ן דאַך און געלייגט אַן איי.

עס טראָגט אים, ווי דער רוח אַ מלמד.

אויפ׳ן בוידעם איז אַ יאַריד.

אַ הונדערט יאָר און איינס, איז אַלץ איינס.

בעסער אַ כשר׳ער גראָשן איידער אַ טריף קערבל.

איידער אַזוי צו פאָרן, איז שוין בעסער גיין צופוס.

פון ווייניג ריוח ווערט מען ניט בדלות.

אַ טרוקן שטיקל ברויט, אַבי אָן עגמות־נפש.

אויף אַלע וועגן קומט אים דער שלימזל אַנטקעגן.

אַ געשענקט פערד קוקט מען ניט אין מויל.

ניטאָ קיין מזומנים — אויס מחותנים.

זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן.

משפט ניט קיינעם; האַלט זיך איין ביז דו וועסט אין יענעמ׳ס לאַגע זיין.

לאָז אַוועק דיין ברויט אויפ׳ן וואַסער; סע׳ט קומען צוריק מיט אַ סך גליק.

איינעם מאַכן צרות קלוג, אַ צווייטן — אַלט פאַר דער צייט.

אַז שקר מיט שלימזל פאָרן זיך צוזאַמען, ווערט פריילעך אין שטעדטל.

אַז דער זון האָט חתונה, גיט ער דער ווייב אַ כתובה, און דער מאַמע'ן — אַ גט.

אין אַ גוט־לעבן איז אַפילו אויף דער שאַרף פון אַ שווערד אויך גוט.

אַ געמיינער מענטש זוכט דיין פריינדשאַפט — כדי דיך אויס־צוניצן.

צווישן פליכט און אמת, קלייב איך אויס דעם אמת.

דער קלוגער מענטש לערנט פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס מ'קאָן דערוואַרטן אין דער צוקונפט.

אויף דאָס האַרץ אַליין טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן.

לייג ניט אַריין אַלע אייער אין איין קויש.

אַ קאַץ פאַלט אַלעמאָל אויף די פיס.

קער־איבער די צונג זיבן מאָל איידער דו רעדסט.

דער מענטש מאַכט־דורך דריי געשעהענישן: געבוירן־ווערן, לעבן און שטאַרבן. פון געבוירן־ווערן ווייס ער גאָרנישט; פון טויט ליידט ער; און לעבן — פאַרגעסט ער.

רוף מיך נאָר און גיב מיר לעקעך.

קהל'שע געלט האָט אין זיך אַ מאַגנעט.

אַ קהל'שע קליאַמקע האָט לעפּקע פינגער.

ער איז מטהר אַ שרץ בק"ן טעמים.

ער מאַכט מיר אַ שניידערשן חשבון.

אַ שיכור שלאָפט זיך איבער; אַ נאַר, קיינמאָל ניט.

ווער עס האָט געלט, דער האָט די וועלט (אין דר'ערד).

ער עסט — און עס עסט אים.

ווען ניט די קישקע, וואָלט מען געגאַנגען אין גאָלד.

גאָט לעבט, און ער — מוטשעט זיך.

ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד.

פאַרטרוי דער ווייב אַ סוד, נאָר שנייד איר אויס די צונג.

לייג ניט קיין שטרויכלינג אין וועג פון אַ בלינדן.

מייד־אויס די שטוב, וואו מען האָט דיך פיינט, און גיי זעלטן וואו מען האָט דיך ליב.

קיין לעכערדיגן זאַק קאָן מען ניט אָנפילן.

פון טויט און פון לייטישע מיילער קאָן מען זיך ניט אויסבאַ־האַלטן.

ניטאָ קיין שלעכטע מטבע פאַר'ן סוחר, און קיין מיאוס'ע נקבה פאַר'ן נואף.

אַ משומד אין דער משפחה קומט אַמאָל אויך צוניץ.

לעבן אַ שווערן וואָגן איז גוט צו גיין צופוס.

בעט ניט קיין מפלה אויף אַ שלעכטן פריץ.

אַז מען איז אַלט אין דער יוגנט, איז מען יונג אויף דער עלטער.

קליידער מאַכן אפשר ניט קיין לייט; לייט אָבער מאַכן קליידער.

פון אַ נאַר אַ משרת האָט דער באַלעבאָס ניט מער ווי צרות.

בעסער אַ לעבעדיגער הונט ווי אַ טויטער לייב.

האָסטו געפונען אַ געטריי ווייב — האָסטו געפונען אַ זעלטענעם אוצר.

גליקליך איז געווען אדם הראשון: ער האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

וואָס דריי מענטשן ווייסן שוין — איז מער ניט קיין סוד.

מיט איין האַנט שטראָפט גאָט, מיט דער צווייטער בענטשט ער.

ס'איז בעסער אַנצוקומען צו עלינו, איידער צום בעסטן מענטשן.

איין האַנט וואַשט די צווייטע; די רעכטע האַנט זאָל ניט וויסן וואָס די לינקע טוט.

אין דער צייט פון „ספירה" קומט אויף די קלעזמער אַ „פגירה".

קלוג, קלוג, און פאַרט זיך באַנאַרעשט.

ריידן איז זילבער; שווייגן איז גאָלד.

אַז דו וועסט זיין אַ מענטש, וועסטו עסן אין סוכה.

ווילסט ניט לערנען — וועסטו גיין מיט די טאַצן.

אַן אַלטע מויד איז ערגער ווי אַ האָרב אויף די פלייצעס.

איידער מען דערלעבט די נחמה, גייט אָפּט אַרויס די נשמה.

אַז מ'האָט ליב די ווייב, האָט מען ליב איר משפחה.

דער אמת איז אַמאָל דער בעסטער שווינדל.

ער האָט אָנגעטאָן די טויבע היטל.

ניט דאָס איז ליב וואָס איז שיין, נאָר שיין איז דאָס וואָס איז ליב.

פאַרליבטע האָבן גלעזערנע אויגן.

די ליבע איז בלינד; דערפאַר זיצן פאַרליבטע אין דער פינסטער.

אַ געליבטע איז מילך; אַ כלה — סמעטענע; אַ ווייב — זויער־מילך.

אַבי יאָרן — קיין צרות פעלן ניט.

אַלע סימנים גייען־אונטער; נאָר דער סימן־דלות בלייבט.

ווען אַ ליגנער זאָגט שוין אַן אמת — גלויבט מען אים אויך ניט.

מען וואָלט געקאָנט לעבן — נאָר מען לאָזט ניט.

אַז עס קומט צום לעבן — סטייען ניט קיין יאָרן.

אַ שיין מיידל איז אַ האַלבער נדן.

די שמאַלץ רינט־אויס — די גרוב בלייבט.

ער האָט פיינט כבוד, ווי אַ קאַץ סמעטענע.

כבוד אַנטלויפט פון דעם, וואָס יאָגט אים נאָך.

אַ קינד׳ס מזל קאָן מען ניט שאַצן; עס ווערט געבוירן נאַקעט און — מען באַגראָבט עס אָנגעטאָן.

אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק, טרעפט עס אויפ׳ן גלייכן וועג.

ער טרעפט ווי אַ בלינד פערד אין גרוב.

צופיל עניוות איז אַ האַלבער שטאָלץ.

זי וועט אים שטעלן אַ גאָלדענע מצבה.

דעם רשע דאַרף מען שטעלן אַ מצבה, כדי די וועלט זאָל וויסן וואו דער הונט ליגט באַגראָבן; דעם שונא־ישראל דאַרף מען שטעלן אַ ווייסן מאַרמאָרנעם שטיין, און אויסקריצן אַ ווייסן האָן, כדי ווער ס׳וועט פאַרבייגיין זאָל זאָגן: אַ שיינע, ריינע כפרה.

זיי ניט קיין שמעלקע מיט׳ן בעסטן הונט.

דער גיהנום איז נאָר שלעכט ביז מען קומט־צו צו אים.

ווער עס האָט ניט קיין ברירה, טוט אָפט אַן עבירה.

אַ משכון צו פאַרזעצן, און אַ גביר זאָל מען זיין.

ער איז אַ בעל־צדקה אויף יענעמ׳ס קעשענע.

ער דרייט זיך אום ווי זרח אויפ׳ן יאַריד.

דעם אמת׳ן פריינד דערקענט מען ווען מ׳איז אין נויט.

ס׳איז ניט וויכטיג וויפיל דו האָסט געלייענט, נאָר וואָס דו האָסט געלערנט.

ס׳וועט זיך האַלטן פון אסתר תענית ביז פורים.

אַ צייטונג איז קליינגעלט; אַ בוך — אַ באַנק־נאָט.

יעדער באַלעבאָס האָט פליי אין דער נאָז.

קלענער דער עולם — גרעסער די שמחה.

אַ מאַמע׳ן און אַ גוט ווייב ווייסט מען ניט ווי צו שעצן ביז מען פאַרלירט זיי.

מען רופט אַ שווער „שווער״, ווייל אַ לייטישן איז שווער צו געפינען, און אַ צרה׳דיגן איז שווער צו פטר׳ן.

גיי איך גיך — צערייס איך די שיך; גיי איך פּאַוואָליע — שרייט זי איך קריך.

אין דער פיינסטער משפּחה איז דאָ אַ משומד.

איטליכן דאַכט זיך, אַז ביי יענעם לאַכט זיך.

ווער ווייסט וויפיל מענטשן עס פאַרדינען דיין סימפּאַטיע אַנשטאָט קנאה?

גאָט איז הויך; דער פריץ — צו־ווייט; און זיינע משרתים — וואָס זיי ווילן דאָס טוען זיי.

עס שטעכט אים דער האָבער.

עס ברענט שוין אונטער זיינע פּאָדעשוועס.

ער איז געווען אַ גנב נאָך אין דער מאַמע׳ס בויך.

ס׳איז: טאַטע, דו לאַכסט?

צרת רבים חצי נחמה.

אַז מ׳רעדט אַראָפּ פון האַרצן, ווערט גרינגער אויף דער נשמה.

אַ גאַנץ יאָר שיכור — פּורים איז ער ניכטער.

אַז דיר איז ליב — איז מיר ניחא.

די מעלה פון צרות איז: אָדער מען ווערט פון זיי פּטור, אָדער מען געוויינט זיך צו צו זיי.

מ׳זאָל ניט געפּרואווט ווערן צו וואָס מ׳קאָן געוויינט ווערן.

איר דאַרף מען שוין קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן.

פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

אַז מ׳דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה.

ס׳איז אי פוילע פיש, אי פאַרשטונקענער הערינג.

פון זאָגן ווערט מען ניט טראָגן.

ער איז אַריינגעפאַלן ווי אַ יון אין סוכה.
ער קושט די רוט וואָס שמייסט אים.
אַזוי וויל איך, און רוף מיך קנאַקניסל.
אַ שעמעוודיגער וועט קיינמאָל ניט לערנען.
אויף אַ טויטן און אויף אַן אָפּגעגט׳ער ווייב רעדט מען קיין שלעכטס.
צו אַ מיאוס׳ער ווייב דאַרף מען ניט קיין שומר.
אַ שנור און אַן איידעם — אַ פּאָר שדים.
אַ גוטע באַלעבאָסטע ברייגנט מזל און ברכה.
דעם שווער זאָגט מען און די שנור מיינט מען.
צוויי קעץ אין איין זאַק.
אַז מען גיט ניט יעקב׳ן, גיט מען עשו׳ן.
אַז אַ שלימזל וויל אונטערפּאָרן — גייען אַלע פורן אים אַנטקעגן.
ער איז שוין געווען אי אויפ׳ן פערד, אי אונטער׳ן פערד.
אַ פאַרשלעפּטע קריינק איז אַ זיכערער טויט.
מ׳זאָגט ניט „אוי״ ביז עס טוט ניט וויי.
מ׳גיסט ניט אַרויס קיין אומריין וואַסער ביז מ׳האָט ניט קיין ריינס.
אַ סך באַלעבאָסטעס — איז די שטוב ניט אויסגעקערט.
יעדער קבצן איז אַ בעל־צדקה.
דער „מען זאָגט״ האָט שוין צעשטערט ניט איין שלום־בית.
אַ מענטש טאָר דעם בטחון ניט פאַרלירן.
אַז עס שטאַרבט אַ קמצן, איז אַ שמחה ביי די יורשים און ביי די קברות־לייט.
פון פרייד לעבט מען ניט; און פון צרות שטאַרבט מען ניט.
ווען ניט די הויט וואָלטן זיך די ביינער צעשאָטן.
וואָס קומט אַרויס אַז דער אָקס איז אַ גראָשן, אַז דער גראָשן איז ניטאָ?
אַ קאַלטער טשאָלענט האָט צעשטערט ניט איין שלום־בית.
אַז מען לייגט זיך מיט אַ הונגעריגן מאָגן — חלומ׳ען זיך בעטלער.

וואָס איז דער חילוק: אַ קאַץ, אַן אינדיק — אַבי אַן עוף אויף שבת.

אַ באַרג מיט אַ באַרג קומען זיך ניט צונויף, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטשן — יאָ.

אַז דער באַרג וויל ניט גיין צו מחמד'ן, מוז מחמד קומען צום באַרג.

גאָט אַליין מוז זיין פאַרליבט אין נאַראָנים און לייכטגלויביגע; אַ סימן — ער האָט זיי באַשאַפן אַזוי פיל.

שטיל וואַסער גראָבט טיף.

ביי אַ גוטער באַלעבאָסטע ברענט די אַרבעט אונטער די הענט; ביי אַ שלימזלניצע, פאַלט פון די הענט.

אַ גוטע ווירטין איז קיינמאָל ניט פאַרשמייעט.

ס'איז גוט צו זיין אַ באַלעבאָס — ווען ס'איז דאָ מיט וואָס.

אַ טרונק בראָנפן וועט ניט קאַליע מאַכן אַ גוטן מענטשן; אַ שלעכטן, וועט גאָט אַליין ניט פאַרריכטן.

אומרו לאלהים — רעדט צו דער וואַנט.

צו ליגן יונגערהייט „אין דר'ערד", איז אַ סך ערגער ווי זיצן אומשולדיגערהייט אין תפיסה.

מ'דאַרף וויסן וואו דער חמור שטייט.

אַז מ'איז ברוגז, בעט מען זיך אויס באַזונדער.

דער נאַר קריגט קלעפּ אַפילו אין אַ מקום־קדוש.

דעם בעל־מלאכה דערקענט מען נאָכ'ן געצייג; די באַלעבאָסטע — נאָכ'ן פאַרטוך.

גאָט זאָל דיך בענטשן: זאָלסט ניט דאַרפן אָנקומען צו קיין מענטשן.

קרעדיט קריגט דער — וואָס נויטיגט זיך ניט אין דעם.

עס זאָל דיר אַזוינס פאַרגיין — זאָלסט אָן מיר פאַרגעסן.

אויב איר פאַרשטייט קאַטאָוועס — קומט עסן; אָדער — עסט געזונטערהייט.

איך לאַך נאָר — און ער שטופּט זיך שוין.

צווישן דער קימפּעטאָרן און דער „באָבע'ן" ווערט אָפט דאָס קינד דערשטיקט.

מע גיסט־אויס די מוטנע וואַסער צוזאַמען מיט׳ן קינד.
אַז דער וואָרעם כאַפּט זיך אַריין אין כריין מיינט ער, אַז ס׳איז גאָר קיין בעסערס ניטאָ.
אַז אַ שטיין ליגט אויף איין אָרט, ווערט ער אויך באַוואַקסן.
ער מיינט ער האָט אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פּאָלעס.
אַז מען לעבט אין ראַסקאָש, פאַרגעסט מען אָן גאָט.
אַז מען איז ברוגז אויפ׳ן חזן, שפּרינגט מען ניט קיין קדוש.
דער גרעסטער שניידער איז דער בייטלשניידער.
עס וועט העלפן, ווי אַ טויטן אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע.
דער נאַר לאַכט פון זיין אייגענער חכמה.
מען הערט אים — ווי המן דעם גראַגער.
אַ אידישע נשמה קאָן מען ניט שאַצן.
היינט שטאַרבט ער, און מאָרגן עסט ער אויף אַ ברויט.
אַלע יונים האָבן איין פּנים.
זאָל מען צונויפברענגען אַלעמענ׳ס פּעקלעך צרות — וועט זי־ יעדער כאַפּן צו זיין פּעקל.
אים וואָלט ראָטשילד׳ס פאַרמעגן אויך ניט קלעקן.
ער לעבט ווי גאָט אין אָדעס.
ער האָט שוין אַ טשוואַק פאַר׳ן היינגלייכטער.
אי די ציג איז גאַנץ, אי דער וואָלף איז זאַט.
זי וואַרפט אים צו זיינס, ווי אַ הונט אַ ביין.
אַז אַ נאַר גייט אויפ׳ן מאַרק, פרייען זיך די קרעמער.
דעם מאָגן קאָן מען מיט די ציין ניט פאַררייגן.
גאָט׳ס גנב: גלאָצט מיט די אויגן און קריכט צו דער שיקסע.
מיט צוויי ריטער טאָר מען ניט שמייסן.
אַ שטעקן האָט צוויי עקן.
אַז דאָס רעדל דרייט זיך — איז ער אַ חכם.
אי ער שלאָגט, אי ער לאָזט ניט וויינען.
ווי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי.
ער פאַרקויפט זיין בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזן.
ער האָט פאַרשטאָכענע אויגן.
ער האָט אַ קופּערנעם שטערן.

כאַטש וואַרף אים אַ קאַץ אין פּנים אַריין.
ער וויל שיטן זאַמד אין די אויגן.
ער וויל כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער.
געלט איז קיילעכדיג — היינט ביי דעם, מאָרגן ביי יענעם.
דער חזיר כאַפּט אַלעמאָל אויס דעם שענסטן עפּל.
דער אמת שווימט אַרויף ווי בוימל אויפ'ן וואַסער.
מיט'ן אמת וועסטו דורכגייןביידע וועלטן און קומען צוריק.
ווי אַזוי צוויי פּאַליטישנס קוקן זיך אין די אויגן און לאַכן ניט — איז דער גרעסטער וואונדער.
אויף אַ מעשה פרעגט מען ניט קיין קשיא.
ביז די זון וועט אויפגיין, עסט דערווייל דער חושך אויף די אויגן.
דער מזל'דיגער מענטש איז געבוירן מיט אַ גאָלדען לעפעלע אין מויל.
וואָס טויג מיר מיין פּויליש־ריידן, אַז מען לאָזט מיך אין הויף ניט אַריין.
אויף ווייניג שכל באַקלאָגט זיך קיינער ניט.
דער וואָס האָט די מטבע, האָט אויך די דעה.
אַז דער מזל שפּילט — קעלבט זיך דער אָקס.
כעס איז עבורה זרה.
אַ פּאַטש פאַרגייט, און אַ וואָרט באַשטייט.
צען מאָל טראַכטן — איין מאָל ריידן.
גאָט האָט דיר געגעבן צוויי אויערן און איין צונג, כדי דו זאָלסט הערן צוויי מאָל אַזויפיל וויפיל דו רעדסט.
אויף ניין זאָלסטו קיין חרטה ניט האָבן.
וואָס דו האָסט אָנגעשריבן מיט דער פען, וועסטו ניט אויסהאַקן מיט אַ האַק.
ווער עס זוכט אַ סך פריינד, האָט ניט איינעם אַ רעכטן.
בעסער צען פריינד, איידער איין שונא.
היט מיך גאָט פון מיינע פריינד; פון מיינע שונאים וועל איך זיך אַליין היטן.
ווער עס שפּרייט אויס זיין פריינדשאַפט אויף אַ גרויסן שטח, איז זיין גאַנצע פריינדשאַפט ניט ווערט אַ רעטאַך.

ביזטו אין כעס — ביזטו שוין אומגערעכט.
נאַר מיט אַ ריינעם געוויסן קאָן מען פון לעבן געניסן.
ווער עס האָט חתונה צוליב ברויט, דער ווינשט זיך שפּעטער דעם טויט.
ביים קבצן אַ צווילינג, איז ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן.
אַז ס'איז ניטאָ קיין פיש, איז מען יוצא מיט אַ הערינג.
אַז עס זיינען ניטאָ קיין מוידען טאַנצט מען מיט שיקסעס.
איינער האָט ליב זויערמילך, און אַ צווייטן פאַרגלוסט זיך מפטיר.
ניין רבנים קאָנען קיין מנין ניט מאַכן; צען שוסטערס יאָ.
אַז מען לייגט ניט אַריין טאַקע, נעמט מען אַרויס אַ מכה.
דער אַפּעטיט קומט מיט'ן עסן.
דער ערשטער ביסן איז אַן עגבער.
וואָס פאַר אַ גוט־מאָרגן, אַזאַ גוט־יאָר.
בעסער מיט אַ קלוגן אין גיהנום, איידער מיט אַ נאַר אין גן־עדן.
קאָך דעם פויער אין זיס זויער — ער בלייבט דערזעלבער פויער.
אַז די געטער ווילן באַשטראָפן אַן עם־הארץ — לייגן זיי אים אַריין אַ העברעאיש וואָרט אין מויל אַריין.
דעם ליגנער'ס שטראָף איז זיין קורצער זכרון.
שפּיי אים אין פּנים, זאָגט ער: עס גייט אַ רעגן.
ווען אַ הונט זאָל אַ לעק טאָן איר האָרץ — וואָלט ער משוגע געוואָרן.
פריי זיך ניט איבער דיין שונא'ס מפּלה.
קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגן עס איז.
קיינער קאָן ניט אָנכאַפּן גאָט פאַר דער קאַפּאָטע.
היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס; גיט מיר אַ גראָשן און וואַרפט מיך אַרויס.
קריך ניט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט.
קוק ניט אויפ'ן שיינעם קרוג; זע וואָס איז אינעווייניג.
דעם קינד דערקענט מען נאָך זיין באַנעמונג; דעם טאָג דערקענט מען נאָכ'ן פרימאָרגן.
זיי בעסער דער עק פון אַ לייב, איידער דער קאָפּ פון אַ פוקס.

ווער עס האָט אַ פולן קאַסטן, דער דאַרף ניט פאַסטן.

וואָס ס׳איז גענוג פאַר צוויי־דריי, איז גענוג פאַר מיר אַליין.

אַ מענטש דאַרף עסן, אָבער ניט פרעסן.

אין זכות פון עסן לעבט דער מענטש.

פון אַ ביסל־און־אַ ביסל, ווערט אַ פולע שיסל.

דער וואָס גיט לעבן, גיט אויך צום לעבן.

אַליין הייסט געלעבט.

איינער ווײנט: די מעל איז ביטער; אַ צווייטער — דער ווייב׳ס פערל זיינען שיטער.

גאָט איז אַ פאָטער; אַז ער גיט ניט אַ מכה, גיט ער אַ בלאָטער.

גאָט שפּייזט דעם קייזער אין פּאַלאַץ, און דאָס ווערעמל אונטער דער ערד.

אַז גאָט וויל — שיסט אַ בעזעם.

גאָט׳ס ניסים קאָן מען ניט שאַצן; אַ מענטש ווערט געבוירן נאַקעט און שטאַרבט אָנגעטאָן.

יעדער הונט איז באַלעבאָס אויף זיין מיסט.

ער פילט זיך כמלך בגדוד (ווי אַ הונט אין קראָפּעווע).

(אַ שטריק־מאַכער׳ס תפילה)

„קליינע גנבים הענגט מען,\
די גרויסע לאָזט מען לויפן;\
הלואי וואָלט עס פאַרקערט געווען,\
וואָלט איך מער שטריק פאַרקויפן.“

אָן שלום־בית קאָן ניט זיין קיין מזל־ברכה.

מעגסט פרעגן אָן עצה; אָבער פאַרגעס ניט, אַז דו האָסט אָן אייגענעם קאָפּ אויף די פּלייצעס. דער בעל־עצה וועט דיינע חובות ניט צאָלן.

אַז אַ חסיד ווערט אין כעס, שילט ער גאָט אין טאַטען אַריין.

אַ מענטש, וואָס פּאַראַדירט מיט זיין ערליכקייט, איז ווי יענע מויד מיט אַ כתב.

ווער עס פרעגט, דער בלאָנדזשעט ניט.

אויב אַ שאלה — איז טריף.

דער אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזן.
אַז מען דערמאָנט זיך אָן טויט, איז ניט ניחא דאָס לעבן.
פון וואָס מען זאָל ניט ריידן — קומט מען אַרויף אויפ׳ן טויט.
די פען איז שאַרפער פון אַ שווערד; און אין דער האַנט פון אַ רשע — גיפטיגער ווי אַ שלאַנג.
אויף אַ שלאַנג זאָלסטו קיין רחמנות ניט האָבן.
אַ פריץ האָט אין זינען פערד און הינט; אַ איד האָט אין זינען— ווייב און קינד.
אַן עם־הארץ קאָן פרום ניט זיין.
דעם קלוגן איז גענוג אַ וואונק.
ווער עס זייט מיט טרערן, דער שניידט מיט פרייד.
דער וואָס קאָן ניט שמעקן פולווער, זאָל אין דער מלחמה ניט גיין.
דעם פויגל דערקענט מען אָן זיינע פעדערן.
וואָס מען זייט, דאָס שניידט מען.
קליינע קייען, וואָס גרויסע שפייען.
לאַנגזאָם געפאָרן, שנעלער דערפאָרן.
אַ חיסרון — די כלה איז צו־שיין.
דער מאָן האָט ליב אַ געזונט ווייב און רייכע קרובים.
עס קאָן ניט זיין גוט ליכטיג, ביז ס׳איז ניט גוט פינסטער.
עס איז ניט וויכטיג וויפיל דו פאַרדינסט, נאָר וויפיל דו שפּאָרסט.
דער נעכטן איז שוין ניטאָ; דער מאָרגן איז אפשר ניט מיינער; איז נאָר היינט זאָל זיין געלעבט.
קנייפּ די באַק — די פאַרב זאָל שטיין.
אַ פאַלשן געליבטן איז אַ מצוה צו באַשטראָפן.
פון קליינע קינדער האָט מען קאָפּווייטאָג; פון גרויסע — האַרצ־ווייטאָג.
די וועלט איז ווי אַן ערנסטער בוך, וועלכן מען דאַרף קאָנען לייענען.
ווייניגער עסן, און נאָך ווייניגער ריידן, שאַדן קיינעם ניט.
אין דער הייראַט האָט דער מאָן בלויז צוויי גוטע טעג: דעם טאָג פון דער חתונה און דעם טאָג פון איר לויה.

אין דער ליבע, פונקט ווי אין אַלע אַנדער אומגליקן, איז ערפֿאַרונג אַ גוטער דאָקטאָר, וואָס קומט אַלעמאָל צו־שפּעט.

נאָר אַ שוטה וועט מאַכן אַ דאָקטאָר פֿאַר זיין יורש.

ליבע, אַ שרפה, גאָלד און אַ הוסט קאָן מען ניט לאַנג באַהאַלטן.

גיפט טרינקט מען אָפט מער פון אַ גאָלדענער כלי ווי פון אַן ערדענער.

די טוגענט לויבט יעדער; דאָך לאָזט מען איר אויסגיין פון הונגער.

געלט'ס טאַטע איז אַ מיאוס'ער נפש; דאָך זעצט מען אים אויבענאָן.

עס פּאַסט אים ווי אַ חזיר אַ קרענצל.

ווער עס ווערט רייך פון גזילה און רציחה, דער האָט ניט קיין מנוחה.

ער פֿאַרקויפֿט זיין נשמה צום טייוול.

ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער?

ס'האָט אַ פּנים ווי אַ חתונה אָן קלעזמער.

גיב אַ קוש אַ מיאוס'ער מויד — נעמט זי זיך איבער.

ווער עס איז שיין — איך בין ביידע.

אַז מען זאָגט משוגע — זאָלסטו גלויבן.

ס'איז אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ער לעפל.

וואָס עס קומט צו, קומט ניט אָפּ.

די נשמה קאָן מען ניט אויסשפּייען.

ער לייגט די ציין אויף דער פּאָליצע.

ער סטראַשעט די גענז.

ער פֿאַרקלאָגט דעם טייוול פֿאַר דער שוויגער.

גיי זוך יושר ביי אַ קאָזאַק.

ס'וועט אים קלעקן ווי אַ סאָלדאַט אַ מצה.

שעמען זי זיך, הער קאָזאַק.

ער פֿירט אַרום די מוידן, ווי אַ האָן די הינער.

יעדער בעל־דרשן דרש'נט פון זיינעטוועגן.

אַ סך גערעדט און גאָרנישט געזאָגט.

ער טויג ניט דער קאַץ אַן עק צו פֿאַרבינדן.

ער האָט געהערט זינגען און קאָן ניט נאָכקלינגען.
פאַר אַ היימישן גנב העלפט ניט קיין שלאָס.
ניט די מויז איז דער גנב, נאָר די לאָך.
פאַר אַ גנב זאָלסטו קיין שטריק ניט ווייזן.
אַז מען עסט ניט קיין קנאָבל, שטינקט ניט פון מויל.
אַן עקשן איז ערגער ווי אַ משומד.
זיךביידע אויגן, אַבי יענעם איין אויג.
דער שוויגער אויף להכעיס, זיך אָפּגעהאַקט די נאָז.
בעסער דער ערשטער רוגז, איידער דער צווייטער.
פויגל פון איין מין דערקענען זיך פונדערווייטנס.
דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוימעלע.
וואוינסטו אַליין אין אַ גלעזערן שטוב — וואַרף ניט קיין שטיינער.
דער וואָס בענטשט, איז אַליין אַ געבענטשטער; דער וואָס שילט — איז אַליין אַ פאַרשאָלטענער.
גרויס איז דער מענטש וואָס האַלט זיך קליין.
זיי בעסער אַ קליינער צווישן גרויסע, איידער אַ גרויסער צווישן קליינע.
דער וואָס ווייס אַ סך, ווייסט אַז ער ווייס גאָרנישט.
זאָג מיר ווער דיינע פריינד זיינען, וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביזט.
בילדונג אָן שכל איז ווי אַ שיין־דרעסירט פערד.
ווער עס זאָגט: דאַנקען גאָט, איבערגעקומען אַ טאָג — דער דאַרף מאָרגן ניט אויפשטיין.
אַ גוט קינד דאַרף מען ניט שלאָגן; אַ שלעכטן, העלפט ניט דער שלאָגן.
וועמען גאָט האָט ליב דעם שלאָגט ער.
אויב שוין יאָ פאַלן, זאָל עס כאָטש זיין פון אַ גוט פערד.
וואו מען לייגט דעם חולה — איז אים שלעכט.
טרוי ניט דער ווייב אינדערהיים, און דעם מאַן אונטערוועגנס.
פרעגט ניט דעם רופא, נאָר דעם חולה.
דער ים איז אָן אַ גרונט; אידישע צרות אָן אַ ברעג.

אַז עס גייט איינעם גוט, גלוסט זיך אים גיין גליטשן.
דער קריגל גייט אַזוי לאַנג צום ברונעם, ביז ער צעברעכט זיך.
מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן.
געבענטשט זיינען די הענט וואָס טוען אַליין.
ער רירט זיך ווי אַ בלייענער פויגל.
שקלאַפּן קאָנען קיין בייע וועלט ניט שאַפן.
וואָס ס'איז ניט מעגלעך צו באַנעמען מיט'ן שכל, דאָס טוט די צייט.
דער מענטש לערנט דאָס גאַנצע לעבן און שטאַרבט אַ נאַר.
דאָס האַרץ ווייסט די אייגענע ווייטאָגן.
קיינער ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט.
אַ גוטער שכן איז בעסער ווי אַ שלעכטער קרוב; אַ רייכער שכן צו זיין איז בעסער ווי אַן אָרעמער באַלעבאָס.
וואָס טויג די חכמה, אַז נאַרישקייט גילט.
פּאָר איין „גוט־מאָרגן" קריגסטו צוריק אַ גאַנץ „גוט־יאָר".
עס איז אגיל ואשמח — קיילעכדיג און שפּיציג.
אַז די ווייב איז אַ „יולדת", איז דער מאַן אַ יאָלד; אַז דער מאַן איז אַן „אבל", איז די ווייב אַ נבלה; און אַז דער מאַן איז אַן „אלמן", איז די ווייב אַן אלמנה.
מען מיינט ניט די הגדה נאָר די קניידלעך.
פּורים איז ניט קיין יום־טוב, און קדחת איז ניט קיין קריינק.
אַלע יום־טובים וועלן בטל ווערן; פּורים וועט בלייבן.
אַז מען לעבט אָן חשבון, שטאַרבט מען אין פרעמדע תכריכים.
אַז מען שפּאָרט ניט אין דער יוגנט, טראָגט מען אויף דער עלטער אַ טאָרבע.
ווי איז דעם, וואָס לעבט פון האַנט אין מויל.
עס וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.
ער קוקט ווי אַ האָן אין „בני־אדם".
אַ נייער קיסר — נייע גזירות; אַ ניי יאָר — נייע עבירות.
אַז צוויי גנבים צעקריגן זיך — דערוויסט מען זיך דעם אמת.
הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז קיין זאַך זאָל ניט גיין פאַר־לאָרן.

מיין חשבון הנפש

איך האָב זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט פון אַ טיפן שלאָף און געפילט אַז איך בין אָפּגעגאָסן מיט שווייס. ווער און וואָס איז די אורזאַכע פון מיין פּלוצלונגן דערוואַכן? ס׳איז דאָך קיין שום טומל ניטאָ — פאַרקערט, ס׳איז אַזאַ גאַט געבענטשטע שטילקייט, אַ שטילקייט וואָס גלעט די אויערן און סטימולירט דעם געדאַנק.

מיינע אויגן זיינען אויסערגעוואוינלעך ברייט צעעפנט עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פאַר עפּעס דערשראָקן — און זיי דרינגען אַדורך די טיפע פינצטערניש פון מיין צימערל. עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן וואָס געזוכט. איך וואונדער זיך, וואָס מיין קערפּער איז עפּעס אַזוי מאָדנע שווער — ווי אָנגעגאָסן מיט בליי.

— „אַ נו, גיב נאָר אַ הויב אַ פוס אָדער אַ האַנט“, זאָג איך צו זיך אַליין — „דו קאָנסט?“ . . .

— „איך קאָן“ — ענטפער איך, „נאָר איך וויל ניט . . . איך פויל זיך . . . שרעק זיך ניט,כ׳בין אַל רייט . . .“

איך דערמאָן זיך, אַז פאַר אַ מאָמענט האָט מיר אויסגעפעלט דער אָטעם — עפּעס אַזוי ווי אימיצער וואָלט צוגעלייגט אַ האַנט צו מיין מויל און מיר פאַרשטיקט דעם אָטעם, אָדער אימיצער וואָלט אויסגע־שעפּט די לופט . . . עס הויבט אָן ווערן קלאָר — דאָס איז די פּ אָ מ פּ ע מיינע, וואָס פּאָמפּעט די לופט איז קאַליע געוואָרן און האָט זיך אויף אַ מינוטקעלע אָפּגעשטעלט — איך דערמאָן זיך, אַז דאָס האָט שוין עטלעכע מאָל פּאַסירט . . . אַזוי הייסט עס, אַז די פּאָמפּע איז קאַליע און זי קאָן זיך אָפּשטעלן און אויפהערן פּאָמפּען — וועלן דאַן געלייזט ווערן אַלע מיינע פּראָבלעמען . . . נו, מען דאַרף זיך אונטערהיילן און פאַרענדיקן דאָס בינטל הובל שפּענער און דאָס איבערלאָזן אַ מתנה מיינע פריינט, איידער איך פאַרלאָז אָט די

אכסניא . . . דאָס איינציקע, וואָס מיך פאַרדריסט איז, וואָס איך לאָז איבער אָט די אכסניא אין אַ זאַ שרעקלעכן, אַ זאַ כאַאָטישן צושטאַנד . . . אַבי איך האָב געמיינט, אַז איך וועל העלפן מאַכן אימ־פּראָוומענטס . . . חלומות און פאַנטאַזיעס — דער מענטש טראַכט און דער טייוול לאַכט — נו, מילא. איך בין זאָט אין יאָרן — עס פאַרדריסט מיר ניט דאָס אַוועקגיין — עס טוט מיר נאָר ווי די אַנ־טוישונג אין מין מענטש . . . עס פאַרדריסט, וואָס היטלער׳ן איז גע־לונגען מיט איין מאַך מיט דער האַנט — אָפּצואווישן אַלע שפּורן פון דער, אַזוי גערופענער, „ציוויליזאַציע״, וואָס עס האָט גענומען טויזנ־טער יאָרן אויפצובויען . . . עס פאַרדריסט, פאַרוואָס עס איז אַזוי שווער צו וועקן ליבע — און אַזוי גרינג צו צינדן האַס אין מענטשנ׳ס האַרץ . . . און עס פאַרדריסט — פאַרוואָס מיר זיינען אַזוי הילפלאָז און זיינען פונקט אַזוי ווי אַרונטערגעפאַלענע בלעטער פון אַ בוים אין הערבסט און דער ווינט שפּילט זיך מיט אונדז און טראָגט אונדז אין דערלופטן, וואוהין ער וויל. דאָס טוט ווי . . .

אָבער ווי די מעשה זאָל ניט זיין, מיין האַרץ לאָזט מיר וויסן, אַז די טעג זיינען געציילטע און מען דאַרף זיך קלייבן אין וועג אַריין. מען דאַרף אונטערציען דעם לעצטן סך הכל און כאַפּן אַ לעצטן קוק אויף דעם יאַריד . . .

איך פריי זיך, וואָס איך דאַרף ניט חרטה האָבן אויף מיינע מעשים, און וואָס איך האָב מיר ניט פאַרשאַפט קיין שונאים. און איך דאַרף זיך ניט שעמען קוקן אימיצן אין די אויגן. איך האָב — אַזוי שיינט מיר — קיינעם ניט באַעוולה׳ט און קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן אויסער זיך אַליין. און איך בין צופרידן, וואָס איך האָב דערפילט דעם פּסוק: „בזעת אפיך תאכל לחם — מיט דעם שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן דיין ברויט.״ איך האָב זיך ווי ווייט מעגלעך זיך אויסגעהיט פון טראָגן שנאה אין מיין האַרצן. אויב מיך האָט אַ פריינט אַנטוישט — האָב איך אַזוי לאַנג געטראָגן אַ וואונד אין האַרצן, ביז ס׳האָט זיך פאַרהיילט. און דער מענטש איז מיר געוואָרן אַ פרעמדער, אָבער ניט קיין שונא.

זעט איר, געזינדיגט האָב איך און שטאַרק געזינדיגט — אַנט־קעגן מיינע קינדער — מיט דעם וואָס איך האָב זיי ניט געלערנט די

געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק. איך בין געווען אַזוי פאַרבלענדט פון דעם נייעם „ליכט“ פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם“, אַז איך האָב פאַרפעלט זיי, די קינדער מיינע, צו ווייזן, אַז ס׳איז ניט קיין שאַנדע צו געבוירן ווערן אַ איד — אַבי נאָר ער לעבט און פירט זיך אויף ווי אַ מענטש.

איך האַלט, אַז דער מענטש אין אַלגעמיין און דער איד בתוכם — איז נאָך אַ האַלב־ווילדע בריאה און דער איד — לויט מיין דער־פאַרונג, איז ניט בעסער און ניט ערגער פון אַלע אַנדערע מענטשן. און, אויב דער צוקונפטיגער „פויגל־מענטש“ וועט ווען עס איז זיין באמת „ציוויליזירט“, וועט זיין רעליגיעזע בענקשאַפט געפינען אויסדרוק אין דער מוזיק, די שפראַך פון דער נשמה. אַזוי זע איך אין מיין אָרעמער פאַנטאַזיע דעם צוקונפטיגן פויגל־מענטש — מיט אַ נשמה.

דעם מענטשנ׳ס גרויסער אומגליק איז, לויט מיין מיינונג, דאָס, וואָס עס פעלט איר גרויסע ערלעכע לערער און פעדאַגאָגן. איך האַלט, אַז ווען אונדזערע גענ י אַלע מענטשן זאָלן, אַנ־שטאָט טעכנאָלאָגישע דערפינדונגען און צאַצקעס — זיך געווען אָפּ־געגעבן מיט עטיש־מאָראַלישע לערען און פעדאַגאָגיע, און זיי וואָלטן געווען פוצן און פיילן און רייניגן דאָס מענטשלעכע האַרץ און די נשמה — מיר וואָלטן אפשר שוין געווען אויפ׳ן וועג צו אַ בעסערער און שענערער וועלט.

און אָט איז געקומען די שטראָף! איז זעט אַז גראַד איצט, ווען די טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונג האָט געבראַכט די וועלט צו אַ מדרגה, ווען אַלע מענטשן־קינדער וואָלטן געקאָנט לעבן אין רחבות, אויב ניט אין לוקסוס — גראַד איצט איז אַרויסגעשפרונגען די פאַשיסטישע חיה און סטראַשעט איינצושמידן די וועלט אין שקלאַפנקייט — ווען אפילו זיי זאָלן דאַרפן אויסמאָרדן אַ האַלבע וועלט! (און אַליין אויך אונטערגיין) . . . זיי ווילן ניט דערלאָזן, אַז אַרבעט זאָל אויפ־הערן צו זיין אַן „אַרטיקל“, וואָס ווערט געקויפט אויפ׳ן מאַרק . . . ווער ווייס וויפיל יאָרהונדערטער — גאָלד וועט נאָך קעניגן אויף דער וועלט, און מענטשלעך לעבן וועט זיין ביליגער פון מיסט? . . .

דער היטלעריזם האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן אידן — ניט

אויפן שלאַכטפעלד, נאָר דורך אַלערליי מיתות משונות. ער האָט אויך אומגעבראַכט צענדליגע מיליאָנען אַנדערע מענטשן און אָפּגעווישט יעדן שפּור פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע. שולדיג זיינען אַלע די וועלט־הערשער, וואָס האָבן דעם היטלעריזם געגנערט און אים געגעבן דעם כּוח אויף צו צעשטערן די וועלט. איז דאָס גאָט׳ס ווילן? האָט גאָט דאָס געטאָן, ווייל דער מענטש איז שלעכט און זינדיג און ער האָט אַראָפּגעשיקט אַ צווייטן „מבול״, כּדי דער מענטש זאָל בעסער ווערן? . . .

ניין. איך געהער ניט צו די מענטשן, וואָס האָבן טענות צו גאָט . . . איך האַלט, אַז גאָט איז געראָטן אין דעם מענטשן . . . וואָס פאַר אַ מענטשן — אַזאַ גאָט . . . ווען די מענטשלעכע מעשים וואָלטן געווען עטישע און ערלעכע — וואָלט גאָט אויך געווען עטיש און ערלעך . . . מיר לעבן איצט דורך דעם גרעסטן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן וועלט־קריזיס, וואָס וועט אַנטשיידן דעם מזל און דעם גורל פון אַלעס ווערטפולעס, וואָס דער מענטש האָט ביז איצט געשאַפן. און מיר דאַכט זיך, אַז אפילו גאָט אַליין ווייסט ניט, צי גייט דער מענטש צוריק צום דזשאָנגל — אָדער צי וועט געשען אַ נס — און ער וועט זיך פאַרקירעווען צו אַ העכערער מדרגה פון מענטשלעכקייט? איך ווייס ניט, וויפיל טעג מיר איז באַשערט צו זיין דער גאַסט פון אָט דער כאַאָטישער אכסניא. אָבער כּל זמן מיינע אויגן וועלן זיין אָפן — וועל איך ניט אויפהערן צו גלויבן אין אַ ליכטיקערער צוקונפט פאַר׳ן מין מענטש.